STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00833

HURBM LITE

Efroim Oshry

Permanent preservation of this book was made possible by
Eva G. Greenstein
in honor of
Raphael Melekh Yizrah Potter

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב אפרים אָשרי



ארויסגעגעבן פון הרב א. אָשרי בוך קאמיטעט

ניו־יארק — מאנטרעאל

תשי״ב — 1951

אלע רעכט, סיי פון גאנצן ספר, סיי פון טיילווייזן איבער־
דרוקן אָדער איבערזעצן, באהאלט דער מחבר פאַר זיך אַליין.

Copyright, 1951, *by*
RABBI E. OSHRY

Printed in the U. S. A. by
MODERN LINOTYPE CO.
1755 St. Johns Place, Brooklyn, N. Y.

אינהאלט:

פאַרוואָרט פון חיים ליבערמאַן..9
אַ וואָרט פון מחבר..15
ליטע און דאָס ליטווישע אידנטום...17
דער אָנהייב פון חורבן ליטע..20
אידן גייען צו דער שחיטה אין טלית און תפילין....................26
סלאָבאָדקער ישיבה „כנסת ישראל"..................................32
דער קידוש השם פון סלאָבאָדקער ישיבה־לייט..........................38
דער קידוש השם פון הגאון הצדיק ר' אלחנן וואַסערמאַן און
אנדערע רבנים..43
קאָוונער אידן ווערן פאַרטריבן אין געטאָ אריין....................51
די שקלאַפן ארבעט פון אידן ביים אַעראָדראָם, פון קאָוונער געטאָ 58
דאָס בלוטיקע שפּיל מיט די קראַנקע אידן ביים ליקווידירן
די קליין - געטאָ..63
אַ „רואיקער טאָג" אין קאָוונער געטאָ..69
דער „שווארצער טאָג" אין קאָוונער געטאָ 75
קאָוונע — שלאַכט־הויז פאַר דייטשע אידן.....................................81
ווי אַזוי ליטווישע אידן האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַרן אידישן ספר......87
דער געהיימער ברית אין געטאָ..98
דער געהאַנגענער אין געטאָ...101
דאָס גייסטיקע לעבן פון די אידן אין קאָוונער געטאָ 104
די ווירקונג פון די „פראָנטן" אויף דער געטאָ..112
דער אויפשטאַנד אין ווארשע און זיין ווירקונג אויף קאָוונער געטאָ................116
דער קידוש השם פון מגיד „בן משה ידבר" 122
ווי די אידן זיינען אַנטלאָפן פון „ביינטן פאַרט" אין קאָוונע......................128
די פּטירה פון קאָוונער רב הגאון רבי אברהם דובער שאַפּירא זצ"ל........139
די פאַרטיליקונג פון די אידישע קינדער...146
ווי מיר האָבן געבאַקן מצה אין געטאָ 154
דער אומקום פון הגאון הצדיק ר' אברהם גראָדזענסקי...............................158

קאָוונע — נאָך איר באפרייאונג........161
אַן אוצר פון אידישע ספרים........167
קאָוונע פירט אירע קדושים צו קבר ישראל........169
שטעט און שטעטלעך........181

שטעט און שטעטלעך

רבנו הגאון רבי יצחק אלחנן ספעקטאָר זצ״ל........183
אוטיאַן........187
אַליטע........194
אַניקשט........198
בוטרימאַנץ........202
בירז........204
גאָרזד........207
דראָביאַן........209
דווינסק........210
ווילקאָמיר........219
ווילקאָווישק........224
וויזשון........228
וואָרנע........233
זאגער........234
טעלז........238
טאַווריק........242
יורבורג........245
יאנישאָק........249
יאַנאָווע........253
מאַריאַמפּאָל........257
מאזשייק........260
מערעטש........263
מאַלאַט........267
ניישטאָט - קודירקא........268
סעריי........269
סאלאנט........273

א י נ ה א ל ט

עזשערענע 274
פאָנעוועזש 275
פאָסוואַל 282
פלונגיאַן 284
קיידאַן 288
קרעטינגע 291
קאַלוואַריע 296
מיין חרוב שטעטל קופישאָק 298
קעלם 311
ראַסיין 315
ראָקישאָק 320
ראַדווילישאָק 325
ריטעווע 326
שאַוול 238
שאַדאָווע 335
שקוד 337
שקודוויל 338
שוועקסנע 340
שירווינט 341
ווי אזוי איך בין געראַטעוועט געוואָרן 345
זכור את אשר עשה לך עמלק 372
זוכצעטל פון פערזאָנען 374
זוכצעטל פון שטעט און שטעטלעך 385

דאָס דאָזיקע בוך איז געהייליקט

צו מיין חשובע ליבע פרוי

א געראַטעוועטע פון אוישוויץ

הרבנית פריידה

בת הרב הגאון ר׳ משה גרינצוויג, הי״ד.

(ליפשער רב)

פאַרוואָרט פון חיים ליבערמאַן

דאָס בוך, חשוב'ער לעזער, וואָס דו האַלטסט אַצינד אין דיינע הענט, „חורבן ליטע", איז כלו קודש, אינגאַנצן הייליק, הייליק איז זיין תוכן, הייליק איז די פעדער וואָס האָט עס געשריבן, און הייליק די טי און דער צער, מיט וועלכע עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן.

דער מחבר, הרב אפרים אָשרי, איז אַליין געווען אינווייניק אין דעם פייער וואָס האָט פאַרברענט ג-ט'ס עדה אין ליטע, נאָר ווי דער סנה האָט ער געברענט און געברענט און איז ניט פאַרברענט געוואָרן. עטליכע מאָל איז ער געצוואונגען געוואָרן צו גראָבן פאַר זיך אַליין אַ גרוב, און אַלע מאָל איז ער ניצול געוואָרן. די אידן וואָס זיינען אַרויס לעבעדיק פון דעם נאַצישן גיהנם האָבן דערנאָך פאַרשיידן רעאַגירט אויף זייערע איבערלעבונגען. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך געמיט צו פאַרטרייבן פון זיך און פאַרגעסן די מורא'דיקע קאָשמאַרן. ס'איז געווען צו שרעקליך צו געדענקען. הרב אפרים אָשרי געהערט ניט צו די דאָזיקע. ער איז געבליבן אויף שטענדיק דער סנה וואָס ברענט און ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. און דאָס איצטיקע בוך איז אַרויסגעשפרונגען פון די דאָזיקע הייליקע פלאַמען.

ניט ער וויל אַנטלויפן פון די דאָזיקע זכרונות, ניט ער וואָלט געקענט ווען ער וואָלט געוואָלט. וואָרום ער איז באַשאָנקען מיט אַזאַ אומגעהויערן זכרון, וואָס מאַכט ניט פאַרלירן קיין איינציקן טראָפּן. אַ צווייטער געטליכער געשאַנק צו זיין זכרון איז אַן אָפּענער מוח, וואָס אַזוי ווי אַ שוואָם זויגט ער איין זיך איין די סביבה. און אַ דריטע מתנה איז אים געשענקט געוואָרן אייביק וואַכע חושים, אַן אייביקע נייגעריקייט און וואַכזאַמקייט צום אָרום.

דאָס אַלץ האָט גורם געווען וואָס פאַר די יאָרן פון דעם חורבן האָט ער געקענט גאַנץ ליטע „אויף אויסווייניק". ער איז געווען קלאָר אין ליטע ממש ווי אַ איד אין „אַשרי". ער איז אויסגעווען אין ליטע אין אַלע אירע ווינקעלעך, אין אירע שטעט, שטעטלעך און דערפער, וואו נאָר עס זיינען געווען אידן. און עס האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז ניטאָ אַ איד אין ליטע וואָס הרב אַשרי קען אים ניט ביים נאָמען, וויים ניט זיין יחוס און זיין לעבנס-געשיכטע. און אַ פשיטא שוין אַז ער האָט געקענט אַלע גדולים פון ליטווישן אידנטום. און ווי מיט מענטשן, אַזוי אויך מיט ערטער, מיט שטעט, קליינע און גרויסע, מיט זייערע נעמען, די נעמען פון זייערע גאַסן און זייערע היסטאָריעס. ער האָט אַלץ געהאַט אויף די שפּיץ פון זיינע פינגער. ער האָט געקענט ליטע פון אלף ביז תו ווען זי איז נאָך גאַנץ און גרויס געווען.

און ווען דער שטורם האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף ליטע. און האָט אַלץ אַוועקגעלייגט אין חורבות; און ווען הרב אַשרי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַז ער לעבט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער ערד, און די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטאָן איז ניט געווען צו אַנטלויפן אין דער אָפּגעראַטעוועטער וועלט אריין, נאָר ער האָט זיך גענומען טראָגן איבער די חורבות פון ליטע, צו זען וואָס עס איז געוואָרן פון די טייערע שטעט און שטעטלעך וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט און אַזוי חיים ליב געהאַט, און זוכן אידן זען וואָס עס איז געוואָרן פון די אידן, וואו זיינען אהינגעקומען די אידישע קהילות, וואָס ערשט נעכטן זיינען זיי דאָ געווען און אַזוי הערליך געבליט. און אַזוי האָט ער, אַליין אַן אָפּגעראַטעוועטע האלעוועשקע, דורכגעשפּרייזט גאַנץ ליטע און דורכגענישטערט

די חורבות. און די חושים זיינען אים נאָך געווען אָפענער ווי פריער, און דער זכרון נאָך שארפער ווי אַמאָל, און אלץ וואָס ער האָט געהערט און געזען האָט זיך אים איינגעשניטן אין טיפסטן ביין, און עס האָט גע׳שרפ׳עט ווי אַ פייער אין אים. און ער האָט עס געמוזט ארויסגעבן אויף פּאַפּיר, און דער פועל־יוצא איז דאָס ברענענדיקע בוך, דאָס הייליקע ספר „חורבן ליטע״.

ער האָט געקענט ליטע אין איר גאנצקייט און אין איר צעבראָכנקייט, אין איר גדולה און אין איר חורבן. ער איז ווי פון דער השגחה אליין אויפגעהיט געוואָרן און איז ארויס אַ לעבעדיקער פון דעם פייער כדי צו זיין דער כראָניקער פון דעם חורבן. אויף אים קען מען זאָגן מיטן פולן מויל: לכך ניצלת...

איך לייענט דאָס הייליקע ספר פון זייטל צו זייטל, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, און איך פילט, אז דער מחבר גיט אפילו ניט קיין מעשר מן המעשר פון דעם וואָס ער ווייס צו דערציילן. ער לויפט פון אָרט צו אָרט, פון שטאָט צו שטאָט, און פון אומעטום גיט ער נאָר אַ הויפן דורכגעזיפּטע קערנער, ווייל אניט וואָלט דאָס ווערק געדאַרפט גרייכן אָן אַ צאָל בענדער. איך פילט אויך ווי דער מחבר מיידט בכיוון אוים „ליטעראַרישקייט״. ער נוצט ניט קיין קינסטלערישן שמינק פאַר זיין טרויעריקער כראָניק, ווייל קיין „קונסט״ קען גאָרניט צוגעבן אהער, אַלע קינסטלערישע באגריפן ווערן בטל ומבוטל אַנטקעגן דעם נאַקעטן אמת פון די נאַקעטע פאקטן.

דער דאָזיקער ספר געווינט אַ באַזונדערן ווערט דערפון וואָס זיין מחבר איז אַ רב. אלס רב האָט הרב אַשרי נאַטירליכערווייזע קודם כל געקענט גוט די רבנישע וועלט פון ליטע. און אזוי ווי מיר ווייסן אז דאָס רוב שרייבער שטאַמען פון די וועלטליכע קרייזן,

במילא איז געשען, אז אין די מערסטע ביכער וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פון דעם חורבן איז ניט אָפּגעגעבן געוואָרן דער געהעריקער פולער פּלאַץ צו דער אונטערגעגאנגענער תורה־וועלט, פּשוט דערפאַר וואָס די שרייבער זיינען ווייניק באקאנט געווען מיט איר. דער דאָזיקער חסרון ווערט אויסגעגליכט אין הרב אשרי׳ם ספר.

איבערן חושך פון דעם חורבן לויכט דער הימלישער גלאַנץ פון תורה און לומדות, מיט וועלכע ליטע איז אַזוי רייך און אַזוי גרוים געווען. אָבער אין דערזעלבער צייט טוט דאָ שוויבלען און גריבלען מיט די אנדערע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג אויך. ווייל הרב אָשרי איז געווען אַ מעורב עם הבריות און האָט אלעמען געקענט. און ער האָט אלעמען זייער היילק רעכט געטאָן.

גאָרניט אָפּצושאַצן זיינען די בילדער וואָס קומען אריין אין דעם ספר אין אזא רייכער קאָלעקציע. די בילדער זיינען אויך אַ טייל פון דער כראָניק. ווייל דער רשע, דער נאַצי, האָט זיך דאָך אויך געפלייסט צו פאַר׳מיאוס׳ן דאָס אידישע פּנים אין די אויגן פון דער וועלט. זאָלן זיי שטיין דאָ, די הערליכע אידישע געשטאַלטן, אויף דורות און דורות און קוקן דער וועלט אין פּנים אריין, און שרייען און מאָנען נקמה און גערעכטיקייט.

ווייניקער פון אלעמען האָט דער מחבר געשריבן פון זיך אַליין. פון זיינע טויטן איז דאָ כמעט גאָרניט ניטאָ. עס וועט נאָך האָפנטליך קומען. דער מחבר איז קודם־כל געלאָפן מקיים זיין די מצוה פון מת מצוה. און זיין שכר איז זייער גרוים. ער האָט צעשמעטערט דעם בייזן ווילן פון דעם מיאוס׳ן רשע. דער נאַצישער רשע האָט געוואָלט טויטן און פארמעקן, פאַרטיליקן און פארווישן שפור און אָנדענק. איז געקומען הרב אָשרי און האָט אויפגעשטעלט

אַ מצבה אויף אייביק. זיין ווערק גייט אריין אין דעם אוצר פון אי־דישן מארטירערטום און וועט פארנעמען א גרויס אָרט אין אונזער געשיכטע פון קידוש השם, ביי דער זייט פון אונזערע קינות און סליחות, ביי דער זייט פון דער הייליקער תורה אין אָרון־קודש.

ושכרו הרבה מאד על פי פעלו.

א ווארט פון מחבר

מיטן ארויסגעבן דעמדאָזיקן בוך „חורבן ליטע", באַצוועק איך צו שטעלן אַ מצבה נאָך דער חרוב געוואָרענער אידישער ליטע, נאָך די קדושים וטהורים גאונים און צדיקים, אונזערע טייערע און ליבע קרובים און פריינד, וואָס זיינען אויף אַן אכזריות׳דיקן אופן אומגעקומען דורך די נאַצי־רוצחים און זייערע ליטווישע אונטערהעלפער ימ"ש, אין די יאָרן תש"א־תש"ה.

שרייבעריי איז ניט מיין באַרוף, איך בין אַ רב און אַ ראש ישיבה, און מיין אויפגאַבע איז מרביץ תורה זיין, און ווען עס וואָלט געווען „שנים כתיקונן", וואָלט איך אַוודאי ניט געשריבן קיין ביכער, נאָר ספרים אין הלכה, ווי כ׳האָב שוין ב"ה באַוויזן אַרויסצוגעבן מיין הלכה ספר „דברי אפרים".

אָבער ווען עס איז געקומען אויפן כלל ישראל דאָס גרויסע וועלט אומגליק און איך בין אַ דאַנק השי"ת דורך נסי נסים געראַטעוועט געוואָרן פון דעם גהינום וואו מיינע אויגן האָבן געזען, די מיט מענטשליך בלוט פאַרשריבענע ווערטער: „נעמט נקמה"! און מיינע אויערן האָבן געהערט ניט איינמאָל, ווי אַ מינוט פאַרן דערשאָסן ווערן, האָבן די קדושים אויס־געשריען: „די וואָס וועלן בלייבן לעבן זאָלן דערציילן דער וועלט, וואָס עמלק־נאַצי האָט מיט אונז געטאָן!" האָב איך באַשלאָסן אויסצופירן די דאָזיקע הייליקע צוואה פון די קדושים, און דערציילן פאַר דער וועלט אין מיין איינפאַכער שפּראַך, דאָס וואָס כ׳האָב צוגעזען מיט מיינע אויגן, און וואָס כ׳האָב מקבל געווען פון עדי־ראיה, כדי עס זאָל בלייבן לזכרון עולם.

* * *

איך רעכן בכיון אויס די נעמען וואָס קומען מיר על פי זכרון פון די חשובע און אָנגעזעענע בעלי־בתים, רבנים און גאוני־תורה אין די פאַר־שיידענע ליטווישע שטעטלעך, ווייל דורך זיי און אין זיי איז געווען אָנ־געקניפּט און אָנגעבונדן די גאַנצע אידישע קהילות. אידן פון די אַלע שטעטלעך, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן פון זייערע געבוירנערטער נאָך

אין די יאָרן פאַרן חורבן, געדענקען גוט די ראשי און טובי העיר וואו זיי זיינען געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן. וויפיל נעמען איך האָב זיך נאָר געקענט דערקונדיקן האָב איך פאַרצייכנט. יעדער קדוש וטהור פון די דאָזיקע אַלטע אידישע ישובים שטעלט פאָר מיט זיך, אין געדעכעניש פון די לעבנגעבליבענע אַ אייביק־לעבעדיקן זכר פונם אַלט־אידישן לעבן.

ניט אלע שטעטלעך האָב איך געקאָנט אריינעמען אין מיין בוך, צוליב טעכנישע און פינאנציעלע מיטלען. בעזרת השם וועל איך דעם חיסור דער־גאנצן אין אַ צווייטן בוך וועגן חורבן ליטע. אַ סך מאטעריאל האָב איך שוין גרייט דערפאַר.

(עס פאַרדריסט מיר דאָ צו דערמאָנען אַז געוויסע מענטשן האָבן זיך באנוצט מיט א טייל פון די מאטעריאלן אין מיינע אַרטיקלען וואָס כ׳האָב נאָך געשריבן אין 1945 אין „שערים" און „קול ישראל" אין ישראל, און אין 1946, אין „מאָרגן זשורנאל" און נישט אָנגעגעבן מיט א וואָרט וואו און ביי וועמען זיי האָבן דעם מאטעריאל גענומען).

איך דריק אויס אַ דאנק דעם קאָמיטעט און אַלע וואָס האָבן מיר גע־האָלפן אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

א. א.

ב"ה, תשרי, תשב"י

ליטע און דאָס ליטווישע אידנטום

נאָכן צעפאַלן פון צאַרישן רוסלאַנד, אין דער ערשטער וועלט מלחמה, איז אין יאָר 1918 ווידער אויפגעקומען דאָס זעלבשטענדיקע און באַפרייטע לאַנד — ליטע.

דאָס דאָזיקע קליינע לאַנד, וואָס ליגט נאָענט צום מזרח־ברעג פון באַלטישן ים, מיט דער הויפּט־שטאָט קאָוונע (קאַאונאַס), ציילט צוזאַמען מיט דער שטאָט ווילנע, וואָס איז דורך איר אַנעקסירט געוואָרן (זינט 1939), אַרום 4 מיליאָן איינוואוינער, און ביזן „חורבן־ליטע״, האָבן דאָרטן געלעבט לערך 250 טויזנט אידן.

דער אידישער ישוב אין ליטע, איז שוין אַרום זיבן הונדערט יאָר אַלט, און נאָך אין 17־טן י. ה. איז ליטע באַרימט געוועזן אַלס דער גרעסטער אידישער צענטער פון תורה און חכמה אין אייראָפּע. אַ דאַנק אירע גדולי התורה און וועלט באַרימטע ישיבות, איז ליטע באַצייכנט געוואָרן, אַלס „ארץ ישראל השני״, און ווילנע אַלס „ירושלים דליטאַ״.

אין ליטע האָבן געלעבט די גרעסטע גאונים, ווי: ר׳ שבתי כהן (ש״ך), ר׳ משה רבק״ש (באר הגולה), ר׳ אליהו (דער ווילנער גאון), ר׳ חיים וואָלאָזשינער, ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ר׳ יצחק אלחנן, דער נצי״ב, ר׳ יוסף בער סאָלאָווייטשיק, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, ר׳ מאיר שמחה, ר׳ יוסף ראָזין, דער „חפץ חיים״, ר׳ אלי׳ ברוך קמאי, דער רב און ראש ישיבה פון מיר, ר׳ משה מרדכי עפּשטיין, רב און ראש ישיבה פון סלאָבאָדקע, ר׳ ברוך בער לייבאָוויץ, דער ראש ישיבה פון קאַמענעץ און אַנד.

היינט אירע גרויסע און באַרימטע ישיבות: וואָלאָזשין, מיר, סלאָ־באָדקע, ראַדין, טעלז, קעלם, פּאָנעוועזש, וואו עס האָבן געלערנט תלמידים פון דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבן גרויס געמאַכט איר נאָמען אַלס גרעסטער תורה צענטער ביי אידן.

ליטע איז אויך געוועזן באַוואוסט מיט איר שיטת המוסר, וואָס עס האָט איינגעפירט ר׳ ישראל סאַלאַנטער זצ״ל.

אַ חוץ דעם איז ליטע אויך באַרימט געווען, אַלס צענטער פון השכלה, פונוואַנען עס זיינען אַרויסגעקומען די גרעסטע אידישע דענקער און וואָרטזאָגער. יעדער שעפערישע אידישער געדאַנק, האָט אָדער געהאַט זיין אחיזה אין ליטווישן אידנטום, אָדער דאָ אויסגעצייטיקט און רייף געוואָרן. נישטאָ כמעט קיין איין וויכטיקע אידישע באַוועגונג, צו וועלכער ליט־ווישע אידן האָבן ניט בייגעטראָגן זייער חלק.

אָבער איבער אַלץ האָט ליטע געשמ׳ט אין דער אידישער וועלט, מיט איר הכנסת־אורחים, ברייטהאַרציקייט, איבערגעבנקייט און אהבת ישראל. ניט אומזיסט איז געשאַפן געוואָרן דאָס ווערטל: „ליטוואַק צלם קאָפּ״, ווייל אַ ליטווישער איד האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, צו העלפן אַ אידן.

ווי אַן אילוסטראַציע צו דער דאָזיקער ברייטהאַרציקייט, קאָן דינען דער פאַקט, ווי אַזוי ליטווישע אידן האָבן אויפגענומען די לעצטע אַנט־לאָפענע פּליטים פון פוילן, דייטשלאַנד און אנדערע לענדער, ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939. מיט וואָס פאַר אַ וואַרימקייט און ברודערליכקייט מען האָט די דערמאָנטע פּליטים אויפגענומען.

דאָס איז געווען ליטע, דאָס לאַנד פון תורה, חכמה און אהבת ישראל. דאָס אַלץ איז געווען . . . און מער נישטאָ.

די נאַצישע רוצחים ימ״ש צוזאַמען מיט זייערע ליטווישע אונטער־העלפער, האָבן אויסגעריסן מיטן וואָרצל דעם כרם ישראל, דעם יאָר־הונדערטער פאַרוואָרצעלטן אידישן ישוב פון ליטע. א בלוטיקע כוואַליע פון מורא׳דיקע מאַסן שחיטות האָט זיך אַריבער געטראָגן איבערן ליט־ווישן אידנטום, און אָפּגעמעקט אַלע ישיבות און תורה מוסדות צוזאַמען מיט אַלע וועלטלעכע אינסטיטוציעס, און מיט די שרעקלעכסט עינויים זיינע אומגעקומען, די דאָרטיקע גדולי התורה און תלמידי־הישיבות.

מיט צוויי און דרייסיק יאָר צוריק, ווען ליטע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, האָבן די ליטווישע אידן פון גאַנצן האַרצן זיך געפרייט איבער דער דאָזיקער געשעעניש, זיי האָבן געהאַט די טיפסטע סימפּאַטיע און אַכטונג פאַר דער באַפרייטער מדינה, און מיט זייער כוח און גייסט

האָבן זיי געהאָלפן אויפבויען ליטע־לאַנד, און געהאַט דעם גרעסטן חלק אין איר דערפאָלג.

און געדוכט האָט זיך, אז די ליטווינער שאַצן דאָס אָפּ, און אַז די גוטע באַציאונגען וואָס האָבן זיך אײַנגעשטעלט אין יענער צייט, וועלן שאפן אַ נייע תקופה פון פריינטלעכן צוזאַמענלעבן, צווישן די ליט־ווינער און אידן, וועלכע האָבן דורות־לאַנג געוואוינט צוזאַמען, און צו־זאַמען דורכגעמאַכט פאַרשיידענע צייטן, שלעכטע און גוטע, ביז זיי האָבן זיך דערוואָרט די צייט פון ליטעס באַפרייאונג.

ליטע האָט טאַקע ביים אָנהייב פון איר זעלבשטענדיקייט, געגעבן די אידן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, אין דער פאָרם פון זעלבשטענדיקע קהילות מיט אַ נאַציאָנאַל־ראַט, אַ זעלבסטשטענדיק שול־וועזן אין דער העב־רעאישער און אידישער שפּראַך אויפן חשבון פון דער מלוכה, און איבער דעם אַ אידיש מיניסטעריום מיט אַ אידישן מיניסטער, אַזוי אַז ליטע האָט ווירקליך געקענט דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַ סך אַנדערע מדינות, ווי צו באַהאַנדלען מינדערהייטן.

אָבער נישט לאַנג האָט דער זיסער חלום געדויערט. די ליטוויש אנטיסעמיטישע עלעמענטן אין דער מלוכה, האָבן חרוב געמאַכט די דאָזיקע אינסטיטוציעס, און געבליבן איז ביז דער מלחמה, בלויז די קולטור אויטאָנאָמיע, דאָס רעליגיעזע און וועלטלעכע שול וועזן.

אויך אויפן עקאָנאָמישן געביט, האָבן די ליטווינער גיך גענומען אַרויסווייזן זייער „דאַנקבאַרקייט" צו די אידן, דורך אַרויסשטופּן זיי פון זייערע לאַנג איינגעפונדעוועטע פּאָזיציעס, און מאַכן פאַר אידן שווער דאָס לעבן, און צווינגען זיי צו עמיגראַציע.

אָבער דער קלימאַקס איז געקומען אין יאָר 1941, ווען די ליטווינער זיינען באַפאַלן די אידן מיט גרויליקער אכזריות, זיי געפּייניקט און גע־מאָרדעט, און אומגעבראַכט קליינע אומשולדיקע קינדער, אומגליקלעכע קראַנקע און שוואַכע מענער און פרויען, און זיי אויסגעמאָרדעט מיט כל־ערליי מיתות משונות, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט באַשרייבן.

זאָל דאָס בלייבן לדראון עולם, אַלס אייביקער קין־צייכן פאַר די ליטווישע רוצחים, ווי זיי האָבן זיך אויפגעפירט מיט די אידן, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאמען געעלבט זיבן הונדערט יאָר, וועלכע האָבן מיט זייער מאַרך און בלוט געהאָלפן אויפבויען ליטע.

מיין טייערע אידישע ליטע, ווי קאָן איך דיר פאַרגעסן? ווי קאָן איך רואיק לעבן, ווען דיין גרויזאַמער חורבן שטייט פאַר מיינע אויגן! ווי ירמי׳ הנביא רוף איך: „מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה, ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי!״.

זאָל דאָס דאָזיקע בוך „חורבן ליטע״, זיין אַ קליינע מצבה אויף דעם גרויסן חורבן פון אונזער אידישע ליטע.

דער אנהייב פון חורבן ליטע

(די שחיטה אויף אידן אין סלאָבאָדקע)

קאַפיטל איינס

אני הגבר ראה עני בשבט עברתו. איך האָב געזען דעם חורבן און אומקום פון ליטווישן אידנטום. איך האָב געזען דעם חורבן און גרויל פון יעדער אידישער שטוב באזונדער, און אַליין דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן גהינום פון ליידן און פיין וואָס עמלק־נאַצי האָט צוגעגרייט פאַר אונזערע אידן, און אויך איך האָב געטרונקען פון דעם כוס התרעלה.

איך האָב זיך ב״ה געראַטעוועט פון די רוצחים. איך בין איינער פון די גאָר ווינציק לעבן געבליבענע אידן פון ליטע.

ווי אַזוי האָב איך זיך געראַטעוועט? איך ווייס ניט. אַזוי איז געווען דער רצון פון השי״ת. איבער וואָס פאר א זכות, ווייס איך אוודאי נישט. עס איז געווען דער רצון פון רבונו של עולם, אַז איך זאָל איבערלעבן דאָס בייז און איך זאָל ארויס „גאַנץ״ פון דעם גהינום.

עס איז געווען דער אמת׳ער גהינום. קיינער פון די וואָס האָבן

ניט געלעבט אונטער נאַצי הערשאַפט, קאָן זיך עס ניט פאָרשטעלן, קאָן ניט באַגרייפן וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אונז אין ליטע אין די מורא׳דיקע יאָרן זינט דעם נאַצי אַריינמארש ביז דער באַפרייאונג פון ליטע דורך דער רויטער אַרמיי דעם ערשטן אויגוסט 1944. יעדער פאַרגלייך מיט אַ חיה׳ש לעבן, אָדער הינטיש לעבן, האַלט דאָ ניט אויס.

דריי יאָר האָט דאָס דאָזיקע גהינום אָנגעהאַלטן. און אין משך פון די דאָזיקע גרויליקע יאָרן איז אָפגעווישט געוואָרן כמעט דער גאַנצער, אַמאָל בליענדיקער אידישער ישוב פון ליטע. פאַרשווינדן זיינען די ישיבות, די געצעלטן פון תורה און לומדות, אוועק זיינען די אידישע קהילות און קולטור אינסטיטוציעס, פאַרשוואונדן זיינען די אידישע צייטונגען, מיטן רויך זיינען אַוועק די אידישע ביבליאָטעקן, אויסגעריסן מיט דעם וואָרצל זיינען געוואָרן די דורך משך פון הונדערטער יאָרן פאַרפעסטיקטע אידישע ישובים: אונטערגעהאַקט איז געוואָרן דער אַלטער שטאַם־בוים פון אידיש ליטע, אויסגעריסן איז געוואָרן זיין וואָרצל.

געבליבן זיינען „אחד מעיר ושנים ממשפחה". עדות פון דעם שרעק־לעכן חורבן, יתומים און אבלים. געבליבן, מוז זיין, כדי איבערצופלאַנצן ערגעץ אַנדערש די תורה פון די ליטווישע ישיבות, „כדי די תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן פון ישראל". און אפשר אויך, כדי צו דערציילן. אַז קינדער און קינדס קינדער זאָלן געדענקען, קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וואָס די עמלקים האָבן צו אונז געטאָן — אלע עמלקים, די נאַצישע און די ליטווישע.

יאָ, איך בין אַן עד ראיה פון דעם דאָזיקן אומפאַרגלייכלעכן און אומפאַרגלייכבאַרן חורבן אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק.

חורבן ליטע — איך פיל, אַז עס איז מיין חוב דאָ צו דערציילן די מגילה פון דעם שרעקלעכן חורבן. מיר מוזן עס דערציילן. זאָל מען כאָטש וויסן וואָס עס איז פאָרגעקומען!

* * *

מיין ערשטער איינדרוק פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין ליטע איז דער שרעקלעכסטער. איך קאָן זיך פון אים ניט באַפרייען ביזן היינ־

טיקן טאָג. צען יאָר זיינען אריבער זינט יענער שרעקלעכער נאַכט פון 25־טן יוני 1941, ווען דער ליטווישער פינפטער קאָלום, די ליטווישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט אויף היטלערס אינוואַזיע פון ליטע, האָבן געפייערט זייער נצחון מיט אַ בלוטבאָד אויף די אידן אין דער אַלטער און רומרייכער אידישער תורה שטאָט — סלאָבאָדקע.

עס איז געווען אַ מיטוואָך אָוונט, עטלעכע טעג נאָך דעם אָנהייב פון דעם דייטש־סאָוויעטישן קריג. מיר האָבן זיך געריכט אויף שרעקלעכע צרות, אָבער קיינער פון אונז האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס וועט פאַסירן מיט אונז אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, וועט באמת זיין אַזוי שוידערליך, אַזוי מאַוימדיק ווי עס איז געווען אין דער ווירקליכקייט. אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן דעם נאַצישן טעראָר, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר בלאָס, פאַר נישט רעאַל אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס עס האָט פאַסירט.

און נאָך אַ שרעקלעכע איבעראַשונג איז פאַר אונז געווען, די האַל־טונג פון דער ליטווישער באַפעלקערונג, — פון אונזערע „גוטע קריסט־ליכע שכנים". עס איז בוכשטעבליך ניט געווען קיין איינער, צווישן די ליטווישע גויעשע שכנים פון סלאָבאָדקע, וואָס זאָל האָבן עפענטליך פאַר־טיידיקט אַ אידן אין אַ מאָמענט ווען די צען טויזנט סלאָבאָדקער אידן, מיט וועמען זיי האָבן געלעבט צוזאַמען אַלע יאָרן — זיינען געווען אויס־געשטעלט צו דעם שרעקלעכסטן פּאָגראָם, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן.

ניט אַלץ איז מעגליך צו דערציילן, ניט אַלץ פון די שוידער־ליכקייטן וואָס האָבן פאַסירט יענער נאַכט אין סלאָבאָדקע. אָבער בלויז דאָס וואָס איך וועל דאָ דערציילן איז גענוג צו ווייזן, ווי גרויס עס איז געווען די אכזריות פון די נאַצי מערדער, ווי שרעקליך עס איז געווען אונזער אידישער גורל אונטער די נאַצים. אַזעלכעס האָט נאָך די וועלט ניט געזען.

יענעם מיטוואָך אָוונט, ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָבן זיך די שאַוליסטן, ליטווישע פאַשיסטן, באַגלייט פון גרופּן פּשוטע ליטווינער, אַ לאָז געטאָן מיט העק און זעגן אויף דער אידישער געגנט פון סלאָבאָדקע.

זיי האָבן אָנגעהויבן דעם פּאָגראָם פון יורבערקער גאַס, געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון שטוב צו שטוב, פון דירה צו דירה, און געקוילעט האָבן זיי מיט מיתות משונות, מענער, פרויען און קינדער — אלט און יונג — וועלכן איד זיי האָבן נאָר באַגעגנט. זיי האָבן אָפּגעהאַקט קעפּ מיט העק, געזעגט מענטשן ווי מען זעגט האָלץ, און דערביי אַזוי מאַניפּולירט אַז די יסורים זאָלן דויערן וואָס לענגער, אַז דער קרבן זאָל זיך לענגער מאַטערן.

דעם ערשטן באזוך האָבן זיי, די קוילער, געמאכט אין דער דירה פון מרדכי יאטקונסקי און זיין פרוי דר. שטיין יאטקונסקי, זיי און זייער זון האָבן זיי דערהרג׳עט אויף אַ שרעקלעכן אופן. זיי האָבן געהאַקט הענט, פיס, אברים, — די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן זיך גאָרניט אויסמאָלן דאָס שוידער־בילד, ווי די יורבערקער גאַס האָט דאַן אויסגעזען. דעם קאָפּ פון סלאָבאָדקער רב ר׳ זלמן ז״ל, האָבן זיי אָפּ־געהאַקט און אים אַריינגעשטעלט אין פענצטער, מיט אַן אויפשריפט דער־בעבן: „אַזוי וועלן מיר טאָן מיט אַלע אידן״. און אַזוי האָבן זיי געטאָן, זיי האָבן געהרג׳עט אַלע אידן, רבנים, פּראָפעסיאָנאַלן, ציוניסטישע טוער, קאָמוניסטן, וועמען זיי האָבן נאָר געטראָפן, אָן אונטערשייד. פון יורבערקער גאַס זיינען די רוצחים אַוועק אין יאַטקער גאַס, און אין די אנדערע גאַסן, די שחיטה איז געווען אין לשער.

פון אַלע גאַסן האָבן זיך געהערט שרעקלעכע קולות, און איבער אַלע געשרייען האָט זיך געהערט דער אַלט־אידישער פאַרצווייפלונגס־רוף: „שמע ישראל!״.

מיר, די אידן וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, האָבן ממש ניט געקאָנט ליגן אין אונזערע נאָרעס. ווי מיר האָבן געפילט, מיר, די „גליקלעכע״, וועמען מען האָט יענער נאַכט ניט געהרג׳עט, קאָן זיך איטלעכער איד וואָס האָט נאָר אַ אידיש האַרץ, לייכט פאָרשטעלן.

די מורא׳דיקסטע אפשר אין יענער גרויסער שחיטה, ווען עס זיינען אומגעקומען אַזוי פיל פשוטע, טייערע תמימות׳דיקע אידן, איז געווען די מיתת־קדושים פון סלאָבאָדקער רב ר׳ זלמן אָסאָווסקי, זכר צדיק לברכה, וועמען די מערדער האָבן צוגעבונדן הענט און פיס צום שטול, אַרויפגעלייגט

זיין קאָפּ אויף דער אָפּענער גמרא, און אים אָפּגעזעגט, און דערנאָך אויף אַן אכזריות׳דיקן אופן דערהרג׳עט זיין זון, דעם יונגן עילוי הרב יודל אָסאָווסקי, און דערשאָסן די רעבעצין.

בלויז דעם רב׳ס אייניקל אסתר׳קע, דאַן אַ מיידעלע פון פינף יאָר, וואָס איז געווען אין שטוב בעת די רציחות זיינען דורכגעפירט געוואָרן, האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען, דורכדעם וואָס זי האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ בעט. ליידער איז אסתר׳קע אויך אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט איר מוטער רחל, פרייטיק ערב שבת תשובה, תש״ב.

ווען מען איז אריין אין שטוב, האָט מען געזען ליגן באַזונדער די קעפּ פון דעם סלאָבאָדקער רב און זיין זון. ר׳ זלמנ׳ס קערפּער, פון וועלכן דער קאָפּ איז געווען אָפּגעהאַקט, איז נאָך „געזעסן״ אין דער רבנישער שטול, און פאַר אים איז געלעגן אויפגעמישט די גמרא נידה, דף ל״ג.

דער קדוש האָט געהאַלטן אינמיטן לערנען, ווען די בעסטיעס זיינען אריין אין זיין שטוב. ווי אַזוי ר׳ יודל האָט אויסגעזען, איז מיר באמת אוממעגליך איבערצוגעבן אין ווערטער, איך האָב ניט קיין שפּראַך דערצו.

אין דער שוידערליכער נאַכט, האָבן רוצחים אויך דערהרג׳עט דעם שמש פון דער סלאָבאָדקער ישיבה, ר׳ גרשון ז״ל. מיט אַ דורכגעשניטענעם האַלדז, ניט דערקוילעט איז ער געלעגן און געכאָרכלט: „קינדערלעך, אַז איר וועט באַפרייט ווערן, זאָלט איר דערציילן פון אונזער פּיין און גהינום״.

אַן אנדער פאַרוואונדעטער איד, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין זיינע לעצטע קראַמפן, האָט מיט זיין בלוט אָנגעשריבן אויף דער וואַנט: „נקמה״. די אויפשריפט איז לאַנג געבליבן ניט פאַרמעקט.

אידן האָבן זיך פון בריק געוואָרפן אין טייך ווילִיע, כדי זיך צו ראַטעווען, און די רוצחים האָבן זיך פון בריק געלערנט שיסן אויף זיי און טרעפן אין ציל.

אַ חוץ די דערמאָנטע קדושים, זיינען נאָך אַ סך באַקאַנטע אידן אומגעקומען יענע נאַכט. צווישן זיי איז געווען דער עילוי ר׳ יונה מינסקער. ביי אים האָבן די שאוליסטן אַרויסגעריסן דעם אינגעוויד, אריינגעלייגט עס אין אַ טלית, און עס אָוועקגעלייגט לעבן דעם דערמאָרדעטן צדיק.

צוזאמען מיט די קדושים זיינען יענער נאַכט אויך דערהרג׳עט געוואָרן אַ גרויסע צאָל ישיבה בחורים פון דער סלאָבאָדקער ישיבה.

ווען די רוצחים זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער „ארבעט״ אין די שטובן, האָבן זיי גענומען סתם שיסן און קוילענען אין די גאַסן. ביים ווינקל פון יורבערקער גאַס און שאַסייקע, האָבן זיי דערשאָסן דעם שמיד, דערנאָך אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט זעקס און צוואַנציק אידן און זיי דערשאָסן. וועמען נאָר זיי האָבן געכאַפּט אין גאַס האָבן די קוילער אומגעבראכט. ניט דורכגעלאָזט קיינעם, מאַן, פרוי, אָדער קינד.ביי דער בריק וואָס פירט קיין קאָוונע, האָבן זיי פאַרשאָטן לעבעדיקערהייט פיר און דרייסיק אידן.

מיר, אַ גרופּע רבנים און ישיבה־לייט, זיינען יענע נאַכט געווען באַהאַלטן ביים מנהל פון דער סלאָבאָדקער ישיבה ר׳ אברהם גראָדזענסקי ז״ל, צווישן זיי איז אויך געווען דער גאון ר׳ אלחנן וואַסערמאַן ז״ל יענע נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין תפלה און געוויין. אָבער מיר האָבן זיך אויך בעראַטן וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו האַנדלען?

עס איז אַריינגעקומען צו אונז הרב ר׳ אברהם דרושקאָוויטש און פון דעם וואָס ער האָט אונז דערציילט, איז קלאָר געוואָרן, אַז די רוצחים האָבן באַשלאָסן צו דערמאָרדן אַלע אידן. וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? דאָס איז געווען די פראַגע וואָס האָט אונז געמאַ־טערט יענע נאַכט, ווען אויף סלאָבאָדקער גאַסן זיינען כסדר געפאַלן אי־דישע קעפּ. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

צומאָרגנס האָט מען מקבר געווען אַלע קדושים אויפן בית עולם אין א מאסן־קבר. די אידן האָבן זיך אנטשלאָסן אויף דעם שריט טראָץ אַלע סכנות וואָס האָבן דאַן אויף זיי געלויערט.

איך גלויב ניט, אַז איך וועל יענע שוידערלעכע נאַכט ווען עס איז קאָנען אויסמעקן פון מיין זכרון, די נאַכט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן חורבן ליטע.

קאפיטל צוויי

אידן גייען צו דער שחיטה אין טלית און תפילין ..

עס ציטערט די האנט ווען מען דאַרף דאָס באשרייבן. ווי קאָן מען דערציילן וועגן אַזאַ בראָך, און וועגן אַזאַ אומגליק? ווי קאָן מען דערמאָנען אַזעלכע שרעקלעכע זאכן? און דאָך — דאָך דוכט מיר, אַז מען מוז עס דערמאָנען, ווייל מען דאַרף די אידן אומעטום דערציילן וועגן די לעצטע טעג און שעהן פון אונזערע ברידער און שוועסטער וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם, מען טאָר ניט פאַרשווייגן.

נאָך אַלעמען, אַז מען קומט ארויס גאַנץ פון יענעם גהינום, דאַרף מען כאָטש איבערגעבן דעם לעצטן גרוס פון די קדושים, און דער גרוס איז א שרעכלעכער. דאָס זיינען נישט בלויז באַריכטן וועגן מאָרד און אומקום; נאָר הייליקע בלעטער פון אידישער מאַרטיראָלאָגיע, פון אידישן קידוש השם.

אידן זיינען ניט בלויז אומגעקומען, זיי האָבן מקדש השם געווען, זיי האָבן געקעמפט פאַרן אידישן כבוד און אידישער ווירדע. געווען אויך אַזעלכע וועלכע האָבן ניט געקאָנט קעמפן, וועגן זיי וועל איך נאָך שרייבן, און זיך באַמיען אַלץ צו דערציילן, כדי עס זאָל זיך קאָנען שאַפן כאָטש אַ בילד אין מיניאַטור, פון דעם וואָס איז דאן פאַרגעקומען אין ליטע.

אָבער די געשעענישן זיינען מורא'דיקע. ווען איך פאַרטיף זיך אין די נאָטיצן מיינע, איז וואָס מער איך לייען זיי, אַלץ שווערער קומט מיר אָן זיי איבערצוגעבן, און זיי אַרויסברענגען אויפן פאַפיר.

אָט לייען איך מיינע פאַרצייכענונגען פון יענע שוידערלעכע טעג, אינם ערשטן חודש פון דער נאַצישער אָקופּאציע, יוני 1941, ביי אונז אין קאָוונע. געווען איז דאָס דעם 26־טן און 27־טן יוני — דאָנערשטיק

און פרייטיק, און אָנגעהויבן האָט עס זיך אינם אַלטן קאָוונער בית המדרש.

ווער פון אונז, ליטווישע אידן, געדענקט ניט דעם אַלטן בית המדרש פון קאָוונע, לעבן דעם טייך ווילִיע? זייער אַ סך איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן דער דאָזיקער הייליקער שוהל, וואו אידן האָבן געדאַוונט און געלערנט אין משך פון לאַנגע דורות. דאָרט איז אויך געווען די ישיבה „עטרת צבי", אויפן נאָמען פון רבי צבי הירש ז"ל, דער זון פון רבי יצחק אלחנן ז"ל.

דער אלטער בית המדרש אויף יאַקסטע גאַס, לעבן דעם אידישן קראַנקן־הויז, קאָוונער אידן געדענקען נאָך זייער גוט, מיט וויפיל קדושה און טהרה דאָס דאָזיקע בית המדרש איז פאַרבונדן. דאָרטן האָט דאָך געדאַוונט און געלערנט דער ראש כל בני הגולה, דער קאָוונער רב, רבי יצחק אלחנן ספעקטאָר זצ"ל. דאָרטן האָבן געלערנט פּרושים, און בעלי בתים גדולי תורה ויראה, דאָרטן האָט געלערנט דער שפּעטערדיקער מינסקער גאון, רבי ירוחם יהודה ליב פּערעלמאַן זצ"ל, און דאָרטן איז אויך געווען די גרויסע ביבליאָטעק פון רבי יצחק אלחנן ז"ל.

אין אָט דעם הייליקן בית המדרש, האָבן דאָנערשטיק דעם 26־טן יוני, 1941, אריינמארשירט די ליטווישע פאשיסטן צוזאמען מיט די נאַציס. עס איז געווען פאַרטאָג, און זיי האָבן געטראָפן די אידן ביים דאַוונען. כאָטש דאָס האָט געשמעקט מיט סכנת נפשות, זיינען דאָך יענעם פרימאָרגן געווען ביים דאַוונען אַרום פינף און צוואַנציק אידן, צווישן זיי גאָר חשובע בעלי בתים פון קאָוונע. עס זיינען געווען אַלטע לייט און אויך עטלעכע קינדער. די מערסטע האָבן געדאַוונט מיט מער כוונה און התמדה ווי ווען עס איז פריער, אייניקע זיינען געזעסן ביי אָפענע גמרות און געלערנט, אַלע כמעט זיינען געווען אָנגעטאָן אין טלית און תפילין.

ווען די פאַשיסטן און נאַציס זיינען אַריין, איז דער ערשטער באַפעל געווען: גלייך אָפּשטעלן דאָס דאַוונען. דאָס סאַמע אומגלויבלעכסטע איז איבעראַשנדע אין דער פאַסירונג, איז געווען דער פאַקט, וואָס דער ליטווינער וואָס האָט געגעבן דעם באַפעל, איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער שבת־גוי פון סלאָבאָדקע, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן כלומרשט

זיך גע׳חבר׳ט מיט אידן, געבאָרן געוואָרן צווישן אידן, און געווען אָנ־גענומען געוואָרן אַלס א „פריינט״ פון אידן. קיינער וואָלט עס ניט געגלויבט, אַז דער דאָזיקער „אוהב ישראל״ וועט זיין פיאיק צו טאָן אַזאַ נבלה.

אָט דער גוי, ווען ער איז אַריינגעקומען אין מקום קדוש, האָט ער זיך אויסגעפיינט פאַר די נאַציס, וואָס זיינען מיט אים אַריינגעקומען, מיט זיין גוטן, זאַפטיקן אידיש. ער האָט גערעדט אידיש כמעט ווי אַ איד, זיין גאַנץ לעבן האָט ער דאָך געלעבט צווישן אידן. דער דאָזיקער פאַרשוין, האָט עס געפירט די רוצחים צום אַלטן בית המדרש. ער איז אריין אין בית המדרש ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס, און זיך גענומען איז־דעקיווען איבער די אידן וואָס זיינען דאָרט געווען.

קודם כל האָט ער „פאַרגעשטעלט״ פאַר די נאַציס, די חשובסטע אידן אין שול. ער האָט זיי געוויזן, אַז ער איז ניט גלאַט עפּעס אַ סלאָ־באָדקער פאַגראָמטשיק, נאָר איינער וואָס קאָן גאָר שטאַרק צוניץ קו־מען די נאַציס, ער קען זייער גוט די אידן, ער ווייס ווער איז ווער. ער קאָן אַלע אידישע גייסטיקע פירער, דאָס הייסט — ווען מען דאַרף אומברענגען.

בכלל האָבן זיך די נאַציס נוהג געווען אין ליטע, אַז די ערשט אויפן פייער זיינען די גייסטיקע פירער פון די אידן: די רבנים, שרייבער און אינטעליגענטן. אין דעם האָבן די ליטווישע פאַשיסטן שטאַרק צו־געהאָלפן. עס וואָלט פאַר די נאַציס ניט מעגלעך געווען דורכצופירן אזוי גרינטליך די אויסראָטונג פון די ליטווישע אידן ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט די אַקטיווע הילף פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג — די ליטווינער.

די ליטווינער האָבן אָנטקעגן געטראָגן זייער הילף מיט גרעסטן ענטוזיאזם. די דאָזיקע קאָאָפעראַציע פון די ליטווינער איז געווען אַזוי אימה׳דיק און נידערטרעכטיק, אַז מיר זיינען אַלע געווען געפּלעפט. ווי האָט עס געקענט פאַסירן, האָבן מיר זיך געפרעגט, אז מיר זאָלן האָבן געווען אזוי גענאַרט? אַז אונזערע שכנים, מיט וועמען מיר האָבן גע־לעבט זייט ביי זייט אין משך פון דורות, זאָלן אַראָפּזינקען צו אַזאַ נידעריקע מדרגה פון בעסטיאַליטעט?

ביז איצט נאָך, אַז איך טראַכט וועגן דעם, קאָן איך דאָס ניט משיג זיין. איך קאָן נישט פאַרשטיין, ווי די דאָזיקע ליטווינער אין די אידישע שטעט און שטעטלאַך, ווי קאָוונע און סלאָבאָדקע, האָבן געקאָנט ווערן די שוידערלעכסטע רוצחים לגבי זייערע אידישע שכנים? . . .

אָבער אַזוי איז עס געווען.

יענעם דאָנערשטיק אינדערפרי, דעם 26־טן יוני, זיינען די נאַציס אַריינגעקומען אין אַלטן קאָוונער בית המדרש, אונטער דער אָנפירונג פון אונזערע „גוטע״ ליטווישע שכנים, און דער באַפעל, ווי געזאָגט, איז געווען: אָפּשטעלן דאָס דאַוונען. און אַרויסגעזאָגט די ווערטער, אויף אַ פּראָסטן פּאָלקסטימלעכן אידיש, האָט דער שבת־גוי.

ער האָט זיך אין אַלגעמיין געוואָלט באַווייזן פאַר די נאַציס מיט זיינע קונצן. דערוואָרט האָט ער א סך פּאַניק און בהלה אין שול. ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם באַפעל, אַזוי האָט דערציילט איינער פון די אידן וואָס האָט זיך פון דאָרט געראַטעוועט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מעשה רעזשיסאָר און געוואַרט אויף דעם עפעקט פון זיין באַפעל. דער כוליגאַן האָט געוואַרט אַז די אידן, וועמען ער האָט באַדינט זיין גאַנץ לעבן, וועלן זיך מסתמא אין די טליתים וואַרפן צו זיינע פיס, אים בעטן אַז ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבן, ער זאָל זיי נישט טאָן קיין שלעכטס. אָבער דער כוליגאַן און זיינע ליטווישע און נאַצישע באַגלייטער האָבן אַ טעות געהאַט. די אידן זיינען געשטאַנען ווי פריער אין זייערע טליתים און תפילין, קיינער פון זיי האָט ניט געוויינט. זיי זיינען געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער. קיין ריר, קיין באַוועגונג, קיין קרעכץ. תפילה געטאָן בלחש, שעפּטשענדיק מיט די ליפּן.

אַ סך פון זיי האָבן מסתמא געזאָגט וידוי, אָבער קיין איינציקער, ניט פון די זקנים און ניט פון די יונגע, — בוכשטעבליך קיין איינציקער — האָט ניט געוויינט, און קיינער איז ניט געפאַלן די מערדער צו די פיס.

די מערדער זיינען געווען באַוואָפנט, די אידן זיינען געווען אָן כלי זיין און אָן שום מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן, זיינען זיי געשטאַנען, די אידן, שטאָלצע, מוטיקע, אַרומגעוויקלט מיט די גרויסע, שיינע

טליתים און תפילין אויף די קעפּ, און געקוקט די רוצחים גלייך אין זייערע פּרצופים אַריין, גלייך אין זייער מערדערישע אויגן. די מערדער זיינען געבליבן אַ ביסל געפּלעפט, אָבער בלויז אַ ווײַלע האָט עס אָנגעהאַלטן, גלייך האָבן זיי זיך גענומען איזדעקיווען איבער די אידן און שלאָגן זיי מכות רצח. ווי לאַנג דאָס דאָזיקע שלאָגן און פּייניקן האָט געדויערט, ווייס איך ניט גענוי, אָבער אין עטלעכע שעה נאָך דעם מערדערישן איבערפאַל, האָט מען געפירט די אידן איבער די גאַסן פון קאָוונע, צעבלוטיקטע, צעשלאָגענע און צעפּייניקטע. אָבער אויך אין דעם צושטאַנד, האָט קיינער פון זיי ניט צוזאמענגעבראָכן. זיי זיינען געגאַנגען גלייך און שטאָלץ, איינגעהילט אין די טליתים, אָנגעטאָן אין די תפילין, זיי זיינען געגאַנגען ווי אַן אַרמיי — ווי ג־ט׳ס חייל . . . בלוט האָט געשטראָמט פון אַ סך געזיכטער, די טליתים זיינען געווען באַפלעקט מיט בלוט, מיט הייליק אידיש בלוט. געפירט האָט מען זיי ביז צום טייך וויליע, דאָרט האָט מען זיי באַפוילן גראָבן גריבער. די אידן האָבן די גריבער געגראָבן, איינגעהילט אין טלית, מיטן של ראש אויפן קאָפּ, וואָס האָט יעדן פון זיי דערמאָנט אין דעם „אחד״, אַזוי זיינען זיי געשטאַנען און געגראָבן קברים פאַר זיך אַליין, ווי מען גראָבט טראַנשייען. עס האָט אויסגעזען, האָבן דערציילט מענטשן וועלכע האָבן עס אַליין געזען, ווי זיי, די נאַציס, וואָלטן געווען די געפאַנגענע און די אידן אין די טליתים — די זיגער.

קיינער פון די אידן האָט זיך נאַטירליך, ניט געמאַכט קיין אילוזיעס וועגן דעם וואָס עס וועט מיט אים געשען אַ פּאָר מינוט שפּעטער. אָבער אין די דאָזיקע לעצטע מינוטן פון זייער לעבן האָבן די קדושים ניט צוזאמענגעבראָכן.

עס האָבן זיך גענומען צונויפזאמלען אַרום דעם פּלאַץ אַלץ גרעסערע צאָלן ליטווישע אַנטיסעמיטן. זיי האָבן געלאַכט, הנאה געהאַט פון דעם ספּעקטאַקל און זיך איזדעקיוועט איבער די הילפלאָזע אידן. זיי האָבן עס געטאָן מיט דער אַבזיכט צו פּראָוואָצירן די אידן, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען, זיי האָבן די אידן ניט געקאָנט פּראָוואָצירן. די אידן זיינען געבליבן שטאַרק ביי זיך. זיי האָבן ווייטער געזאָגט זייער תפילות

און נאָך מיט מער כוונה, מיט מער ברען, מיט מער קדושה ווי ווען עס איז. קיינער פון זיי האָט נישט געגלויבט, אַז דאָס וואָס ער טוט אָדער דאָס וואָס עס וועט געשען מיט אים אַ ווייל שפּעטער, קאָן אים אָנרירן אָדער ווי טאָן. זיי זיינען געשטאַנען און געזאָגט וידוי, געגראָבן מיט די לאַפּעטעס די ערד, פאַר זייערע אייגענע קברים, אָבער דאָס האָט זיי מער ניט געאַרט. אין יענעם מאָמענט זיינען זיי שוין ניט געווען קיין טייל פון דעם עולם השקר, זיי האָבן שוין געהערט צו אַ העכערער וועלט, צום עולם האמת.

די נאַציס מיט די מאַשין־געווערן, די ליטווישע פאַשיסטן מיט העק און אייזנס, האָבן פאַר זיי מער ניט עקזיסטירט. דאָס איז פאַר זיי געווען נישט מער, ווי אַ טייל פון דעם מיסט אין דעם פּרוזדור פון דער וועלט.

ווען די נאַציס האָבן אויף זיי אויסגעשאָסן און זיי זיינען געפאַלן, האָט זיך געהערט אַ ניגון פון תהילים — דער האַרציקער, נשמה׳דיקער ליטווישער תהילים־ניגון. און אַזוי, מיט אַ געזאַנג פון נעים זמירות ישראל, זיינען די קדושים פון אלטן בית המדרש, געפאלן אין די קברים אַריין וואָס זיי האָבן פאַר זיך אַליין אויסגעגראָבן. —

ווען איך בין באַפרייט געוואָרן (אויגוסט 1944) האָבן מיר אויסגעגראָבן די קברים און געבראַכט די קדושים צו קבורה אויפן סלאָבאָדקער געטאָ בית־עולם, און — וואונדער! אַ טייל פון די קדושים זיינען נאָך געווען איינגעהילט אין די איבערבלייבענישן פון די טליתים. יהי זכרם ברוך.

קאפיטל דריי

סלאבאדקער ישיבה „כנסת־ישראל"

ווער פון אונז האט ניט געהערט פון סלאָבאָדקע?

סלאָבאָדקע איז דאָך ניט בלויז אַ שטעטל מיט אידן — ניט בלויז אַ ליטוויש־אידישע שטאָדט מיט טראַדיציע און מיט איר אייגענעם נוסח, מיט איר אייגנאַרטיקן גאַנג?

סלאָבאָדקע איז דאָך געווען אַ גאַנצע וועלט, — אַ וועלט פאַר זיך, סלאָבאָדקע איז באַרימט געוואָרן צוליב אירע ישיבות, צוליב איר תורה, — און ספּעציעל איבער איר גרויסער באמת וועלט באַרימטע ישיבה „כנסת־ישראל".

כנסת ישראל איז געווען באַוואוסט איבער דער וועלט אַלס די „סלאָבאָדקער ישיבה". און אַזוי וועלן מיר וועגן איר דערציילן. „כנסת ישראל" וועט אריינגיין אין דער אידישער געשיכטע אַלס „סלאָבאָדקער ישיבה", — זי איז געווען די גרעסטע ישיבה אין סלאָבאָדקע און איינע פון די גרעסטער אין דער וועלט.

די ישיבה אין סלאָבאָדקע איז ניטאָ. זי איז אָפּגעווישט געוואָרן צוזאמען מיט אירע אידן, מיט אירע טייערע לומדישע בעלי בתים און רבנים און וואונדערלעכע תלמידים. ג־ט, ווי קען מען עס דערציילן וועגן אזאַ חורבן? און ווי קען מען עס פארגעסן — פון דער אַנדער זייט, — אַז אַ חוץ דעם טייל תלמידים וואָס געפינען זיך איצט אין בני־ברק (מדינת ישראל) וואו די טראַדיציע פון סלאָבאָדקע ווערט פאָרט־געזעצט דורך איר ראש הישיבה, הגאון ר' יצחק אייזיק שער, — איז אַלץ חרוב ונחרב?

סלאָבאָדקע איז ניטאָ, אָפּגעווישט געוואָרן סלאָבאָדקע. איך האָב

געזען מיט מיינע אויגן ווי דער חורבן איז געשען, איז ווי דערציילט מען עס, ליבע אידן?

אַלע געדענקען סלאָבאָדקע. סלאָבאָדקע איז אַ וועלט באַגריף, אַ היסטאָרישער באַגריף, אויף אַלע אייביקייטן פאַרבונדן מיטן קאַמף פון ישראל סבא פאַר דער אויפהאַלטונג פון אונזער גייסט, אין דער מלחמה פון ישראל בין העמים. די דאָזיקע סלאָבאָדקע געדענקען אַלע, און די דאָזיקע סלאָבאָדקע וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין. זי לעבט איצט אין בני־ברק, אין דער נייער סלאָבאָדקער ישיבה. איר גייסט ווערט ווייטער געשפּונען דורך אַ טייל פון די תלמידים אירע וואָס די השגחה האָט גע־ראַטעוועט פון די דייטשישע קרעמאַטאָריומס און גאַז־אויוונס אַרויס. אָבער ניט וועגן דער דאָזיקער, אייביקער, נצחיות׳דיקער סלאָבאָדקע וויל איך דאָ דערציילן. דאָס מאָל וויל איך דערציילן וועגן דער סלאָבאָדקע וואָס אַלע ליטווישע אידן געדענקען, די סלאָבאָדקער פון די מוסר׳ניקעס, מיט דער גרויסער „כנסת ישראל״, — די סלאָבאָדקער ישיבה, מיט „ה״ הידיעה.

ליטווישע אידן געדענקען דעם „אַלטן״ גרויסן הילצערנעם בנין אויף ווינקל־גלעזער און פורמאַן גאַס, וואו במשך פון אַ יובל יאָרן האָט געלויכטן מיט אַן אומפאַרלעשלעכן פייער, דער אור תורה און וואו דורות האָבן זיך דערצויגן אויף דער ריינסטער אידישער עטיק, — סלאָבאָדקער מוסר.

ניט קיין גרויסע לאָמפּן האָבן געברענט אין דעם גרויסן בית־מדרש זאַל פון דער ישיבה. די עלעקטרישע ליכט זיינען ערגעץ אַנדערש געווען שטאַרקערע, אָבער סלאָבאָדקער ליכט האָבן געהאַט פייער און נשמה. ניט די אויגן האָבן זיי פאַרבלענדט, נאָר די נשמה דערהויבן.

איך געדענק ווי שבת פאַר־נאַכט נאָך שלוש סעודות, פלעגט זיך צונויפקומען דער עולם ישיבה־לייט און זיך זעצן לערנען מוסר. יעדערער האָט זיך געמאַכט זיין אייגענעם חשבון הנפש. ניט נאָר וועגן זיך האָט געטראַכט אַ ישיבה־בחור פון סלאָבאָדקער ישיבה. ער האָט געטראַכט וועגן דער גאַנצער וועלט; וועגן איד און וועלט, וועגן אמת׳ן גייסטיקן תכלית; וועגן אהבת הבורא, וועגן אהבת ישראל.

אין דער דאַזיקער אַטמאָספערע פון קדושה וטהרה, צווישן די דאָזיקע שבת־יום־טוב׳דיקע יונגע־לייט און סתם בעלי־בתים וועלכע פלעגן זיך ארייננכאַפּן אַנווארימען די נשמה. מען פלעגט קומען פון קאָוונע אפילו, ווי דער „אַלטער" פלעגט זאָגן: „דער בריק איז פון קאָוונע קיין סלאָבאָדקע און ניט פאַרקערט", האָט זיך באוויזן דער ראש הישיבה הגאון ר׳ יצחק אייזיק שער שליט״א און אָנגעהויבן זאָגן, מיט אַ דערהויבענער שטימע, מוסר.

היינט איז די ישיבה אין סלאָבאָדקע מער ניטאָ. עס איז אויסגעריסן געוואָרן, צוזאמען מיטן פאָלק, דער אמת׳ער „עץ חיים" פון סלאָבאָדקע — די ישיבה.

אָבער איידער איך וועל דאָ געענוי דערציילן, ווי אַזוי די ישיבה איז ליקווידירט געוואָרן, ווי אזוי עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דער גאון ר׳ אברהם גראָדזענסקי, דער מנהל רוחני הי״ד, און מיטן גאון ר׳ פייביל הורוויץ, ר״מ פון ישיבה, הי״ד, מיט די טייערע סלאָבאָדקער ישיבה לייט, וויל איך אין געציילטע שורות איבערגעבן די געשיכטע פון דעם דאָזיקן וועלט באַרימטן תורה־צענטער.

די ישיבה וואָס האָט געטראָגן אָפיציעל דעם נאָמען „כנסת ישראל" איז געגרינדעט געוואָרן אין דעם יאָר תרמ״ב אינם גייסט און אויפן נאָמען פון וועלט גאון און פארשפרייטער פון מוסר, מרן ר׳ ישראל סאלאנטער זצוקל״ה — דורך דעם גרויסן מרביץ תורה, דער רבי פון טויזנטער ישיבה לייט און גייסטיקער ריז ר׳ נטע הירש פינקל זצ״ל, (באַקאַנט אין דער ישיבה׳שער וועלט אונטער נאָמען „דער אלטער") און מיט דער מיטהילף פון דעמאָלט פעטערבורגער רב הגאון ר׳ יצחק בלאָזער זצ״ל.

געשטויסן דערצו האָט דעם הויפט אינציאַטאָר, דאָס כסדר׳דיקע קלענער ווערן פון די לומדי תורה ביי אידן, און איבערהויפט דאָס וואָס ס׳איז געשלאָסן געוואָרן די באַרימטע וואָלאָזשינער ישיבה.

גלייך ביי דער גרינדונג האָט זיך שוין געמערקט דער כאראקטער און ברייטער פאַרנעם פון דער ישיבה, אַ דאַנק דער גוואַלדיקער ענערגיע פון איר אינציאַטאָר, וועלכער איז געוועזן דורכגענומען מיט דער

שיטת המוסר, און אַ דאַנק די ערשטע מאַטעריעלע הילף פון דעם באַ־וואוסטן נדבן עובדי' לאכמאַן ז"ל פון בערלין, איז די סלאָבאָדקער ישיבה געוואָרן וועלט באַרימט.

סלאָבאָדקער ישיבה האָט אין משך פון איר עקזיסטענץ אַרויס געגעבן א ריזיקע צאָל תלמידים פון וועלכע עס זיינען שפּעטער געוואָרן באַרימטע ראשי ישיבות, רבנים און גדולי התורה וואָס האָבן איר נאָמען בארימט געמאַכט איבער דער גאַנצער וועלט.

פון די תלמידים פון דער סלאָבאָדקער ישיבה זיינען שפּעטער אויך באַרימט געוואָרן באוואוסטע פּערזענלעכקייטן שרייבער און דענקער אויף אַלע געביטן פון אידישן שאַפן, און פון אַלע ריכטונגען. דערנאָך ווען עס איז אנשטאַנען די ליטווישע רעגירונג, האָט אויך די רעגירונג אָפּ־געשאַצט דעם באַדייט פון דער ישיבה אַלס צענטער פון אידישן לערנען אין וועלט מאַסשטאַב און געגעבן דער ישיבה די זעלבע רעכט ווי אירע העכערע וועלטלעכע אַנשטאַלטן.

אין פאַקט האָט די ישיבה געדינט צו יענער צייט אַלס „קבוץ גליות" פון די בעסטע ישיבה־לייט צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען בחורים פון ליטע, פּוילן, דייטשלאנד, טשעכאָסלאָוואקיי, אונגארן, אמעריקע, ענגלאנד, ארץ־־שראל און אַנדערע לענדער.

ביז דעם 22־טן יוני 1941, האָט די ישיבה נאָך אַנגעהאַלטן איר פולן גלאַנץ. מאַנטיק פרי, דעם 23־טן יוני, איז נאָך די ישיבה געווען אין גאנצן באשטאַנד. אינדערפרי, אז די דייטשן האָבן זיך דער־נעענטערט צו קאָוונע און די באָמבעס האָבן גענומען פליען איבער די קעפּ, און דאָ און דאָרט האָט אַ באָמבע אויפגעריסן, און אומגעבראַכט אומ־שולדיקע מענטשן, האָט מען מפסיק געווען דעם לערנען און אלע האָבן אַנגעהויבן זאָגן תהילים. עס איז אויסגעבראָכן געוואָרן א יללה און אַ געיאָמער. און ביים פּסוק „הצילני מרודפי כי אמצו ממני", האָט זיך דער עולם אַזוי צושריען אז מען האָט ממש ניט געהערט ווי עס פאַלן אַרויס די פענצטער פונם בנין.

אַנגעהויבן געזעגענען מיט דער דאָזיקער היכל התורה, די ישיבה

בחורים האָבן געוויינט, זיי האָבן געקושט ספרים, געגלעט די סטענדערס ביי וועלכע זיי האָבן געלערנט אזויפיל יאָרן, געקוקט אויף די הייליקע ווענט וואָס האָבן אין זיך אַזויפיל יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך קדושה און די ריינסטע אידישע לערע.

ישיבה־לייט האָבן זיך אָנגעהויבן געזעגענען.

מען איז צוגעגאַנגען צום גאון ר׳ אברהם׳ען, געקוקט אויף זיינע טיפע, וואונדערליכע, קלוגע אָבער צוגלייך תמימות׳דיקע אויגן, יעדערער איז דורכגענומען געוואָרן מיט די דורכדרינגליכע אויגן פון ר׳ אברהמ׳ען.

די אויגן פונם גאון און צדיק האָבן בארואיקט. אָבער צוגלייך האָט יעדערער אין זיי געזען אַ פראַגע: ווען וועט דער רבש״ע זיך אויף אונז מרחם זיין? ווען וועלן מיר זיך ווידער צונויפקומען צווישן די דאָזיקע הייליקע ווענט, פאַרטזעצן דאָס תורה־לערנען?

איך געדענק ווי איין יונג בחור׳ל האָט געפרעגט: „איך זעגן זיך מיט אייך רבי, איך גיי, אָבער, וואוהין? אפשר זאָל איך גאָר בלייבן?... קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין צו גיין. יעדערער איז געווען הילפסלאָז.

מען האָט געוואוסט, אַז די וועגן זיינען פאַרשפּאַרט, אַז די דייטשי־שע לופט־מחבלים שיסן מיט מאשין ביקסן פון די עראָפּלאַנען אויף פליכטלינגען.

אָבער מען האָט זיך געמוזט צוגיין.

קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן יענעם לעצטן פרימאָרגן אין סלאָבאָדקע. מען דאַרף שטענדיק געדענקען דעם דאַטום. עס איז געשיכטליכע געשעעניש. דער צוקונפטיקער היסטאָריקער וועט עס דאַרפן פאַרשרייבן: „דעם 23־טן יוני 1941, האָט מען אויפגעהערט לערנען אין סלאָבאָדקע, האָט מען דעם לעצטן מאָל געהערט דעם קול התורה, אויף ווינקל־גלעזער־און־פורמאַן גאַס״.

עטליכע טעג שפּעטער, פרייטיק דעם 27־טן יוני — ב׳ תמוז תש״א, איז אומגעקומען דורך די מערדערס דער יונגער גאון, איינער פון די ראשי־הישיבה, הרב ר׳ שרגא פייביל הורוויץ זצ״ל (דער זון פון דעם ראש־ישיבה פון סלאָבאָדקע, אלעקסאָטער רב, ר׳ ברוך הלוי הורוויץ זצ״ל).

דאָס איז געווען דער דריטער טאָג פון דעם מורא׳דיקן סלאָבאָדקער פּאָגראָם, בעת וועלכן עס זיינען אומגעקומען ישיבה־לייט און הונדערטער אידן.

ר׳ שרגא פייביל, אַ יונגער מענטש אין בליענדיקן עלטער איז געזעסן ביי זיך אין שטוב אויף בוינע גאַס, ביי ר׳ חייקל׳ען דעם שוחט אין הויז און געלערנט. ער איז געווען דאָרט צוזאַמען מיט זיין פרוי און פינף יאָריקע מיידעלע, צוזאַמען מיט אים איז אויך געווען אַ ישיבה־בחור פון דייטשלאַנד, מיטן נאָמען וואָלף.

עס איז געווען באַלד אין דער פרי, די רבצין האָט באַמערקט ווי דער סטרוזש פירט דריי „שאוליסטן (ליטווישע נאַציס) צו דער דירה זייערער. עס האָט גענומען בלויז אַ ווײַלע, צו שפּעט געווען צו אַנטלויפן. די „שאוליסטן״ זיינען אריין.

אַן אויסצוריידן אַן איבעריקן וואָרט האָבן זיי גענומען ר׳ שרגא פייבלען צוזאמען מיטן בחור וואָלף, זיי ארויסגעפירט אויפן הויף, און ביי דער טיר פון זיין שטוב, אין די אויגן פון זיין פרוי און קינד, אים דערשאָסן. אויך דעם בחור האָט מען נעבאַך אויפן זעלבן גרויזאַמען, קאַלט־בלוטיקן אופן אומגעבראַכט.

אַזוי איז אומגעקומען איינער פון די בעסטע און יונגע, ראשי־הישיבה.

דאָס איז דער שרעקלעכער גרוס, דער מורא׳דיקער גרוס פון סלאָבאָדקע וואָס איך מוז איבערגעבן.

אַזוי איז עס געווען. אַזוי הפקר׳דיק, איז אלץ געווען, אין יענע שרעקלעכע טעג.

שפּעטער איז אויך אומגעקומען אויף אַ מורא׳דיקן רציחה׳דיקן אופן דער גרויסער מוסר אויטאָריטעט, ר׳ אברהם גראָדזענסקי זצ״ל. אָבער וועגן דעם מאַרטירערשאַפט פון ר׳ אברהם זצ״ל, אין אַן אַנדער קאַפּיטל.

קאפיטל פיר

דער קידוש השם פון סלאבאדקער ישיבה־לייט

א סך שוידערלעכע, מאוים׳דיקע טראגעדיעס האָבן זיך אָפּגעשפילט אין לעבן פון די אידן אין סלאָבאָדקע אונטער דער נאצישער אָקופּאַציע. אָבער שרעקלעכער פון אַלץ איז אפשר געווען דער סוף פון די בני תורה, די בני הישיבות און פון דער אידישער אינטעליגענץ אין אַלע אירע קאַלירן און שאַטירונגען בכלל.

פאַר דער אויסראָטונג פונם פאָלק האָבן די נאַציס געוואָלט, קודם כל, אומברענגען דעם אידישן גייסט, די קעפּ פונם ישוב, כדי זיי זאָלן שפּעטער קאָנען טאָן מיט די אידן וואָס זיי ווילן, כדי אידן זאָלן פארלירן זייערע פירער, זייערע מנהיגים, זייערע לערער אין דער עת צרה. זיי האָבן געוואָלט, פאַר אַלעס, אָפּהאַקן דעם קאָפּ, ביים דענקענדיקן אידישן ציבור, כדי עס זאָל שפּעטער ווערן אינגאַנצן הילפלאָז און פאַרלירן זיין ליכטיקע צורה — דעם אור תורה.

דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ פּלאַן, מיט אַ סיסטעם. פונקט ווי די גאַנצע אויסראָטונג פון אידן איז געקומען לויט א סדר, סיסטעמאטיש, אזוי איז אויך געווען דער אָנהויב. סיסטעמאַטיש איז אָנגעגאַנגען די פאַרניכטונג פון דער שיינער ליטווישער אידישער אינטעליגענץ אין אַלע אירע קאַלירן, די רעליגיעזע און וועלטלעכע, די תורה־אויטאָריטעטן און די וועלטלעכע קולטור־עסקנים.

די דייטשן פלעגן זיך בארימען, אז זייער צוועק איז צו פאַרוואַנדלען אידן אין צוויי־פיסיקע חיות.

איך געדענק אַ דייטש אין קאָוונע, וואָס פלעגט זאָגן אָפן:

„עס קאָן זיין, אַז עס וועלן בלייבן אידן. אָבער די, וואָס וועלן בלייבן, וועלן זיין ווי צוויי־פיסיקע חיות״.

אָנגעהויבן די דאָזיקע אנטמענטשונג פון אידן האָבן די דייטשן פון די קינדער.

איך קאָן ניט פאַרגעסן אַ סצענע ביים קאָוונער פלי־פעלד, וואו אידן זיינען געווען שקלאַפן־אַרבעטער.

אַ דייטש האָט צוגערופן צו זיך אַ גרופּע אידישע קינדער, אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע און פאַמעלאַך צו שניטן אַ קאַרטאָפל און די שטיקלעך געוואָרפן פאַר די קינדער, ווי להבדיל, מען וואַרפט עסן פאַר הונגעריקע הינט. ער האָט געוואָלט, אַז די אידישע קינדער זאָלן זיך שלאָגן צווישן זיך איבער אַ שטיקל קאַרטאָפל.

ער האָט געוואוסט, דער רוצח, אַז די קינדער זיינען אויסגעהונגערט, אז זיי וועלן זיך ניט איינהאַלטן, אז זיי וועלן זיך וואַרפן אויף די שטיקלאַך רויע קאַרטאָפל.

דער מערדער האָט זיי געוואָלט פאַרוואַנדלען אין חיות, רחמנא ליצלן...

יענעם אָוונט, נאָך דער דאָזיקער שרעקלעכער פּאַסירונג, ווען די קינדער האָבן זיך געריסן איבער אַ שטיקל רויע קאַרטאָפל, האָב איך געפּרואווט זיי דערקלערן, נאָך דער ארבעט פלעגן יונגע בחורים׳לעך און קינדער ביי מיר לערנען אין „תפארת בחורים״, וואָס דער צוועק פון די רוצחים איז ביים וואַרפן שפייז פאַר די אידישע קינדער.

די נאַציס, האָב איך זיי דערקלערט, ווילן ביי אונז צונעמען דאָס, וואָס זיי קאָנען ניט באַזיגן אין אונז — דעם צלם אלקים— טייערע קינדער, האָב איך זיך צו זיי געווענדעט, איך ווייס, אַז איר זייט הונגעריק, אָבער געדענקט, אַז מיר טאָרן ניט ווייזן די מערדער אַז מיר אידן, אַפילו ווען דער הונגער פּייניקט אונז, זיינען מיר ניט פייאיק זיך צו דערנידעריקן צו זייער געפאַלנקייט.

איך בין געווען אינגאַנצן אונטערן איינדרוק פון יענעם מורא׳דיקן בילד ביים פלי־פעלד. איך האָב געהאַט טרערן אין די אויגן, זיך ניט גע־

קאַנט איינהאַלטן פון אַרויסוואַרפן פאַר די קינדער דעם שווערן רושם וואָס די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אויף מיר געמאַכט.

האָט זיך אויפגעשטעלט איין בחור'ל מאיר אַבעלאָוו (דעם אזעראַנער רב'ס זון), אַ בלאַסער, רויט־געלבליכער בחור, מיט אַן ערנסטן, אומטעטיקן אויסדרוק אין זיין פּנים, און מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, געזאָגט צו מיר:

„רבי, צו מיינט איר, אַז מיר ווייסן דאָס ניט? אָבער וואָס קאָנען מיר טאָן אַז מיר זיינען הונגעריק?"

דאָס בחור'ל האָט מיר דערביי דערמאָנט די גמרא אין בבא בתרא „רעב קשה מחרב" (הונגער איז ערגער ווי אַ שווערד). (ער און זיין מוטער און ברודערל זיינען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם).

וואָס האָב איך אים געקענט ענטפערן דאַרויף?

איך האָב שוין דאַן, נעבאַך, געזען ווי די שווערד פונם מלאך המות הענגט איבער אונז אַלעמען. האָב איך אים געוואָלט זאָגן, אַז איך וויל, אַז מיר זאָלן, חס וחלילה, אויפן וועג צו קידוש השם, ניט פאַרלירן אונזער אידישע בעטלעכקייט?

* * *

ווי געזאָגט, אָנגעהויבן האָבן זיי מיט זייער מלחמה קעגן צלם אלקים אינם איד — און קעגן די, קודם כל, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך דעם אידישן גייסט.

אין די פּראָווינץ־שטעט, צום ביישפּיל, האָבן די דייטשן קודם כל, דערשאָסן די רבנים, די תלמידי חכמים און די לאָקאַלע אינטעליגענץ.

יעדן טאָג האָבן מיר געהערט נייע בשורות וועגן אומקום פון רבנים און ישיבה לייט. די סלאָבאָדקער בחורים, און יונגע־לייט פון „קאָוונער כולל" פלעגט מען כסדר כאַפּן אין די גאַסן און פון די הייזער און זיי פירן צום זיבעטן און ניינטן פאָרט פאַר הינריכטונג.

איין מעשה נורא האָט אונז באַזונדערס אויפגעשוידערט.

עס איז די געשיכטע פונם טראַגישן אומקום — און קידוש השם — פון דעם טייערן סלאָבאָדקער ישיבה בחור, חיים לופט, באַוואוסט אַלס,

חיים אוטיאַנער, לויטן נאָמען פון שטעטל אוטיאַן, פון וואַנעט ער האָט געשטאַמט.

די באַלעבאָסטע פון זיין קוואַרטיר, פרוי ראַגאַלסקי, פון בוינע גאַס 38, אין סלאָבאָדקע, האָט מיר דערציילט די איינצעלהייטן פון זיין קידוש השם.

חיים לופּט איז אַרעסטירט געוואָרן אין די ערשטע טעג נאָך דער אָקופּאַציע, ווען מען פלעגט כאַפּן אידן אין די גאַסן און אַריינקומען זוכן אידן אין די הייזער. (ווי מען האָט דאָס גערופן די „כאַפּעניש״).

ווען צוויי ליטווישע פאַשיסטן זיינען אַריינגעקומען אין זיין קוואַרטיר, איז חיים געשטאַנען און געדאַווענט שחרית. ער איז געווען אָנגעטאָן אין די תפילין. ווען די רוצחים האָבן דערזען דעם בחור אָנגעטאָן אין די תפילין, איז זייער רוגזה געוואָרן נאָך שטאַרקער.

איינער פון זיי האָט אַ געשריי געטאָן מיט זיין גאַנצער יוכע:

— דו ביזט הייסט עס אַ „ראַבינאַס״ (רב)? קום! מיר וועלן זיך שוין ספּראַווען מיט דיר און ווייזן, ווי מיר באַהאַנדלען רבנים!

חיים לופּט האָט געענטפערט קאַלט און פעסט:

— איר וועט מוזן וואַרטן ביז איך וועלן ענדיקן דאַווענען. דאַן וועל איך גיין מיט אייך!

— די רוצחים האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואַרט. זיי האָבן אַראָפּגע־ריסן די תפילין פון זיין קאָפּ און זיי אַוועקגעוואָרפן.

זיי האָבן דאַן חיים'ען אַרויסגעשלעפּט מיט געוואַלד פון שטוב. אים אָבער האָט עס ניט געאַרט, וואָס זיי איזדעקיווען זיך איבער אים. ער האָט נישט מער מפסיק געווען און הויך איבערן גאַנצן וועג צום ניינטן פאָרט געדאַווענט הויך און מוטיק.

אין ניינטן פאָרט האָט מען אים שפּעטער אומגעבראַכט אויף קידוש השם צוזאַמען מיט צענדליקער חברים זיינע פון דער ישיבה.

צווישן די וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט חיים לופּט, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות אין ניינטן פאָרט (דאָס איז אַ געוועזענע רוסישע פעסטונג) — זיינען געווען: העשל פּוהן,

דער זון פון טריסקער רב (ביידע אויפן עולם האמת); לייבל לעבידאָווער; לייב ערליך; יצחק קאַטלער; אהרן רייכמאַן; ישראל סעגאַל, פון פאזעלווע; חיים שיצקוס; לייב יאַוונעלאָוויץ; אברהם יצחק זאַקס; זאב גראַדזוענסקי; שמואל ראלבע; הרב ליפּע זילבער; הרב ר׳ חיים וועצערעבין; הרב חיים גילמאַן (הרב הראשי הערצאָג׳ס קאַזין) און אַנדערע.

אַן אַנדער שרעקליכע, מער נורא׳דיקע מעשה איז געווען דער אומקום פון קאַפּל פּעטינסקי, פון פּילווישאַק, וואָס איז געווען באַקאַנט אין סלאַבאַדקע אַלס קאַפּל פּילווישקער. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע בחורים אין סלאַבאַדקער ישיבה.

ווען די דייטשן האָבן געהאַלטן ביי אַריינקומען קיין קאָוונע, איז קאַפּל אַנטלאָפן אַהיים קיין פּילווישאַק צוזאַמען מיט זיין ברודער יצחק.

ביידן — קאַפּל און יצחק — איז געלונגען אויסצומיידן דעם גורל פון פּילווישקער אידן, ווען די נאַציס האָבן ליקווידירט די דאָרטיקע אידן. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט און געבליבן לעבן. זיי זיינען געלעגן באַהאַלטן ביי אַ גוי אויף אַ בוידעם.

ווען יקותיאל פרידמאַן פלעגט אים ברענגען עסן, האָט ער באַמערקט אַז, כאָטש ער איז שטאַרק אויסגעהונגערט, איז ער גאָרנישט טועם פונם עסן. האָט ער אים געפרעגט פאַר וואָס ער עסט נישט, האָט קאַפּל געענטפערט, אז ער קאָן זיך נישט צורירן צום עסן, איידער ער האָט וואַסער זיך צו וואַשן צום עסן. יקותיאל האָט אים געמוזט שפּעטער באַזאָרגן מיט וואַסער, און ער האָט געגעסן.

צוויי מאָנאַטן האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אויף דעם בוידעם און ניט אַרויס אין גאַס. אָבער סוף כל סוף האָט מען זיי ביידן געכאַפּט, דערשאָסן און באַגראָבן ביים טייכל פון שטעטל.

שפּעטער ווען דאָס אַייז איז צערונען געוואָרן און דאָס וואַסער איז ברייטער געוואָרן האָט זיי דער טייך אַרויסגעשווינקט...

יקותיאל פרידמאַן, וועמען עס איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן, און וועלכער לעבט ב״ה אין ישראל איצט, האָט שפּעטער דערציילט ווי אזוי הינט האָבן געפרעסן די קערפּערס פון די קדושים.

פרידמאַנען איז אָבער געלונגען צו ראַטעווען די קערפּערס, און מיט אַ סך מסירת נפש האָט ער אויך באַוויזן זיי מקבר צו זיין.

קאַפּיטל פינף

דער קידוש השם פון הגאון הצדיק ר׳ אלחנן וואסערמאַן און אַנדערע רבנים

ווי שרעקלעך און ווי מורא׳דיק עס איז ניט געווען דאָס לעבן, ריכטיקער, די מוטשעניש פון די אידן אין ליטע אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָבן דאָך צייטנווייז אַ לייכט געטאָן אין דעם חושך פון די לאַגערן און געטאָ, שטראַלן פון ליכטיקייט.

די צאָל אידן איז געוואָרן קלענער פון טאָג צו טאָג. יעדן טאָג האָט מען פאַרמוטשעט מער אידן. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן קלענער אונזער צאָל. און מיט יעדן טאָג איז געוואָרן קלאָרער פאַר אונז, אַז אַלץ אַרום אונז גייט אונטער.

אַ ל ץ ?

דאָס וואָרט איז אַ ביסל צו שטאַרק. עס זיינען געווען פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען אַוועק קעמפן אין די וועלדער. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אונ־טערגעבן. און עס זיינען געווען ביי אונז, קודם כל, די גאונים וצדיקים פון ליטע וואָס האָבן אין דער סאמע געדיכטעסטער פינצטערניש אויפגע־האַלטן דעם נר תמיד פון נצחיות, וועלכע האָבן טראָץ דער שרעק־לעכער, עיפּוש׳דיקער נאַצי׳ אומריינקייט אַרום, שטענדיק באַוויזן אויפ־צוהיטן אַ ווינקל פון תורה, פון קדושה וטהרה.

גראָד דאָן אין יענע שווערע צייטן, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ גייט אונטער, אַז די פינצטערניש אַרום אונז ווערט אַלץ שווערער

און אומדערטרעגלעכער — פלעגן פון צייט צו צייט געשען וואונדער פון אידישן קידוש השם, וועלכע האָבן געשטאַרקט אונזער אמונה, פאַרטריבן די פאַרצווייפלונג, געהאָלפן אונז באַפעסטיקן אין אונזער אינערלעכן אומ־צעשטערבאַרן גלויבן אין נצח ישראל.

אַזאַ גרויס וואונדער וועגן וועלכן מען האָט אַ לאַנגע צייט גערעדט צווישן אידן אין ליטע איז געווען דער אומקום אויף קידוש השם פון הגאון הצדיק רבי אלחנן וואסערמאַן הי״ד, מיט נאָך צוועלף רבנים און ישיבה־לייט אויפן ניינטן פאָרט, י״א תמוז תש״א.

איך וויל טאַקע איצט דערציילן, וועגן די דאָזיקע קדושים, וואָס האָבן מיט זייער ביישפּיל אַריינגעגעבן מוט און בטחון אין די לעבן־געבליבענע, צו קענען דורכהאַלטן יענע שרעקלעכע טעג.

איך האָב שוין באַמערקט, אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, אַז ווען די דייטשן זיינען אַריין אין קאָוונע, האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן גע־יעגן און אַבלאַוועס, בעת וועלכע מען האָט אומגעבראַכט אומצייליקע אידן מיט כל׳ערליי מיתות משונות.

דאָס איז נאָך געווען פאַר דער אויסזידלונג אין די געטאָס.

אין יענער צייט נאָכדעם ווי עס איז פאַרמאַכט געוואָרן די גרויסע סלאָבאָדקער ישיבה, האָבן דאָך די גדולי ישראל באַשלאָסן ניט אויפצוגעבן דאָס לערנען תורה.

דער אהל תורה אין סלאָבאָדקע איז געוואָרן די שטוב פון מיין הייליקן רבי׳ן, דער מנהל פון סלאָבאָדקער ישיבה, הגאון הצדיק רבי אברהם גראָדזענסקי הי״ד.

אין זיין הויז אויף 15 פאַנערו גאַס, האָבן זיך גלייך נאָכ׳ן אַריינ־מאַרש פון די דייטשן איינגעקוואַרטירט פיל רבנים, ראשי ישיבות און ישיבה בחורים.

מען קען זיך פאָרשטעלן ווי ענג עס איז געווען אין יענער דירה, ווי שרעקליך עס זיינען געווען די לעבנס־באַדינגונגען, און דאָך, טראָץ די שרעקלעכע לעבנס־באַדינגונגען, האָט דאָס לערנען תורה זיך ניט אָפּ־

געטאָן פון דעם הויז אויף קיין איינציקער מינוט. די ישיבות זיינען געווען געשלאָסן און דאָך זיינען געבליבן די דאָזיקע דלד אמות של הלכה.

דאָס זיינען געווען דלד אמות (פיר איילן) אין בוכשטעבליכן זין פונם וואָרט.

אגב: וואָלט געווען נישט ריכטיק צו לאָזן דעם איינדרוק, אז בלויז רבנים און גדולים האָבן אויפגעהאַלטן דעם ניצוץ פון אידישקייט און תורה אין יענע פינצטערע צייטן; ניט ווייניקער קידוש השם האָט זיך געמערקט ביי פשוט׳ע אידן פון פאָלק. זיי האָבן אַ חלק אין דעם גרויסן קידוש השם — פונקט ווי מיר אַלע.

איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן די גרויסקייט פון קידוש השם וואָס עס האָט ארויסגעוויזן אַ פשוטער אידישער שוסטער פון סלאָבאָדקע.

סלאָבאָדקער לאַנדסלייט געדענקען זייער גוט איטשע משה דער שוס־טער, גבאי פון שוסטער־קלויז אין סלאָבאָדקע. איטשע משה האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאר די נאַציס. ער איז געגאַנגען דאַוונען, געוואָלט האָבן שכר הליכה, און דאַוונען מיטן מנין.

אָפן, פאַר אַלעמען אין די אויגן, איז איטשע משה געגאַנגען דאַוונען מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם.

די דייטשן האָבן אים געכאַפּט. און ווען די רוצחים האָבן אים געפירט איבער די גאַסן איז איטשע משה געגאַנגען מיטן טלית און תפילין צווישן זייערע נאַצי־וועכטער ניט ווי ער וואָלט געגאַנגען מיט זיי, נאָר ווי ער וואָלט געגאַנגען טאָן אַ מצוה.

ווער עס האָט דעמאָלט געזען איטשע משה דעם שוסטער, ווי שטאָלץ, ווי ווירדיק, ווי מוטיק ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן צווישן דער דייטשי־שער וואַך, האָט געמוזט אין אים זען גרויסקייט און קידוש השם. זיין קאָפּ האָט ער געהאַלטן הויך אויפגעהויבן, זיין קערפּער גראַד און גלייך ווי אַ סטרונע.

* * *

דאָס בילד פון יענע גדולי ישראל אויף פאָנערו 15 אין דער צייט פון דעם נאַצי־טעראָר איזווירקליך אומבאַשרייבלעך. די הויפּט־פיגור

דאָרטן איז געווען הגאון הצדיק רבי אלחנן וואסערמאַן. לאָמיר אויף אַ ווײַלע זיך אָפּשטעלן מיט אַ קורצער באשרייבונג וועגן אים.

דער דאָזיקער גאון וצדיק איז געווען איינער פון די גרויסע פּער־זענלעכקייטן, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פארמאָגט. זיין ביאָגראַפיע איז אין קורצן ווי פאָלגט:

געבוירן אין יאָר תרל״ז אין בירז, (ליטע). שפּעטער האָט זיך די משפּחה אַריבערגעצויגן קיין בויסק, (לאַטוויע), דעריבער איז ער געווען באַרימט אין עולם הישיבות אַלס „דער בויסקער". ער האָט געלערנט אין טעלז, סלאָבאָדקע און דערנאָך אין בריסק ביי הגאון רבי חיים סאָלאָווייטשיק זצ״ל. פון זיין פריסטער יוגנט האָט ער גע׳שמ׳ט אַלס עילוי וצדיק. דער באַרימטער גאון רבי מאיר אטלאַס זצ״ל, רב אין סאַלאַנט, דערנאָך אין שאַוועל, האָט אים אויסגעקליבן אַלס איידעם.

אין 1903 איז רבי אלחנן אויפגענומען געוואָרן אַלס ראש־ישיבה אין אַמטשיסלאַוו. אין יאָר 1907 איז ער געפאָרן לערנען, אַלס פּרוש, אין ראַדין, ביים „חפץ חיים".

אין 1910, מיט דער צושטימונג און ברכה פון „חפץ חיים", איז רבי אלחנן אויפגענומען געוואָרן אַלס ראש־ישיבה אין בריסק. אין די מלחמה־יאָרן פון 1914—1920 ראש ישיבה אין סמילאָוויטש. נאָכן קריג — ראש - ישיבה און גרינדער פון דער ישיבה „אוהל תורה" אין באַראַנאָוויטש, וואו עס האָבן געלערנט הונדערטער תלמידים פון דער גאַנצער וועלט.

רבי אלחנן האָט קיינמאָל קיין רב ניט געוואָלט זיין, ער האָט אונטער קיינע אומשטענדן ניט געוואָלט אויף זיך נעמען דעם „עול הרבנות" אפילו ווען די שטאָט שאַוועל (ליטע), האָט אין 1926, נאָך דער פּטירה פון הגאון רבי מאיר אַטלאַס זיך ביי אים געבעטן צו פאַרנעמען דעם בכבוד׳יקן כסא הרבנות, אויף וועלכן זיין שווער איז געזעסן ביי צוויי צענדליק יאָרן.

רבי אלחנן איז געווען דער אָנערקענטסטער און פּראָמינענטסטער נאָכפאָלגער און תלמיד מובהק פון חפץ חיים. ער איז איבעראַל געווען פאַרעכנט אַלס דער צווייטער חפץ חיים. זיינע ערהאַבענע מידות, מעשים

און הנהגות, אומבויגזאמער כאראַקטער, זיין זהירות, זריזות און פייער־דיקע קנאות, זיין פשטות, ישרות און תמימות רעפלעקטירן אַמשענסטן דאָס לעבן און ווירקונג פון חפץ חיים.

צווישן זיינע פאַרעפנטלעכע ספרים און קונטרסים זיינען:

1) „ספר שו״ת הרשב״א מלוקטים מתוך ספרי השו״ת „ספר קובץ הערות״ למסכת יבמות; 2) „אוהל תורה״ דריי טיילן; 3) „קונטרס דברי סופרים״; 4) „קובץ שעורים״, ווי אויך פילע מאמרים, חידושי תורה און דברי מוסר אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, צייטונגען און העפטן.

פון זיינע קינדער זיינען געבליבן לעבן הרב שמחה וואסערמאַן, ראש־ישיבה אין בית יהודה אין דעטראָיט און ר׳ דוד וואַסערמאַן, אַ לערער אין אַ ישיבה אין ניו יאָרק.

לאָמיר זיך איצט אומקערן צום אומפאַרגעסלעכן בילד אינ׳ם הויז אויף פאַנערו 15:

אָט זיצט רבי אלחנן וואַסערמאַן, מיט זיין שיינעם פאַטריאַכאַלישן אויסזען. זיין לאַנגע, ווייסע באָרד האָט נאָך צוגעגעבן מער אויסדרוק זיין שיינעם קלוגן פנים. לעבן אים פלעגט זיצן ר׳ יוסף חיים זאַקס, ראש־ישיבה פון „אהל משה״ אין סלאָבאָדקע; רבי ישראל יעקב לובטשאַנסקי, משגיח פון באַראַנאָוויטשער ישיבה; ר׳ משה רייז, ראש־ישיבה פון סלאָנים; ר׳ שבתי ווערנאַקאָווסקי, משגיח פון לאָמזשער ישיבה; ר׳ דוד גאַדער, ר׳ יצחק גפן, דער שרייבער פון די שורות און נאָך רבנים און ישיבה־לייט.

אַרום און אַרום האָט זיך געמערקט אַזאַ קדושה, אַז מען האָט באמת געזען אַז צדיקים נהנים מזיו השכינה.

אָבערליידער האָט דער דאָזיקער נייער אהל תורה אָנגעהאַלטן בלויז צוויי וואָכן.

זונטיק פאַרנאַכט, י״א תמוז תש״א, איז געקומען דער תשעה באב פונ׳ם חורבן פון דעם אהל תורה.

פלוצלונג האָט זיך געעפנט דער איינגאַנגס־טויער פונם הויז און עס זיינען אַרייגעקומען פיר שאוליסטן (ליטווישע נאַציס).

רבי אלחנן וואסערמאַן האָט געלערנט פאַר אַלעמען דעם דף יומי פון נדה, מען איז געווען אַלע פאַרטיפט אין אַ שווערע סוגיא.

מען האָט דאַן גראַד זיך מתוכח געווען וועגן די דינים פון טומאה וטהרה. גראַד דאַן, צוליב דער שרעקלעכער אומריינקייט אַרום, האָט מען געלערנט די דינים פון טומאה און טהרה.

עס איז געווען נויטיק גראַד אין יענער צייט זיך צו פאַרטיפן אין די ענינים פון ריינקייט.

אָט אַזוי ווען מען איז געזעסן און זיך פאַרטיפט אין לערנען אין שווערע סוגיות, זיינען אריין די פיר ליטווישע רוצחים.

זייער ערשטן געשריי האָט קיינער כמעט ניט געהערט, איבערהויפט די דערמאָנטע גדולי התורה, זיי האָבן בכלל ניט געוואָלט הערן עפּעס אַנדערש ווי דעם קול תורה.

ווען די מערדער האָבן באַמערקט, אַז די רבנים זיצן און לערנען און זיי הערן ניט זייער געשריי, האָבן זיי אויסגעשאָסן פון די רעוואָל־ווערן. אַלץ האָט פּאַסירט אַזוי אומגעריכט פאַר די לערנענדיקע, אַז זיי האָבן אויפגעציטערט און זיך אויפגעשטעלט.

דאָס ציינישע געלעכטער פון די רוצחים האָט זיי באַגעגנט.

איינער פון די רוצחים האָט זיך אָנגערופן:

— איר האָט געוואָלט אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד צו גיין קיין פּאַלעס־טינא, אָבער מיר האָבן אייך געפּאַקט, איר וועט זיך פון אונז ניט אַרויסדרייען.

אַ צווייטער האָט גלייך געגעבן אַ באַפעל: אויסשטעלן זיך אין דער ריי, און קומט מיט!

די רבנים און גדולי התורה האָבן פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט.

מען האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, אָבער די ליטווישע רוצחים איז עס ניט געפעלן. זיי האָבן איבערגעשטעלט די אַרעסטירטע. אין פראָנט האָבן זיי אַוועקגעשטעלט רבי אלחנן וואַסערמאַן און לעבן אים רבי יוסף חיים זאַקס און אַנדערע רבנים מיט די שענערע פּאַטריאַכאַלישע פּנים׳ער.

וואָס שייך רבי אברהם גראָדזענסקי הי״ד — וועלכער איז געלעגן אין בעט מיט זיין קראַנקן פוס — האָבן די רוצחים זיך ניט געקאָנט אַנטשליסן

אים מיטצונעמען. זיי האָבן געוואָלט האָבן מאַרשירער, גייער, געוואָלט פירן די פירער פון אידנטום מיט „פּאַראַד״.

אַלע איבעריקע האָבן זיי באַשלאָסן מיטצונעמען.

אינמיטן די הכנות צום גיין, ווען רבי אלחנן וואַסערמאַן האָט געפילט ווי עס האַלט, האָט ער גענומען ריידן צו די אַרעסטירטע.

רבי אלחנן האָט גערעדט רואיק און געלאַסן ווי תמיד. אפילו די שטימע האָט זיך ביי אים ניט געביטן. אויף זיין פנים איז געווען די זעלבע ערנסטקייט וואָס תמיד. ער האָט גערעדט ווי ער האָט געפילט. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זיינען די לעצטע ווערטער זיינע. ער האָט אפילו ניט אָנגעשלאָגן קיין פערזענלעכן טאָן, ניט געפּרואווט זיך געזעגענען מיט זיין זון ר' נפתלי, וואָס איז געלעגן מיט אַ צובראָכענער פוס, ווען די מערדער האָבן ניט מיטגענומען. ער האָט גערעדט צו אַלעמען, צו כלל ישראל.

„אין הימל אָפּנים האַלט מען אונז פאַר צדיקים, ווייל מען וויל דאָך אַז מען זאָל מכפר זיין מיט אונזערע גופים פאַר דעם כלל ישראל. דאַרפן מיר טאַקע תשובה טאָן אַצינד, גלייך אויפן אָרט. די צייט איז קורץ, דער „ניינטער פאָרט״ (וואו מען האָט טאַקע שפּעטער הינגעריכטעט) איז נאָענט. דאַרפן מיר אין זינען האָבן, אַז מיר זאָלן טאַקע מקדש השם זיין אויף אַן אמת. אויב מיר וועלן תשובה טאָן, וועלן מיר מיט דעם אָפּראַ־טעווען אונזערע אַמעריקאַנער ברידער און שוועסטער, כדי זיי זאָלן קאָנען ממשיך זיין דאָס „שארית ישראל״. (דער גאון און צדיק רבי אלחנן, איז דאָן געהאָט ניט לאַנג צוריקגעקומען פון אַמעריקע, וואו ער איז געווען אויף אַ באזוך).

דאַן האָט רבי אלחנן פאַרטגעזעצט:

„איצט לאָמיר גיין מיט געהויבענע קעפּ, זאָל חלילה ניט אריינפאַלן ביי קיינעם אין מוח אַ פּסול'ע מחשבה, וואָס איז פּיגול און מאַכט פּסול דעם קרבן. מיר זיינען איצט מקיים די גרעסטע מצוה: ק י ד ו ש ה ש ם. דאָס פייער וועט ברענען אונזער גופים, איז דאָס פייער וואָס וועט צוריק אויפריכטן דאָס אידישע פאָלק״.

אַזוי האָט מארשירט דער קדושים־צוג, מיט שטאָלץ און ווירדע זיינען זיי געגאנגען מכפּר צו זיין מיט זייערע אייגענע גופים, פאַר כלל ישראל.

דרייצן גדולי וקדושי ישראל. צווישן זיי דער גאון וצדיק רבי אלחנן וואסערמאַן הי״ד, האָט מען יענעם אָוונט אומגעבראַכט אויפן ניינטן פאָרט. ווי אַזוי איך בין דאַן לעבן געבליבן, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

פרויען וועלכע זיינען צומאָרגנס פון דאָרט באַפרייט געוואָרן, האָבן דערציילט, אז ווען די מאשין־ביקסן האָבן געקנאַלט, האָט מען געהערט אויסגעשרייען פון „שמע ישראל״, וועלכע האָבן איבערגעשריען דאָס קנאַלן פון די קוילן.

אַזוי זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, די דרייצן גדולי ישראל מיטן גאון און צדיק רבי אלחנן וואַסערמאַן הי״ד.

יהי זכרם ברוך!

* * *

אומגעקומענע קאָוונער רבנים:

הרב ר׳ אברהם דובער כהנא שפּירא, אב״ד פון קאָוונע, גע־שטאָרבן כ״ב אדר, תש״ג, אין געטאָ.

הרב ר׳ דוב צבי ביליצקי, (רב פון קאָוונער „נייעם פּלאַן״). ביים אָנהויב פון סאָוויעטישן דייטשן קריג איז הרב ביליצקי אנטלאָפן פון קאָוונע קיין ווילנע, וואו ער איז אומגעקומען ביי זשעזשמער.

הרב מה־יפית, (רב פון פּאנעמון), איז אומגעקומען דעם 26טן סעפּטעמבער, 1941, ביי די ערשטע געטאָ אקציע.

הרב ר׳ זלמן אסאָווסקי, (רב אין סלאָבאָדקע) איז אומגעקומען אין סלאָבאָדקער פּאָגראָם.

הרב ר׳ שמחה גיטעלעוויץ, (רב פון גרינעם בארג און ראש הישיבה פון „עטרת צבי״) איז אומגעקומען אויפן זיבעטן פאָרט נאָך פארן געטאָ.

הרב ר׳ יעקב משה שמוקלער, (רב פון שאנץ) איז געשטאָרבן א׳ פסח, תש״ג, אין געטאָ.

הרב ר׳ דוד פערעלמאַן, (אלעקסאָטער רב) איז אומגעקומען אין א בונקער אין בלאָק א׳ ביי דער געטאָ-ליקווידאציע.

הרב ר׳ משה סקארוטע, (רב אין סלאָבאָדקע) איז אומגעקומען אין בלאק א׳ ביי דער געטאָ-ליקווידאציע.

הרב ר׳ מרדכי קרימער, (רב פון סאָסי בארג) איז אומגעקומען אין די גרויסע אקציע ח׳ חשון, תש״ב.

הרב ר׳ שלמה קאַרב, (מו״צ אין קאָוונע), איז אומגעקומען אויפן זיבעטן פאָרט, נאָך פאַרן געטאָ.

הרב ר׳ שלמה מאנצער, (משגיח אויף כשרות) איז אומגעקומען דעם 26טן סעפטעמבער, 1941, ביי די ערשטע געטאָ-אקציע.

הרב ר׳ אהרן ברוידע, (רב אין קארמעליטע) איז אומגעקומען אין ריגע.

הרב ר׳ חיים מאָסט, (קאָוונער שטאָט-מגיד) איז אומגעקומען ביי די קינדער אקציע ד׳ ניסן, תש״ד.

קאפיטל זעקס

קאָוונער אידן ווערן פאַרטריבן אין געטאָ אַריין

יוני און יולי ביינצן איין און פערציק, זיינען געווען די חדשים פון בלוטיקסטן טעראָר אין אידישן ליטע. אין פאַרלויף פון יענע צוויי חדשים, האָט מען געמאָרדעוועט און געפייניקט טאָג און נאַכט. טויזנטער אידן — מענער, פרויען און קינדער, יונג און אַלט — זיינען דאָן דערהרג׳עט געוואָרן מיט אַלערלי מיתות משונות. דאָביי האָט מען, פאַרשטייט זיך, געראַבעוועט און געפּלינדערט וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אָבער דאָך — טראָץ די אַלע מערדערייען און רציחות — זיינען יענע צוויי חדשים געווען אַן „אידיליע״ אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס האָט זיך

אָפּגעשפּילט שפּעטער. אין יענע חדשים האָט מען טאַקע געטרויבט און גע׳הרג׳עט, אָבער דער בלוטיקער טעראָר איז נאָך ניט געווען אָרגאַניזירט, ער איז נאָך ניט געווען סיסטעמאַטיש און נאָך אָן אַ פּלאַן. עס איז געווען מער ליטווישער טעראָר, — אַ „הוליאַנקע״ קעגן אידן דורכגעפירט פון די „גוטע״ ליטווישע שכנים, איידער אַ פּלאַנירטע אויסראָטונגס אַקציע לויטן נאַצישן סיסטעם.

און דאָס ערגסטע אין דער גאַנצער געשיכטע פון מאָרד און גזילה, איז געווען דאָס, וואָס אידן האָבן אפילו דאַן נאָך ניט געזען וואָס עס קומט, וואָס עס דערוואַרט אונז שפּעטער, אַז דאָס דאָזיקע בלוטיקע שפּיל, איז ניט מער, ווי אַ פאָרשפּיל צו דער קומענדיקער גרויסער טראַ־געדיע. דער פּראָלאָג איז געווען בלוטיק גענוג, אָבער געווען אידן וואָס האָבן געגלויבט, אַז אפשר דאָך וועט זיך דאָס אַלץ איינשטעלן.

אָבער אַמאָל איז עס מער ניט קיין בטחון, נאָר אפשר נאָכלעסיקייט און אומפאָרזיכטיקייט. דאָס איז געשען אין ליטע. די נאַציס אליין — און זייערע אגענטן— האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז זיי, די נאַציס, קלייבן זיך מאַכן אָרדענונג. איטלעכער פון אונז האָט געוואוסט, אַז די דייטשן זיינען „מענטשן פון אָרדענונג״, און זיי אליין האָבן געזאָגט: „מיר דייטשן האַלטן אייך אידן פאַר אונזערע שונאים, דערפאַר וועלן מיר אייך מאַכן רעכטלאָז, און אייך שטעלן אין דער מדרגה פון פּאַריאַס, פון שקלאַפן־אַרבעטער, איר וועט פאַר אונז אַרבעטן, אַזוי ווי מען אַרבעט פאַר מייסטער און האַרן, און אויב איר וועט פאָלגן וועט אייך גאָרניט געשען.

אַזוי האָבן די נאַציס גערעדט צו די פירער פון עלטסטן־ראָט, די אידישע קהילה־פאַרוואַלטונג, וועלכע זיי האָבן אליין באַשטימט, דעם עלטסטן־ראָט האָבן זיי, נאַטירליך, נאָמינירט כדי ער זאָל מיט זיי קאָאָפּערירן אין דער דורכפירונג פון זייערע אייגענע פּלענער. אָבער ווי געזאָגט, ניט אַלע האָבן געפילט, אַז דער „יודנראַט״ איז ניט מער ווי אַן אינסטרומענט פאַר דער דורכפירונג פון נאַצישע פינצטערע פּלענער.

ניט אַלע האָבן געוואָלט, אָדער געקאָנט גלויבן, אַז אפילו די נאַציס זאָלן זיין פעיאיק אויף אַזעלכעס, אויסצוראָטן אַ גאַנץ פאָלק, ווי זיי

האָבן דאָס שפּעטער באַוויזן מיט זייערע מעשים. מען האָט זיך געט־רייסט מיט חלשות־טראָפּנס, דער אייביקער אידישער אָפּטימיזם האָט דאָ צוגעהאָלפן — יענער אָפּטימיזם וואָס גרענעצט זיך אָפּט מיט אומפאַרזיכ־טיקייט און לייכטגלויביקייט. דאָס איז געשען דעמאָלט אין ליטע.

אידן האָבן, אינמיטן דעם בלוטיקסטן טעראָר פון די ליטווינער, געגלויבט, געהאָפט, אַז טראָץ אַלעם, וועט עס זיך אָפּשטעלן; עס מוז דאָך נעמען אַן עק, האָבן זיי געטענה׳ט, ווי לאנג קאָן דען אָנהאלטן אַזאַ בלוט־באָד? און אַוודאי האָבן מיר אַלע, די אידן מאמינים, מתפּלל געווען און געהאָפט אויף אַ סיעתא דשמיא, אויף דער הימלישער הילף, און גראָד צווישן אונז, די גלויביקע אידן, איז געווען שטאַרק דאָס געפיל, אַז דער גזר איז גע׳חתמ׳עט, און על פּי דרך הטבע, אויפן נאַטירליכן וועג, איז ניטאָ קיין האָפענונג, אַז דאָס אַלץ זאָל זיך בקרוב ענדיקן. פּונקט פאַרקערט, מיר האָבן געפילט און געזען, אַז עס רוקט זיך אָן דאָס שרעקלעכסטע, אַז עס קומען די חבלי גאולה.

דער פּעריאָד פון בלוטיקן גאַסן־טעראָר האָט זיך טאַקע געענדיקט. דאָ און דאָרט זיינען אָנפאַלן און רציחות נאָך פאָרגעקומען, דאָס מאָרדן אידן האָט קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט. אָבער דער מאַסן־טעראָר, ווי ער איז אָנגעגאַנגען אין די ערשטע וואָכן און חדשים, האָט זיך מער ווייניקער אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה — דער פּעריאָד פון אומברענגען אידן לויט אַ סיסטעם, אויפן נאַציש אופן. ניט אַלע האָבן געוואוסט אַז דאָס איז עס, ווייל ווי געזאָגט, האָט עס זיך אָנ־געהויבן פון מאכן אָרדענונג, און אַריינברענגען דעם דייטשן „סדר״. די ליטווינער, האָבן, נאַטירליך, צוגעהאָלפן אויסראָטן אידן מיט גרויס ענטוזיאַזם, מיט באַגייסטערונג, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער אָקופּאַציע, אָבער די באַפעלן זיינען שוין געקומען פון די נאַציס. נאַצישע איינהייטלעכע פּלענער, פאַר דער אויסראָטונג פון די אידן אין אייראָפּע, וועלכע זיינען אויך אָנגעווענדט געוואָרן אין ליטע.

און אָנגעהויבן האָט עס זיך ביי אונז, ווי אומעטום אין אייראָפּע,

וואָס איז געווען אונטער זייער בלוטיקער ממשלה, מיט דער „אויסזידלונג".

„אויסזידלונג" איז געווען דער טערמין, וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן פאַר ארויסנעמען די אידן פון זייערע היים־שטעט און באַזעצן זיי אין קאָנצענטרירטע פלעצער, אַרבעטס לאַגערן און געטאָס. שפּעטער האָט עס געמיינט, פירן זיי אין פאַרניכטונגס לאַגערן.

צוערשט, ביים סאַמע אָנהייב, האָט עס דוכט זיך, נאָך געהייסן „איבערזידלונג". מען האָט, הייסט עס, בלויז אַריבערגעפירט אידן אין אַנדערע וואוינערטער. דאָס איז געווען דער פּעריאָד ווען מען האָט געשאַפן די „געטאָס".

אין קאָוונע האָט זיך די „איבערזידלונג" אין די געטאָס אַריין, אָנגעהויבן דעם 15־טן יולי 1941. דער דאָזיקער דאַטום דאַרף בלייבן ביי אונז אין זכרון, — דאָס איז געווען דער אָנהייב פונם טראַגישן סוף פון ליטווישן אידנטום.

יענעם טאָג האָבן די אידן פון קאָוונע זיך אָנגעהויבן אריבערציען אין די געטאָס אַריין, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין סלאָבאָדקע. דאָס טראַגישע דערביי איז, וואָס די צוויי געטאָס אין סלאָבאָדקע פאַר די קאָוונער אידן, האָבן די אידן אַליין געבויט.

אידישע יונגע לייט, צוואנגס־ארבעטער, האָבן עס געבויט. זיי האָבן ניט געוואוסט צוליב וואָס זיי בויען די געטאָ.

ביז דאַן האָבן שוין די אידן אין קאָוונע זיך געהאָט רעגיסטרירט אין ארבעטס־אַמט, און די וואָס האָבן זיך דאַרט פאַרשריבן האָבן אויך ניט געוואוסט, אַז דאָס רעגיסטרירן זיי זיך ביים מלאך המות. די נאַציס האָבן געדאַרפט האָבן אַלע אידישע נעמען, כדי זיי זאָלן קענען גרינגער און גיכער אומברענגען די אידן, כדי קיינער זאָל זיך ניט ראַטעווען. אָבער דאָס אַלץ, האָבן אידן אין דער ערשטער צייט ניט געוואוסט.

אין סלאָבאָדקע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי געטאָס: די גרויס געטאָ און די קליינע געטאָ. אין דער גרויסער געטאָ זיינען געווען פאַרשפּאַרט זיבן און צוואַנציק טויזנט פינף הונדערט אידן, און אין דער קליינער געטאָ, צוויי טויזנט פינף הונדער אידן. אַלץ איז געטאָן געוואָרן

מיט אַ סיסטעם. די צוויי געטאָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַ לאַנגער הילצערנעם שווינדל־בריק. און איבער איר זיינען אידן, דערשלאָגענע — געלאָפן פון דער גרויס־געטאָ צו דער קליין־געטאָ אראָפּ און אַרויף. די געטאָס האָבן געהאַט אַ שטאַרקע וואַך. יעדע צוויי מעטער איז געשטאַנען א סאָלדאַט — אַ דייטש אָדער א ליטווינער. אַזוי ווי, להבדיל, בהמות צו דער שחיטה, אזוי זיינען געגאַנגען די אידן אין די געטאָס אריין. זיי זיינען געגאַנגען צופוס, מענער, פרויען און קינדער. אויפן וועג האָט מען זיך געחוזקט איבער זיי. יעדן טאָג האָט זיך געצויגן דער מתים־מאַרש פון קאָוונע קיין סלאָבאָדקע.

און אפילו דאַן, ווען די אידן זיינען געגאַנגען אין די געטאָס אריין, האָבן נאָך אַ סך פון אונז געגלויבט, אז אולי ירחם, אפשר וועלן מיר דאָך געראַטעוועט ווערן. די דייטשן האָבן אונז געזאָגט, אַז איצט וועט די אידן זיין „גוט". זיי האָבן איינגערעדט אַ סך אידן, אז זיי וועלן האָבן אַן „אייגענע רעגירונג", זיי וועלן זיין בלויז צווישן אייגענע, זיי וועלן דאַרפן בלויז ארבעטן. געוויסע דייטשן האָבן גערעדט ערנסט, אַנדערע מיט שפּאַט און חוזק, אָבער די אומגליקליכע אידן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שטרוי פון האָפענונג; „אפשר, טאָמער — פיליי‏כט וועלן מיר דאָך קענען אויסהאַלטן די שווערע צייט . . . אפשר וועט עס בלייבן טאַקע בלויז ביי עבודת פרך. . . "

אַזוי האָבן אידן גערעדט, און בלויז ווייניקע צווישן זיי האָבן געפילט, אַז דאָס פאַרציט מען אַ שטריק אַרום האַלדז.

כדי צו שאפן פּלאַץ פאר אלע אידן אין די צוויי געטאָס, האָבן די דאָרטיקע ליטווינער געדאַרפט פאַרלאָזן זייערע דירות אין סלאָבאָדקע, און זיך אַריבערקלייבן אין קאָוונע אין די אידישע דירות, אָדער בלייבן אין סלאָבאָדקע, אין יענע גאַסן, וואָס זיינען נישט אַריין אין תחום פון געטאָ. עס איז אָבער אַלץ נישט געווען גענוג פּלאַץ פאַר די דרייסיק טויזנט אידן, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין קאָוונע. האָט מען דעם גרעסטן טייל בתי מדרשים פאַרוואַנדלט אין וואוינונגען, וואו א לאָך וואו אַ שפּאַרונע האָט מען פאַרכאַפּט, ווער ס'האָט געהאַט די מעגלעכקייט,

האָט געצאָלט ריזיקע סומען אָפּטרעט געלט און זיך באַזאָרגט מיט אַ דירה.

אמערגסטן אָבער, האָבן זיך געפילט די אומבאַמיטלסטע, וואָס האָבן נישט געקאָנט זיך איינשאַפן אַ שטיקל דירה. יענע האָבן דערווייל אַריבער־געפירט זייערע זאַכן, און זיי ערגעץ אָפּגעלייגט ביי אַ פריינט אָדער באַ־קאַנטן. אין אַ סך גאַסן זיינען געלעגן פונאַנדערגעוואָרפענע שטיקער מעבל, פּעק מיט זעק און פאַרשיידענע שטוב זאַכן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו אָרימע אידן, וואָס האָבן נישט געקאָנט געפינען פאַר זיך כאָטש אַ בוידעם דער אַ קעלער, וואו אהינצוטאָן זייער ביסל האָב און גוטס.

שוין אין דער ערשטער וואָך פון דער איבערזידלונג, האָט זיך דער גרעסטער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג געפונען אין דער געטאָ. זאָל זיין אין אַ געטאָ, אבי וואָס ווייטער די רוצחישע פּנימער, אַבי נישט הערן זייער חיה׳ש געבריל, — זאָל זיין אַ שטייג, אַבי זיין צווישן אידן.

און טאָג־איין טאָג־אויס האָבן זיך געשלעפּט וועגענער דורך דער סלאָבאָדקער בריק, אין געטאָ אריין. מען האָט פאַרלאָזן איינגעפונדעוועטע וואוינונגען, הייזער און נחלות און זיך געלאָזן הינטער די שטעכיקע דראָטן, אַבי מען זאָל זיי לאָזן צורו.

הינטערן שטעכיקן דראָט, האָט דאָס לעבן אָנגענומען אַ „נאָרמאַלן" מצב מיט אַלע ביטערע סתירות; מען האָט געלעבט מיט דער רגע, מען האָט זיך ארויסגעכאַפּט אויף אַ שעה פון דער מאָוימדיקער גרויס פון דער קאַטאַסטראָפע און מען האָט געהאָפט מה יביא יום.

מיט גרויס מסירות נפש איז געלונגען אַרויסצונעמען פון די קאָוו־נער שולן אַלע ספרי־תורה, און די ש״ס׳ן און ספרים. מיר האָבן אויך אַריבערגעפירט די ביבליאָטעק, פון רבי יצחק אלחנן זצ״ל, ווי אויך די ביכער פון די שטאָטישע ביבליאָטעקן, אַלץ איז דערווייל אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין פינצטערע צימערן אין דער אַגראָנאָם שולע וואָס איז געווען אין געטאָ.

דעם 15־טן אויגוסט, 1941, זיינען אידן אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ, מען האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין די חורבות, אַבי מען לעבט. אַ שטראָם פון נייע גזירות. קוים זיך צוגעוואוינט צו איין אָרט, און

אויף מאָרגן אַ נײַע פאַראָרדענונג: גײַן! בײַט מען אײַן גאַס אויף אַן צװײַטע דער שטח װערט אַלץ ענגער. מע יאָגט די אידן, װי אַ טשערעדע שאָף אין שטאַל אַרײַן, װאָס מיאוסער זײ צו מאַכן דאָס לעבן, טיפער מבייש זײַן.

אז קײן אויסװעג איז נישטאָ, װערט דער סאַמע אומנאַטירלעכסטער מצב נאַטירלעך. מען מאַכט שלום מיטן גורל, מען איז מצדיק את הדין, נאָר אַנצוהאַלטן אַ טראָפּן כח אין זיך. מען גלויבט אויף דער אויסלײזונג, אפילו בײַם סאַמע ברעג פון פאַרצװייפלונג. די אידן האָבן געמאַכט אַ פלויט פון שטעכיקע דראָט אַרום דער געטאָ.

יעדער מענטש האָט געהאַט פאַר זיך אַ שמאָל אָרט, װאו ער האָט זיך קוים געקאָנט אויסקערעװען. בײַ דעם לעצטן אַקט פון יציאת־קאָװנע, האָט מען בײַ אידן צוגענומען זײער מעבל, בשעת דעמדאָזיקן לעצטן רויב האָבן די נאַציס און זײערע יצר־משרתים געלאַכט און געשפּאָט פון די דערשלאָגענע און פאַרפּײניקטע קרבנות. מען האָט זיך איבער זײ איז־דיקעװעט, אַז זײ דאַרפן נישט האָבן אַזױפיל מעבל. אַז אין געטאָ װעלן זײ דאָס אײַנגאַנצן נישט דאַרפן האָבן. זאָלן זײ דאָס איבערלאָזן בײַ אונז אויף שפּעטער. װען זײ װעלן זיך צוריק אומקערן פון געטאָ, װעט זײ אַלץ צונויף־קומען און אין זײערע, ס'הײסט אין די הענט פון די ליטװינער, װעט אַלץ װערן אָפּגעהיט און קײן זאַך װעט נישט פעלן. דער סוף איז געװען אַז אויך די ליטװישע אונטערלעקער האָבן קײן זאַך נישט געקראָגן. די דײַטשן האָבן עס אין פולע װאַגאָנעס געשיקט קײן דײַטשלאַנד, אין אײגענע הײמען.

ביזן פופצענטן אויגוסט האָט געדויערט די איבערזידלונג אין געטאָ ז׳ חודש צײַט, דרײסיק טעג, האָט מען מאַרשירט איבער די גאַסן. אידן פלעגן פאַלן אויפן װעג אין געטאָ אַרײַן.

אַט אַזױ האָט זיך געענדיקט די געשיכטע פונם אידישן קאָװנע, פון דער עיר ואם בישראל, די שטאָט פון ר׳ יצחק אלחנן, די שטאָט פון ישיבות, פון תורה, פון אידישער קולטור, נײַער און אַלטער. אַלע זײַנע אַרויס־געטריבן געװאָרן. קײן איד איז דאָרט ניט פאַרבליבן נאָכן פופצענטן אויגוסט.

אָבער קאָװנע, דאָס אידישע קאָװנע, דאָס קאָװנע װאָס מיר אַלע

געדענקען, האָט זיך געענדיקט דעם 15־טן אויגוסט 1941. און ווער ווייסט, צי עס וועט נאָך אַמאָל אויפשטיין צום לעבן דאָס אידישע קאָוונע. איך האָב מורא, אז עס איז געענדיקט אויף אַלע צייטן. ווארום די אידן וואָס זיינען איצט צוריק געקומען אהין — זיינען בלויז עצמות יבשות, קליינע גרופּקעלעך אידן, זיי וועלן דאָס אַמאָליקע אידישע קאָוונע ניט מער אויפ־שטעלן.

פון קאָוונע זיינען געבליבן עטלעכע אידישע מאָנומענטן: עס איז געבליבן די כאָר־שול, און עטלעכע אַנדערע בנינים, ווי, הויסמאַנס שול, וואו עס געפינט זיך איצט די קהילה, די לעבעדיקע אידן זיינען אָבער דאָרט מער נישטאָ.

קאַפּיטל זיבן

די שקלאַפן ארבעט פון אידן ביים אַעראדראם אין קאָוונער געטא

איך האָב שוין דערמאָנט אין קאַפּיטל פיר וועגן דער עבודת־פרך, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די קאָוונער אידן, ביים בויען דעם מיליטעריטן לופט־פאַרט ביי קאָוונע. אין איצטיקן קאַפּיטל וויל איך זיך אויף דעם ברייטער אָפּשטעלן, ווייל דאָס איז איינס פון די טרויעריקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון אידישע עינויים אין קאָוונער געטאָ.

די גרעסטע צאָל שקלאַפן־אַרבעטער פאַרן אַעראָדראָם, האָבן גע־ליפערט די צוויי געטאָס אין סלאָבאָדקע. צוויי שיכטן אַ מעת־לעת האָט די געטאָ געמוזט צושטעלן. די ארבעט איז באַשטאַנען אין אויפבויען דעם מיליטערישן לופט־פאַרט אין דער פאַר־שטאָט פון קאָוונע — אַלעקסאָט.

דעם 19־טן סעפּטעמבער 1941, איז געקומען דער ערשטער באַפעל, צו שיקן טויזנט מענטשן יעדן טאָג צום אַעראָדראָם אויף אַרבעט. פון

דער פּראָווינציעלער קליינער עראָפּלאַן־סטאַנציע אין אַלעקסאָט, האָבן זיך די דייטשן פאַרנומען איבערצובויען אין אַ מאָדערנעם גרויסן פלוג־פּלאַץ, צוגעפּאַסט צו דער נייעסטער קריגס־טעכניק.

טאָג און נאַכט פלעגט מען גראָבן קאַנאַלן, טראָגן שווערע זעק מיט צעמענט, מישן בעטאָן, און ענלעכע אַרבעטן.

אין אָנהייב האָבן די נאַציס גענומען אויך צו נאַכט־ארבעט. דאָס „נעמען" איז צוגעגאַנגען אויף אַזאַ אופן: עס פלעגט זיך אַ לאָז טאָן אַ באַנדע סאָלדאַטן אין געטאָ אריין, און כאַפּן אידן און אַוועקפירן זיי צום אַעראָדראָם קיין אַלעקסאָט.

שפּעטער האָט דער אידישער אַרבעטס־אמט אליין גענומען אויף זיך, צוצושטעלן די צאָל ארבעטער פאַר די צוויי שיכטן צום אַרעאָדראָם.

דאָס פלעגט מען איבערטוישן די רוסישע קריגס־געפאַנגענע וועלכע האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט און איצט צוריק געטריבן געוואָרן אין לאגער אַריין.

צווישן די געפאַנגענע רוסן זיינען אויך געווען אידן, און נאָר דורך נסי־נסים פלעגט אַמאָל איינעם געלונגען זיך איבערצוכאַפּן אין געטאָ.

די ארבעט איז געווען זייער אַ שווערע אין די האַרבסט־נעכט, קאַלט און נאַס. באזונדער שווער איז געווען די אַרבעט פון מישן צעמענט ביי די מיש־מאַשינעס אויף אָן אָפענעם ריזיקן פּלאַץ, און די אידן האָבן ביי דער אַרבעט געמוזט נאָכהאַלטן דער מאשין. עס פלעגן כסדר אָנקומען צענדליקער וואַגאָנעס צעמענט, וואָס אידן האָבן געמוזט אין דער קורצסטער צייט אויסלאָדן די אייזנס און אַנדערע שווערע משאות, און נאָך אַנדערע עבודת־פּרך. די אויפזיכט פון די דייטשע באאמטע איבער אונז איז געווען אומדערטרעגליך. זיי האָבן זיך געוויצלט, גע'חוזק'ט איבער אונז, זיך גערייצט מיט יעדן אידן, אַז „איר באַקאָמט געגוג צו פרעסן".

„איהר פרעסט דויטשעס בראָט" — פלעגן זיי זאָגן צו די אויס־געהונגערטע אידן — טאָ אַרבעט, מאַכט זיך נוצליך, מיר מאַכן אייך פאַר פּראָדוקטיווע מענטשן. די זלזולים און עקלהאַפטע בלבולים זייערע זיינען באַגלייט געוואָרן מיט מכות רצח, פון זייערע נייגייקעס און שטעקנס.

דאָס „געגנוג עסן" וואָס די דייטשן האָבן אונז געגעבן איז באַשטאַנען אין הונדערט גראַם ברויט אַ טאָג פּער־פּערזאָן, און שפּעטער, אַביסל ברודיק וואַסער־זופּ (אָדער ווי מען האָט עס גערופן אין געטאָ „יושניק").

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז יעדן טאָג פלעגן אָוועקפאַלן עטליכע אידן פון דער שרעקלעכער איינגעפירט געלויף און יאָגעריי בכדי צו קו־מען גיכער צום אָרט און פון הונגער און פון שווערער אַרבעט. און טאַקע שוין אין די ערשטע טעג פון דער אַרבעט איז געפאַלן אַ איד מיטן נאָמן שפּילער צום טויט, גייענדיק צום פלוג־פּלאַץ.

אויסער די שווערע אַרבעט, איז איינגעפאַלן אַ שפּאָגל נייע אידייע, וואָס גיכער אויסצומאַטערן די אידן. בעת זיי פלעגן צוריק־ברענגען די אידן פון „קאַטאָרגע" פּאַרטאָג, האָבן די באַוואָפנטע באַגלייטערס זיך אַ וואָרף געטאָן מיט זייערע ביקסן און פלעגן געבן אַ באַפעל צו די אידן: „לויפן שנעלער, — לו־אור־סס!".

און די הונדערטער אידן האָבן נעבאַך נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט און שווערער אַרבעט, געלאָפן אין גאַלאָפּ באַרג־אַראָפּ, פון פלוג־פּלאַץ און אויך איבער דעם אלעקסאָטער בריק ביזן „ראַטהויז־פּלאַץ", וואו ס'איז געווען דער „זאַמל־פונקט" און פון דאָרטן האָט מען אלעמען אין קאָמאַנדע, אָפּגעפירט אין געטאָ אריין. איז שוין קיין וואונדער ניט וואָס די אידן פלעגן פאַלן פון האַרץ־שלאַג. און דאָס האָט צוגעגעבן די דייטשן נאָך מער קוראַזש, צו „יאָגן" וואָס שנעלער די אויסגעמאַטערטע אידן, כדי צו דערגרייכן זייער „ציל".

מיט אַט די אַלע צרות און פּיין האָט זיך נאָך ניט געענדיקט דער ענין „פלוג־פּלאַץ". און ווי קען מען פאַרגעסן דעם ערב ראש השנה תש״ב (זונטיק פאַרנאַכט, דעם 21־טן סעפּטעמבער, 1941).

צוליב ראש השנה איז געקומען אַ קליינע צאָל מענטשן צו דער שקלאַפן־אַרבעט. ווען די דייטשן האָבן געזען אַז עס פעלט זיי אידן צו דער אַרבעט, האָבן זיי באַשלאָסן זיך לאָזן אליין אויף אידן־יאָגד אין געטאָ, אונטער דער אויפזיכט פון יעפרייטער נוימאַן, האָבן זיך די סאָלדאַטן געלאָזן אין געטאָ אריין, זיך צעלאָפן אין געסלאַך. געשלעפּט

אידן פון די הייזער, פון די שולן וואו אידן זיינען געקומען בעטן און וויינען פאַרן באַשעפער פון דער וועלט, אַז ער זאָל שוין רחמנות האָבן אויפן אידישן פאָלק. און דאָ אין די שוהלן זיינען אידן געשלאָגן געוואָרן און אונטער אַ האָגל פון קוילן זיינען זיי געפאַלן טויט. בוים, דער אייזנ־קרעמער פון לינקעווער גאַס איז געלאָפן מיטן מחזור אין האַנט וואָס האָט זיך געקליבן גיין דאַוונען אין „אבא־יחזקאל קלויז". נאָך אים איז גע־פאַלן טויט בערל מענדעלעוויץ (רבי אליעזר סאַלאַנטערס זון פון יורבער־גער גאַס). ער האָט געטראָגן עסן אין געטאָ־שפּיטאָל צו דער קראַנקער רחל ראַכעלזאָהן, וואָס האָט פאַרלאָרן אַ פוס, אין סלאָבאָדקער פּאָגראָם, וואָס די ליטווישע מערדער האָבן איינגעפירט ווען די דייטשן האָבן אָקו־פּירט קאָוונע.

גרופּעס אידן זיינען אין יענער צייט אָנגעקומען פון אַנדערע ברי־גאַדעס וואו זיי האָבן געאַרבעט. נוימאַן האָט אויף זיי געוואַרט ביים געטאָ־טויער און זיי אויפגענומען מיט בייזווילינקן חוזק און געשריי „לו־אר־סס".

ביים געלאַף פון די אידן, האָט נוימאַן אַ באַפעל געגעבן צו די נאַציס זיי זאָלן שיסן. די באַנדיטן האָבן געשאָסן און עס זיינען טויט־געפאַלן מאיר וויינער און בנימין קלוגמאַן. די צוויי הרוגים זיינען געהאַט פריער אָנגעקומען פון מיל'ס בריגאַדע. און איין פרוי פון אַנאַנדער בריגאַדע.

ווען קלוגמאַן האָט זיך נאָך געוואָרפן אין קאָנוואולסיעס, האָט דער צערייצטער רוצח נוימאַן באַפוילן אויסגראָבן אַ גרוב אין דערביי־איקן גאָרטן נעבן געטאָ־טויער, און מען האָט קלוגמאַנען פאַרשאָטן נאָך אַ האַלב־לעבעדיקן. אָט אַזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער ראש השנה אין געטאָ. אָבער אידן האָבן דאָך געדאַוונט ראש־השנה און מיט מער תחנונים ווי אַלע מאָל, דעם גייסט זייערן האָבן די דייטשישע רוצחים נישט אויסגעלאָשן.

דעם ערב ראש השנה זיינען זיבן אידישע קרבנות געפאַלן.

עס איז געקומען דער הייליקער טאָג יום כפור. באַלד אינדערפרי זיינען די אידישע פאָליציאַנטן אַריין אין אַלע ערטער וואו מען האָט גע־דאַוונט, און גענומען אַלאַרמירן, אַז מען מוז גלייך גיין צו דער אַרבעט צום אַעראָדראָם, אויב ניט, סטראַשעט יאָרדאַן מיט אַן „אַקציע".

די צום טוט דערשראָקענע אידן, האָבן גוט געוואוסט וואָס עס מיינט אַן „אַקציע״, ווייל ערשט מיט אַ וואָך פריער האָט מען ביי אַזאַ „אַקציע״ אַוועקגעפירט טויזנט אידן צום ניינטן פאָרט און זיי דאָרט אומגעבראַכט.

עס איז באַלד צוזאַמענגעקליבן געוואָרן די טעגלעכע צאָל פון טויזנט מאַן, און זיי זיינען אונטער אַ וואַך אַוועקגעפירט געוואָרן צום אַעראָדראָם.

די רוצחישע אויפזעערס האָבן אָנגעהויבן אָפּחוזק׳ן און אָפּשפּאָטן פון די אומגליקלעכע אידן, און געוויסע אויפזעער האָבן איינפאַך געממית׳ט ווען מען ס׳האָט זיך זיי פאַרגלוסט. אידן זיינען אָפּגעגאַנגען אין שווייס און בלוט, פאַרמאַטערטע פון דער קאַטאָרזשנער ארבעט, און פאַרשמאַכ־טע פון תענית, האָבן זיי זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן, און שטיל גע־שעפּטשעט: רבונו של עולם, האָב רחמנות און באַצאָל די רשעים און ראַטעווע אונז ארויס פון זייערע הענט!

מען טאָר נישט פאַרגעסן דעם פאַקט, ווען אידן זיינען געיאָגט געוואָרן צו דער עבודת־פּרך אין אַעראָדראָם, — און דאָס איז געווען אָנ־הויב הערבסט, איז מען אַרויסגעגאַנגען נאָך געווען שטאָק פינצטער, ס׳הייסט שפּעט אין דער נאַכט און צוריק געקומען אַ שטיק אין דער נאַכט. איז געשטאַנער דאָס פּראָבלעם פון תפילין. ווייל לייגן תפילין מעג מען נאָר ביי טאָג, און נישט ביינאַכט. הגם אין מיין ספר „דברי אפרים״ וואָס איז ארויס אין ניו יאָרק אין יאָר 1949, האָב איך על פי נויט געפּסקנ׳ט אַז מען מעג לייגן תפילין פאָרן גיין צו דער אַרבעט, האָבן אָבער די גאָר פרומע יונגעלייט נישט געקענט פּועל׳ן ביי זיך צו לייגן תפילין ביינאַכט און איינער פון זיי האָט אויף זיך אָנגעטאָן קליינע תפילין, ממש מיט סכנה, און ביי דער ארבעט, האָט איינער איבערגעגעבן דעם צווייטן, אין שטאַר־קער פאַרזיכטיקייט, און מורא און סכנה, די תפילין, און אַלע האָבן אויף אַזאַ אופן געלייגט תפילין. אפילו אין די פייערדיקסטע פרעסט האָבן זיי זיך אַזוי נוהג געווען און אָפּגעהיט די חומרה פון דין.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען וועגן די מנחה־מעריב׳ס וואָס פלעגן געדאַוונט ווערן אויפן אומגליק־פעלד און אין די גריבער וואו מען האָט

דאָרטן געאַרבעט מיט בכיות און תחנונים, און אויך אין די פרייטיק־צו־נאַכטן אין וועלכע מען האָט יעדן קבלת שבת געזונגען אין דער שטיל "לכה דודי" מיט אַ ניגון אין וועלכן צער און בטחון זיינען פאַרזונגען געוואָרן צוזאַמען. נאָכן דאַוונען פלעגט מען זיך, ביים רידל, ווינטשן „גוט שבת" אין דער שטיל. איינמאָל, געדענק איך, האָט מען צונויפגעכאַפּט אַ גרופּע אידן אין אַ טראָק צו פירן אַפּצולאָזן צעמענט. צווישן זיי בין איך, און הרב שמעון סגל, וואָס געפינט זיך אין ניו־יאָרק, אויך געווען. פאַרנדיק אַזוי מיטן טראָק האָבן מיר אַריינגעכאַפּט אַ תפילת־מנחה בציבור. דער חזן ביי יענער מנחה איז געווען קאָוואַלסקי.

פאַראַן אַ סך צו שרייבן און צו דערציילן און אָן אַ שיעור פּרטים וועגן אידיש שוויס און בלוט, אידישע יסורים און נסיונות מיט וועלכע עס איז אָנגעזאָפּט דער קאָוונער אעראָדראָם, נאָר דערווייל זאָל זיין גענוג.

קאַפּיטל אכט

דאָס בלוטיקע שפּיל מיט די קראַנקע אידן ביים ליקווידירן די קליין־געטאָ

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דעם איכה־בוך פון חרוב'ן ליטע — איינס פון די טרויעריקסטע, סאַמע־האַרצרייסנדיקע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון פּיין, יסורים און סוף כל סוף'דיקער אויסראָטונג פון די אידן אין ליטע, אין די מורא'דיקע, מאַוימדיקע אָקופּאַציע־יאָרן, — איז די מעשה פון דער דייטשישער מלחמה קעגן אידישע קראַנקע.

אַ מלחמה פון דער דייטשער אַרמיי קעגן אידישע קראַנקע. קלינגט עס ניט אויסטערליש, — אַפילו צווישן די אויסטערלישע געשיכטעס פון חורבן און אומקום פון אונזער פאָלק אין אייראָפּע? וואָס האָבן עס די דייטשן געדאַרפט „פירן מלחמה" קעגן אידישע קראַנקע? צי האָבן זיי

ניט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן זיי אויסצוראַטן, פונקט ווי זיי האָבן אויס־געראָטן די געזונטע?

און ריידנדיק וועגן מלחמה, — ווי האָבן קראַנקע אידן זיך גע־קאָנט פאַרטיידיקן אין אַזאַ קריג?

און דאָך, ווי אויסטערליש און אומגלויבליך דאָס זאָל ניט קלינגען, האָבן די דייטשן — צוזאַמען מיט זייערע ליטווישע אַרויסהעלפער, — געפירט אַט אַזאַ קריג. דער קריג קעגן אידישע קראַנקע איז געפירט געוואָרן באַזונדער, מיט אַ ספּעציעלן סיסטעם, ווי אַלץ ווי דייטשן האָבן עס געטאָן. עס איז געווען אַ סיסטעמאַטישע מלחמה קעגן אידישע קראַנקע, געפירט לויט אַ באַזונדערן סיסטעם.

די דאָזיקע שרעקליכע מלחמה קעגן קראַנקע אידן, ווי איך האָב געזען אין קאָוונער געטאָ, האָט נאַטירלעך ניט געפאָדערט קיין סטראַטע־גיק דערפאַר, ווייל די דייטשן האָבן זיך ניט געקאָנט געבן קיין עצה מיט אונזערע אידן, — מיט די קראַנקע פונקט ווי מיט די געזונטע. איר אורזאַך איז געווען פשוטער סאַדיזם. די מלחמה קעגן אידישע קראַנקע איז געווען אַ מין טייוולאַנישער שפּיעל מיט מענטשן, וועמענס יסורים און אומבאַהאָלפנקייט אין דער פאַרטיידיקונג עס האָט די דייטשישע און ליטווישע רוצחים פאַרשאַפט „פאַרגעניגן”.

די דייטשע און די ליטווישע רוצחים זיינען כסדר געווען פאַר־נומען מיט איין זאָרג: ווי אַזוי וואָס שטאַרקער צו פּייניקן אידן, כדי צו האָבן וואָס מער „הנאה” פון אידישע יסורים. דאָס — סאַדיסטישע געיעג נאָך יסורים ביי זייערע קרבנות, — איז געווען דער צוועק פון אַ סך פון די אַנטי־אידישע „פּאַגראַמען”. מען האָט זיך געשפּילט מיט אידן דאָ האָט מען זיי באַפרייט, דאָ אַרעסטירט, דאָ זיי געפּייניקט, דאָ זיי אפילו געהיילט, כדי זיי ווידער צו קאָנען פּייניקן.

דער וואָס האָט עס אליין ניט געזען, — ווי דער שרייבער פון די שורות, — קאָן זיך בכלל ניט פאָרשטעלן. ווען איך וואָלט עס אַליין ניט מיטגעמאַכט, וואָלט איך גאָרניט געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך, אַז אפילו מערדער זאָלן זיך קאָנען דערקייקלען צו אַזאַ נידעריקער מדרגה פון

סאַדיזם: אפילו אויך קינדער־מערדערס ווי די דייטשן, וואָלט איך עס קיינמאָל ניט געגלויבט.

אָבער אין דער דאָזיקער „קליינער מלחמה" קעגן קראַנקע אידן אין קאָוונער געטאָ, וואָס איך האָב אליין צוגעזען, ווי אַלע אידן וועלכע האָבן געלעבט אין געטאָ, איז פאַרקערפּערט די גאַנצע נאַצישע רציחה אַן אוממענטשליכע בלוט־דורשטיקייט. פּונקט ווי אַ חיה רעה אין אַ דזשאַנגל שפּילט זיך מיט איר מענטשליכן קרבן, איידער זי פאַרצוקט אים, — דאַן ווען דער מענטש איז פאַרוואונדעט און קען זיך ניט פאַרטיידיקן, — כדי נאָך מער צו שטילן איר תאוה נאָך מענטשליך בלוט, — אַזוי האָבן די דייטשע רוצחים האָבן זיך געשפּילט מיט די אידן, וואָס זיינען געווען קראַנק און אומבאַהאָלפן.

* * *

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס שפּיל מיט קראַנקע אידן, ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו בויען אַ אידישן שפּיטאָל אין געטאָ.

געווען איז דאָס נאָך דעם ווי מען האָט פאַרענדיקט אויפצובויען די צוויי קאָוונער געטאָס, — דאָס קליינע און דאָס גרויסע געטאָ.

דאָס שאַפן אַ שפּיטאָל פאַר אידן וועלכע די נאַציס האָבן פאַר־אורטיילט צום טויט, צום אומקום, איז שוין אין זיך גופא געווען אַ טייל פונם חוזק שפּיל.

דייטשן פלעגן זאָגן צו אידן אין געטאָ:

„איר זעט וואָס פאַר אַ נאָבעלע מענטשן מיר זיינען, ניט נאָר גיבן מיר אייך אַ געלעגנהייט צו אַרבעטן, נאָר מיר בויען אויך א שפּיטאָל פאַר אייערע קראַנקע".

דער שפּיטאָל האָט, אויסערליך אויסגעזען כמעט לייטיש. ער איז אפילו געווען איינגעטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען: אַן אָפּטיילונג פאַר געוואוינליכע קראַנקע, און אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר מענטשן וואָס האָבן געליטן פון אַנשטעקיקע קראַנקהייטן, ווי טיפוס און דאָס גלייכן.

איבער די קראַנקע האָט זיך דער רוצח זייער מיאוס „איזדעקעוועט" — „דאָס קראַנקנהויז" ווי די דייטשן האָבן עס פאַר אונז איינגעריכט בכדי

אונז צו פאַרבלענדן די אויגן, אַז זיי זאָרגן זיך כלומרשט פאַר אונזער געזונט און אַז מיר ווערן ביי זיי פאַרעכנט פאַר לעבעדיקע נפשות — האָבן זיי דעם 4־טן אָקטאָבער 1941 ביים אויפליייז און ליקווידירן די „קליין־געטאָ" מיטן בלבול אַז עס געפינט זיך דאָרטן לעפּראַ־קראַנקע און באַגיסנדיק מיט בענזין האָבן זיי אונטערגעצונדן דעם שפּיטאָל און פאַרברענט אַלע קראַנקע בערך זעכציק אידן, וואָס האָבן זיך געפונען אינעווייניק, צווישן די פאַרברענטע האָבן זיך געפונען די קראַנקן־שוועסטערס און ד"ר. דאַווידאָוויטש.

כדאי צו דערמאָנען אַז די אידן מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט ביי דער „אַרבעט" צו פאַרברענען דעם שפּיטאָל, זיינען אויך אויפן גרויזאַמסטן אופן דערשאָסן געוואָרן.

די קולות פון דעם שפּיטאָל זיינען געגאַנגען עד לב השמים. אָבער קיינער האָט ניט געטאָרט אריינגיין ראַטעווען.

אינדרויסן זיינען געשטאַנען דייטשן און ליטווינער און געהיט דאָס שפּיטאָל, — אַז קיין לעבעדיקער נפש זאָל זיך נישט קענען ראַטעווען.

אזוי זיינען אומגעקומען די קראַנקע.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע טייוול־שפּיל פאַר די דייטשישע רוצחים...

זיי זיינען געשטאַנען אינדרויסן און זיך געקוויקט פון די געשרייען פון די פאַרצווייפלטע קראַנקע און אויך פון דער הילפסלאָזיקייט פון די אידן אַרום, וועלכע האָבן זיי ניט געקאָנט ראַטעווען.

אַלץ וואָס די דייטשן האָבן געטאָן קעגן אידן איז געטאָן געוואָרן פּלאַנמעסיק.

אויך דאָס פאַרטיילן די קאָוונער געטאָ אין א קליין־געטאָ און א גרויסע געטאָ איז געווען אַ טייל פון די טייוולאָנישע פּלענער. ווען די דייטשן האָבן עס געטאָן האָבן זיי אינזינען געהאַט אַז די קליינע געטאָ וועט ליקווידירט ווערן פאַר דער גרויסער געטאָ.

אָבער דאָס האָבן די אידן, נאַטירליך, ניט געוואוסט.

אָבער פּונקט ווי זיי האָבן אויסגעפונען אַנדערע טייוול־פּלענער פון די דייטשן ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט, האָבן זיי אויך דאָס אויסגעפונען.

אָט איז אַ מעשה נורא פונם קאָוונער געטאָ וואָס קיינער פון אונז קאָן ניט פאַרגעסן.

געווען איז עס אַ שבת.

די דאַטע פון יענעם מאוימדיקן טאָג איז: פערטער אָקטאָבער, 1941.

באַלד אינדערפרי האָבן זיך אריינגעריסן אינם קליינעם געטאָ דייטשן צוזאַמען מיט זייערע ליטווישע אַרויסהעלפער, — די שאַאוליסטן.

זיי האָבן אַרויסגעטריבן אַלעמען פון די שטיבער, — אלע אָן אונ־טערשייד.

מען האָט ארויסגעטריבן פרויען מוטער־נאַקעט פון די בעטן אין גאַס אַריין: מען האָט געטריבן אַלטע און שוואַכע; קינדער און זקנים.

מען האָט זיך ניט באַנוגנט מיט טרייבן אין גאַס אַריין. אויפן וועג האָבן די רוצחים, סיי די דייטשן און סיי ליטווינער, געשלאָגן אַלעמען מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן. בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. טייער, הייליק אידיש בלוט!

וויי צו די אויגן וועלכע האָבן יענעם שבת געזען די שרעקליכע פּאַגראָמען אין דער קליינער געטאָ!

אַזוי, צעבלוטיקט און אונטער אַ האָגל פון קלעפּ, האָט מען אַלע־מען פאַרטריבן אויפן פּלאַץ פון אַמאָליקן פערד־מארק אין סלאָבאָדקע.

דאָרט האָט מען זיך גענומען „סאָרטירן״ די אידן, — ווי להבדיל אלף הבדלות בהמות פאַר דער שחיטה.

טאַקע ווי שאָף, ווי אָרעמע, הילפסלאָזע שעפעלעך, זיינען דאָרטן געשטאַנען די אידן, ווען די דייטשן און ליטווישע פאַשיסטן האָבן זיי „סאָרטירט״:

— רעכטס, לינקס.

— טויט, לעבן.

בעת׳ן סאָרטירן האָבן די קרבנות געוויזן זייער „יאַרדאַן־שיינס״, דער וואָס האָט געהאַט אַזאַ מין אָנווייזונג, איז דערוויילע געבליבן אַ גערא־טעוועטער. פונדעסטוועגן, ווען דעם דייטשן רוצח איז איינער פון די קרבנות נישט געפעלן געוואָרן, האָט ער געשיקט אויף „דער שלעכטער זייט״,

„ווי ס'איז אים אריין אין קאָפּ" — אזוי האָבן זיך אידן דעמאָלט אויסגע־דריקט. אויך צו אָט דעם ביטערן שלימזל, האָט מען געדאַרפט האָבן מזל, רחמנא ליצלן.

גיט שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס ביי יענער סאָרטירונג איז פאָר־געקומען. קינדער האָט מען אָפּגעריסן פון עלטערן, עלטערן פון קינדער, מאַנען פון פרויען, חתנים פון כלות, ברידער פון שוועסטער.

אַזוי איז עס צוגעגאַנגען אָפן.

קאָן מען זיך דען אויסמאָלן וואָס עס האָט זיך אין יענע רגע'ס אָפּ־געשפּילט אין די הערצער פון די דאָזיקע אידן? וואָס זיי האָבן גע־טראַכט אין זייערע רגע'ס? מיט וואָס פאַר אַ קללות אויף די ליפּן זיי זיינען אוועק אויף דער שלעכטער זייט?

דאָס טראַגישסטע בילד אין דער דאָזיקער מוראדיקער טראַגעדיע, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער קליינער געטאָ, איז געווען דער גורל פון הונדערט אכציק אידישע יתומים וואָס מען האָט גע־פונען אין דער קליינער געטאָ.

אידן האָבן געוואוסט אַז קינדער, ספּעציעל יתומים, פלעגן גיין די ערשטע אויפן פייער. איז ווען מען האָט דערזען אויף דעם פּלאַץ, באַזונדער „אויסאָרטירט", די הונדערט און אכציק יתומים, געראַטעוועטע קינדער, איז אויסגעבראָכן אַ שרעקליך געוויין און געיאָמער.

מען האָט געוואוסט ווי אַזוי עס וועט זיך ענדיקן דאָס לעבן פון די קינדערלאַך וואָס מען האָט אָפּגעראַטעוועט מיט כל'ערליי קונצן און איינפאַלן.

גיט געווען קיין מיטל זיי צו ראַטעווען.

די דאָזיקע הונדערט און אַכציק יתומים זיינען געווען די קינדער וואָס די דייטשן האָבן דערמאָרדעט זייערע עלטערן נאָך אין די ערשטע טעג פון קריג, נאָך איידער די אידן זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין די געטאָס.

די דאָזיקע קינדער זיינען געראַטעוועט געוואָרן בלויז אַ דאַנק דעם וואָס זייערע עלטערן האָבן זיך — פאַר זייערטוועגן — געאָפּפערט. זיי זיינען אוועק פון דער וועלט, כדי די קינדער זאָלן לעבן.

די עלטערן זיינען געווען די ערשטע קרבנות. איצט האָבן די רוצחים געכאַפּט די קינדער. און די הונדערט און אַכציק טייערע אידישע קינדער זיינען שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט באַזונדער. די רוצחים האָבן זיי געפונען. און איטליכער פון די וואָס האָבן די שרעקלעכע סצענעס צוגעזען, האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס וועט זיך ענדיקן זייער יונג, אומשולדיק לעבן.

ווען מען האָט געזען די דאָזיקע אומשולדיקע שעפעלעך פאַר דער שחיטה, אויפן פערד־מאַרק פון סלאָבאָדקע, האָט געוואָלט אויסשרייען:

— רוצחים, טוט מיט אונז וואָס איר ווילט, אָבער לאָזט אָפּ די קינדער!

אָבער קיינער האָט דעם אויסגעשריי ניט געמאַכט. ווייל יעדערער האָט געוואוסט אַז עס איז ניטאָ צו וועמען צו שרייען.

די חיות וועלן ניט הערן. זיי וועלן זיך נאָך מער איזדעקעווען...

אין יענער צייט זיינען אומגעבראַכט געוואָרן נאָענט צו פופצן הונ־דערט אידן. מיט זיי אינאיינעם זיינען אומגעקומען די יתומים־קינדער מיט זייער אויפזעערינס און ערציערס, אויפן „ניינטן פאָרט״.

די דערוואייל „לעבנגעבליבענע״ אידן זיינען אריבערגעטריבן גע־וואָרן דורכן הילצערנעם בריק אין די גרויסע געטאָ, ניט לאָזנדיק מיטנעמען מיט זיך זייערע בעבעכעס.

אַזוי האָבן די מערדער ליקווידירט די קליינע געטאָ.

קאַפּיטל ניין

א „רואיקער״ טאג אין קאוונער געטא

מען פרעגט מיך אָפט אין בריוו און אין פּריוואַטע געשפּרעכן: — ווי האָט עס אויסגעזען אַ „רואיקער״ טאָג אין געטאָ? צי איז דען נישט געווען אין געטאָ, אין קאָוונע און אין אַנדערע שטעט, קיין טאָג, קיין איינציקער טאָג, ווען מען האָט נישט געשאָסן, נישט געפּייניקט, נישט געמאָרדעט? צי קומט דען ניט אַ צייט ווען אפילו מערדער ווערן מיד?

וועגן דעם איז כדאי צו דערציילן, ווייל בכלל גענומען, איז געווען א „רואיקער" טאָג, געווען איין טאָג אין דער וואָך, ווען די רוצחים אין קאָוונער געטאָ האָבן זיך אויסגערוט, געמאָרדעט ווייניקער ווי געוויינליך, דאָס איז געווען — זונטיק.

זונטיק האָט מען ביי די רוצחים זיך פיל געוויילט, אַז מען זאָל זיך קענען פאַרנעמען מיט מאָרדעווען. קיין שיסעריי פלעגן זונטיק אינ־גאַנצן ניט פאַרקומען.

זיינען די זונטיקס געווען „רו־טעג" , אחוץ אַ ביסל געשלעגן, קלענערע אָנפאַלן, פלעגט זונטיק זיין מער־ווייניקער מנוחה.

די רוצחים האָבן אָפּנים געהאַלטן, אַז דאָס פייניקן און מאָרדעווען אידן איז אַן אַרבעט. און אַזוי ווי אַלע „אַרבעטער", זיינען זיי באַרעכטיקט אויף אַן אָפּרו־טאָג. און זונטיק איז געווען דער אָפּרו־טאָג. אויך די דאָזיקע מערדער האָבן זיך געהאַלטן פאַר „פרומע קריסטן". דאָס מאָר־דעווען, שעכטן לעבעדיקע מענטשן האָט זיי נישט געשטערט אין זייער פרומקייט . . . .

אפילו אַ טייל פון די שקלאַפן־אַרבעטער, פלעגט נישט אַרבעטן זונטיק, ווייל די אויפזעער, די נוגשים, פלעגן זיך אויך אָפּרוען זונטיק.

דערפאַר פלעגן די בתי מדרשים, בתי תפלה אין געטאָ זיין פול געפּאַקט זונטיק.

אידן האָבן געדאַוונט, געלערנט, געזאָגט תהילים, זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ. אַ גאַנצע וואָך האָט מען אפילו וויינען און דאַוונען נישט גע־קענט. אומעטום זיינען געווען די פייניקער, נוגשים, וואו אַ איד האָט זיך געגעבן אַ קער און אַ ווענד האָט מען אים געשלאָגן און געפּייניקט. אָבער זונטיק ווען די רוצחים האָבן „גערוט פון דער אַרבעט" האָבן אידן גע־דאַוונט און געבעטן רחמים ביים השם יתברך...

דאָס וויינען און דאָס דאַוונען פון די אידן זונטיק אין געטאָ קאָן זיך קיינער נישט אויסמאָלן, דאָס איז געווען די איינציקע נחמה פון די אידן.

מען האָט געוואוסט, אַז זונטיק שיכור'ן זיי, לאָזן זיי אונז מער־

וויניקער צורו. האָבן מיר אָבער אויסגענוצט די פּאָר מנוחה שעה׳ן, דאָס ביסל רו, מ׳שטיינס געזאָגט, כדי צו דינען גאָט.

מיר האָבן כסדר געבעטן, קיינמאָל ניט אויפגעגעבן די אמונה.

געווען אָבער איין זונטיק, ווען אַפילו דאָס ביסל מנוחה, אויף וועלכע מען האָט ארויסגעקוקט, איז די שקלאַפן־ארבעטער געשטערט געוואָרן.

עס איז געווען אַ זונטיק נאָך סוכות תש״ב. דער ערשטער האַרבסט רעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף קאָוונע.

די הימלען האָבן געוויינט ממש. אונז האָט זיך געדוכט, אז אויף אונז, אויף אונזער ביטערן גורל, פאַרגיסן טרערן די הימלען....

ווי קאָנען די הימלען נישט וויינען ווען טאָג־איין טאָג־אויס ווערט פאַרגאָסן אַזוי פיל אומשולדיק בלוט?

דער רעגן האָט געגאָסן מיט קאַנען. אָבער אונז, די אידן וואָס פלעגן זיך צונויפקומען דאָרטן, פאַרשטייט זיך, האָט אַפילו דאָס דאָזיקע געוויין נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון גיין טאָן די עבודת הבורא פון תשובה טאָן, נאָך מער בעטן אויף דערבאַרימונג און גאולה.

איך בין יענעם זונטיק אַוועק אין דער הלוית המת־קלויז. ווען איך בין אַזוי געשטאַנען און געדאַוונט, געבעטן מיט התמדה, אויסגעוויינט פאַר דעם באַשעפער מיינע צרות, און געוויינט אויף דעם חורבן פון גאַנצן כלל, איז פּלוצלונג געוואָרן אַ טומל אין בית המדרש.

ווען איך בין אַזוי געשטאַנען אָנגעטאָן אין די תפילין, האָט זיך דערהערט א שיסעריי און אידן האָבן גענומען לויפן.

מיר האָט אויסגעוויזן, אַז עס איז גאָרנישט. ווי געזאָגט, מיר האָבן געוואוסט, אַז זונטיק זיינען נישטאָ קיין „אַקציעס״, ווי זיי האָבן גערופן די געיעגן אויף אידן, און איך האָב ווייטער געדאַוונט.

איבעריקס, אַ איד אין געטאָ האָט שוין נישט מורא געהאַט פאַר שיסערייען. וואָס מיינט אַ שאָס מער? מיר זיינען געווען געוואוינט דערצו.

אַ סך אידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן האָבן מיר געפרואווט באַאיינפלוסן צו אַנטלויפן אָבער איך האָב זיך דווקא נישט דערשראָקן. איך ווייס נישט פאַרוואָס. אפשר איז עס געווען דער כח פון דער מצוה. איך האָב

געהאַלטן אינמיטן זאָגן קריאת שמע און נישט געוואָלט מפסיק זיין, געוואָלט כאָטש אָפּדאַוונען, אָפּזאָגן כאָטש ביז נאָך שמונה־עשרה.

אָבער דער טומל איז געוואָרן גרעסער און איך האָב שוין, פון דערבייאיקן הויז געהערט דייטשישע גרילצנדיקע קולות. איך האָב דער־קענט, אַז עס שרייען די מערדער: „הערויס פון היער"!

איך האָב קודם כל, שנעל אויסגעטאָן די תפילין. איך האָב גענומען די תפילין און זיי פאַרשטעקט הינטער די מלבושים, און צו אַנטלויפן איז שוין פאַר מיר געווען צו שפּעט.

מען האָט מיך דאַן מיט נאָך אידן פאַרנומען און אַרעסטירט.

מען האָט אַלע אַרעסטירטע אויסגעשטעלט אין רייען, צו פיר אין אַ רייע, און געפירט אין דער ריכטונג פון דעם געטאָ־טויער.

צוזאַמען מיט מיר, אין דער זעלבער רייע זיינען געווען: הרב משה סקאַרוטע, אברהם באַראַן, צבי כהן (פון די לעצטע געבליבענע בחורים פון דער סלאָבאָדקער ישיבה).

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום געטאָ־טויער האָבן מיר געטראָפן דאָרט נאָך אַרעסטירטע אידן, אַרום צוויי הונדערט. מען האָט אַלעמען איבערגעציילט, ווי זייער פירעכץ איז געווען, און אלע האָבן געדאַרפט אַראָפּנעמען די היטלען (אזוי איז געווען דאָס געזעץ פון די מערדער...)

דאַן האָט מען אונז פאַראָרדנט צו מאַרשירן — ארויס פון געטאָ.

די שרעק, די מורא וואָס איז אלעמען באַפאַלן, קאָן מען זיך פאַרשטעלן.

מען האָט שוין געוואוסט, וואָס עס הייסט ארויספירן פון דער געטאָ און כאַפּן מענטשן זונטיק. אויסער דעם געטאָ איז נישט געווען דערלויבט אַ אידן צו גיין, סיידן מען האָט אים געפירט. און געפירט האָט מען אָדער צו דער אַרבעט אָדער צו ליקווידירן.

דער טעראָר איז געווען אומגעוויינליך מוראדיק. אידן וואָס האָבן אונז אָנגעקוקט האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונז פירט מען איצט נישט צו דער אַרבעט, וואו קען מען אונז איצט פירן אויב נישט צום נײַנטן פאָרט, אָדער צו פאַרניכטונג אויף אַן אַנדער פּלאַץ?

און טאַקע אַזעלכע אידן צווישן אונז וואָס האָבן נעבאָך, מורא

געהאַט, זיך געשראָקן, אַז דאָס זיינען די לעצטע מינוטן ממש. און אַזוי גייענדיק געגומען זאָגן וידוי.

אָבער דאָך, געוויסע פון אונז האָבן געהאָפט... זיי האָבן געהאָפט, אַז צוליב זונטיק וועלן די „פרומע" קריסטן היינט נישט שיסן. אפשר איז דאָס בלויז אַזאַ מין שפּיל אָפּצוסטראַשען די אידן. אפשר דוכט זיך זיי, אַז אידן האָבן עפּעס צופיל מנוחה אום זונטיק...

ווען מען האָט אונז אַזוי געפירט צו יורבערגער גאַס האָט מען ווידער גענומען טראַכטן (ווייל דאָרטן איז דער וועג צום ניינטן פאָרט):

— די רוצחים גייען עובר זיין אויף זייער זונטיק. זיי פירן אונז וואָר־שיינליך צום ניינטן פאָרט, וואו זיי האָבן געשאָסן אידן...

אָבער ווען מיר זיינען דורך די יורבערגער גאַס, האָט מען אונז נישט געפירט צום ניינטן פאָרט, נאָר אין אַן אַנדער ריכטונג, צום רויטן־הויף גאַס אין סלאָבאָדקע.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער מעבל פאַבריק „פּעטריקאַס" האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז די רוצחים האָבן אויסגעטראַכט אַ נייעם שפּיל פאַר אונז.

די ערשטע אידן, וועלכע זיינען אַריין אין דעם הויף פון דער פאַבריק זיינען אַרויסגעקומען פון דאָרט מיט שטולן אויפן קאָפּ. יעדערער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ צוויי „שטולן". דיביידע שטולן זיינען געווען ווי אַנגעטאָן אויפן קאָפּ, און מיט די הענט האָבן זיי צוגעהאַלטן די פיסלעך פונם שטול.

מיר האָבן זיך געוואונדערט וואָס דאָס אַלעס באַדייט.

פרצ'קע, דער סלאָבאָדקער טרעגער, האָט זיך אָנגערופן: איך קען טראָגן די בענקלעך אונטערן אָרעם, איך האָב שוין געטראָגן שווערערע משאות. צו וואָס דאַרף איך עס טראָגן אויפן קאָפּ?

אָבער דער באַפעל־געבער האָט אויסגעשריגן ווילד, מיט רוגזה:

— דאָס איז דער באַפעל, טראָגן אויפן קאָפּ.

ער האָט צוגעגעבן: „ווער עס וועט טאָן אנדערש ווערט דערשאָסן".

אַזוי, מיט די שטולן אויפן קאָפּ, האָט מען אונז געטריבן קיין קאָוונע...

מיר זיינען געגאַנגען איבער דער בריק וואָס פאַרבינדט סלאָבאָדקע מיט קאָוונע. צוגעקומען צו די קאָוונער הויפּ־גאַסן ווי לייסוועס אַלייע, האָבן די גויים אונז אָנגעקוקט ווי אַ בייז וואונדער. צוערשט האָבן זיי זיך נישט געכאַפּט, אַז דאָס זיינען אידן. אָבער גלייך האָט זיי איינער „באַרואיקט":

— דאָס זיינען בלויז „זשידאַסן!" (אידן).

דאָס איז דווקא געפעלן.

אַז מיר זיינען צוגעקומען צו דער קאָוונער הויפּט פּאָסט, האָבן מיר געזען הויכע דייטשישע אָפיצירן (לעבן זיי זיינען געווען אַנדערע דייטשן), מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן האָבן אונז פאָטאָגראַפירט מיט די שטולן אויפן קאָפּ.

און אַזוי האָבן מיר מאַרשירט איבער גאַנץ קאָוונע, ביז מיר זיינען געקומען צו די מיליטערישע באַראַקן (קאַזאַרמעס) אין שאַנץ (אַ פאָרשטאָט אין קאָוונע). — דער באַפעל איז געווען שנעל אָוועקצושטעלן די שטולן, נישט געבן קיין קלאַפּ, און ווער עס האָט נישט דערפילט דעם באַפעל האָט באַקומען מכות רצח, און צוריק מאַרשירן דורך די זייטיקע געסלעך פון קאָוונע, אין געטאָ אריין. דער וואָס איז נישט געגאַנגען גענוג שנעל האָט באַקומען נאָך אַמאָל מכות רצח. אָבער ביים געטאָ טויער האָט מען אונז ווידער געציילט. קיינער האָט נישט געפעלט ג־ט צו דאַנק!

עס איז געווען אַ „רואיקער טאָג". מיר זיינען אָפּגעקומען מיט מורא מיט קלעפּ, מיט באַליידיקונגען, און בזיונות. אַבי מען לעבט נאָך. און אַז מען לעבט קאָן מען האָפן אויף אויסלייזונג.

אַזוי האָט אויסגעזען אַ „רואיקער" טאָג אין קאָוונער געטאָ. אַזוי האָט אויסגעזען אַ טאָג ווען מען האָט נישט געשאָכטן און געמאָרדעט אידן...

קאפיטל צען

דער „שווארצער־טאג״ אין קאוונער געטא

אונזער לעבן אין קאָוונער געטאָ איז געווען גלייך צו דער עקזיס־טענץ פון לעבעדיקע מתים.

יעדער פון אונז האָט געוואוסט אַז לאַנג קאָן מען — על פּי דרך הטבע — דאָ ניט אויסהאַלטן. וועט מען ניט אומקומען פון עבודת פּרך, פון מוטשעניש, פון פּייניקונגען, פון הונגער — וועט מען דערשאָסן ווערן.

קיינער פון אונז האָט זיך ניט איינגערעדט, אַז ער וועט קאָנען אויס־האַלטן די אַלע צרות און יסורים.

אין געטאָ פלעגט ארומגיין אַ ווערטל אַז „מיר אַלע זיינען מתים אויף אורלויב״.

טאָמער האָט מען דערציילט וועגן אימיצן, וואָס איז אַוועק אַהין פון וואַנען מען קומט ניט צוריק, פלעגט די רעאַקציע דערויף אויך זיין אַ „הומאָריסטישע״. מען פלעגט דערויף זאָגן:

— אַ סימן, אונזער „אורלויב״ ענדיקט זיך אינגיכן.

גאַלגאַן־הומאָר האָט געלעבט אין געטאָ. אין די סאַמע מוראדיקסטע צייטן האָט מען זיך דערציילט וויצן...

און די דאָזיקע וויצן האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דעם פינצטערן, ביטערן גורל, וואָס יעדערן פון אונז האָט דערוואַרט.

* * *

מיר האָבן געפילט, אַז עס וועט ניט נעמען לאַנג ביז עס וועט קומען אַ מאַסן אַקציע, — ווי מען האָט גערופן דעם מאַסן־מאָרד פון די דייטשן קעגן אידן.

דאָס געפיל, — ריכטיקער, אַ פאָרגעפיל, אַז די דייטשן וועלן אַ ליאַדע טאָג אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַקציע — ווי זיי האָבן עס געטאָן אין אַנדע־

רע ערטער — כדי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון אידן, האָט אונז ניט גענאַרט.

דער שרעקליכער מורא׳דיקער טאָג פון דער מאַסן־שחיטה אין געטאָ איז געקומען.

קאָוונער אידן, די וואָס האָבן דאָס אַלץ איבערגעלעבט און געבליבן לעבן, וועלן דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

דער „שוואַרצער טאָג" ווי די שארית הפליטה פון קאָוונער אידן רופן אים עד היום — איז געווען דעם 28־טן אָקטאָבער, 1941. אויף אונזער קאַלענדאַר, אכט טאָג אין חשון, תש״ב.

עס איז געווען אַן אמת׳ער טרויעריקער, שווערער האַרבסט־טאָג.

עס איז געווען קאַלט, פייכט — אַביסל שניי איז שוין געלעגן אויף די גאַסן. דער וועטער איז געווען פּונקט אַזוי ווי אונזערע געמיטער: סוף האַרבסט, אָנהויב ווינטער...

מען האָט געפילט, אַז אַלץ עקט זיך. עס האָט זיך געוואָלט זאָגן צו די הימלען: ווערט נאָך מער פאַרוואָלקנט, מער שוואַרץ און חושכדיק, וואַרפט אַראָפּ אַ פינצטערניש אויף דער וועלט, ווייל דער טאָג האָט זיך אָפּגעווענדעט פון אונז:

— זאָל ווערן פינצטער!

עס האָט אויסגעזען ממש ווי די נאַטור אַרום אונז טוט טרויערן און מיט־וויינען.

יעדנפאַלס, אונז איז געווען סם־המות׳דיק און ביטער ווי גאַל. און עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז גאַרניט מעגלעך, אַז די הימלען זאָלן מיט אונז ניט מיט־וויינען.

* * *

יענעם „שוואַרצן־טאָג" — דעם זיבן און צוואַנציקסטן אָקטאָבער 1941, האָבן מיר בחוש דערפילט, אַז עס הויבט זיך אָן דער אָנהויב פון סוף. די „געשטאַפּאָ" האָט אַרויסגעגעבן אַ נייעם באַפעל.

אַלע איינוואוינער פון קאָוונער געטאָ — יונג און אַלט— מוזן זיך

צונויפקלייבן דעם 28־טן אויפן „דעמאָקראַטן־פּלאַץ״ (אזוי האָט געהייסן אַ גרויסער פּלאַץ אין דער געטאָ).

זונטיק, ארום 11 ביינאַכט דעם 26־טן אָקטאָבער, 1941, זיינען די פּי־רער פון עלטסטן־ראַט געלאָפן צו הרב שאַפּירא ז״ל, פרעגן צי מעג מען על פּי דין אויפהענגען די מעלדונג אַז די אידן זאָלן אַרויסקומען דעם 28־טן אָקטאָבער אויפן „דעמאָקראַטן פּלאַץ״, ווייל זיי האָבן דערשפּירט די גרויסע סכנה פונם מצב. דער רב האָט פאַרשטאַנען די לאַגע און כאָטש אַן אלטער מאַן און צובראָכן פון יסורים, פיזיש אַ שטאַרקער קראַנקער, האָט אַ גאַנצע נאַכט נאָכגעפאָרשט אין די ספרים וועגן דעם ענין. אינדערפרי, ווען זיי זיינען געקומען און געמוזט וואַרטן נאָך אַ פּאָר שעה און דער רב איז פאַר־טיק געוואָרן מיט זיין תשובה, אַז ווען עס האַנדלט זיך אין אַ גזרה אויף אַ גאַנצע קהילה, דאַרף מען ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך און ער האָט גע־הייסן די מודעה ארויסהיינגען. די עניני הלכה וועגן דעם, באַריר איך אין מיין ספר „דברי אפרים״.

דער באַפעל האָט געלויטעט, אַז קומען מוזן אַלע, יונג און אַלט, קינד און קייט, מענער און פרויען, אויך קראַנקע. און די וואָס וועלן בלייבן און זיך באַהאַלטן אין די הייזער וועלן דערשאָסן ווערן.

פאַרשטייט זיך, אַז קעגן אַזאַ באַפעל איז נישט געווען קיין עצה.

באַלד פאַרטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן ציען די צענדליקער טויזנטער געטאָ איינוואוינער צום „דעמאָקראַטן־פּלאַץ״ אפילו קראַנקע האָבן געמוזט גיין.

דער דאָזיקער מאַרש האָט אויסגעזען ווי אַ פּראָצעסיע פון שאָטנס. די מערסטע איינוואוינער פון דער געטאָ האָבן שוין דעמאָלט ניט אויס־געזען ווי לעבעדיקע מענטשן נאָר ווי מענטשליכע שאָטנס.

נאָך מער שרעק איז אָלעמען באַפאַלן ווען מען האָט געזען די קינדער־וועגעלעך, מיט לעבעדיקע אידישע קינדער, און די בעטלעך מיט קראַנקע וועלכע מען האָט געמוזט טראָגן צום פּלאַץ.

מיר האָבן געקוקט אויף די עופה׳לעך, די זויג־קינדער, און ביי

זיך געטראַכט: — רבונו של עולם, ראַטעווע כאָטש זיי, די תינוקות שלא חטאו!

מיר האָבן געפילט אַז דאָס גייען מיר צום מלאך המות.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום אָרט, איז געווען שטאָק־פינצטער און עס איז אונז נאָך אויסגעקומען ווארטן אַ פּאָר שעה אויף די רוצחים.

פונק אַכט אַזייגער אין דער פרי, ווען אַלע צענדליקער טויזנטער איינוואוינער זיינען דאָרט געווען פאַרזאַמלט, האָט „ראַוקע", דער הויפּט רוצח, פּערזענליך, אָנגעהויבן די אַרבעט.

דער טרויעריקער „ראַוקע", אַ בעסטיע, וועמען מיר האָבן שוין געקענט פון זיין ראָלע אַלס ליקווידאַטאָר פון די אידן.

ער איז דאָרט געשטאַנען און לעבן אים זיינען געווען די גרעסטע רוצחים. די גאַנצע כנופיא פון דער „געשטאַפּאָ", דייטשע און ליטווישע סאָלדאַטן.

אויף די בערג אַרום דער געטאָ אויף ביידע זייטן ווילי טייך, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ ריזיקער עולם ליטווינער, וואָס איז געקומען אָנ־קוקן דעם שרעקלעכן ספּעקטאַקל. הונדערטער ליטווינער זיינען דאָרט געווען פאַרזאַמלט. און זיי האָבן אָפּנים געהאַט הנאה פון דעם וואָס עס געשעט מיט די אידן.

ער האָט אַליין גענומען אויף זיך די אַרבעט צו „סאָרטירן" אידן. געהייסן מענטשן גיין „רעכטס" אָדער „לינקס" עס איז געווען אַ סאָרטי־רונג וואָס האָט ממש געמיינט: „מי לחיים ומי למות", (ווער עס זאָל גלייך פאַרניכטעט ווערן, אָדער ווער עס זאָל נאָך אַ צייט אַרבעטן און בלייבן דערווייל לעבן).

דער רוצח פלעגט די „אַרבעט" טאָן זייער רואיק, קאַלטבלוטיק און סיסטעמאַטיש. ער פלעגט אַליין צוגיין צו יעדן מענטשן, צו יעדער משפחה, און „סאָרטירן".

די אידן זיינען געווען פאַרזאַמלט משפחה־ווייז; אין יעדן אַרבעט־פּלאַץ וואו ער האָט געאַרבעט. יעדערער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינע, ביי ווייב און קינד. ווי שעפּעלאַך ממש, האָבן די קינדער זיך געטוליעט

צו זייער טאַטע־מאַמע. דעם מערדער און זיינע באַהעלפער, האָט דאָס אַלץ ניט געאַרט. ער האָט „סאָרטירט „רעכטס, „לינקס".

רעכטס האָט אין דעם פאַל געמיינט — צום טויט און לינקס — צום לעבן בלייבן דערווייל. אַלס אילוסטראַציע צו אזא פאַל דערמאָן איך זיך אין דער פרוי דאָבע קיסיניסקי (ר' חנן גורעוויטשעס טאָכטער), ווען זי מיט איר קינד זיינען פארבייגעגאנגען דעם מערדער „ראוקע" האָט ער איר געפרעגט, וואו איר מאַן איז, האָט זי האָט אים געענפערט: אויפן זיבעטן פאָרט, האָט ער איר מיט אַ געשריי אָנגעוויזן אויף רעכטס, און זי מיינענדיק אז רעכטס מיינט זיכער צום לעבן, האָט זי אים געדאַנקט און זיך געלאָזט צו דער קליי־נער געטאָ, און די ליטווינער האָבן איר שוין געטריבן צו אַ זיכערן טויט.

מען האָט געוואוסט אַז איין זייט איז פאַרניכטונג — דער גזלן ראוקע, איז געשטאַנען ווי אימיצער וואָס סאָרטירט בהמות פאַר דער שחיטה. ער האָט אפילו נישט געשעמט צו פרעסן זיין פרישטיק.

ווען עס איז געקומען די צייט פון פרישטיק, האָט דער גזלן, בפני כל עם ועדה זיך אַוועקגעשטעלט פרעסן. די אויסגעהונגערטע קינדערלאַך האָבן געקוקט ווי ער פרעסט די ווייסע זעמל מיט פוטער.

דערביי האָט ער, ווי געזאָגט, די „אַרבעט" ניט אָפּגעשטעלט, ווייטער סאָרטירט, מאַכנדיק מיטן מויל „רעכטס", „לינקס", אַוועקגענומען פרויען פון מענער, מאַמעס פון קינדער, טאַטעס פון זין, ברידער פון שוועסטער...

נאָכן פרישטיק האָט ער זיך פאַררויכערט אַ סיגאַר און ווייטער סאָרטירט.

דאָס סאָרטירן האָט געדויערט ביז אין אָוונט ווען „ראוקע" איז פארטיק געוואָרן מיט דער ארבעט. האָבן די וועלכע זיינען געבליבן אין דער גרויסער געטאָ. די זיינען באשטימט געוואָרן צו ארבעט, די איבעריקע האָט מען געטריבן אויף דעם אָרט וואו עס איז געווען די קליינע געטאָ.

ניט אַלע האָבן זיך אָריענטירט וואו עס איז די „גוטע זייט" און וואו די „שלעכטע זייט", אַ סך אידן זיינען אין דעם טומל אַליין איבער־געלאָפן פון דער „גוטער" זייט אויף דער „שלעכטער".

אויף מאָרגן גאַנץ־פרי איז דר. עלקעס אַריבער אין דער קליין־

געטאָ מיט אַ דערלויבעניש פון די דייטשע מערדערס אַרויסצונעמען הונ־דערט מענטשן. ווי נאָר די אידן האָבן אים דערזען, זיינען זיי באַפאַלן דר. עלקעס. דר„ ראַטעוועט מיין קינד! מיין טאַטן! מיין מאַמען!....
דער טומל איז געוואָרן גרויס, דער ליטווישער סאָלדאַט האָט אים דער־לאַנגט מיט דער קאָלבע פון ביקס איבערן קאָפּ און ער איז אין אַ באַ־וואוסטלאָזן צושטאַנד געפאַלן — די אידישע פּאָליציי האָט זיך איינגעגעבן דר. עלקעס'ן אַריבער צוטראָגן אין דער גרויסער געטאָ.

דערנאָך האָבן די מערדערס, ימ"ש, געטריבן די אידן מאַסנווייז פון קליין־געטאָ צום „ניינטן פאָרט".

מען האָט זיי געטריבן איבער פּאַנערו גאַס. שוין אויפן וועג האָט מען געשאָסן, ווער עס איז מיד געוואָרן און ניט געקאָנט ווייטער גיין, האָט מען דערשאָסן, מען האָט אויך געשלאָגן מכות רצח.

מיר זיינען געשטאַנען און געקוקט ווי מען טרייבט די אידן צום טויט, אָבער מיר זיינען געווען מאַכטלאָז עפּעס צו טאָן.

אזוי מאַרשירנדיק האָט אַ מוטער — וועלנדיק ראַטעווען איר קינד — אַריבער געוואָרפן דאָס קינד אין דער גרויסער געטאָ, אָבער עס איז איר נעבאָך נים געלונגען, דאָס קינד איז נעבאָך געבליבן הענגען אויפן שטעכל־דראָט (צאַם פון געטאָ). עס האָט גענומען ווינען און אַ דייטש, וועלכער האָט עס באַמערקט, האָט דאָס עופה'לע גלייך דערשאָסן.

פון די אַלע אוועקגעפירט צום „ניינטן פאָרט", האָט זיך בלויז איין קליין אינגל איינגעגעבן צו ראַטעווען און ער האָט דערציילט וואָס מען האָט געטאָן מיט די אידן.

צען טויזנט אידן זיינען יענעם טאָג אָפּגעקליבן געוואָרן פאַר פאַר־ניכטונג.

אויפן „דעמאָקראַטן־ פּלאַץ" האָבן זיך פאַרזאַמלט זעקס און צוואַנציק־טויזנט און פינף הונדערט אידן. צוריקגעקומען אין זייערע היימען זיינען זעכצן טויזנט און פינף הונדערט.

אין ניינטן פאָרט, האָט מען אַלעמען דערשאָסן — צו הונדער. —

מען האָט אַלעמען פריער געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט, זיי געטריבן צו די גריבער און דאַן דערשאָסן...

ווען די אידן זיינען שוין געלעגן אין די גריבער, האָט מען זיי פאַר־שאָטן מיט קאַלך און ערד. (שפּעטער זיינען זייערע קערפּערס פאַרברענט געוואָרן).

אַט אַזוי זיינען אומגעקומען צען טויזנט אידן על קידוש השם.

קאַפּיטל עלף

קאָוונער — שלאַכט־הויז פאַר דייטשע אידן

עס איז פיל געשריבן געוואָרן וועגן אַשוועטשים, מאַידאַנעק טרעב־לינקע, דאַכאַו און בוכנוואַלד.

זייער ווייניק אידן ווייסן אָבער וועגן דעם ליטווישן אַשוועטשים, וועגן דעם „ניינטן פאָרט", לעבן קאָוונע — וואו עס זיינען פאַרגעקומען מאַסן־מאָרדן, מאַסן־ אויסראָטונג.

פאַקטיש האָבן זיך די מאַסן־אויסראָטונגען פון אידן אָנגעהויבן אַ סך פריער אין „ניינטן פאָרט" ווי אין אַשוועטשים. — אַשוועטשים און מאַידאַנעק זיינען אפשר געווען מער „וויסנשאַפטליך" איינגעאָרדנט, די מאָרדן זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט מער פאַרנעם, אָבער דער „ניינטער פאָרט איז ניט געווען ווייניקער שוידערליך און מאוימ׳דיק.

מען פרעגט מיר אַזוי אָפט:

—וואו זיינען אַהינגעקומען די ליטווישע אידן? וואו איז מיין קרוב? וואו איז משה, וואו איז שרה, וואו איז יאַנקעלע?

—איז טאַקע אמת, אַז זיי זיינען ניטאָ?

און אויב אַ איד פאַרשטייט שוין, אַז זיין קרוב איז ניטאָ, פרעגט ער מיך: —וואו איז זיין מצבה?

ווי קאָן איך יעדן ליטווישן לאַנדסמאַן מיינעם, דערציילן באַזונדער וועגן „ניינטן פאָרט״?

אַגב, ניט נאָר ליטווישע אידן האָט מען דאָרט אומגעבראַכט.

מען פלעגט ברענגען אַהין אידן פון כל׳ערליי לענדער פאַר פאַר־ניכטונג, ספּעציעל פון דייטשלאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, און דאָרט, ניט ווייט פון סלאָבאָדקע, אַ קורצע שטרעקע פון קאָוונע, זיינען זיי אומגעקומען על קידוש השם.

דאָרט איז כסדר אָנגעגאַנגען איינער פון די שרעקליכסטע מאַסן־מאָרדן אין דער געשיכטע.

* * *

איך ווייס נישט צי אַלע מיינע ליטווישע לאַנדסלייט געדענקען עס:

ארום סלאָבאָדקע, ביי קאָוונע האָט דער רוסישער קיסר געהאַט אויפגעבויט אַ קייט פון פעסטונגען. די דאָזיקע ליניע פון פעסטונגען האָט געדאַרפט זיין אַ מין „מאַזשינאָ״ ליניע קעגן די דייטשן.

ניט ווייט פון קאָוונע, וואו ליטע האָט זיך געגרענעצט מיט אָסט־פּרייסן און די רוסישע קסרים, וועלכע האָבן געקענט דייטשלאַנד, האָבן געוואוסט, אז קיין גרויסן צוטרוי אין די דייטשן טאָרן זיי ניט האָבן. —האָבן זיי זיך „באַוואָרנט״ מיט אַ מין פאָרטיפיקאַציע־ליניע אַרום סלאָבאָדקע, און אויך ארום קאָוונע.

די פעסטונגען (פאָרטן) זיינען געווען אין בערג און טאָלן. טויזנטער, טויזנטער און טויזנטער מענטשן האָבן געאַרבעט אַרום די פאָרטן. מיליאָנען רובל זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין זיי. אָבער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען די פאָרטן געווען פּונקט אַזאַ הילף פאַר רוסלאַנד, ווי די פראַנצויזישע מאַזשינאָ ליניע האָט געהאָלפן פראַנקרייך...

און ווער האָט עס אַמאָל געקענט גלויבן, אַז דער דאָזיקער ניינטער פאָרט וועט אַמאָל שפּילן אַזאַ שרעקלעכע ראָלע אין דער געשיכטע פון אידן אין ליטע, — אז דאָרט וועט ווערן דער בית־עולם פון ליטווישן אידנטום?

דער „ניינטער פאָרט״ איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה גע־וואָרן אַ טורמע — אַ טורמע פאַר די שווערסטע פאַרברעכער.

דער „ניינטער פֿאָרט" האָט געהאַט אַלע אײַנריכטונגען פֿאַר גרויסע פֿאַרברעכער. די נאַציס האָבן אים גענוצט פֿאַר דער מאַסן־אויסראָטונג פֿון אידן. מען פֿלעגט צווינגען אידן זיך אויסצוטאָן נאַקעט און לויפֿן אין די טראַנשייען, און דאַן פֿלעגט מען אויף זיי שיסן פֿון מאַשין־געווער.

אַ סך זיינען פֿאַרשאָטן געוואָרן לעבעדיקערהייט, אָדער אומגע־בראַכט געוואָרן דורך אַנדערע מיתות משונות.

אַהין פֿלעגט מען פֿירן אידן גלייך אין אָנהויב נאָך דער אָקופּאַ־ציע. טאָמער האָט מען אימיצן גענומען אויפֿן ניינטן פֿאָרט, האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דער סוף.

צוערשט האָבן מיר געמיינט, אַז דער „ניינטער פֿאָרט" איז אַן אויסראָטונגס פּלאַץ בלויז פֿאַר ליטווישע אידן. שפּעטער אָבער, האָבן מיר זיך אַרומגעזען אַז מען ברענגט אַהין אויך אויסלענדישע אידן, מיטן צוועק זיי צו פֿאַרניכטן.

אָנהויב דעצעמבער, 1941, זיינען קיין קאָוונע אָנגעקומען בערך 40,000 אויסלענדישע אידן, דייטשע, עסטרייכישע, טשעכישע און פֿראַנצוי־זישע, מערסטענס פֿון בערלין, פֿראַנקפֿורט און האַמבורג.

עס איז געווען אין אַ דינסטיק אָוונט, איך געדענק עס ווי היינט. פֿון יענער זייט צוים פֿון געטאָ האָבן מיר פֿלוצלונג דערהערט געוואַלדן און געשרייען אויף דייטש . . . דאַן האָבן מיר געהערט קרעכצן..

מיר האָבן זיך געוואונדערט, ווי קומט עס, אַז דייטשן זאָלן קרעכצן, אַז דייטשן זאָלן שרייען געוואַלד?

מיר זיינען צוגעגאַנגען נעענטער צום געטאָ־צוים און אַריבער־געקוקט אויף יענער זייט צוים.

אַ שרעקליך בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר אונזערע אויגן. מיר האָבן געזען ווי עס־עס לייט טרייבן פֿרויען, מענער און קינדער. אַלטע און קראַנקע האָט מען געפֿירט מיט פֿורן צום ניינטן פֿאָרט. ווען מען האָט זיי געטריבן, האָבן אַ סך געוויינט און געקרעכצט און געשריען אויף דייטש . . . וואו איז די אידישע געטאָ?

מיר האָבן גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען אויסלענדישע אידן.

ביינאַכט זיינען צוריקגעקומען אין אונזער געטאָ אידישע פּאָלי־ציאַנטן, וועלכע זיינען געווען אויף יענער זייט.

די פּאָליציאַנטן האָבן אונז איבערגעגעבן דעם שרעקלעכן גרוס פון יענע אידן — דערציילט ווי די נאַציס האָבן זיי אָפּגענאַרט.

זיי האָבן באַשטעטיקט אונזער מורא: דערציילט, אַז מען הויבט אָן ברענגען אידן פון אויסלאַנד פאַר פאַרניכטונג אין ניינטן פאָרט. די אידן וועלכע מיר האָבן געזען, האָבן די פּאָליציי־לייט אונז איבערגעגעבן, זיינען טאַקע פרעמדע, זיי ריידן טאַקע אַלע דייטש.

די פּאָליציי־לייט האָבן מיט זיי גערעדט און זיי אויסגעפרעגט פון וואַנעט זיי קומען. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי קומען פון פראַנקפורט, פון וויען, פון בערלין, האַמבורג, ברעסלאַו און פראַג — פון אַ סך שטעט און שטעטלאַך אין עסטרייך און דייטשלאַנד.

די פּאָליציי־לייט האָבן איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן לכתחילה ניט געוואוסט וואוהין מען פירט זיי, די דייטשן וועלכע האָבן זיי געבראַכט אַהער, די שרעקלעכסטע עס־עס־מערדער, האָבן איינגעשמועסט די דייטשע אידן, אַז זיי פירן זיי אין די באַלטישע לענדער. זיי האָבן זיי איינגערעדט, אַז זיי גייען באַזעצן דייטשע אידן אין ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד, אַז עס וועט זיי דאָרט גאָרניט פעלן.

די נאַצישע מערדער האָבן פאַר די אומגליקליכע דייטשע אידן געמאָלן, בילדער פון דעם וואָס עס וועט אַלץ זיין ווען זיי וועלן אָנקומען אין די באַלטישע לענדער. שיעור ניט אַ גן עדן התחתון פאַר די דייטשע אידן, האָבן זיי געזאָגט. מען האָט די אידן געהייסן מיטנעמען כל׳ערליי חפצים, שטוב זאַכן, אפילו ספרים און ביכער, ספרים וואָס זיינען געבליבן, זייער וויכטיקע אַנטיק־זאַכן מיט די שטעמפּלען פון דער ביבליאָטעק פון באַראָן ראָטשילד, און פון בית־המדרש הישן פון האַמבורג, (אַ טייל פון די ספרים געפינען זיך היינט אין הויסמאַנס־קלויז אין קאָוונע) נעמט מיט וואָס מער, האָבן זיי, די עס־עס לייט געזאָגט, ווייל איר וועט עס דאָרטן דאַרפן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין קאָוונע אויף דער באַן סטאַנציע, האָבן זיך די אידן אַרומגעזען אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט.

צוערשט האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס מען הייסט זיי עפּעס איבערלאָזן די זאַכן אויף דער סטאַנציע. מען האָט זיי געזאָגט, אַז זיי טאָרן מיט זיך גאָרניט מיטנעמען, ווייל דערווייל גייען זיי אין געטאָ. די דייטשע באַאַמטע האָבן אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט: „פּאַרלויפיק״.

די אידן האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס ניט גלאַטיק. וואָס הייסט מען נעמט ביי זיי צו אַלצדינג? פאַרוואָס? און אויב אפילו אין געטאָ — דאַרף מען דאָרטן ניט קיין זאַכן?

זיי האָבן געבאָך ניט געוואוסט וואָס דאָס באַטייט. די דייטשע באַאַמטע האָבן אָנגעזאָגט דעם „עלסטן־ראַט״ פון געטאָ צו מאַכן פּלאַץ אין געטאָ פאַר נאָך אידן.

אידן האָבן נאַטירלעך געמאַכט פּלאַץ פאַר אידן. מען האָט די אידן געוואָלט ראַטעווען. עס איז פאַר קיינעם פון אונז ניט געווען קיין פראַגע, אַז מען דאַרף די אידן ראַטעווען.

יעדער פון אונז איז געווען גרייט זיך צו טיילן מיט זיין לאַגער־בעטל, מיט זיין בגד, מיט דעם קליינעם שטיקעלע ברויט, אַבי צו האַלטן אידן . . .

אָבער מען האָט די אידן אין געטאָ ניט געפירט. נאָר געפירט פון סטאַנציע צום ניינטן פאָרט.

דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין יענע טעג פון דעצעמבער, 1941, איז ממש זיך ניט פאַרצושטעלן. יעדן טאָג האָט מען אויסגעמאָרדעוועט ממש טויזנטער אידן. מען האָט זיי אומגעבראַכט אויפן שוידערליכסטן אופן, ווייל ווי שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן דורך עדות און פאַקטן, אַז די אידן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. ווען מען האָט שפּעטער פאַר־ברענט די אַלע אידן וואָס האָבן זיך געפונען אויפ׳ן ניינטן פאָרט, האָט מען אין די גריבער פון די אויסלענדישע אידן געפונען זיי מיט זאַכן אויף זיך און די אַנדערע נאַקעטע. (אָבער דאָס אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל). מען האָט דערשאָסן אומגעפער 40 טויזנט אויסלענדישע אידן.

די געשטאַפּאָ און עס־עס־לייט וועלכע האָבן די אידן געבראַכט קיין קאָוונע, האָבן זיך געטיילט מיט די זאַכן און געלטער וועלכע זיינען איבער־געבליבן נאָך די אידן וואָס זיי האָבן אומגעבראַכט.

מען האָט געטראָגן אידן פון געטאָ צו סאָרטירן די זאַכן און איינער האָט מיר געבראַכט אַ סידור׳ל פון אַ ווינער אידן וואָס מען האָט אים אומ־געבראַכט אין יענעם מורא׳דיקן טאָג אויפ׳ן ניינטן פאָרט. (נאָך דער באַפרייאונג ווען איך האָב באַזוכט דעם ניינטן פאָרט האָב איך געזען אויף די ווענט פון פאָרט אַן אויפשריפט פון 16־טן יולי, 1944, פון אַ גרופּע פראַנצויזישע אידן, וואָס מען האָט זיי דאָן דאָרטן אומגעבראַכט.

דאָס דאָזיקע סידור׳ל האָט זיך מיר איינגעגעבן צו ראַטעווען, וואָס איך האָב עס מיט מיר. עס איז אַן אוצר מיט וועלכן איך וועל זיך קיינמאָל ניט שיידן.

דער נאָמען פון דעם איד, וואָס איז געווען איינגעשריבן אין סידור, איז יעקב קערבל, אין אַמעריקע האָב איך געטראָפן ווינער אידן וועלכע האָבן געקענט יעקב קערבלען. ער איז געווען אַ פרומער אידישער רעליגיאָנס־לערער פון ווין, אַ תמימותדיקער איד. זכר קדוש לברכה.

בכלל זיינען נאָך יענע פאַרברענטע אידן וועלכע מען האָט געבראַכט פון דייטשלאַנד און עסטרייך געבליבן אוצרות מיט אידישע ספרים.

איך האָב זיי געפונען נאָך דער באַפרייאונג. אָבער וועגן דעם וועל איך נאָך דערציילן, גענוג צו זאָגן, אַז די דייטשן, וועלכע זיינען געווען כסדר פאַרנומען מיט ראַבעווען און מאָרדן מענטשן, האָבן פאַרגעסן צו פאַרניכטן די דאָזיקע וואונדערבאַרע ספרים. צווישן זיי זעלטנסטע ספרים פון פופנצטן יאָר־הונדערט, אמת׳דיקע יקר המציאותן — דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן נאָך יענע דערמאָרדעטע אידן.

קאפיטל צוועלף

ווי אַזוי ליטווישע אידן האבן זיך מוסר נפש געווען פאַרן אידישן ספר

עס איז אַ סך דערציילט געוואָרן וועגן אידישן קידוש־השם. אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע אין איירָאָפּע.

אָט דוכט זיך, אַז מען וויסט די טראַגישע אונטערשטע שורה, מען קען דעם לעצטן סך־הכל: זעקס מיליאָן קרבנות. אָבער וואָס מער דו דערציילסט, אַלץ ווייניקער, דוכט זיך דיר, ווייסן דאָ אידן, וועגן דעם, ווי אַזוי אידן זיינען געשטאָרבן און, נאָך ווייניקער, ווי אידן האָבן געלעבט ביז זייער אומקום. עס איז פאַראַן אַ קאַפּיטל וואָס איז אַזוי שרעקלעך ווייניק באַקאַנט: דער קידוש השם פאַר׳ן גייסט, פאַר גייסטיקייט, פאַר׳ן אידישן ספר, פאַר דעם הייליקן אות. ניט תמיד איז דער אומקום אין געטאָ געווען „העלדיש״ — לויט אונזער באַגריף, אָבער דאָס געמוטשעטע, שווידערלעכע געטאָ לעבן פון יעדן איינצלנעם איד, ביז די לעצטע מינוטן, איז געווען העלדיש ביז גאָר — אין גייסטיקן זין. אידן האָבן זיך צוגע־וואוינט צום געדאַנק, ליידער, אַז עס דראָעט יעדן איינעם פון זיי אומקום, יעדן באַזונדער, און דאָך ווי לאַנג אַ איד האָט געזשיפּעט אינם געטאָ, אָדער אינם לאַגער, האָט ער ניט געוואָלט לעבן אָן אַ ניצוץ פון רוח הקודש.

דעריך, אפשר מער ווי אַלצדינג, האָט מען געקאָנט זען די הייליקייט פונם אידן, דעם „אתה בחרתנו״ און טאָקע אויך אונזער דערהויבונג. ווער עס האָט געזען דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזען, אין פּרט פון אידישער צוגעבונדענקייט צום ספר, דער וועט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן — דער האָט באַגריפן דעם זין פון „אתה בחרתנו״.

מען קאָן אונז באַשולדיקן אין צופיל אָפּטימיזם, אין צופיל אמונה אין דער מענטשליכקייט פון אַנדערע, אָבער גראָד אין די דאָזיקע שווערע

און טראַגישע טעג, וואכן, חדשים און יאָרן, האָט מען געזען די קדושה פונ׳ם אידישן פאָלק.

דאָס זיינען מיר — טראַץ אַלעם: דער עם הנבחר אין פרט פון גייסט.

איך האָב געזען גייסטיקע גבורה ביי אידן, און איך האַלט עס פאַר מיין חוב קדוש צו דערציילן וועגן דעם.

וואָס מער און טיפער איך קוק אויף צוריק אויף דער אַלעם, וואָס איך האָב געזען אין משך פון די שרעקלעכע יאָרן אין געטאָ, אַלץ בולט׳ער און שאַרפער זע איך דאָס גרויסע ליכט אין דער פינצטערניש, דאָס ליכט פונ׳ם ספר. פון אַלץ האָבן אידן זיך געקאָנט שיידן מיט לייכטקייט: פון הויז, פון היים, פון געשעפט, פון אַ פאָסטן — אָבער ניט פונם ספר.

ווער איז דאָס אימשטאַנד איבערצוגעבן די ווערטער וואָס זאָלן זיך פאַסן פאַר דער שילדערונג פון יענעם גרויסן קידוש השם פאַר דעם אידישן אות?

איך האָב געהאַט אַ שייכות מיטן דאַזיקן קאַמף פאַר׳ן ספר אין דער קאָוונער געטאָ — און דערפאַר אפשר האָט זיך אין מיין זכרון איינגע־קריצט אויף אייביק יענע מלחמה פאַר אונזערע הייליקע אותיות.

אידן אויסגעמאַטערטע, פאַר׳חושכ׳טע, הונגעריקע — אידן וואָס האָבן ממש ניט געהאַט קיין שטיקל ברויט פאַר זייערע קינדער — האָבן דאָס ספר, דאָס רעליגיעזע און דאָס וועלטליכע להבדיל, געמאַכט פאַר זייער לעצטן אָנהאַלט־פונקט, דאָס רעליגיעזע מער ווי דאָס וועלטליכע האָט געצויגן צו זיך. די אידן האָבן אין דעם הייליקן ספר, און אין די יריעות פון דער ספר תורה, געזען אַ זין, געפונען עפּעס וואָס איז ווערט צו באַהאַלטן, און זיי האָבן מיט די לעצטע כוחות געקעמפט דערפאַר, אַז דאָס תורה לערנען, זאָל ביי זיי ניט צוגערויבט ווערן.

אַלץ האָבן זיי געלאָזן ביי זיך צונעמען — אַלץ אָבער ניט דאָס ספר. ווען עס איז געקומען צו קעמפן פאַר אַ ספר תורה, אויסצובאַהאַלטן אַ ספר תורה, האָט דאָס סאַמע שוואַכסטער אידעלע זיך אַרויסגעוויזן פאַר׳ן גרעסטן גבור. די מערקווירדיקסטע איינפאַלן האָבן אידן געהאַט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין ראַטעווען ספרים. דאָס סאַמע־רירנדסטע אין

דער דאָזיקער גרויסער דראַמע פון קאַמף פאַר די הייליקע אותיות, איז זיכער געווען די מסירות נפש וואָס קליינע אידישע קינדער האָבן ארויסגעוויזן ביים פאַרטיידיקן דאָס ספר. דאָס זיינען ניט געווען מער קיין קינדער נאָר אידן גבורים. אַ סך פון זיי האָבן אַליין געקאָנט זייער ווייניק, אָבער די קדושה פון די ספרים איז אומבאַוואוסטזיניק, געווען אין זיי. דער ניצוץ האָט געברענט ווי אַ גרויס פייער...

לאָמיר דערציילן לויטן סדר פון דער פאַסירונג.

נאָכדעם ווי די נאַצישע רוצחים האָבן שוין געהאַט דורכגעפירט אַ היפשע צאָל מערדערישע „אַקציעס" אויף די אומגליקלעכע געטאָ־אידן, איז געקומען נאָך אַ נייע אַקציע, אַן אקציע אויפן אידישן גייסט, די גזילה פון אידישן ספר. (18־טן פעברואַר, 1942.)

וואָס איז אייגנטליך געווען דער צוועק פון דער דאָזיקער אַקציע? וואָס האָבן זיי געוואָלט? זיי האָבן געוואָלט קודם כל אַנטמענטשן דעם איד — צונעמען ביי אים דאָס גייסטיקע פּרצוף, צונעמען ביי אים דעם צלם אלוקים, פאַרוואַנדלען אים אין אַ צוויי־פיסיקער חיה, כדי ער זאָל ניט קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן דעם דייטש.

אין דעם זין פון פיזישן קאַמף איז דאָס ליידער, ביז אַ געוויסער מאָס, די דייטשן געלונגען. פיזיש האָבן מיר ניט באַוויזן אַרויסצואווייזן אַ סך גבורה, אָבער דעם אידישן גייסט האָבן זיי קיינמאָל ניט געבראָכן, קיינמאָל ניט.

ווען עס איז דעם 15־טן אויגוסט, 1941, ארויסגעגעבן געוואָרן דער דייטשישער באַפעל, אַז אַלע אידן מוזן אַריין אין געטאָ, האָט זיך גלייך אָנגעהויבן די מלחמה פאַר ראַטעווען די אידישע גייסטיקייט. דורך די איניציאַטיוו פון קאָוונער רב, הגאון ר' אברהם דובער שאַפּיראָ ז"ל, און דער שרייבער פון די שורות און אנדערע, האָבן גלייך אָנגעפאַנגען אַן אַקציע אַרויס־צופירן ספרי־תורות און ספרים, און אלערליי תשמישי קדושה און להבדיל, ביכער, פון קאָוונע אין געטאָ.

קודם כל, האָבן מיר זיך קאָנצענטרירט אויף צו ראַטעווען די ביב־ליאָטעק פון הגאון ר' יצחק אלחנן זצ"ל, ווי באַקאַנט איז די ביבליאָטעק

פון ר' יצחק אלחנן זצ"ל געווען איינע פון די באַרימטסטע אין דער וועלט, זיין ש"ס, מיט די אייגענע באמערקונגען אויף יעדן דף, איז ממש ניט אָפּצו־שאַצן, דערצו, זיינען דאָרט געווען אַלטע אַנטיק־ספרים פון ראשונים, וואָס זייער ווערט קאָן ממש ניט אָפּגעשאַצט ווערן.

אָבער ניט, דאָס אליין האָבן מיר זיך באַמיט צו ראַטעווען, אַלע ספרים פון די בתי מדרשים, האָבן מיר ארויסגענומען פון קאָוונע — און ווי מיר האָבן דאָן געמיינט — געראַטעוועט.

טאָג נאָך טאָג האָבן זיך געצויגן פורן און וועגענער פון קאָוונע קיין סלאָבאָדקע, וועלכע זיינען געווען באלייגט מיט ספרים. גאָר באַזונדער האָבן מיר געפירט די הייליקע ספרי תורות.

אין די פורן איז נאַטירלעך אַלץ געווען פאַרשטעקט כדי די רוצחים זאָלן זיך ניט כאַפּן וואָס מיר טוען דאָ.

און עס איז געלונגען דאָס וויכטיקע און ווערטפולע, אַריבער־צופירן אין געטאָ, וואו — ווי מען האָט דאַן נאַאיווערהייט גערעכנט — אַז מען וועט קאָנען איבערלעבן די מורא'דיקע צייטן.

די הייליקסטע זאַכן האָבן מיר דאַן באַהאַלטן אין פיר זייטיקע צימערן פון דער קריסטליכער קונסט־שולע וואָס איר בנין איז געלעגן אינערהאַלב דעם געטאָ.

מיר האָט מען באַשטימט פאַרן פאַרוואַלטער פון די אַלע גנזי ספרים; איך האָב עס געדאַרפט היטן אונזער טייערן פאָלקס־אוצר.

עס איז נאַטירלעך, געווען שווער אָפּצוגעבן כבוד די אַלע ספרים ווי געהעריק צוליבן מאַנגל פון אָרט פאַר זיי, אָבער וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? מיר זיינען געווען צופרידן וואָס מיר האָבן (ווי עס האָט זיך אונז דאַן געדאַכט) די ספרים אָפּגעראַטעוועט...

איך געדענק ווי די קינסטלערין אסתר לוריע (זי איז איצט אין ישראל) איז געקומען באזוכן דעם ביכער לאַגער, ווי מען האָט עס גערופן (ביבליאָטעק האָט מען ניט געטאָרט רופן. אידן זיינען געווען אונטערמענטשן וועמען עס קומט ניט קיין ביבליאָטעק) און געמאַכט אַ בילד פון די דאָזיקע באַהאַלטענע ספרים.

עס האָט אונז דאַן געדאַכט, אַז די דאָזיקע הייליקייטן אונזערע באַהאַלטן זיך פאַר די נאַצי־שדים, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע מענטשן.

* * *

ניט לאַנג האָבן מיר אָבער, געקאָנט האַלטן דעם ביכער־לאַגער.

עס איז ווידער געקומען אַ נייער באַפעל: ליידיק מאַכן די צימערן פאַר ווארשטאַטן, וואו מען דאַרף ארבעטן.

האָבן מיר אַלץ ליידיק געמאכט — און געפונען אַן אנדער הויז פאר אונזערע גייסטיקע אוצרות אויף ווארענו גאַס.

אַגב ניט נאָר ספרים האָבן מיר אין די האַלב־געהיימע ביכער־לאַגערס געהאַלטן, נאָר אַלץ וואָס עס האָט צו טאָן מיט אונזער גייסטיקייט: טליתים, תפילין, סדורים, מחזורים — דאָרט אָריינקומען נאָך א סידור׳ל און און אַזוי ווייטער. קינדער פלעגן זיך צו לערנען דאַוונען, עלטערע נאָך אַ ספר, נאָך אַ טלית, אָפּצודאַוונען, נאָך אַ פּאָר תפילין — וכדומה.

איינמאָל ווען עס איז געקומען אין געטאָ אַ פאָרשטייער פון דעם אַנטיסעמיטישן טעאָרעטיקער אַלפרעד ראָזענבערג ימח שמו, אַ געוויסער רשע, וועמען מען האָט גערופן דר. בענקערס, איז ער אריינגעקומען זען דעם ביכער לאגער.

איך בין געשטאַנען ווען דר. בענקערס, צוזאמען מיט דעם אויפזעער איבערן געטאָ, יאָרדאַן ימח שמו, זיינען אהין אריינגעקומען צוזאמען מיט פאָרשטייער פון עלטסטן־ראָט.

— ווער ביזטו? — האָט מיר יאָרדאַן געפרעגט.

— איך בין דער אויפזעער — האָב איך געענטפערט.

דער נאַצי־רוצח האָט זיך מסתמא געוואָלט אויספיינען מיט זיין „קולטור", האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן:

— צייג מיר דעם עלטסטן בוך אין דער קאָלעקציע!

— איך האָב אים געוויזן די קאָרקאָדאַנץ פון יאָהאַן שטראַאוס, גע־דרוקט מיט בערך פיר הונדערט יאָר צוריק.

דערנאָך האָב איך אים געוויזן נאָך אַלטע ספרים.

איך האָב פאַרשטאַנען אַז די רשעים זיינען ניט בלויז געקומען אַהין אַ קוק צו טאָן אויף דער קאָלעקציע. יעדער באַזוך פון „וויכטיקע נאַציס״, האָבן מיר שוין געוואוסט, מיינט, אַז עס קומט אַ נייע גזירה.

איך האָב געקלערט ביי מיר:

— וואָס פאַר אַ גזירה קאָן קומען איצט?

איך האָב ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטן, איך האָב זיך דערוואוסט דעם סוד טאַקע דעם זעלביקן טאָג וואָס די רשעים האָבן באַזוכט דעם ביכער־לאַגער.

גלייך נאָכדעם ווי זיי זיינען געהאַט ארויסגעגאַנגען פונם לאַגער, האָבן די רוצחים צונויפגערופן דעם „עלטסטן־ראַט״ (די אָפיציעלע פאַר־שטייערשאַפט פון געטאָ) און געגעבן אַ באַפעל:

— דער ביכער־לאַגער דאַרף גלייך פאַרזיגלט ווערן, מען מוז זען אַז מען זאָל אָפּהיטן די טייערע חפצים. די דייטשן, „וויסן זי, זיינט קולטור־מענטשן״, און זיי ווילן ניט אַז די אַלע וויכטיקע ביכער זאָלן פאַרלאָרן גיין.

מען מוז גלייך זען, אַז אַלץ זאָל ווערן איבערגעציילט פינקטליך, אַז ס׳זאָל ניט פאַרלאָרן גיין קיין איינציק בוך.

ווי יעדער באַפעל, האָט אויך דער נאַצי־אָרדער זיך פאַרענדיקט מיט אַ דראָאונג:

די געטאָ־פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל צו היטן די ביכער. זי איז געמאַכט געוואָרן פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר, אַז קיין בוך זאָל ניט פאַרלאָרן גיין.

* * *

נאָך יענעם באַזוך איז געקומען דער אָנהויב פון דער ליקווידאַציע פון אונזערע ספרים.

די אידן האָבן באַשלאָסן צו פאַרטיידיקן אונזערע ספרים מיט ניט ווייניקער און אפשר מיט מער עקשנות ווי מיר האָבן געהיט מענטשליכע לעבנס. דאָ האָט מען אָנגערירט דאָס נצחיות פונם איד. און דער איד האָט זיך פאַרטיידיקט.

ווען איך דערמאָן זיך אין דער האַלטונג פון די נאַצי־רוצחים לגבי

דעם אידישן ספר, קאָן פון מיין זכרון ניט אַרויס איין פּרט — די נאַצישע מורא פאַרן אידישן בוך.

אָפּטמאָל האָבן מיר אַלע באַמערקט ווי די נאַציס האָבן זיך געשראָקן פאַר ביכער אַ סך מער ווי זיי האָבן מורא געהאַט פאַר מענטשן.

עס איז מערקווירדיק ווי גרויס עס איז דער כוח פונם הייליקן אידישן ספר. עס האָט אין זיך נשמה, עס טראָגט אין זיך ליכט פון דורות, און עס איז אוממעגליך ניט פאַרבלענדט צו ווערן פון דער גרויסער ליכ־טיקייט וואָס עס שטראַלט ארויס פון אַ אידיש ספר, — אויב מען איז ניט ראוי דערצו זיך צו דערנעענטערן.

געווען אַזעלכע צווישן די מערדער וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינסטיקטיווע מורא פאַרן אידישן בוך. זיי זיינען נאַטירליך, געווען אין אַ קליינער מינדערהייט — אָבער עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס זיי האָבן לייכטער געהרג׳עט אַ מענטשן ווי ליקווידירן אַ בוך.

זיי האָבן מורא געהאַט זיך דערצו צו צורירן — אפילו דאַן ווען זיי האָבן באַשלאָסן עס צו פאַרניכטן.

און אויך דאָס איז אַן אורזאַך פאַר וואָס עס איז געלונגען צו ראַטעווען אַ צאָל אידישע ספרים.

* * *

די הויפּ־אורזאַך פאַר דער רעטונג פונם אידישן ספר איז געווען די גרויסע מסירת נפש פון אידן גופא.

אידן פון אַלע קלאַסן און פון אַלע שיכטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקע מסירת נפש פאַר דעם אידישן ספר, — שוין אָפּגערעדט פון דער אָפּפערווילליקייט ביים באַהאַלטן ספרי תורות.

אידן בעלי־מלאכה, שוסטערס, שניידערס, קאַוואַליעס, האָבן אין דער מלחמה פאַרן אידישן ספר זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה.

און אידישע קינדער זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פון זיי, זיי האָבן דער־פילט אין דער דאָזיקער מלחמה פאַרן ספר אַ זין, אַ טיפערע סיבה. עס איז געווען קאַמף פאַר אידישע נצחיות, און אין דעם דאָזיקן קאַמף איז נאַ־

טירליך, געלייטערט געוואָרן און זיך דערהויבן צו די העכסטע הויכן, די נשמה פונם לאַגער־איד און פונם געטאָ־איד.

ווען די דייטשן, ימח שמם, האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אלע אידישע ספרים און ביכער מוזן צוגעשטעלט ווערן אין משך פון דריי וואָכן — און ווען זיי האָבן אין דעם זעלביקן באפעל געלאָזט וויסן, אַז אויב מען וועט נאָך די דאָזיקע דריי וואָכן געפינען אַ ספר ביי אַ אידן, וועט ער ווערן באַשטראָפט — אידן האָבן פאַרשטאַנען אז דאָ הויבט זיך אָן די מלחמה פאַרן ספר. און זיי האָבן אויך באַגריפן אַז די דאָזיקע מלחמה מוז געפירט ווערן ערנסט און פולשטענדיק. מען מוז ראַטעווען די וויכ־טיקסטע ספרים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די טעטיקייט פון באַהאַלטן ספרים. דאָס שווערסטע איז געווען דאָס באַהאַלטן ספרי תורה.

ביי אונז אין קאָוונער געטאָ, האָבן זיך אָנגעזאַמלט אומגעפער, דריי הונדערט ספרי תורה. —

אונזער באַשלוס איז געווען קלאָר: קיין איין ספר תורה טאָר צו די רשעים ניט אריינפאַלן, מען מוז עס טאָן אפילו אויב מען זאָל דערפאַר באַצאָלן מיט די לעבנס.

אָבער ווי אזוי טוט מען דאָס? מיר האָבן פאַרשטאַנען אז בלויז מסירת נפש איז דאָ ניט גענוג, מען קאָן מפקיר זיין לעבנס, שטאַרבן על קידוש השם, און דאָך זאָלן דערנאָך די ספרי תורה חס ושלום אריינפאַלן צו די מערדער.

איז מען געזעסן און זיך באַראָטן ווי אַזוי די ספרי תורה צו ראַטעווען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אז עס איז דאָ איין וועג צו באַהאַלטן די הייליקייטן: פאַרמויערן זיי. אָבער פאַרמויערן, — ווי אזוי־ פאַרמויערן, אַז די רשעים זאָלן זיי ניט געפינען, אז די רוצחים זאָלן גאָרניט באַמערקן?

האָט מען באַשלאָסן, אז ביי הירשל לאַפּיאַנסקין אין שייער אויף ליב־קעווער גאַס קאָן מען די ספרי־תורות פארשטעקן צווישן די באַלקאָנס פון דער סטעליע און אויבן פאַרקלאַפּן מיט ברעטער, אויף אזא אופן מען זאָל זיך נישט כאַפּן און דערקענען אַז דאָ ליגט עפּעס. באַהאַלטן.

אַזוי אַרום, האָבן מיר געגלויבט, וועט מען קאָנען לאָזן די ספרי תורה ביז די באַפרייאונג וועט קומען.

אַז עס וועט קומען אַ סוף צו דער רשעות האָבן מיר קיינמאָל ניט געצווייפלט. מיר האָבן נאָר תפילה געטאָן און געהאָפט, אַז מיר זאָלן דער־לעבן די באַפרייאונג...

יענע טעג פון מסירת נפשביים באַהאַלטן די ספרי תורות וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אידן האָבן געאַרבעט, געהאָרעוועט מיט דער גרעס־טער מסירת נפש הינטער די אויגן פון דער „געסטאַפּאָ", כדי צו ראַטעווען ספרי תורות.

געלט, גאָלד, זילבער, בריליאַנטן, האָבן אידן אַוועקגעגעבן זייער לייכט, זיי האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין מסירת נפש ביים באַהאַלטן זיי.

ביים אַוועקגעבן דאָס דאָזיקע גאָלד, האָבן אידן אַרויסגעוויזן וואָס פאַר אַ הייליק פאָלק זיי זיינען; און זייער קדושה האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך שטאַרקער ביי יענער אַקציע צו פאַרמויערן די ספרי תורה.

קיינער וואָס האָט ניט געלעבט אין אַ דייטשן לאַגער אָדער געטאָ, קאָן זיך ניט פאָרשטעלן וויפיל שוועריקייטן פון כל המינים, עס זיינען געווען פאַרבונדן ביים איינמויערן די דאָזיקע ספרי תורה צווישן די סטעליעס. עס איז ממש אוממעגליך געווען — אויב מען איז צוגעגאַנגען דערצו על פי דרך הטבע.

אָבער דאָך איז געוואָרן לייכט און איינפאַך ווען אידן האָבן זיך גענומען צו דער דאָזיקער עבודת הקודש מיט קדושה וטהרה.

און זיי האָבן די דאָזיקע אויפגאַבע אָדורכגעפירט. דאָס זעלבע איז געווען מיט אַנדערע ספרים.

יונגעלייט און עלטערע האָבן געגראָבן גריבער און דאָרטן באַהאַלטן ש״ס׳ן, רמב״מ׳ס, טורים און שאלות ותשובות. אנדערע האָבן אויס באַ־האַלטן ביי זיך צו איין, צוויי ספרים, חומשים, גמרות.

איך געדענק בערטשיק בריקער, ווען מען האָט ביי אונז גערופן בערטשיק דער גלעזער, ווי ער האָט זיך מוסר נפש געווען ביים באַהאַלטן גמרות און אנדערע ספרים.

איך געדענק, אז נאָכ׳ן זאָגן דעם שיעור אין „תפארת בחורים״, פאַר די יוגנטליכע, האָב איך געפרעגט די עלטערע און די אינגערע קינדער: „וואו וועלן מיר נעמען חומשים, גמרות? האָבן זיך אַלע יוגנטליכע אויפ־געשטעלט און אויסגערופן:

— רבי, זאָרגט זיך ניט, מיר וועלן יעדער באַזונדער באַהאַלטן א חומש, אַ גמרא, כדי עס זאָל זיין פון וואָס צו לערנען!

טרערן זיינען מיר געקומען אין די אויגן, ווען איך האָב דאָס גע־הערט. און איך האָב ביי זיך געטראַכט:

— רבונו של עולם, זע וואָס פאַר אַ הייליק פאָלק מיר זיינען, פאַר באַהאַלטן אַ גמרא קומט טויט־שטראָף, און דאָך האָט יעדערער פון די קינדער באַשלאָסן צו ריזיקירן מיטן לעבן, כדי צו האָבן אַ חומש, א גמרא פון וואַנען צו לערנען!

איך האָב דערמאָנט אייניקע די סכנה מיט וועלכער עס איז פאַר־בונדן דאָס באַהאַלטן אַ ספר.

דערויף האָבן אייניקע מיר געענטפער ווי אין אַ כאָר:

— רבי, עס מאַכט ניט אויס, אויב מען וועט אונז שיסן צוזאַמען מיט די גמרות! זאָל מען כאָטש אונז שיסן על קידוש השם!

ביים ראַטעווען די ספרים האָט מען אויך אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג, וואָס האָט געדאַרפט ארויסכאַפּן געוויסע אַלטע ספרים און אַנטיק־זאַכן. דאָס פלעגט מען טאָן ביים אָנלאָדענען ספרים און ביכער אויף וועגענער, אָדער ווען די ספרים זיינען שוין געפירט געוואָרן אין די וועגענער...

די ספרים און ביכער וואָס די רוצחים האָבן אריינבאַקומען האָבן זיי איבערגעפירט אין זייערע אייגענע אַנטיסעמיטישע ביבליאָטעקן, וואָס דער שונא ישראל דר. ראָזענבערג, ימח שמו וזכרו האָט געהאַט אָרגאַני־זירט אין דייטשלאַנד.

נאָך דער ליקווידאַציע פונ׳ם ביכער לאַגער, איז געקומען די פול־שטענדיקע ליקווידאַציע, פון דער אידישער גייסטיקייט.

מען האָט פאַרמאַכט די לעצטע שולן, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין תחום פון דער געטאָ, דאָס איז געווען דעם 26־טן אויגוסט, 1942.

עס איז געווען פאַר ראש השנה ,און פאַרשטייט זיך, אַז די רוצחים האָבן אויך די גזירה ארויסגעגעבן מיט אַ כוונה אין ריכטיקן סעזאָן ווען אידן האָבן זיך געקליבן צו די ימים נוראים. אָבער פונדעסטוועגן וויל איך זאָגן, אַז טראָץ דער גזירה, האָט מען יענע ימים נוראים געדאַוונט מיט התלהבות און ברען — און טאַקע מיט מנין...

דאָס האָבן די מערדער ביי אָפּגעשוואַכטע און אויסגעפּייניקטע אידן ניט געקאָנט צונעמען...

די ספרי תורה וואָס מיר האָבן דאָן פאַרמויערט, זיינען ביי דער ספרים ליקווידאַציע געראַטעוועט געוואָרן.

שפּעטער ווען די געטאָ איז פאַרקלענערט געוואָרן, האָט מען אויך געמוזט ארויסנעמען די ספרי תורה. מיט פיל מסירת נפש האָט מען זיי געבראַכט אין בלאָק „צע״, וואו זיי זיינען געווען באַהאַלטן, ווען די רוצחים האָבן ליקווידירט די קאָוונער געטאָ, כ״ב תמוז, תש״ד, ביים סוף פון דער אָקופּאַציע און פאַרברענט אַלע בנינים פון געטאָ, צווישן זיי, אויך דעם בלאָק „צע״, וואו עס זיינען געווען די ספרי־תורה.

בלויז איין ספר תורה, מיינע אַן אייגענע, איז געבליבן — וואָס איך האָב ביי זיך געהאַלטן און מיטגענומען מיט זיך אומעטום וואו איך בין געווען.

די ספר תורה געפינט זיך איצט מיט מיר.

וואָס שייך די באַגראָבענע ספרים, זיינען אַנדערע פון זיי געבליבן.

מען האָט זיי אויסגעגראָבן נאָך דער באַפרייאונג און זיי געפינען זיך אין הויסמאַנ׳ס בית המדרש, אין קאָוונע.

ווען דער שרייבער פון בוך האָט נאָך דער באפרייאונג געעפנט הויסמאַנס בית־המדרש, איז געווען מיין ספר־תורה די איינציקע, און אַ צווייטע האָט מען געבראַכט פון ווילנע.

דאָס איז דאָס קאַפּיטל פונ׳ם קאַמף פאַרן אידישן ספר, פאַרן אידישן גייסט, אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע.

קאפיטל דרייצן

דער געהיימער ברית אין געטא

דעם 7־טן מאי, 1942, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דער אידישער באַפעלקערונג אין קאָוונער געטאָ, אַז מען טאָר נישט געבוירן קיין קינדער. יעדעס קינד וואָס וועט געבוירן ווערן, וועט דער־שאָסן ווערן צוזאַמען מיט דער מוטער.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן די שרעק און מורא פון די שוואַנגערע פרויען און בכלל דעם איינדרוק פון דאָזיקן גזר. די הויפט־פראַגע איז געווען: ווי באהאלט מען אויס אַ ניי־געבוירן קינד? ס'איז דאָך אַ קינד. עס וויינט דאָך, און די דייטשן פלעגן כסדר גיין באזוכן די הייזער פון געטאָ. אַ באַפעל איז אויך געגעבן געוואָרן צום פאַרוואַלטער פון קראַנקן־הויז, דר. זאַכאַרין, נישט אַריינצונעמען קיין שוואַנגערע פרויען אין שפּיטאָל אריין.

אָבער דער וואָס מיינט, אַז אידן האָבן זיך אונטערגעגעבן דער גזירה, מאכט אַ טעות. מיר זיינען נישט די בעלי בתים איבער לעבן, האָבן מיר זיך געזאָגט, און מיר וועלן נישט אומברענגען דאָס אידישע פאָלק. מיר וועלן נישט ווערן די מערדערס פון אידישע קינדער.

מען האָט אָנגעהויבן אָפּנעמען קינדער אין געהיים...

און נישט נאָר זיינען קינדער געבוירן געוואָרן אין געהיים, מען האָט זיי אויך געאידישט באַהאַלטענערהייט, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אידן.

איך קאָן ניט פאַרגעסן די געהיימע ברית'ן וואָס איך האָב אַליין בייגעוואוינט. און איך וויל דערביי באַמערקן, אַז ברוך השם, לעבן אַ סך פון יענע קינדער, וועלכע זיינען אָפּגענומען געוואָרן אין געהיים, געבראַכט געוואָרן בבריתו של אברהם אבינו, אין געהיים.

זיי זיינען געבוירן געוואָרן על פּי נס און זיי זיינען געבליבן לעבן על פּי נס.

זיי, די דאָזיקע אָפּגעראַטעוועטע קינדערלאַך, זיינען די דענקמעלער

וואָס זיינען געבליבן נאָך יענע קדושים וטהורים, די טאַטעס און מאַמעס זייערע, וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם, און זיי געבראַכט צום לעבן בקדושה ובטהרה.

ווי קאָן איך דען פאַרגעסן יענעם ברית ביי יצחק בלאָך (די פרוי איז די טאָכטער פון רעמיגאָלער רב, ר׳ זיסל שטיינפעלד) — אַ געהיימער ברית אין געטאָ ?!

פינף יאָר האָבן זיי געלעבט און עס איז ניט געבוירן געוואָרן קיין קינד. ג־ט האָט זיי מיט קיין קינדער ניט באַשאָנקען. און פלוצלונג, גראָד אין געטאָ, גראַד נאָך דער גזירה, האָט זיי ג־ט באַשאָנקען מיט א קינד.

אינ׳ם געטאָ האָבן זיי געוואוינט אין בלאָק „צע״

עס איז געווען אַ גרויסער בנין, פיר שטאָק הויך, אַרום 65 מעטער לאנג. אין יענעם מויער האָבן זיך געפונען אַ סך אַנשטאַלטן פון געטאָ.

אינ׳ם בלאָק „צע״ איז געווען אַ געהיימער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַ „תפארת בחורים״, צוויי בתי מדרשים, די באָד וואָס מען האָט גע־רופן „ענטלויזונגס־אַנשאַלט״, די קיך, געהיימע שפּיז געוועלבער, אונטער־ערדישע, געהיימע דירות פאַר צו באַהאַלטן אידן, און אַזוי ווייטער.

די מעשה פון בלאָק „צע״ איז געווען, אַז ווען מען האָט די אידן „איבערגעגעבן״ יענעם געגנט פאַר דער געטאָ, איז דער בנין נאָך ניט געווען פאַרטיק. עס איז געקומען אַ באַפעל, דעם בנין פאַרטיק צו מאַכן. האָט מען אים אַזוי פאַרענדיקט, אַז מען זאָל קאָנען דאָרט איינאָרדענען כלערליי נויטיקייטן.

אין יענעם בנין האָט מען אויסבאַהאַלטן געווער, אָפגעהאלטן מי־טינגען פון אידישע פּאַרטיזאַנער, און אַזוי ווייטער.

דאָרט האָבן אויך געוואוינט אַ סך אידן, צווישן זיי דער דער־מאָנטער יצחק בלאָך.

דאָרט, אין בלאָק „צע״, איז געווען אַ פאַך־שולע פאַר אידישע קינ־דער, די פאַמיליע האָט זיך דערפאַר דאָרט באַהאַלטן, ווייל זיי האָבן אינזינען געהאַט, אַזוי ווי דאָרט איז אַ שולע פאַר קינדער און דאָרט הערט מען דאָס קלאַפּן פון האַמערס, וועט דאָס קלאַפּעריי פאַרטויבן דאָס געשריי פון קינד.

אין דער פאַך־שולע האָט מען אויסגעאַרבעט קלייניקייטן פאַר דער דייטשער מלחמה, און די דייטשן האָט גאָר ניט געקענט איינפאַלן, אַז גראָד דאָרטן זאָל מען קאָנען געבוירן אַ קינד.

דאָרט איז טאַקע פאָרגעקומען דער ברית.

איך וועל יענע סצענע קיינמאָל אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן.

בעת דער מוהל האָט גענומען דעם מוהל־מעסער אין האַנט אריין, האָט זיך פּלוצלונג, פאַרן בלאָק אָפּגעשטעלט אַ טעקסי מיט געסטאַפּאָ־לייט. די שרעק איז געווען גרויס.ביים מוהל האָבן אָנגעהויבן ציטערן די הענט. אלע זיינען געוואָרן נערוועז.

איך געדענק עס ווי היינט. עס איז געווען אַ זונטיק פאַרמיטאָג. וואָס טוט מען איצט? וואָס טוט מען מיט דער מוטער, ווי ראַטעוועט מען די נפשות? מיר אלע ציטערן פון שרעק. דעם מוהל טרייסלען זיך די הענט, אָבער די מוטיקסטע פון אַלע, איז געווען די מוטער.

— „גיכער זייט מל דאָס קינד, האָט זי אויסגעשריען, איר זעט דאָך, אַז מען גייט אונז אַלעמען שיסן, זאָל דאָס קינד שטאַרבן אַ איד!"

מיר האָבן געוואָרט אויף די מערדערס זיי זאָלן קומען צו אונז, נאָר מיר זיינען ב"ה אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, די רוצחים זיינען צו אונז ניט אַריינגעקומען.

זיי זיינען גאָר געקומען באזוכן די פאַך־שולע, און זען ווי די קינדער אַרבעטן, אין די קליינע וואַרשטאַטן. עס איז געווען אַן אינספעקציע פון דער קריגס־מאַשין.

קיינער פון אונז האָט עס אָבער ניט געוואוסט, מיר זיינען געווען זיכער, אַז דאָס זיינען אונזערע לעצטע מינוטן.

מיר האָבן זיך צוגעהערט צו דער העלדישער מאמען, מען האָט מל געווען דאָס קינד, אין שאָטן פון טויט.

ביז דער לעצטער שעה פון מיין לעבן, וועט מיר בלייבן אין זכרון יענער געהיימער ברית, און די ווערטער פון דער העלדישער מוטער.

דער כח פון גרויסן און שווער־געפּרואווטן אייביק פאָלק.

קאפיטל פערצן

דער געהאנגענער אין געטא

נאכדעם ווי די בלוטיקע מאסן־אקציעס און ביכער אקציעס האבן זיך פאר א שטיקל צייט געהאט אפגעשטעלט, האט זיך אנגעהויבן א תקופה פון פארהעלטנמעסיקער רו. ווי איך האב שוין דערמאנט אין קאפיטל ניין, איז קיין פולע רו, קיינמאל נישט געווען אין געטא, דער־שיסונגען פון איינצלנע אידן, פאר פארשיידענע „חטאים" און סתם דער־שיסונגען, האט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט, אבער לפי־ערך, אין פארגלייך מיט די מאסן־מארדן, האט עס שוין געהייסן — רו...

עס איז אלזא געקומען אן אטעם־פויזע. עס איז באלד געשאפן געווארן א פארבינדונג מיט די געטאס אין אנדערע ליטווישע שטעט ווי: ווילנע און שאוול. און מען האט זיך דערוואוסט, אז דער זעלבער צושטאנד עקזיסטירט אויך דארט, און א שטראל פון האפענונג האט זיך גענומען אריינגנב'ענען אין די הערצער, אז מסתמא וועט שוין דער מצב אנ־האלטן, אז דאס ערגסטע איז שוין פאריבער.

צו יענער צייט האבן זיך אנגעהויבן ארגאניזירן פארשיידענע רע־ליגיעזע און וועלטליכע באוועגונגען. אויך עקאנאמיש האט זיך דער מצב א ביסל פארבעסערט. עס איז פארברייטערט געווארן די צאל ארבעטער אין די געטא ווארשטאטן, וואו אידן האבן געארבעט פאר דער דייטשער ווערמאכט. דער פלאן צו שאפן אין געטא ווארשטאטן איז געקומען טאקע פון אידן גופא, כדי צו קענען א ביסל פארלייכטערן די שווערע ארבעט ביים אעראדראם, און אויך כדי צו מאכן זיך „נוצליך" ביי די רוצחים, און אזוי ארום אפשר קענען ראטעווען דאס נפש.

און אזוי איז טאקע געווען, די דאזיקע געטא־ווארשטאטן האבן אין א גאר היבשער מאס געהאלפן אויפהאלטן אידישע נפשות, און האבן בכלל געשפילט א וויכטיקע ראלע אין געטא.

אידן האָבן זיך שוין צו ביסלעך געהאַט באַרואיקט, און עס האָט אויסגעזען, ווי די וואונדן הויבן זיך אָן צו פאַרהיילן, ווען פלוצלונג איז די געטאָ ווידער אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַן אומגעריכטער פּאַסירונג. דאָס איז געווען אינמיטן חודש נאָוועמבער 1942, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, ווען עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן, און עס איז געוואָרן אַ געלויף און אַ מהומה.

באַלד האָבן אַלע אין געטאָ געוואוסט, אַז עס איז געשען אַן אומגליק. אַ איד מיטן נאָמען מעק, אַ געוועזענער יוועליר־סוחר אין קאָוונע, האָט זיך געוואָלט אומלעגאַל דורכרייסן דורך דער געטאָ־צאַם, און איז באַמערקט געוואָרן פון אַ דייטש מיטן נאָמען פליישמאַן, וואָס האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן, האָט מעק אויף אים געשאָסן פון אַ רעוואָלווער.

די דאָזיקע ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט אין געטאָ און אַרויסגערופן אַ מהומה און א שרעק. אידן האָבן זיך אויסגעמאָלט שרעקלעכע בילדער פון דער שטראָף וואָס דערוואַרט זיי מצד די נאַציס. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאַרשונג, און דעם זעלבן אָוונט זיינען אַרעסטירט געוואָרן, אַ חוץ מעקן, אויך אַלע מיטגלידער פון עלטסטן־ראַט, און 20 אידישע ערוב׳ניקעס, ביז די געטאָ פּאָליציי וועט נישט כאַפּן מעקס אַ פריינט, וואָס זאָל האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך דער געטאָ־צאַם.

די שפּאַנונג אין געטאָ האָט געהאַלטן אין איין שטייגן, מען האָט דערוואַרט חלילה, דאָס ערגסטע.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט די געשטאַפּאָ געלאָזט וויסן איר באַשלוס, אַז מעק וועט עפנטלעך אויפגעהאַנגען ווערן, און די מיטגלידער פון עלטסטן־ראַט האָט מען באַפרייט.

כאָטש די געטאָ איז שוין געוואוינט געווען צו אַלערליי „אַקציעס״, האָט אָבער ביז דעמאָלט נאָך אַזעלכעס נישט פּאַסירט, אַז מען זאָל אַ אידן הענגען עפנטלעך אין געטאָ. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן וואָס די אידן אין געטאָ האָבן געפילט וועגן דער פאַרשטייענדער עקזעקוציע.

אָבער דאָך האָבן די אידן נישט געקאָנט אויפקלערן די סיבה,

פּאַרוואָס די געשטאַפּאָ האָט עפּעס פאַרהעלטנעסמעסיק דאָס מאָל געהאנדלט אזוי „מילד"? ווער קאָן וויסן די סודות און טאַקטיקעס פון די נאַציישע רוצחים?

דינסטיק, דעם 18־טן נאָוועמבער, פּונקט צוועלף אַ זייגער בייטאָג, זיינען אָנגעקומען די געשטאַפּאָ און עס־עס־לייט און געצוואונגען די אידן אויפצושטעלן די תליה אויף דעם לידיקן פּלאַץ, אַנטקעגן דעם עלטסטן־ראַט.

די עס־עס־לייט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די אידישע הייזער אַרויסיאָגן אַלעמען בייצוואוינען די עקזעקוציע. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז די מערסטע אידן האָבן זיך איינגעשטעלט און זיך אויסבאַהאַלטן און נישט אויסגעפירט דעם באַפעל בייצוזיין די עקזעקוציע.

אַ צוממית'טן, קוים אַ לעבעדיקן מיט די הענט געבונדן אויף הינטן אָבער אויסערלעך רואיק האָט ער זיך דערנעענטערט צו דער תליה. ער האָט זיך געפרעגט ביי די אידישע פּאָליציסטן וואו עס געפינען זיך זיין מוטער און שוועסטער, צי זיי זיינען אין געטאָ? די פּאָליציי האָט אים באַרואיקט און אים פאַרזיכערט, אַז זיי לעבן און זיינען אין געטאָ. אָבער אין דער אמת'ן האָבן די געשטאַפּאָ־לייט שוין געהאַט אוועקגעפירט די מוטער און שוועסטער אויפן ניינטן פאָרט, און דאָרטן זיי אומגעבראַכט.

דער גוף פון מעקן האָט געהאָנגען אַ גאַנצן מעת לעת אין געטאָ, און דערמאָנט די אידן אין געטאָ, וואָס זיי קאָנען דערוואַרטן פון די רוצחים.

צומאָרגנס, נאָך דער עקזעקוציע, האָט די געשטאַפּאָ אַרויסגעלאָזט אויך די צוואַנציק ערוב'ניקעס, און דערלויבט מעקס קערפּער אַראָפּצונעמען פון דער תליה. זיין קערפּער איז געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אויפן געטאָ בית־עולם, וואו ער איז נקבר געוואָרן אין אַ זייט, כדי נישט אויפצורייצן די רוצחים, און אויף זיין קבר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ ברעטל בלויז מיטן נאָמען מעק.

קאפיטל פופצן

דאס גייסטיקע לעבן פון די אידן אין קאוונער געטא

וועגן גייסטיקן לעבן אין קאָוונער געטאָ, קאָן מען אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך. אַ גרויס שנירל מיט פערל איז איינגעוועבט אין יענער שוידער־ליכער תקופה, וואָס טראָץ אַלעם האָט זיך אין איר אַנטפּלעקט אַ גייסטיק לעבן פול מיט שיינקייט און רייכקייט. איך געפין פאַר מיין חוב אָנצוצייכענען אייניקע געשעענישן, פון וועלכע די צוקונפטיקע דורות וועלן קענען לערנען צו וויסן, ווי האָט אויסגעזען דאָס גייסטיקע לעבן אין דער גרויסער נויט און עלנט פון אונזער פאָלק.

אפילו אין יענע ביטערע און חושכ'דיקע געטאָ יאָרן, ווען מאָרד און גזילה זיינען געווען מעשים בכל יום, ווען די מערסטע גדולי התורה און ישיבה־לייט זיינען אומגעקומען על קידוש השם, ווען דער טויט האָט געלויערט אויף יעדן איד — זיינען דאָך קאָוונער אידן געקומען אין שול דאַוונען, לערנען אַ פרק משניות, זאָגן אַ יום תהילים און אויסגיסן דאָס האַרץ פאַרן רבונו של עולם, און שעפּן כוח צו קאָנען ווייטער לעבן, ביז דער אויבערשטער וועט זיך דערבאַרימען אויפן כלל ישראל און אים ארויסראַטעווען פון זיין מורא'דיקן מצב.

אין פריוואַטע הייזער איז מען פונדעסטוועגן געזעסן און געלערנט. צווישן אנדערע האָט זיך אויסגעצייכנט דאָס הויז פון מיין רבי'ן הגאון הצדיק ר' אברהם גראָדזענסקי הי"ד, דער מנהל פון סלאָבאָדקער ישיבה. דאָס הויז איז געוואָרן אַן אכסניה פון תורה. עס האָט נישט אויפ־געהערט פון דאָרט דער קול תורה. מען האָט געלערנט צוזאַמען און צומאָל באַזונדער. דער מנהל פלעגט זאָגן מוסר פאַר די אַלע וואָס זיינען געווען אין הויז. דער גאון ר' אלחנן וואַסערמאַן הי"ד, האָט אין דער שטוב

געלערנט מסכת נדה מיטן עולם, ביז מען האָט אים אַוועקגעפירט, י״א תמוז תש״א, צום ניינטן פאָרט, און דאָרטן דערמאָרדעט מיט נאָך צוועלף רבנים. דער גאון ר׳ יחזקאל בערנשטיין, דער ראש־ישיבה פון „אור ישראל״ האָט געלערנט מיט אַ גרופּע מס׳ נדרים; הרה״צ ר׳ ישראל יעקב לובטשאַנסקי הי״ד, דער איידעם פון ר׳ יוזעל פון נאַוואַרעדאָק, האָט געלערנט פאַרן עולם „שערי תשובה לרבינו יונה״. דער שרייבער פון דעם בוך איז אַ לעבעדיקער עדות וועגן אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין יענעם הויז. שטענדיק בין איך דאָרטן געווען און געהערט די שמועסן פון מיין הייליקן רבי׳ן ר׳ אברהם גראָדזענסקי הי״ד, וועגן קידוש השם. מיט אזא טיפקייט האָט ער וועגן דעם גערעדט, אַז איך האָב נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט געהערט.

דער רבי האָט זיך געהאַלטן פעלזן־פעסט און האָט געהאַט התרוממות הרוח אזוי ווי ר׳ עקיבא ווען מען האָט אים געקאַמט זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען. די תלמידים האָבן אים דאַן געפרעגט: „רבי, אויף אזוי ווייט?״ האָט ער זיי געענטפערט: „אַלע מיינע יאָרן האָב איך געזוכט אַ געלעגנהייט צו מקיים זיין דעם פסוק פון בכל נפשך״. ר׳ אברהם גראָדזענסקי הי״ד, האָט ווייזט אויס, געוואָרט אַלע זיינע יאָרן אַפילו ווען מען וועט דאַרפן זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש השם, זאָל מען קענען מקיים זיין דעם „בכל נפשך״.

דאָס הויז פון מיין רבין איז געווען אין גאנצן הייליק. דאָרטן האָבן זיך געפונען רבנים און ישיבה־לייט וואָס זיינען געזעסן יומם ולילה איבער דער תורה.

חדשים לבקרים:

יעדער טאָג האָט געבראַכט צרות, נייע גזירות רעות, שוידערליכע ידיעות וועגן אומגעקומענע רבנים מיט זייערע קהילות, מיט זייערע מנהיגים, וועגן אומגעבראַכטע ישיבה־בחורים. עלטערן זעען ווי מען פירט זייערע קינדער צום טויט און ראשי ישיבות קוקן זיך צו ווי זייערע תלמידים ווערן אומגעבראַכט. די טראַגעדיע שטייגט און ר׳ אברהם שטייט און רעדט וועגן קידוש השם. וואונדערבאַרע רייד וואָס די וועלט־נשמה וואָלט רייכער געוואָרן מיט זיי ווען מען פאַרשרייבט זיי, נאָר ליידער זיינען זיי

פאַרלוירן געגאַנגען מיטן מחבר ר׳ אברהם גראַדזענסקי הי״ד.

די בתי מדרשים וואָס זיינען אריינגעפאַלן אין תחום פון סלאָבאָדקער געטאָ זיינען געווען פול מיט לומדים און מתפללים. אין בית המדרש „אַבאַ יחזקאל״ וואו איך האָב געדאַוונט און געלערנט בציבור, און וואו איך בין געווען רב, האָט זיך נישט איבערגעריסן דאָס דאַוונען און לערנען. אזוי האָט זיך געפירט ביז צו דער גרויסער אַקציע ווען מען האָט ארויסגענומען צען טויזנט אידן צו דער שחיטה אין טאָג פון ח׳ מרחשון תש״ב. און דאָס בית המדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טורמע פאַר אידן.

אויפן צווייטן טאָג נאָך אָט דער גרויזאַמער אַקציע, איז צו מיר געקומען צו לויפן „בערטשיק דער גלעזער״ — פול מיט טענות: „רבי, און פארן טויט דארף מען נישט לערנען? אַ גאַנצע צייט האָבן מיר געלערנט און איצט — נישט? ״ איך האָב אים געזאָגט אַז מיר וועלן לערנען אין קלויז „הלוית המת״. זיינען ווערטער האָבן געמאַכט אויף מיר אַ געוואַלטיקן איינדרוק און איך האָב אָנגעהויבן לערנען מיטן עולם „עין יעקב״, ווייל דאַן איז שווער געווען צוליב הסתלקות המוחין, זיך צו פאַרנעמען מיט גמרא. אין עטליכע וואָכן אַרום ווען די גרויזאַמע פאַסירונגען האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון „נאַטירלעכן לעבנס - שטייגער״, האָט הרב משה סקאַרוטע הי״ד, געלערנט דעם בלאַט גמרא.

פון פופצנטן אויגוסט 1941 ביז דאַן ווען מען האָט אונז געפירט ווי שאָף צו דער שחיטה, האָב איך געלערנט מיט די תלמידים פון „תפארת בחורים״ (דריי ביז פיר שעה אין טאָג) און אין די ערגסטע צייטן האָט מען זיך געזאַמלט און געלערנט גמרא, תנך, קצור שלחן ערוך א. אַ.

אַפילו נאָך דער גרויסער אַקציע זיינען די לעבן-געבליבענע נישט אָפּגעשטאַנען פון דעם לערנען. פאַרמאַטערט פון דער שווערער אַרבעט וואָס די נאַציס האָבן אַרויפגעצוואונגען און אין קעלט, האָט מען זיך דאָך געזאמלט און געלערנט, די געבליבענע ישיבה-לייט פון סלאָבאָדקער ישיבה און יונגע לייט פון „כולל״, פלעגן זיך צוזאמענקומען נאָך דער שווערער אַרבעט און לערנען אלע אָוונט אַ בלאַט גמרא אין „הלוית המת״ קלויז, וואו

דאָס לערנען איז אָנגעגאַנגען איז אזא טיפער פאַרטאָנקייט און אינטערעס, ווי אין די גאָר אַלטע צייטן. דער רוח החיים איז געווען הרב זלמן פערמוט, הי״ד.

צווישן די ישיבה־לייט איז געווען איינער אַ בחור יצחק דאַנציגער. דער דאָזיקער בחור איז געלעגן אויף אַ בוידעם - באַהעלטעניש און געלערנט דריי חדשים צייט. ס׳איז געווען דאַמאָלט ווינטער, דאָס בוידעם - באַהעל־טעניש איז געווען אַ חורבה און קעלט האָט געהערשט אין דער חורבה. דעם בחור יצחק דאַנציגער, האָט דאָס אָבער ווייניק וואָס געקימערט. ער האָט זיך פאַרטיפט אין לערנען און געלעבט אינגאַנצן אין אַן אַנדער וועלט.

נאָך אַ בחור איז כדאי צו דערמאָנען — לייב אָרלינסקי, פון יאַנעווע. אויך ער איז אַ גאַנץ ווינטער אָפּגעזעסן באַהאַלטענערהייט און נישט מבטל געווען די צייט פון לערנען.

שווער צו פאַרגעסן דאָס בילד פון שבועות אין געטאָ. אין דער הלוית־המת קלויז זיינען ישיבה־לייט אויפגעווען די גאַנצע שבועות - נאַכט און געלערנט. דאָס לערנען איז געווען מיט אַן אומגעוויינליכן ברען און דביקות, ווי זיי וואָלטן געזוכט אַ תיקון פון נשמה׳דיקער התעוררות נאָך זייער שווע־רער שקלאַפן־ארבעט אונטער דער דייטשער בייטש. דער איינדרוק וואָס דאָס האָט איבערגעלאָזט אויף אַלע אַנדערע אידן אין געטאָ, האָט זיי געגעבן מוט און געשטאַרקט זייער שווערע סבלנות און דערהויבן זייער גייסט אזוי, אז עס האָט זיי געגעבן כוחות אריבערצוטראָגן זייער פינצטער לעבן און זייער מורא׳דיקן גזר.

אין יום־טוב סוכות האָבן אידן געבויט סוכות אין געטאָ.

איין גרויסע סוכה אַ רשות־הרבים׳דיקע, איז אויפגעשטעלט געוואָרן לעבן בלאָק „צע״. אין איר האָבן אַ סך אידן מקיים געווען די מצוה פון סוכה און אפילו דאָרט געשלאָפן. משה זלמן דער בלינדער, האָט זיך אפילו באַ־האַלטן אין סוכה און זיך געראַטעוועט פון די דייטשן ביי דער אקציע אין עסטלאַנד. אידן האָבן אויסגעזוכט דעם ערשטען יאָר, פאַראיאָריקע אתרוגים און לולבים און מיט זיי זיך באַנוצט.

אין געטאָ איז איינגעפירט געוואָרן אַז נאָך שחרית און מנחה זאָל מען זאָגן די קאַפּיטלעך תהילים:

קל. שיר המעלות ממעמקים קראתיך:
קמב. משכיל לדוד בהיותו במערה, — הצלני מרודפי כי אמצו ממני:
און אחינו כל בית ישראל הנתונים בצרה ובשביה:
און אבינו מלכנו.

דאָס געוויין בעת׳ן זאָגן איז געווען זייער הארצרייסנדיק. אויך תעניתים זיינען אָפּגעריכט געוואָרן פון צייט צו צייט אין געטאָ, אָפּצושרייען די שווע־רע גזירות. ביינאכט, ארום צוועלף אזייגער, פלעגט מען זיך פארזאמלען זאָגן תהילים און מעורר זיין דעם עולם לתשובה.

כשרות האָבן אידן שטאַרק אָפּגעהיט מיט די לעצטע כוחות אפילו די וואָס פלעגן גיין אויפן אעראָדראָם, האָבן זיך ווי ווייט מעגלעך אָפּגעהיט צו עסן פון קעסל. אידן האָבן זיך געהאלטן אין אידישקייט מיט אויסער־געוויינליכער זהירות.

איך האָב אויך געלערנט אלע אָוונט עין יעקב און חיי אדם פאַרן עולם אויף וויטענא גאַס 7, ביי גאפּאנאָוויטש דעם שניידער, ער האָט אוועק־געגעבן זיין ענג צימערל, — וואו ער מיט זיין פרוי און טאָכטער האָבן גע־וואוינט, — צום לערנען און דאוונען. איך האָב אויך געלערנט פאר אידן אינם מניך, וואָס חיים שאַפער האָט געמאכט פון זיין האַלץ־קאַמער, לעבן עלטסטן־ראַט.

אויך האָב איך אין געטאָ געהאַלטן דרשות מדי שבת בשבתו און גע־מונטערט און געמוטיקט דעם עולם און געשטאַרקט זייער אמונה און גע־וואַרעמט זייער בטחון.

אויף קאַקלע גאַס נומער 8 איז געשטאַנען זינגערס נישט־פארענדיק־טער מויער, נאָך אָן פענצטער, אָן טירן, אָן דילן און פול מיט מיסט און אומריינקייט. און אזוי ווי די „תפארת בחורים״ האָט נישט געהאַט קיין אָרט וואו צו לערנען און דאַוונען צוליב דער גרויסער ענגשאַפט אין געטאָ, וואו מען האָט זיך ממש געשטיקט פאַר אַ פריי שטיקל אָרט און נישט געהאַט וואו זיך אהינ־צוטאָן, זיינען מיר געפאלן אויף אַ פלאַן — שמעון סגל און דער שרייבער פון אָט — די שורות— זיך אריבערקלייבן אין אָט דעם מויער. נישט אזוי גרינג טוט זיך ווי עס רעדט זיך, דער מויער איז געווען פאַרוואָרפן מיט בערג

מיסט און שטויב, האָט מען זיך גוט אונטעגעגארטלט און די גאנצע יונג־ווארג וואָס האָט געלערנט אין „תפארת בחורים" האָט זיך מיט דער אמתער התמדה אַ נעם געטאָן רייניקן דעם פּלאַץ, אין אַ פּאָר טעג ארום איז דער מויער געווען ריין און מיר האָבן אהין אריבערגעקליבן לערנען, גאָר איינגיכן האָבן מיר געקראָגן גלאָז אַ דאַנק בערל פרידמאַן (איצט אין ישראל) אַנצוגלאָזן די פענצטער און אויך ברעטער אויסצולייגן די דילן און די טירן און קאַלך אויסצוקאַלכן די ווענט. די עלעקטרי פאַרן „תפארת בחורים" האָט מנדב געווען אפרים גוטמאן (איצט אין ישראל). אויך בענק, טישן און דער ארון קודש — אַלץ איז פארטיק געוואָרן ווי עס דארף צו זיין. די גאנצע ארבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט גרויס מי און מסירת נפש פון די יוגנטליכע און עלטערע פון „תפארת בחורים". דאָס איז כדאי צו דערציילן, אז ביי איין וואַנט לעבן ארון קודש איז איבערגעלאָזט געוואָרן אַ באַהעלטעניש־אָרט וואו מען האָט געקאָנט אַנטרונען ווערן, ווי מען האָט זיך געריכט, ווען די דייטשע מערדער וועלן זיך לאָזן אויף אידן בעתן לערנע אָדער דאַוונען.

ט"ו מנחם אב, תש"ב, איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית פון „תפארת בחורים" לאָקאַל. דאָס ערשטע אין דער געשיכטע פון געטאָ האָט אַן אָרגאַניזאַציע פון יוגנטליכע מקדש השם געווען אויף אַזאַ פאַרנעם, אינמיטן דעם שטאַרק־חושך פון לייד און יסורים. פון אַלע ריכטונגען איז דער אויפטו אַנערקענט געוואָרן מיט גרויס לויב.

ביי דעם חנוכת הבית פייערונג האָבן אַלע, אָן אויסנאַם, אַנטייל גענומען. אפילו דער שעף פון דעם אידישן צווייטן באצירק פּאָליציי, איקע גרינבערג, האָט אויף זיך גענומען די אינציאַטיוו צו היטן אין דער צייט פון דער פייערונג, פון אַ דייטשן איבערפאַל און ניט צושטערן די שמחה. אויך האָט ער באוואָרנט, ווען די שמחה האָט זיך געענדיקט שפּעט אין דער נאַכט, אז דער עולם זאָל ווערן אָפּגעפירט אַהיים אָן שום ריזיקע, ווייל בלויז ביז 10 אזייגער אין אָוונט איז דערלויבט געוואָרן ארומגיין אין געטאָ.

ביי דער פייערונג האָבן גערעדט: הרב סקאָרוטע, דער שרייבער פון די שורות און הרב מאראק. די פאָרשטייער פון עלטסטן־ראַט און אנדערע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען די באגריסער. די פייערונג איז אריבער מיט

אַ סך התלהבות פאַר תורה און אידישקייט און דער מוט און קוראזש פונם עולם האָט זיך געשטאַרקט. אַ צייט לאַנג שפּעטער, איז אָט־די פייערונג געווען דער פריידיקער געשפּרעך פון טאָג אין געטאָ.

* * *

„תפארת בחורים" — וואָס האָט אָט די אָרגאַניזאַציע פאָרגעשטעלט מיט זיך?

איר לאָזונג איז געווען:

נידער מיט עם הארצות!

איז דעריבער זייער ציל געווען צו פאַרשפּרייטן תורה און יראת שמים צווישן יונגע אַרבעטער, וואו יעדן אָוונט האָט מען געלערנט גמרא, תנך און הלכה. די „תפארת בחורים" האָט געהאַט אָפּצווייגן אין הונדערט און פיר שטעט און שטעטלעך איבער ליטע, און האָט געציילט צירקא דריי טויזנט חברים. זיי האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ חודש'ליכן זשורנאַל מיטן טיטול „צום יוגנט".

אויך האָט געלערנט מיט די עלטערע פון „תפארת בחורים" הרב שמואל מאראק, הי"ד.

און וואָס איז געווען מיט די קליינע קינדער? הרב אברהם באַראָן הי"ד, האָט גלייך אײַנגעאָרדנט אין בית הכנסת „הלוית המת" אַ „חדר" צו לערנען מיט קינדער. ער האָט אויפגעזוכט קינדער, זיי געגעבן רעפּטלעך ברויט מיט צוקער אָדער סאַכאַרין און דער „חדר" האָט אָנגעהויבן וואַקסן, ביז ער אליין האָט שוין, צוליב דער גרויסער צאָל נישט געקאָנט לערנען און הרב מרדכי צוקערמאַן (וואָס איז איצט אין ישראל) האָט אים צוגעהאָלפן צו לערנען מיט די קינדער.

דער „עלטסטן־ראַט" האָט אויך אײַנגעאָרדנט בתי ספר פאַר קינדער און דער מנהל פון די שולעס איז געווען דר. נחמן שאַפּיראָ. זיי זיינען אָבער גלייך פאַרמאַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

כאָטש די דייטשן האָבן פאַרבאָטן צו דאַווענען און לערנען און פאַרמאַכט די בתי ספר פאַר קינדער, האָבן זיך אָבער די בתי מדרשים און מנינים און די חדרים פאַר קינדער, געגעבן אַן עצה און האָבן

ווייטער פאָרגעזעצט זייער דאַווענען און לערנען און נאָך מיט מער התמדה געלערנט.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אונז געצוואונגען צו אַרבעטן אום שבת און יום טוב. מיר האָבן זיך געשראָקן אַז צוליב דעם קען מען חלילה, פאַרגעסן אין שבת. האָבן מיר געגרינדעט אַ חברה „מזהירי שבת״ וואָס האָט געהאַט אַן אויפגאַבע אַרומצוגיין איבער די הייזער און ווירקן אויף שמירת שבת. עס איז אפילו גערופן געוואָרן אַ ספּעציעלע אסיפה למען השבת. וואו עס האָבן גערעדט הרב סנעג, דער שרייבער פון די שורות און הרב שמואל מאַראַק.

מען האָט פיל געזאָרגט וועגן בויען אַ מקוה. עס איז אָבער נישט געלונגען דאָס צו דערגרייכן.

אין נאָוועמבער 1943, ווען מען האָט ליקווידירט דעם גרויסן געטאָ און עס איז דאַן דורך דער דייטשער מערדערישער מאַכט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס „קאָנצענטראַציע־לאגער״, איז געווען אוממעגלעך צו שאַפן אַ מקום תפלה. פונדעסטוועגן, האָט מען איינגעאָרדנט מנינים און אַ בית מדרש צום דאַווענען און לערנען אין בלאָק „צע״ און אויך אַ לאָקאַל פאַרן „תפארת בחורים״. עס מוז דערמאָנט ווערן אַז אפילו דר. זאַכאַרין וואָס איז געווען אַסימילאַטאָריש געשטימט, האָט איינגעאָרדנט אין לאַגער־קראַנקן־הויז אַ מנין צום דאַווענען ראש השנה און יום כפור, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות און מסירת נפש. אין די ווערקשטאַטן וואו אידן האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשע ווערמאַכט פלעגט מען דאָרטן דאַווענען און הרב ר׳ בנימין אַזינסקי הי״ד, פלעגט דאָרטן זאָגן אַלע טאָג אַ בלאַט גמרא (זעלבסט־פאַרשטענדלעך, געהיים).

אויך זיינען פאָרגעקומען געהיימע ציוניסטישע זיצונגען און לעקציעס. מען האָט ארויסגעגעבן אַן איינמאַליקע שריפט מיטן טיטול „ניצוץ״, רעדאַקטירט פון שלמה פרענקל. אויך זיינען פאָרגעקומען לעקציעס וועגן מעדיצינישע מקורות על פי תלמוד און פארגלייך מיט דער היינט־צייטיקער מעדיצינישער וויסנשאַפט. עס איז אויך אָנגעגאַנגען יוגנטליכע קולטור טעטיקייט פון אַלע ריכטונגען וואָס האָט געהאַט גאָר אַ געהויבענעם שם

אין געטאָ. אויך אַ געריכט איז געווען אין געטאָ, אָנגעפירט פון זייער באַקאַנטן פּראָפ. שמעון בעליאַצקין.

אַזוי איז פאַרשפּרייט געוואָרן דאָס ליכט פון דער תורה אין די שטאָק־פינצטערע טעג, אין די שווערסטע טעג פון אידישן לעבן אין קאָוונע.

קאַפּיטל זעכצן

די ווירקונג פון די „פראָנטן" אויף דער געטאָ

עס איז כדאי צו דערציילן אַביסל וועגן דעם, ווי אַזוי די געשעענישן אויף די פראָנטן האָבן געווירקט אויף די דייטשן ביי אונז און אויף זייערע ליטווישע ארויסהעלפער.

און עס זיכער נאָך מער אינטערעסאַנט איבערצוגעבן אַביסל די שטימונג פון אידן בנוגע דער מלחמה.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דאַן — ווען די אידן האָבן זיך געפונען אין די געטאָס, אין די אויסראָטונגס־לאַגערס — האָט יעדער פון אונז געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַ וועלט אויסער דער געטאָ; אַז די וועלט ווייסט ניט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר ביי אונז איז בלויז דערפאַר שווייגט די וועלט.

דערצו פלעגן די דייטשן און זייערע קוויזלינגס כסדר פאַרשפּרייטן די קלאַנגען, אַז די גאַנצע מלחמה איז פאַר אונז, צוליב אונז: אַז מען קעמפט קעגן דייטשלאַנד בלויז צוליב אידן און אַז די „אידן זיינען שולדיק אין אַלע אומגליקן, וועלכע זיינען געקומען אויף אונז".

מילא, ווי ווייט אונזער האָפענונג אויף דער וועלט איז באַגרינדעט, ווייסן מיר איצט. דאַן האָבן מיר עס נישט געוואוסט. ווי האָבן מיר געקאָנט גלויבן, אַז די וועלט איז אַזוי פאַרדאָרבן, אַזוי אוממענטשלעך, אַזוי אומפילבאַר צו אונזערע ליידן?

די דייטשן האָבן אָבער נאָך יעדער מפלה זייערער געשריען, אַז דאָס טוען אידן....

האָט מען באָמבאַרדירט בערלין, האָבן זיי געמאָלדן:

— די אידן און די אידישע פאַרבינדעטע צושטערן בערלין.

זייער אָפט פלעגן זיי מעלדן:

— די אידן הרג'ענען אויס אונזערע פרויען און קינדער!

ניט מיר, הייסט עס, ניט די אידן, נאָר זיי, די דייטשן, ווערן גאָר באַ'עוולה'ט; זייערע קינדער ווערן גאָר אויסגע'הרג'עט...

אָבער נערוועז זיינען זיי געוואָרן — די דייטשן. און אזוי זיינען געוואָרן זייערע משרתים צווישן די ליטווינער.

רוצחים קאָנען ניט פאַרטראָגן קיין קלעפּ. דאָס איז אין זייער טבע. די מערדער ביי ווען יענעמס צער, יענעמס יסורים, זיינען גאָר־ניט — ביי ווען לידן פון אַנדערע שפּילן קיין שום ראָליע ניט — ווערן היסטעריש, ווען מען רירט ביי זיי אָן אַ פינגער.

אַזוי לאַנג ווי די דייטשע אַרמייען זיינען געגאַנגען פאָראויס, אַזוי לאַנג ווי זייערע חילות האָבן מארשירט פון איין מיליטערישן נצחון צום צווייטן, אַזוי לאַנג האָבן די הענקער געפייניקט און געמאָרדעוועט אָן אָפּ־שטעל. זיי האָבן זיך גאָרניט פאַרקלערט איבער דעם פאַרוואָס — זיי האָבן געקוילעט און געפייניקט מענטשן.

ווען זיי זיינען געוואָרן נערוועז, האָבן זיי גענומען פייניקן און הרג'ענען מענטשן מיט אַן „ערקלערונג".

די ערשטע גרויסע מאַסן־נערוועזיטעט צווישן די דייטשן און זייערע אַרויסהעלפער האָב איך באַמערקט נאָך סטאַלינגראַד.

מיטן אָנהויב פון יאָר 1943, איז די לאַגע אויפן מזרח־פראָנט געוואָרן אַלץ ערגער פאַר די נאַציס, זיי האָבן זיך געמוזט צוריקציען פון אַ סך פאַרנומענער סאָוויעטישער טעריטאָריע, און די רויטע אַרמיי האָט כסדר געצוואונגען די דייטשן צו מאַכן צוריקצוגן, ביז עס איז גע־קומען דער היסטאָרישער ווענד־פונקט, די גרויסע נאַצישע מפלה ביי סטאַלינגראַד.

די דייטשע מפלה ביי סטאַלינגראַד, דעם 14־טן פעברואַר, 1943, האָט זיי ממש משוגע געמאַכט די דייטשן.

איך געדענק, ווי זיי זיינען אריין אין געטאָ מיט כעס און רוגזה און גענומען אויסלאָזן זייער יוכע אויף די שוצלאָזע אידן.

זייער יוכע האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט ווען זיי האָבן געכאַפּט אַ אידן אַריינברענגען אַ לעבל ברויט אין געטאָ אָדער ביים אַוועק שיקן אַ בריוו אָדער קויפן אַ צייטונג — זיי האָבן ארעסטירט און געהאַלטן פאַראַנט־וואָרטלעך דערפאַר זייער גאַנצע פאַמיליעס. די דייטשן זיינען געקומען צו־נויפגענומען די פאַמיליעס פון די ארעסטירטע, צונויפגעוואָרפן אויף שליטנס, מאַמעס און קליינע קינדערלעך און זיי אוועקגעפירט צו דער געטאָ־וואַך און פון דאָרטן — אויפן „ביינטן פאָרט".

אינטערעסאַנט, אז יענעם טאָג זיינען זיי געווען אַזוי משוגע, אַז זיי האָבן „פאַרגעסן" די דייטשע סיסטעמאַטישקייט און אָרדענונג. געוויינ־ליך פלעגן זיי נעמען צו אויסראָטונג הויפּטזעכליך יענע, וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר נוצלאָז. דאָס מאָל אָבער האָבן זיי געכאַפּט דעם, וואָס איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט.

צווישן די אידן, וועלכע זיי האָבן דעמאָלט געכאַפּט, איז געווען דער שמיד באַקאַנט אַלס טשערנעס מאַן, וועלכער איז געווען פאַרנומען ביי די דייטשן, ביי אַן ארבעט וואָס איז געווען וויכטיק פאַר זיי.

אַזוי זיינען געווען די דייטשע טייוואָלאָנים — תמיד האָבן זיי גע־מאָרדעוועט. איז זיי געווען גוט, האָבן זיי סתם זיך איזדעקעוועט איבער מענטשן און געקוילעט; איז זיי געגאַנגען שלעכט, האָבן זיי געקוילעט, ווייל עס איז שלעכט.

קורץ: פאַר דער מפלה ביי סטאַלינגראַד האָבן די דייטשן זיך נוקם געווען מיט אומברענגען פיר און פערציק אידן.

אידן ווידער, פלעגן פון די זיגן דערמונטערט ווערן. זיי פלעגן גלויבן אַז די וועלט וועט זיך נוקם זיין פאַר אידן. זיי האָבן נאָך אַלע געהאַט אילוזיעס.

די האָפענונג אין די שווערסטע צייטן אין די געטאָס און אין די לאַגערן איז געווען:

— אז מען וועט איבערלעבן, וועט מען דערלעבן די נקמה...

די איינציקע האָפענונג איז געווען:

— איבערלעבן, כדי צו דערלעבן די נקמה!

די לאַגע אויפן מזרח־פראָנט איז ווי באוואוסט, געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ערגער פאַר די דייטשן, און דאָס האָט באַווירקט די געטאָ, באַזונדערס די יוגנט, אז עס זאָלן זיך אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנער־גרופּן, וואָס זאָלן אין רוקן פון שונא אָנפירן אַ צעשטערישע אַרבעט.

אין פרילינג, 1943, האָבן סאָוויעטישע עראָפּלאַנען אָנגעהויבן באָמבאַרדירן קאָוונע, און אידן האָבן פאַרשטאַנען, אז דער סוף דערנענטערט זיך, דער סוף פון די רוצחים קומט, און מען דאַרף מיט אַלע כוחות נאָר קענען איבערהאַלטן, און מען וועט דערלעבן די נקמה.

די יוגנט האָט ממש געברענט זיך אָנצושליסן אין דער פּאַרטיזאַ־נער־באַוועגונג, און אַזוי ווי קיין פּאַרטיזאַנער זיינען אין קאָוונע, אָדער נאָענט צו קאָוונע נאָך דאַן נישט געווען, האָבן קלענערע גרופּן יוגנט זיך געלאָזט אין די וועלדער אריין זוכן פּאַרטיזאַנער וואָס אַנדערע פון די דאָזיקע גרופּן זיינען געכאַפּט געוואָרן אין וועג, און זיינען אריינגעפאַלן אין הענט פון דער געשטאַפּאָ.

אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעהאַלטן די יוגנט, און מען האָט גענומען אָרגאַניזירן אין דער געטאָ אַ געהיימען קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך פאַרבינדן מיט דער נאָענטסטער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אין יענעם זומער, 1943, ווען די לאַגע אויפן סאָוויעטישן פראָנט איז געוואָרן פאַר די דייטשן קאַטאַסטראָפאַל, האָט מען זיך אין קאָוונער געטאָ דערוואוסט, אַז די געטאָס אין ווילנע און אין ריגע זיינען דורך די נאַציס ליקווידירט געוואָרן, און די שטימונג אין קאָוונער געטאָ איז געוואָרן זייער טרויעריק און אָנגעשטרענגט.

אַרום סעפּטעמבער איז קלאָר געוואָרן, אַז די קאָוונער געטאָ גייט אַריבער אין רשות פון די נאָך גרעסערע מערדער — די עס־עס־לייט. עס

איז געוואָרן קלאָר, אַז מען גרייט זיך צו טאָן מיט דער קאָוונער געטאָ, דאָס זעלבע וואָס מיט דער געטאָ אין ווילנע, ריגע אָדער וואַרשע. וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען געבוי אין וואַרשע, האָט מען נאָך נישט געוואוסט, מען האָט בלויז געוואוסט, אַז די געטאָ אין וואַרשע איז ליק־ווידירט געוואָרן, און אַז אידן האָבן געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

מער וועגן דער ווירקונג פון דער ליקווידאַציע און אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, אויף די אידן אין קאָוונער געטאָ, אין ווייטערן קאַפּיטל.

קאפּיטל זיבעצן

דער אויפשטאנד אין וואַרשע און זיין ווירקונג אויף קאָוונער געטא

עס האָט גענומען לאַנג, גאָר לאַנג, ביז די אידן האָבן זיך איבער־צייגט, אַז די דייטשן ווילן טאַקע פאַרניכטן אַלע אידן — אָן אויסנאַם, אנשים, נשים וטף און אויב עס וועט נישט געשען קיין נס, און דער נאַצי־רעזשים וועט ניט צוזאַמענברעכן, זיינען מיר אַלע, די איינוואוינער פון געטאָ, פאַראורטיילט צום טויט.

ווען מיר זיינען געקומען צו דער דאָזיקער איבערצייגונג, האָבן מיר שוין גאַנץ היפּש פאַרשפּעטיקט, אַזוי, אַז קיין סך כוחות צו קעמפן און פאַרמעסטן זיך, זיינען אונז שוין ניט געבליבן.

מיר זיינען געווען אָפּגעשוואַכט, אויסגעמאַטערט. די עבודת פּרך, די אַקציעס, דער פּערמאַנענטער צושטאַנד פון האלב־הונגער, האָבן אונז אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן אויסזען ווי סקעלעטן.

דאָך איז דער גאַנצער כוח ביי אונז ניט צוגענומען געוואָרן. דער

אייביק־ אידישער בטחון, די אמונה, וואָס לעבט אין די סאמע טיפעניש פון יעדן אידן, האָט אונז אויפגעהאַלטן. האָט אונז דערהאַלטן די נשמות.

אין יענעם צושטאַנד פון פאַרצווייפלונג, סוף מאַי 1943, האָבן מיר, אין קאָוונער געטאָ, דערהאַלטן די ידיעות וועגן דער פאַרניכטונג פון דער גרעסטער געטאָ, פונם גרעסטן אידישן קיבוץ — די אַלטע און הייליקע קהילה פון ווארשע מיט איר האַלבן מיליאָן אידן.

מיר האָבן זיך דערוואוסט נישט נאָר וועגן דעם אומקום, נאָר אויך וועגן דעם העלדישן אויפשטאַנד פון לעצטן הייפל אידן אין ווארשע — יענעם העראָאישן קאַמף וואָס וועט אייביק לעבן אין דער אידישער געשיכטע.

די ידיעה וועגן דער העלדישער געטאָ־מלחמה אין וואַרשע, האָט עלעקטריזירט די אײַנוואוינער פון דער קאָוונער געטאָ.

עס האָט געמיינט, אַז מיר, קאָוונער, דאַרפן זיך ריכטן, אַז די נאַציס וועלן מיט אונז טאָן דאָס זעלבע, זיי וועלן אונז אויך פארניכטן. דאָס איז געוועזן קלאָר. די סאַמע גרעסטע אָפּטימיסטן צווישן אונז האָבן דערפילט, אַז אונזער גורל איז פאַרזיגלט. בלויז אַ נס מן השמים קאָן אונז ראַטעווען.

די דאָזיקע נייע אָפּשאַצונג פון דער לאַגע, האָבן אַלע שוין פאַר־שטאַנען, און דאָס האָט ביי אונז געשאַפן אַ נייע שטימונג. צוערשט איז אונז באַפאלן אַ שווערער יאוש. די ידיעה פון ווארשע, האָט אונז דער־ציילט, ניט בלויז פון פארצווייפלונג; זי איז פאַר אונז געוועזן גלייכ־צייטיק אַ רוף צום הייליקן קאַמף, צו קידוש השם, צו מלחמה קעגן די עמלקים. די דאָזיקע בשורה פון קאַמף האָט ממש עלעקטריזירט די געטאָ, אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט.

אידן האָבן אָנגעהויבן צווישן זיך ריידן אָפן:

— מיר האָבן ניט וואָס צופאַרלירן — לאָמיר כאָטש קעמפן.

די ידיעות וועגן דער דרויסנדיקער וועלט האָבן מיר באַקומען, פון פארלעסלעכע מענטשן אויסער דער געטאָ. אויך דורך דער געהיימער ראַדיאָ וואָס עס האָט אויפגעשטעלט צדוק בליימאַן, דער זון פון אָראַנער רב (ער געפינט זיך אין ישראל).

די נייעס אויף דער ראַדיאָ זיינען געווען קלאָר, אומצווייַדייטיק, ניט געווען וואָס צו צווייפלען מער.

קיינער פון אונז קאָן זיך ניט איינריידן, אַז ער וועט בלייבן לעבן. עס בלייבט בלויז איבער צו שטאַרבן אויף קידוש השם, אין קאַמף.

מען האָט זיך שטאַרקער גענומען אָרגאַניזירן די געהיימע ווידער־שטאַנדס באַוועגונג.

מען האָט אָנגעהויבן ריידן אָפטער און שטאַרקער וועגן אָנשליסן זיך אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער.

בחורים און מיידלעך אין די צוואַנציקער, האָבן גענומען אַנטלויפן פון געטאָ אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. אין געטאָ גופא, האָט מען אָנגעהויבן אַריינצושמוגלען געווער.

די רעוואָלט־באַוועגונג אינם געטאָ איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס האָבן זיך גענומען באַווייזן אָפן אין געטאָ. אַלע אידן האָבן זיי געקענט. עס איז ניט געווען פון די גאָר לייכטע זאַכן צו דערגרייכן דעם וואַלד.

אַנדערע זיינען אומגעקומען אויפן וועג; דערשאָסן געוואָרן אין קאַמף מיט די דייטשע וועכטער. דאָס האָט אָבער קיינעם ניט אָפּגעהאַלטן צו גיין אין די וועלדער, אָנצושליסן זיך אין די קעמפנדיקע מחנות.

נאָך אַ פּראָבלעם איז אַנגעשטאַנען, דאָס פּראָבלעם פון אַלטע לייט, פאַמיליע־מענטשן, קינדער, וועלכע האָבן ניט געקאָנט גיין צו די פּאַרטי־זאַנער אין וואַלד.

פאַר זיי האָט מען גענומען בויען בונקערס, אונטער־ערדישע דירות, פאַרמויערטע, פאַרזיגלטע, וואו מען האָט געקאָנט אַריינקומען בלויז דורך פאַרשיידענע קונציקע אומוועגן. יעדן טאָג האָט מען אויסגעטראַכט נייע שפּיצלעך, ווי אַזוי אָפּצעווישן יעדן שפור פון צוגאַנג צו אַ בונקער.

געווען בונקערס צו וועלכע מען פלעגט צוקומען דורך באַק־אויוונס,

דורך בית הכסא׳ס דורך די משונה׳דיקסטע וועגן, אַזוי, אַז עס זאָל די רשעים בשום אופן ניט איינפאַלן, אז דאָרט איז ערגעץ פאַראַן אַן עפענונג, וואָס פירט צו אַ „דירה״.

ווען די דייטשן פלעגן דערנאָך אַריינקומען אין אַזאַ פּלאַץ און ניט געפינען די אידן וועלכע זיי האָבן געזוכט פאַר דער „אַקציע״ (זיי צו פירן צו פאַרניכטונג) — איז זיי גאַרנישט איינגעפאַלן אַז דאָרט הינטער דעם אויוון, איז פאַראן אַ וועג צו אַ מענטשלעכער באהעלטעניש; אַז מענטשן וועלן הינטער אַ ברענענדיקן אויוון מאַכן אַ וועג צו אַנטלויפן און זיך באהאַלטן.

די, וועלכע האָבן געהאָלפן פּלאַנעווען און בויען די „בונקערס״ און „מלינה׳ס״, זיינען געווען פאַכלייט וועלכע האָבן זייער פאַרזיכטיק אויס־גערעכנט ווי אַזוי צו מאַכן די „דירות״, אַז מענטשן זאָלן דאָרטן קאָנען אויסהאַלטן; אַז עס זאָל זיין גענוג לופט, גענוג רוים, צו אָטעמען און אַ קיום האָבן... אָבער דער עיקר ביים פּלאַנעווען די בונקערס איז געווען, אַז דער חשד זאָל זיין וואָס קלענער, אַז דער צוגאַנג צום בונקער זאָל בלייבן פאַרהוילן.

יעדע נאַכט, קומענדיק פון דער שווערער ארבעט, האָבן זיך אידן גענומען בויען די אונטערדישע באַהעלטענישן. דערצו האָט מען כסדר אָפּ־געהאַלטן פאַרזאַמלונגען וואו מען האָט פאַרהאַנדלט ווי אַזוי זיך צו־גרייטן צום טאָג, ווען מען וועט מוזן אויסנוצן אָט די באַהעלטענישן.

די דאָזיקע אַטמאָספערע פון צוגרייטן זיך צום קאַמף, צום ווידער־שטאַנד האָט געשטאַרקט דעם גייסט פון די אידן.

אַ נייע שטימונג איז געבוירן געוואָרן ביי אידן. די גאַנצע שרעק, די גאַנצע אימה, דער גאַנצער טעראָר וואָס אידן האָבן אין זיך איינגעזאַפּט אין משך פון יאָרן לאַנגע, דייטשע רדיפות, איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן, ווי דורך אַ צויבער שטעקעלע.

די אידישע שקלאַפן ביי די נאַצי־באַנדיטן האָבן זיך מיט אַמאָל דערפילט פרייער. דער בלויזער באַשלוס צו קעמפן פאַר זייער אידישער און מענטשליכער ווערדע, האָט זיי פאַרוואַנדלט אין גאַנץ אַנדערע מענטשן.

מען האָט אויפגעהערט מורא האָבן פאַרן טויט.

עס האָבן אָנגעהויבן גיין און קומען שלוחים פון דער דרויסנדיקער וועלט. דאָס געטאָ איז ניט געווען מער איזאָלירט.

די אָרגאַניזאַציע אַרויסצושמוגלען פּאַרטיזאַנען האָט זיך בעסער איינגעשטעלט און איז פאַרבונדן געווען מיט ווייניקער ריזיקע.

מען האָט זיך אויסגעלערנט צו קעמפן מיט דער „געסטאַפּאָ" דורך פאַרשיידענע פּאַרטלען און איינפאַלן.

* * *

לערך זעכצן טויזנט אידן זיינען אין יענער צייט געווען אין געטאָ. די דייטשן האָבן זיך באַלד אין אָנהויב ניט געכאַפּט וואָס דאָרט קומט פאָר.

געווען אידן „אָפּטימיסטן" וואָס האָבן ווידער גענומען גלויבן: אפשר וועלן די דייטשן דאָך לאָזן לעבן דאָס ביסל אידן.

אָבער אינמיטן די דאָזיקע צוגרייטונגען און קלאַנגען איז געקומען אַ נייע גזירה:

אין חודש יולי, איז מיטאַמאָל באַקאַנט געוואָרן, אַז די געטאָ ווערט פאַרוואַנדלט אין קאָנצעט־לאַגער, און אָנשטאָט דער ציוויל־פאַר־וואלטונג, ווערן די עס־עס־לייט באַלעבאַטים פון געטאָ. אַלע „גוטע סימנים" זיינען באַקאַנט געוואָרן מיטאַמאָל. און אויך אַז די געטאָ באַקומט אַ נייעם קאָמענדאַנט.

דעם 8־טן סעפּטעמבער, איז אָנגעקומען דער טרויעריק־באַרימטער ליקווידאַטאָר פון אידישע ישובים דער עס־עס אָבערשטורמבאַנפירער וויל־העלם געקע.

די דייטשן האָבן געלאָזט וויסן, אַז דאָס געטאָ ווערט ליקווידירט, און אויפן אָרט פון דער געטאָ וועט זיין דער קאָנצענטראַציע לאַגער פון קאָוונע. אידן וועלן אַריבער געפירט ווערן אין די לאַגערס און די פרויען וועלן אָפּגעטיילט ווערן פון די מענער.

אין אָקטאָבער איז באַקאַנט געוואָרן אַז עס ווערן געשאַפן אַ רייע לאַגערן לעבן קאָוונע, אַלעקסאָט, שאַנץ און אויך אַ לאַגער עזשערעני, אַ קי־לאָמעטער 20 פון קאָוונע.

געווען איז עס ימים נוראים־צייט. יענעם ראש השנה און יום כפור וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אידן האָבן פאַרשטאַנען אַז עס איז גע־קומען אונזער ריי (ווייל ווילנער געטאָ איז שוין געווען ליקווידירט) אַז מען גרייט זיך אונז צו פאַרניכטן.

ים׳ען מיט אידישע טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן יענעם ראש השנה און יום כיפור. אידן האָבן זיך געשלאָגן על חטא ניט ווי ביים דאַוונען נאָר ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט אויף יענער וועלט.

אידן האָבן געלערנט זייערע קליינע קינדער צו זאָגן וידוי, ווייל אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס איז דער לעצטער ראש השנה.

דעם 26־טן אָקטאָבער 1943, האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע אויס־זידלונגס־אַקציע. עס האָט אויסגעזען ווי אַן אמת׳ע „אַקציע״. אין געטאָ האָבן זיך אריינגעריסן עס־עס־לייט. „געסטאַפּאָ״ מיט רוסישע „וולאַסאָווצעס״, און נאָך עטלעכע שעה האָט זיך אָנגעהויבן די יאָגעניש און כאַפּעניש אויף מענער, פרויען און קינדער פון די גאַסן און פון די הייזער, און זיי אַוועקגעפירט צו די אָנגעגרייטע וואַגאָנעס.

אידן האָבן געוואוסט וואָס דאָס מיינט, און מען האָט זיך גענומען באַהאַלטן. די כאַפּעניש האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. די נאַציס האָבן יענעם טאָג אַוועקגעפירט 2.700 מאַן; די דערוואַקסענע קיין עסטלאַנד און די קינדער מיט די זקנים קיין אוישוויץ.

יענעם שרעקלעכן טאָג, האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דער אָנהויב פונם סוף. און די צווישן אונז, וועלכע זיינען געווען באַ־האַלטן אין בונקערס, האָבן זיך געגרייט צום קאַמף, — אויב די דייטשן וועלן אונז אַנטדעקן.

אויב אַ דייטש וועט אריינקומען, וועלן מיר אים דערשיסן, — איידער די דייטשן וועלן דערשיסן די איבעריקע פון אונז.

איך אַליין בין געווען באַהאַלטן אין אַ „בונקער״ מיט 87 אידן.

די אידן האָבן מיר דערציילט, אַז ביי אונז, אין אונזער באַהעלטעניש, האָבן מיר געוועהר און אַז אויב מען וועט אונז אַנטדעקן, וועלן מיר שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

— רבי, — האָבן זיי צו מיר געזאָגט און דערביי אָנגעוויזן אויף אַ זעקל, וואו עס איז געלעגן געווער, — דאָ איז באַהאַלטן דאָס כלי־זיין. מיר האַלטן, אז איר מוזט זיך אויסלערנען שיסן. ווי שאַף וועלן מיר זיך ניט מער לאָזן אויס שעכטן. . . .

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף און אויך דער סוף פון ליט־ווישן אידנטום, פון די לעצטע לעבן־געבליבענע אידן אין קאָוונער געטאָ.

אַ סך זיינען אַוועק אין די וועלדער קעמפן, אַ סך האָבן זיך אויס־באַהאַלטן, די מערסטע זיינען אויסגעראָטן געוואָרן.

אָבער אין די דאָזיקע לעצטע מאָמענטן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, איז געקומען צום אויסדרוק אַ סך אידישע העלדישקייט און אַ סך הייליקע מסירת נפש.

קאַפּיטל אכצן

דער קידוש־השם פון מגיד „בן משה ידבר"

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך שוין דערציילט, ווי דער אָפּקלאַנג פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, האָט עלעקטריזירט די געטאָ, און גע־שאַפן אַן אמת׳ע רעוואָלט שטימונג קעגן די מערדער. אין דעם קאַפּיטל וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף א וואונדערלעכן אקט פון קידוש השם, וואָס עס האָט ארויסגעוויזן דער מגיד „בן משה ידבר" — הרב גבריאל שוסטערמאַן.

דער נאָמען, ריכטיקער, דעם פסעוודאָנים פון דעם קדוש, און תלמיד חכם, איז באַקאַנט ביי די ליטווישע אידן.

„בן משה ידבר" איז געבראכט געוואָרן אינם שרעקלעכן „ניינטן פאָרט", איבער אַ שרעקליכער „עבירה" — אַן עבירה לויטן דייטשן אַנטי־מענטש־ליכן געזעץ.

וואָס איז געווען די מעשה?

אין קאָשעדאַר, אַ שטעטל ניט ווייט פון קאָונע, איז געווען אַ לאַגער פאַר אידישע שקלאַפן־ארבעטער, די אידן זיינען דאָרטן געבראַכט געוואָרן פון קאָונער געטאָ, געווען זיינען דאָרטן בלויז עטלעכע הונדער אידן, און צווישן די עטלעכע הונדערט אידן איז געווען הרב גבריאל שוסטערמאַן.

ווי באַוואוסט, איז דורך די נאַציס געווען שטרענג פאַרבאָטן צו דאַווד־נען, און איבערהויפּט מאַכן מנינים אין לאַגער.

אויך האָבן די נאַציס געזוכט די רבנים, די ערשטע אומצובריינגען, כדי צו שיסן אין האַרץ פון אידן.

פאַר הרב שוסטערמאַן איז אָבער דאָס דאָזיקע געזעץ בכלל ניט געווען. ער האָט פשוט איגנאָרירט; ער האָט דעם דאָזיקן געזעץ פון די רשעים ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן; ווען ער איז געקומען צו דינען השם יתברך, בכל לב ובכל הנפש, ווי אַ איד דאַרף, האָט אים ניט אינ־טערעסירט קיין זאַך, עס האָט אים ניט געאַרט דער פאַקט וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט.

וואָס באַטייט טויט־שטראָף ביי אַזאַ אידן ווי ר׳ גבריאל שוסטערמאַן איז געווען?

פאַרקערט: אויב עס קומט דערפאַר טויט־שטראָף, האָט ר׳ גבריאל געזאָגט, איז עס דאָך אַ גרויסע זכיה, דאַרף מען דאָך טאַקע מקדש השם זיין ברבים.

און ר׳ גבריאל האָט אין לאַגער פון קאָשעדאַר באַשלאָסן ניט צו פאָלגן די רשעים אינם פרט פון זייערע אַנטי־אידישקייט־געזעצן. געזעצן אַלגעמיינע קעגן אידן, האָט הרב שוסטערמאַן אויפגענומען ווי אַ גזר מן השמים פאַר אידישע זינד. אָבער ווען מען האָט גענומען אָנרירן זיין אמונה, ווען מען האָט זיך צוגערירט צו זיין נשמה, האָט הרב שוסטערמאַן זיך פאַרטיידיקט.

איינער וואָס איז געווען מיט הרב גבריאל שוסטערמאַן צוזאַמען אינם לאַגער פון קאָשעדאַר, האָט מיר דערנאָך דערציילט אַ פיין וואָרט פון

אים בעת עס איז אַרויסגעקומען דער גזר פון די רשעים, אַז מען טאָר ניט דאַווענען, האָט הרב שוסטערמאַן צו אים געזאָגט:

— ביי בן משה ידבר קאָנען זיי פועלן אַ סך זאַכן. זיי קאָנען מיך צווינגען פאַר זיי צו שקלאַפן, פאַר זיי צו ארבעטן עבודת פרך, זיי קאָנען טאָן אַלץ וואָס איז נוגע אָפּשוואַכן מיין גוף, אָנרירן מיין געזונט. מיין קערפּער אַרט מיר ניט. איך בין ניט מחויב זיך מוסר נפש צו זיין דערפאַר, עס איז אַ גזר מן השמים, מסתמא זיינען מיר זינדיק. אָבער ווען זיי ווילן מיט זייערע שמוציקע לאַפּעס זיך צורירן צו מיין נשמה, — מיך ניט לאָזן דאַווענען, לערנען, טאָן עבודת השם יתברך, — דאַן וועל איך קעמפן, דאַן וועל איך זיך ניט לאָזן.

און נאָך אַ זאַך האָט הרב שוסטערמאַן געזאָגט:

— מיר וועלן ניט נאָר אליין דאַווענען, נאָר זען, אַז אנדערע זאָלן דאַווענען און לערנען. וואָרים, אַ איד איז ניט יוצא ווען ער דאַוונט אַליין, לערנט אַליין, און לאָזט אַנדערע איבער צו אַ הפקר־לעבן.

און אַזוי האָט טאַקע „בן משה ידבר" געטאָן.

טראָץ דעם פאַרבאָט, טראָץ דעם טויט־שטראָף מיט וואָס דאָס האָט געשמעקט, האָט „בן משה ידבר" אָרגאַניזירט אַ מנין אין לאַגער און אידן האָבן דאָרט געדאַוונט.

מערקווירדיקע געשיכטעס האָבן מיר אידן פון קאַשעדאַנער לאַגער דערציילט: „בן משה ידבר" האָט געפּועלט ביים דייטשן מייסטער, אַז אים זאָל מען שבת לאָזן אין לאַגער, ער איז ניט געגאַנגען צו דער ארבעט. ער איז געווען באַקאַנט אַלס דער „ראַבינער" פון קאַשעדאָרער לאַגער.

ער האָט זיך דערמיט ניט באַגנוגנט.

טראָץ די שווערע באַדינגונגען, האָט ער געפּראַוועט שלש־סעודות׳ן יעדן שבת, געזאָגט תורה פאַר אידן, געהאַלטן פאַר זיי וואונדערלעכע דרשות, דערהויבן זייער גייסט, געהיילט זייערע נשמה־וואונדן.

נאָך מערקווירדיקער ווי אַלץ, איז די מעשה ווי אַזוי הרב שוסטערמאַן האָט געפונען אַ ספר תורה פאַר זיין מנין.

אינם לאַגער איז ניט געווען קיין ספר תורה.

די ספרי תורות פון שטעטל זיינען געוואָרן פאַרברענט פון די נאַציס, ימח שמם.

איין ספר תורה — האָט איינער פון די ליטווינער גויים דערציילט — געפינט זיך ביי אים אין הויז, ער האָט זי באַהאַלטן.

ווען הרב שוסטערמאַן האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם גוי, אַז דער פויער האָט באַהאַלטן אַ ספר תורה, האָט ער באַשלאָסן דעם ספר תורה צוריקבאַקומען פאַר זיין לאַגער.

אַ סך פריינט האָבן אים אָפּגערעדט דערפון, מען האָט אים געזאָגט: אין אַזאַ צייט וועט מען יוצא זיין ווען מען וועט לייענען פון אַ געווייג־לעכן חומש. מען קאָן זיך באַגיין אָן אַ ספר תורה.

— עס שמעקט מיט דער גרעסטער סכנה, רבי, — האָט מען אים געוואָרנט — אַ ספר תורה קאָן מען ניט אַזוי לייכט פאַרשטעקן, ווי מען באַהאַלטן אַ חומש׳ל. לאָזט דאָרט די ספר תורה. מיר וועלן לייענען פון א חומש.

אָבער פאַר הרב שוסטערמאַן איז דאָס ניט געווען קיין תירוץ.

— מען קאָן ניט לאָזן ביים פויער ליגן אַ ספר תורה.

ווי קאָן ער יוצא זיין און לייענען פון אַ געדרוקטן חומש׳ל?

ער איז אַרומגעגאַנגען אין לאַגער, צוזאַמענגענומען עטליכע מאַרק פון אידן, וואָס האָבן עס געהאַלטן באַהאַלטן, כדי אויסצולייזן די ספר תורה פון פויער.

איז ער אַוועק צום פויער און ביי אים אויסגעלייזט די ספר תורה, און עס אַריינגעבראַכט אין לאַגער מיט פּאַראַד.

אַלע אידן פון לאגער האָבן געוואוסט פון די שלוש־סעודות׳ן און מנינים וואָס ר׳ גבריאל שוסטערמאַן פירט אָן אין זיין לאַגער.

מאַכט זיך אָבער אַז צוויי אידן פון לאַגער זיינען אַנטלאָפן צו די פאַרטיזאַנער, „געסטאַפּאָ" איז געקומען קאָנטראָלירן דעם לאַגער, און אַלס משכון, פאַר די אידן האָט מען מיטגענומען אין „געסטאַפּאָ דעם „ראַבינער" פון לאַגער.

פירנדיק הרב שוסטערמאַן אין „געסטאַפּאָ" איז ער מערדערליך

צושלאָגן געוואָרן; זיינער קליידער אויף זיין קערפּער זיינען פון נאַגייקעס צוריסן געוואָרן.

זיינע ציצית האָבן זיך נאָכגעשלעפּט, האָבן זיך די מערדער איז־דעקעוועט: זיי האָבן די ציצית אַרומגעוויקלט אַרום זיינע פאַרבלוטיקטע פּיס און זיי געריסן, מיטשלעפּנדיק שטיקער פלייש. דערביי האָבן די מערדער אויסגערופן: „זאָל דיר דיין ג־ט העלפן;".

„בן משה ידבר" האָט זיי גלייכגילטיק געענטפערט: „ווען ג־ט וויל ניט וועט איר מיר ניט שיסן".

און טאַקע על פּי נס איז ער ניט דערשאָסן געוואָרן גלייך, נאָר מ'האָט אים געבראַכט אויפן ניינטן פאָרט, וואו עס האָבן זיך געפונען אויך די געכאַפּטע יונגעלייט גייענדיק צו די וועלדער.

די אידן וואָס האָבן זיך געפונען אויפן „ניינטן פאָרט", זיינען באַשעפטיקט געוואָרן צו פאַרברענען די אומגעבראַכטע אידן, זיי ארויסנעמען פון די מאַסן־קברים און פאַרברענען, כדי צו פאַרווישן יעדן סליאַד פון זייער מענטשן־מאָרד.

מען האָט די אידן פון „ניינטן פאָרט" „באַפּוצט" ווי שקלאַפן אויף די פּיראַטן־שיף אין מיטלאַלטער: מיט קייטן אויף די פּיס . . .

ניט נאָר די אידן זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר דער אַרבעט, אויך רוסישע מלחמה־געפאַנגענע האָבן געדאַרפט דערין העלפן זיי, צוזאַמען מיט די אידן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן „ניינטן פאָרט", האָבן עס געדאַרפט דורכפירן דעם טייוולאַנישן נאַצי־פּלאַן — פאַרברענען די מתים.

שפּעטער איז צוגעגרייט געוואָרן דער העלדישער אַנטלויף פון „ניינטן פאָרט".

צווישן די אויפשטענדער איז אויך געווען דער מגיד „בן משה ידבר".

דעם דריטן יאַנואַר, 1944, איז צו מיר געקומען פייוול מרגלית און מיר דערציילט, אז ער איז דאָ אין געטאָ, אַנטלאָפן פון „ניינטן פאָרט"; מען דאַרף אים אויסבאַהאַלטן ער זאָל ווייטער קענען גיין אין וואַלד.

ווען מען האָט דעם „מגיד" געבראַכט אין „אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט" כדי ארומצוואַשן זיין קערפּער, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן דעם ריח פון

די געבראָכענע מענטשן־פלייש, אין דער צייט פון זיין „אַרבעט״ אויפן „ביינטן פּאָרט״, זיינען זיינע פיס געבאַך געווען געפראָרן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, געלעבט דאָרט אונטערן פרייען הימל אין די גרעסטע פרעסט אַנטלויפנדיק פון „ביינטן פּאָרט״ ביזן דערגרייכן די געטאָ.

דר. זאַכאַרין, דער כירורג פון געטאָ־קראַנקן־הויז, האָט פעסטגעשטעלט, אז זיין קריינק איז אַן ערנסטע. פון אַנטלויפן איז ניט געווען קיין רייד, מיר האָבן אים אויסבאַהאַלטן, קורירט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן.

כ״ב שבט, תש״ד, איז ער נפטר געוואָרן.

פאַר זיין פּטירה האָט ער צו מיר געזאָגט: „ווען איך האָב געאַרבעט פאַר אידישקייט, האָבן מיר א סך אידן געזאָגט: ״איר וועט זען, מען וועט אייך כאַפּן און דאַן וועט מען אייך שיסן. אָבער די דייטשן האָבן מיר ניט געשאָסן, אַז ג־ט וויל — שיסן די דייטשן ניט. איך שטאַרב אויף אַ בעט נאָרמאַל... און קום צו קבר ישראל״.

אַזוי איז אויסגעגאַנגען די נשמה פון „מגיד, „בן משה ידבר״.

מען האָט אים מקבר געווען אויפן געטאָ בית־עולם, וואו אַ מצבה־ברעטל איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דעם נוסח (ווי עס איז מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון):

פ. נ.

לוחם מלחמת ד׳ הרב ר׳ גבריאל שוסטערמאַן, „בן משה ידבר״,

נפטר כ״ב שבט תש״ד,

תנצב״ה

זאָל זיין אַנדיינק בלייבן הייליק;

קאפיטל ניינצן

ווי די אידן זיינען אַנטלאָפן פון „ניינטן פאָרט״ אין קאָוונע

איך האָב שוין דערמאָנט אין קאַפּיטל זעכצן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן רעאַגירט ווען זיי האָבן אָנגעהויבן דערשפירן, אַז זיי פאַרלירן די מלחמה.

זיי זיינען באַהערשט געוואָרן פון אַ שרעקליכער פּאַניק. די „העלדן״ וואָס האָבן ניט מורא געהאַט צו הרגענען טויזנטער און מיליאָנען, פאַר־גיסן ים׳ען בלוט, זיינען באַפאַלן געוואָרן פון אַן אומגעוויינלעכן פּחד, ווען עס איז געקומען צו זייער אייגענעם הינטישן לעבן. ווי הינט האָבן זיי געלעבט די גאַנצע צייט פון דער אָקופּאַציע, און ווי הינט, ווי ווילדע חיות, ווי היענעס האָבן זיי אָנגעהויבן ציטערן, ווען זיי האָבן דערפילט, אַז דער טאָג פון חשבון דערנענטערט זיך.

זיי האָבן באַשלאָסן, ווי אַן ערשטע באַוואָרעניש קעגן דער אומ־פאַרמיידלעכער נקמה — אויסצוראָטן דאָס לעצטע ביסל אידן, — די עדות פון זייער שרעקליכן פאַרברעכן.

מיט אַלע מינים קונצן האָבן זיי זיך געמיט צו פאַרווישן יעדן סל׳יאָד פון זייער מענטשן־מאָרד; זייער אוממענטשלעכע פאַר־ניכטונג פון אומשולדיקע קרבנות — מענער, פרויען, קינדער, אַלט און יונג.

און ווי אונטערוועלטניקעס ווען מען האַלט ביים כאַפּן, האָבן זיי גענומען נאָך מער הרג׳ענען, כדי עס זאָלן ניט בלייבן קיין עדות און קיין גואלי הדם פון די קרבנות.

* * *

בעת דאָס איז פאָרגעקומען האָבן די דייטשן גענומען פאַרווישן די שפּורן פון די מאַסן־קברים פון די דערמאָרדעטע אידן סיי פון ליטע און סיי פון אויסלאַנד, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן „ניינטן פאָרט״, דאָס

זיינען ניט קיין קברים. גיכער זיינען דאָס געווען ריזיקע גריבער, וואו מען האָט אַריינגעוואָרפן די פאַרפייניקטע און דערמאָרדעטע אידן. די דייטשע קינדער־מערדער — און זייערע ליטווישע אַרויסהעלפער — האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט, אַז עס זאָלן בלייבן די ביינער פון די דער־מאָרדעטע. די ביינער וואָלטן געווען די עדות קעגן זיי.

דער באַפעל איז געווען אַז פון האַרבסט 1943 ביז פעברואַר 1944, דאַרפן אַלע שפורן פון מאָרד פאַרווישט ווערן; אַלע קרבנות מוזן ביים אויסגראָבן די ביינער פון די מאַסן־גריבער פאַרברענט ווערן אויף די שייטערהויפנס. ביי אָט דער אַרבעט איז געווען באַשעפטיקט אַ בריגאַדע פון 64 אידן, ניט נאָר די געטאָ אידן זיינען באַשטימט געוואָרן דערפאַר, אויך רוסישע מלחמה־געפאַנגענע האָבן זיך דערמיט פאַרנומען.

די אידן פון געטאָ, וואָס זיינען געכאַפּט געוואָרן צו דער אַרבעט, זיינען געווען יונגעלייט אַנטלאָפענע פון געטאָ צו די פאַרטיזאַנער אין די וועלדער, און אונטערוועגנס זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער ליטווישער פאָליציי, וואָס האָבן זיי איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ.

די „בריגאַדע" האָבע עס געדאַרפט דורכפירן אָט די טייוולאַנישע אַרבעט, — פאַרברענען די מתים.

די געטאָ־אידן, וועלכע מען האָט אַזאַ אַרבעט שוין ניט געטרויט, ווייל עס זיינען שוין געווען אידן וואָס זיינען אַנטלאָפן צו די פאַרטיזאַנער. און די דייטשן האָבן געוואוסט, אַז אידן פאַרשטייען, אַז זיי קאָנען פון די נאַציס דערוואַרטן בלויז דעם טויט. האָט מען די אידן פון געטאָ „באַפוצט" ווי שקלאַפן אויף די פיראַטן־שיפן אין מיטלאַלטער, מיט קייטן אויף די פיס.

אַגב האָט מען אין ליטע די קרבנות ניט פאַרברענט אין קרעמאַטאָריע. קיין קרעמאַטאָריעס האָבן די נאַציס אין ליטע ניט געבויט; דאָרט זיינען זיי ניט געווען אַזוי „מאָדערן" ווי אין פוילן.

די נאַציס פלעגן באַפעלן אויסצלייגן רייען מיט האָלץ, און אויף דעם געהילץ האָט מען דערנאָך אַוועקגעלייגט די מענטשן, זיי באַגאָסן מיט ברען־שטאָף און דערנאָך אונטערגעצונדן.

רבונו של עולם! ווער קען באַנעמען און ווער קען פאַרגעסן דאָס

דאָזיקע גיהנום־בילד! ווער קאָן עס אויסמעקן פון זיין זכרון די שוידער־סצענעס ווי אידישע קינדער און אַלטע לייט האָבן געברענט אויף הויפנס האָלץ.

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעטאָן אין „ניינטן פאָרט” וואו מען האָט אויך געהאַלטן פאַרשפּאַרט די אידן ווי שקלאַפן, מיט קייטן אויף די פיס.

און אויך די דאָזיקע אימה׳דיקע אַרבעט איז דורך די דייטשן דורכ־געפירט געוואָרן אויף א סיסטעמאַטישן, אָרגאַניזירטן אופן. אויסגעפּלאַנט, אויסגערעכנט, סיסטעמאַטיזירט.

מען האָט די שקלאַפן — די אַרבעטער, וואָס זיינען באַשטימט גע־וואָרן פאַר דער אַרבעט, איינגעטיילט אין עטליכע „קאָמאַנדעס”. איין גרופּע האָט געדאַרפט צוגרייטן די האָלץ מיטן ברען־מאַטעריאַל; די צווייטע קאָמאַנדע האָט געדאַרפט ארויסנעמען די מתים פון די גריבער; די דריטע קאָמאַנדע האָט געדאַרפט פאַרברענען.

דאָס פאַרברענען די קרבנות איז פאָרגעקומען אויפן זעלבן פּלאַץ אינם „ניינטן פאָרט”, וואו מען האָט פריער מיט אַ צייט די מענטשן געהאַט דערמאָרדעט.

עס איז אָבער געווען אַ ביסל אַנדערש:

פריער, ווען די נאַציס און זייערע ליטווישע חברים האָבן די מענטשן געהאַט גע׳הרג׳עט, האָבן זיי עס געטאָן אָפן לעיני השמש, אַז אַלע זאָלן עס זען.

זיי זיינען ביי זיך געווען תקיפ׳דיק, געווען זיכער, אַז זיי האָבן שוין זיי האָבן געוואונען די מלחמה, און אַז זיי וועלן קיינעם ניט דאַרפן אָפּ־געבן קיין חשבון פון דעם וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן.

ווען עס איז אָבער געקומען די צייט, אַז די נאַציס האָבן גענומען פילן, אַז אַלץ עקט זיך פאַר זיי, האָבן זיי גענומען טאָן זייערע רציחות באַהאַלטענערהייט. זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין עדות פאַר זייערע מעשים.

זיי האָבן גענומען פאַרצאָמען דעם פּלאַץ, וואו די רציחה איז אָפּ־געטאָן געוואָרן, די דורכפירער האָבן זיי געבונדן אין קייטן, זיי האָבן אויס־גערעכנט, אַז דערנאָך וועלן זיי די, וואָס האָבן זיך דערביי מתעסק געווען, אויך פאַרניכטן. דערפאַר האָבן זיי קיינעם ניט ארויסגעלאָזט פון „ניינטן פאָרט.

אין אָנהויב האָבן מיר אין געטאָ געזען די גרויסע שריפות אויפן באַרג ביינאַכט, ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָרטן קומט פאָר. ביסלעכווייז איז מען אָבער דערגאַנגען דעם „סוד".

* * *

מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען אידן, וואָס האָבן געאַרבעט דערביי האָבן גענומען דערקענען די קערפּערס פון זייערע פרויען און קינדער.

איינער האָט דערקענט זיין פרוי, אַ צווייטער זיין קינד, אַ דריטער זיין טאַטן, אַ פערטער זיין געליבטע כלה, אַ פינפטער — אַ חבר. יעדערער האָט אימיצן פון זיין משפחה אָדער חברים דערקענט.

ווער קאָן געפינען ווערטער צו שילדערן וואָס די אידן האָבן דורכ־געלעבט ביים פאַרברענען די מתים. (ווי פּינקע קראַקינאָווסקי, איינער פון די לעבנגעבליבענע פון דער „בריגאַדע", האָט מיר וועגן דעם דערציילט נאָך דער באַפרייאונג).

אַזוינס האָט נאָך די וועלט ניט געזען.

מענטשן זיינען אַזוי דערשלאָגן און שפּל'דיק געוואָרן אַז זיי האָבן גענומען אַרויסווייזן עקל צו זיך אַליין. און דאָ זיינען זייערע פיס געווען געבונדן אין קייטן. זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט טאָן, אַפילו ווען זיי וואָלטן עס געוואָלט.

* * *

אָבער, מערקווירדיק, גראַד דער ביטערער געפיל פון אָט דעם עקל צום לעבן איז גיך פאַרשוואונדן פון די הערצער פון די אומגליקלעכע.

אַ ניי געפיל איז געבוירן געוואָרן ביי זיי, פונקט אַ היפּוכ'דיקס — צו טראַכטן וועגן דעם ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען זיך פון דעם גיהינום און אָנהויבן פון דאָס ניי לעבן. אַרויסראַטעווען זיך און בלייבן מאָנענדיקע עדות פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון זייער פאָלק.

אַלע פון זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייערע טעג זיינען געציילט. אויב די נאַציס ווילן ניט, אז עס זאָל בלייבן די טויטע קערפּערס פון די קרבנות, ווילן זיי אודאי און אודאי ניט, עס זאָלן בלייבן לעבעדיקע עדות.

אין די לאגערס און געטאָס האָבן מיר אַלע נאָך געגלויבט, אַז די גרויסע וועלט וויס גאָרניט וועגן די רציחות איבער אונז. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אויב אימיצער פון אונז וועט זיך ראַטעווען און קאָנען דערציילן דער גרויסער וועלט וואָס עס איז פאָרגעקומען, איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז די דייטשן, דאָס פאָלק פון קינדער־מערדער, וועלן מוזן אָפּגעבן אַ חשבון פאַר זייערע רציחות און בעסטיאַלישע פייניקונגען.

דער דאָזיקער גלויבן האָט אונז געגעבן כוח און חיות צו האָפן און צו לעבן.

די אידן, וועלכע זיינען געצוואונגען געווען צו דער דאָזיקער שרעק־לעכער טויטן־אַרבעט, האָבן דעריבער גענומען טראַכטן, ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען און אַנטלויפן פון גיהנום.

אויפן ערשטן מאָמענט קאָן די גאַנצע מעשה אויסזען אויסטערליש, ווילד: — ווי אַזוי קאָנען עס מענטשן, געבונדן אין קייטן, אַנטלויפן? — די גרויסע פאַרצווייפלונג אָבער, דאָס באַוואוסטזיין, אַז לעבעדיק וועלן די רוצחים קיינעם ניט איבערלאָזן, און דערצו נאָך דער הייליקער ווילן זיך צו באַפרייען, כדי צו דערציילן דער וועלט וואָס די עמלקים האָבן מיט אונז געטאָן, — האָט אָנגעצונדן דעם כוח און דעם ווילן פאַר נסים, פאַר גרויסע וואונדער.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם „ניינטן פאָרט", ביי די מתים־פאַרברענער, די באַוועגונג צו אַנטלויפן — איינס פון די הערליכסטע קאַ־פּיטלען אין דער ווידערשטאַנד־געשיכטע פון קאָוונער אידן.

נאָך ביז היינט איז מיר אוממעגליך צו פאַרשטיין ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו.

* * *

עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַראַטונגען. אין קייטן געקאָוועטע מענטשן האָבן גענומען טראַכטן ווי אַזוי צו אַנטלויפן, נאָך אויסטערלישער: ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן פון „ניינטן פאָרט".

ווען דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, האָט מען גענומען טראַכטן וועגן די טעכנישע מעגלעכקייטן אים דורכצופירן טעכניש.

די ערשטע זאָרג פאַר אַזאַ דורכפירונג איז געווען: וואו נעמט מען אַ געניטן שלאָסער? צום גליק האָט מען געפונען און דאָס איז געווען פינקע קראַקינאָווסקי.

פינקע האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט באַגייסטערונג אין דער אידייע און איז גרייט געווען פאַר דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט דאָס דורכצופירן: איבער האַקן די קייטן פון די פיס און דורכשניידן די גראַטעס.

אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי: ווי אַזוי דורזעגן גראַטעס, דורכ־שניידן קייטן, וואָס מענטשן טראָגן אויף די פיס. וואו נעמט מען מכשירים דערצו? פאַר די מענטשן אין „ביינטן פאָרט" איז דאָס ממש געווען קריעת ים סוף. און מען האָט זיך אָבער גענומען דורכפירן די דאָזיקע פאַנטאַסטישע פּלענער.

צווישן דער „בריגאַדע" האָט זיך אויך געפונען אַ אידישער מע־דיקער דר. פּאָרטנאָי, וואָס איז צוליב עפּעס אַ נאַצי־„עבירה" געבראַכט געוואָרן צו דער אַרבעט אויפן „ביינטן פאָרט" אַלס דאָקטאָר אין דער „בריגאַדע".

פינקע קראַקינאָווסקי, לויטן פאַך אַ שלאָסער, וואָס האָט אויך גע־אַרבעט אין דער „בריגאַדע" אין „ביינטן פאָרט", איז געווען פון די אָנפירער פון דער גרופּע און האָט זיך געמאַכט אַ געוויסע צייט קראַנק, כדי דער אידישער דאָקטאָר זאָל אים באַפרייען פון דער אַרבעט, ער זאָל קענען בלייבן אין זיין צעל־קאַמער. דער דאָזיקער פינקע האָט גענומען צוגרייטן אינסטרומענטן, שליסלען און אַנדערע מכשירים. וואָס ער האָט אליין געשאַפן פון טאַשן־מעסערלעך וואָס מען האָט געפונען אין די בגדים פון די הרוגים, כדי די אין קייטן געקאָוועטע שקלאַפן פונם „ביינטן פאָרט" זאָלן קאָנען אַנטלויפן און זיך ראַטעווען.

דער עיקר ארבעט, האָט פינקע געוואוסט, וועט זיין דורכצוזעגן די אייזערנע שטאַנגען פון זיין קאַמער און אויסבויערן אַ לאָך אין דעם דעק פון דער אייזערנער טיר, וואָס האָט געפירט צום טונעל.

פינקע האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער דאָזיקער וויכטיקסטער פון אַלע ארבעטן מיט מסירת נפש און אויסערגעוויינלעכער אויסגערעכנטקייט.

און געמאַכט האָט עס פינקע אַזוי, אַז די דייטשן זאָלן האָבן וואָס ווייניקער חשדים און זאָלן ניט באַמערקן וואָס די אידן טוען און צו וואָס זיי גרייטן זיך.

די קלענסטע אומפּאָרזיכטיקייט האָט דאָ געמיינט פּראָסט און פּשוט: באַלדיקער טויט פאַר דער גאַנצער „בריגאַדע".

עס וואָלט געווען ניט בלויז געמיינט דער סוף פון די אַלע שקלאַפן־אַרבעטער. דאָס אַליין האָט זיי ניט אַזוי שטאַרק געאַרט.

ווייל וועמען פון די לאַגער אידן האָט באמת געאַרט זיין אייגן לעבן?

דאָס פאַר וואָס זיי האָבן זיך אַמשטאַרקסטן געשראָקן, איז געווען, אַז זייער פּלאַן זאָל חס ושלום ניט אויפגעדעקט ווערן. אויב מען וועט זיי כאַפּן וועלן זיי פאַר דער וועלט ניט קאָנען דערציילן וועגן די רציחות פון די נאַציס. אַפילו פאַר דער כראָניק וועט עס פאַרלאָרן גיין. די געשיכטע וועט דערפון ניט וויסן.

כדי צו זיין פּאָרזיכטיק אויף דאָס אויסערסטע, האָט פינקע קודם כל אָפּגעזוגט די שרויפן ביים ברעג פון אַן אייזערנעם שטאַנג פון זיין קאַמער. דעם שטאַנג גופא האָט ער דערווייל געלאָזט הענגען. אַזוי אַז קיינער פון די וועכטערס זאָל גאַרניט באַמערקן. יאָ, דער פּלאַן אַט דאָס אַלץ דורכצופירן איז גאַרניט געווען אַזוי פּשוט.

שוין נאָכדעם אפילו, ווי מען וואָלט געהאַט דורכגעבראָכן דעם שטאַנג, און געעפנט די טירן פון אַלע קאַמערן, וואו די אידן האָבן זיך געפונען, וואָלט מען נאָך ניט געווען פריי.

ווייל נאָכדעם ערשט איז געקומען דער קאָרידאָר. און נאָכן קאָרידאָר אַן אייזערנע וואַנט, וועלכע מען האָט אויך געדאַרפט דורכבויערן, כדי ארויסצוקומען אויף יענער זייט פאַרט.

און ווען מען וואָלט שוין געהאַלטן ביים אַרויסקומען אויף דער אַנדערער זייט פאַרט דורך דער אייזערנער וואַנט, וואָלט מען געדאַרפט צוקומען צום באַרג, און אַרום און אַרום, טאָר מען אויף קיין איין רגע ניט פאַרגעסן — איז געשטאַנען די וואַך פון די דייטשע רוצחים.

אַז די וועכטער און אויפזעער וועלן אין יענער נאַכט זיין בגילופינ־

דיק און פאַרגעסן אין זיי אַביסל, דאַן וועט זיין דער בעסטער מאָמענט צו אַנטלויפן.

די אָנפירערס פון דער „בריגאַדע" האָבן זיך באמיט די גאנצע צייט זיך צו ווייזן פאַר די געשטאַפּאָ אויפזעער פאַר גוטע אַרבעטער, כדי די וואַך זאָל זען, אז זיי טוען זייער אַרבעט פּינקטליך און ראַיעל.

צוליב קריסטמעס האָבן זיי פאַרענדיקט זייער אַרבעט פריער ווי אַלע טאָג און אויך באַקומען זייער יום־טוב׳דיקע ראַציע פון שנאַפּס, ציגאַרעטן און אַנדערע זאַכן.

די אָנפירער פון דער „בריגאַדע" האָבן געמאָלדן די אַלע מענטשן זייער צוגעגרייטן פּלאַן צו אַנטלויפן און דאָס דאַרף זיין היינטיקע נאַכט.

אין אָט דעם אָוונט איז פאַרגעקומען אַ שמחה לכבוד קריסטמעס די אָנ־פירער האָבן שוין געזען, אז די שנאַפּס וואָס די אידן האָבן באַקומען זאָלן אויסטרינקען די וועכטער.

די וועכטער זיינען אַוועק שכור׳לעך פון דער שמחה און אַלע אידן האָבן זיך געלייגט שלאָפן (כלומרשט) אויף זייערע נאַרעס אין זייער אָנ־טועכץ און געוואַרט אויף דעם מאָמענט ...

די אָנפירער פון דער „בריגאַדע" האָבן געגעבן זייער באַפעל שטילער־הייט צו אַנטלויפן. יעדערער האָט גענומען די שיך אין די הענט און זיך גענומען אַרויסשאַרן פון קאַמער. מען איז געגאַנגען גרופּנווייז צו דער אויסגעבויערטער ארויסגאַנלאַך פונם טונעל. פאַר דער שיין פון אַ שטיקל ליכט איז מען געגאַנגען זייער פאָרזיכטיק.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַ ווייסע און די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען ווי אַיינגעטונקען אין שנייאיקער קלאָרקייט.

אַלץ אַרום האָט געלויכטן ווייס און דער פראָסט איז געווען אין לשער. בכדי צו פארשטעלן זייערע סילועטן אויפן שניי, די וועכטער זאָלן זיי ניט באַמערקן האָבן צוויי מענטשן פאַראויסגעטראָגן אַן אָנגעצויגענעם ליילעך, כדי די שניי־ווייסקייט זייערע זאָל זיי פארשטעלן און זיך אויסמישן מיט דעם שניי... און דעם בארג זיינען זיי אריבער מיט צוגעגרייטע שטריק־לייטער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון האַנטיכער.

און פלוצלונג דער גרויסער נס.

ג־ט האָט געהאָלפן.

אַלע זיינען אַנטלאָפן.

מען איז דורכגעגאַנגען.

מען איז פריי . . .

קיינער אין דער וועלט, אַחוץ די וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ נאַצישן לאַגער, און איבערהויפּט די ארבעט פון ברענען די מתים אויפן „ניינטן פאָרט", קאָן ניט פאַרשטיין דעם טעם פון זיין אַ פרייער מענטש.

און עס איז געווען אמת! מען איז געווען פריי!

לעבעדיקע פון די אַנטלאָפענע פון „פאָרט" קאָנען אייך דערציילן וועגן דעם טעם פון יענעם מאָמענט.

בערל גימפּל (ער איז פון די איינציקע געראַטעוועטע פון די אנטלאָפענע פון פאָרט וואָס געפינט זיך איצט אין מאָנטרעאָל), קאָן אויך דערציילן, וועגן דעם טעם פון יענעם מאָמענט.

אַלע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט! — דאָס גרויסע גליק אָבער האָט געדויערט בלויז אַ קורצע רגע.

גלייך ווי די אַנטלאָפענע האָבן באַמערקט די תפיסה־ווענט הינטער זיך, די בערג ווייט פון זיי האָבן זיי זיך געשטעלט די פראַגע: נו, און וואָס וועט איצטער זיין?

די באַפרייטע האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייער איצטיקע פרייקייט איז אפשר ניט מער ווי אַן אילוזיע! ווי קאָן מען זיין פריי? ביידע קאָנען ניט זיין פריי — די הענקער און די קרבנות.

גלייך ווען מען וועט זיך אַרומזען אַז די אידן זיינען אַנטלאָפן און מען וועט זיי נעמען זוכן. און אידן האָבן געוואוסט, אַז זוכן קאָנען די דייטשע רוצחים.

איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז ניט אַלע זאָלן גיין צוזאַמען. נאָר אין קליינע גרופּעס און אין פאַרשיידענע ריכטונגען. אַ טייל זיינען טאַקע דערגאַנגען צו דער געטאָ און האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין געטאָ.

די איבעריקע האָבן זיך צעשפּרייט אין די וועלדער אַרום קאָוונע.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די רוצחים האָבן זיך געכאַפּט, אַז אַלע אידן, צוזאַמען מיט די רוסן, זיינען אַנטלאָפן פון „ניינטן פאָרט".

וואָס פאַר אַ פּאַניק דאָס האָט אַרויסגערופן ביי דער געסטאַפּאָ קאָן מען זיך אויסמאָלן.

די געשטאַפּאָ איז ממש אריינגעפאַלן אין אַ משוגעת פון געיעג נאָך די אַנטלאָפענע.

אַ קלייניקייט, די גרעסטע און וויכטיקסטע עדות פונם מאָסן־מאָרד קעגן אידן זיינען אַנטלאָפן.

דער געיעג נאָך זיי איז געווען אַ ווילדער ביז משוגעת. אַ סך פון די אַנטלאָפענע זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די געשטאַפּאָ, וואו זיי זיינען אומגעקומען. נאָר די וואָס זיינען אַריין אין געטאָ, וואָס האָבן זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן זיינען שפּעטער אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער מיט געווער אין די הענט, כדי נקמה צו נעמען.

* * *

אין געטאָ האָט מען זיך גלייך דערוואוסט וואָס עס איז געשען.

פּלוצלונג איז צו מיר צוגעקומען חיים יעלין, פון דער אונטערערדישע באוועגונג און מיך געבעטן אוועקגיין מיט אים אין אַ זייט:

— רבי, איך מוז מיט אייך גלייך ריידן. איר ווייסט וועגן דעם אַנטלויפן פון „ניינטן פּאָרט"? — איך וויס, — וואָס טוט מען?

— כ'פאַרשטיי ניט — אַ צאָל פון זיי איז פאַראן אין געטאָ.

איך האָב פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. — איך בין געווען ממונה איבער דעם אַזוי־גערופענעם „אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט" פון דער באָד. מען האָט געדאַרפט גלייך נעמען די אידן אין באָד זיי אַרומוואַשן, כדי דער ריח פון די מתים, ביי וועלכע זיי האָבן געאַרבעט זאָל „פאַרשווינדן". — מען דאָרף אויך פאַרברענען די קליידער. אויב ניט, וועלן די דייטשן קומען מיט שפּירהינט און דאַן זיינען מיר אַלע פאַרלאָרן.

עס איז געווען אַ געוואַגטע זאַך דאָס צו טאָן, עס האָט געשמעקט מיט לעבנס־סכנה. חיים האָט צו מיר געזאָגט:

— רבי, ווייסט איר מיט וואָס דאָס שמעקט? — איך ווייס. מיך אַרט ניט, אומקומעןביים ראַטעווען אידן, אַרט מיר ניט.

איך האָב גלייך אין מיטן נאַכט אונטערגעהייצט די באָד. (איך האָב די אַרבעט אליין געטאָן, כדי מען זאָל ניט וויסן), אלץ איז דערליידיקט געוואָרן. די אַנטלאָפענע אידן פון „ניינטן פאָרט" האָבן זיך אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן נייע קליידער. אויך דער רוסישער אָפיצער האָט דאָס אייגענע געטאָן.

די געשטאַפּאָ האָט פון דאָסניי אָרגאַניזירט אַ נייע „בריגאַדע" געכאַפּט אידן פון געטאָ און פון די אַרומיקע לאַגערן וואָס האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט ביים פאַרברענען די הרוגים. די מענטשן האָט מען שוין געהאַלטן אונטער זייער אַ שטרענגער „שמירה". נאָכן פאַרברענען די טויטער האָט מען זיי אויך פאַרברענט.

אַ סך פון די אַנטלאָפענע זיינען געבליבן לעבן צווישן די פּאַרטיזאַנער נאָך זייערע העלדישע קאַמפן. פינע קראַקינאַווסקי איז טאַקע דאָ ווייטער. ער לעבט אין קאָוונע. עס זיינען געבליבן בערל גימפּל (איצט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע), מיכאל געלבטרונק, גיטליץ און אַנדערע.

נאָך דער באַפרייאונג, האָב איך פינקע געטראָפן אין קאָוונע און מיר האָבן פיל גערעדט וועגן דער מעשה פון דעם העלדישן אַנטלויפן פונם „ניינטן פאָרט". מיר זיינען אויך געגאַנגען, אַ גאַנצע גרופּע אויפן ניינטן פאָרט, וואו פינקע און גימפל האָבן אונז געוויזן ווי אַזוי זיי האָבן אַלץ דורכגעפירט.

עס איז געווען איינס פון די העלדישסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון די אידן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

עס איז כדאי, אַז אידן זאָלן וויסן ניט נאָר די מעשה נורא פון דעם אומקום פון אונזערע ברידער און שוועסטער, נאָר אויך די געשיכטע פון די העלדישע קאַמפן אין די געטאָס — די מעשה פונם „ניינטן פאָרט".

קאפיטל צוואנציק

די פטירה פון קאוונער רב הגאון רבי אברהם דובער שפירא זצ״ל

איך האָב שוין פריער דערמאָנט דעם קאָוונער רב, הגאון רבי אברהם דובער שאַפּיראָ זצ״ל, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין קאָוונער געטאָ.

עס איז כדאי זיך אַביסל לייגגער אָפּשטעלן אויף דער לעצטער צייט פון זיין לעבן און דער פטירה, פון דעם דאָזיקן ווירדיקן און באַליבטן קאָוונער רב. ער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע טעג אין געטאָ, און ביים סוף פון זיין גרויסן לעבן, נעבאַך געזען דעם אָנהויב און סוף פון חורבן ליטע

דער דאָזיקער גאון איז געווען איינער פון די גרויסע פּערזענליכקייטן וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט. זיין ביאָגראַפיע איז אין קורצן ווי פאָלגט:

געבוירן מוצאי יום כפור תרל״א, אין קאָברין ביי זיין פאָטער הגאון רבי זלמן סנדר ז״ל, רב און ראש הישיבה אין מאַלטש, לעבן בריסק. אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה, און געווען באַ־רימט אַלס „קאָברינער עלוי״ און געהערט צו די ערשטע חובבי ציון. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון מינסקער רב, הגאון רבי ירוחם לייב פערלמאַן זצ״ל, צו 25 יאָר ווערט ער רב אין סמאָלאָוויטש לעבן מינסק.

אין תרע״ג, איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס הויפּט רב פון קאָוונע. ער איז אויך געווען פאָרזיצער פון אגודת הרבנים פון ליטע. ביי זיין לעבן, האָט ער געדרוקט זיינע ספרים: „דבר אברהם״ אין צוויי חלקים, „טהרת המשפחה״, איצט איז ארויס אין אמעריקע „דבר אברהם״ — „דריטער חלק״ — און „דבר אברהם״ — „חלק דרוש״.

איך האָב שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך דערציילט ווי גרויס

עס זיינען געווען די דייטשע רדיפות גלייך נאָך דעם ווי די נאַצי־ארמייען האָבן באַזעצט קאָוונע. די יסורים, וואָס אידן האָבן זיך אָנגעליטן, די פיזישע און מאָראַלישע פּייניקונגען וועלכע זיי האָבן דורכגעמאַכט, קאָן מען בשום אופן ניט שילדערן. און וויפיל איך זאָל ניט האָבן דערציילט ביז איצט, איז עס אַ טראָפּן אין ים פון די דאָזיקע אומפאַרגלייכלעכע יסורים פון אידישער ליטע.

אָבער מער פון אַלעמען האָט געליטן דער גייסטיקער מנהיג פון קאָוונע. אויסער דעם וואָס ער האָט פּערזענלעך געליטן, האָט ער געטראָגן אויף זיך און מיטגעווייטיקט מיט דיליידן און יסורים פון אַלע קאָוונער אידן. ער האָט מיטגעליטן מיט אלע אידן מיט זיין עדה, ווי אַ טאַטע ליידט מיט, מיט זיינע אייגענע קינדער. און אַ טאַטנס יסורים איבער דעם פּיין פון זיינע קינדער זיינען אַמאָל גרעסער און שטאַרקער ווי די יסורים וואָס ער ליידט אַליין

ווי דער רב הכולל פון ליטע, האָט ער זיך געפילט פאַראַנטוואָרטליך פאַרן גאַנצן ליטווישן אידנטום, פאַר אַלץ וואָס געשעט מיט זיינע אידן. זיין גאונישער קאָפּ האָט געזען אַ סך זאַכן קלאָרער ווי עס האָבן געזען אַנדערע. און דערפאַר האָט אויך זיין האַרץ מער געווייטיקט ווי דאָס האַרץ פון אַנדערע וועלכע האָבן אין אָנהויב ניט געזען אַלצדינג אַזוי קלאָר ווי ער.

ווען די געסטאַפּאָ האָט געגעבן אַ באַפעל דעם קאָוונער רב צו שאַפן אַן „עלטסטן־ראַט" — די אידישע פאַרטרעטערשאַפט פאַר די דייטשן, און צוזאַמענגערופן געוואָרן, אַן אסיפה פון בעלי־בתים פון שטאָט, ביים רב אין שטוב. דער צוזאַמענשטעל פון „עלטסטן־ראַט" איז אין זיין גרעסטער מערהייט באַשטאַנען פון ניט אָרטאָדאָקסישע אידן. אויף די טענות, פון איינעם פון די פרומע אידן פאַר וואָס? האָט דער רב קורץ געענטפערט: „די זאַך געהערט ניט צו פרומע אידן" . .

חוץ די צרות פון כלל האָט דער קאָוונער רב, אויך געדאַרפט טיילן די פּערזענליכע צרות פון אַ סך אידן.

אַזוי האָט ער געלעבט אונטער דער אָקופּאַציע טאָג נאָך טאָג, שעה

נאָך שעה, מינוט נאָך מינוט... ער האָט זיך ממש געבאָדן אין אַ ים פון אידישע צרות און יסורים. . עס איז ממש געווען אַ רחמנות אים צו זען!

אַזוי ווי דער רב האָט באַקומען דעם באַפעל, צוזאַמענשטעלן דעם „עלטסטן־ראַט", האָבן אַ טייל אידן געמיינט על פי טעות, אַז דער דאָזיקער „עלטסטן־ראַט" האָט עפּעס אַ מעגליכקייט צו העלפן אידן. איז אין דער ערשטער צייט, וואו נאָר מען האָט אַרעסטירט אַ איד, מען האָט פאַרשלעפּט אידן אין זיבעטן און ניינטן פאָרט, איז מען געלאָפן צום רב, אז ער זאָל העלפן דעם איד אַרויסנעמען.

ניט נאָר פון קאָוונע אליין איז מען געקומען נאָך הילף צום רב. די ליטווישע מערדער האָבן געבראַכט צו פירן דעם יאַנאָווער רב, הרב רבי נחום ברוך גינזבורג הי"ד, מיט אַ כוונה, אַז דער קאָוונער רב זאָל שאַפן דעם געוויסן סכום געלט וואָס די מערדער האָבן באַשטימט פאַר יאַנאָווער אידן, וועלכע זיינען ניט געווען פאַרמעגליך צו צאָלן.

דער אויסזען נעבאַך פון דעם יאַנאָווער רב איז געווען אַ מוראדיקער, זיין באָרד איז געווען אויסגעריסן דורך די רשעים. אויפן פנים — סימנים פון מכות רצח.

אין דער ערשטער צייט האָבן אידן נאָך געגלויבט, אַז דייטשן וועלן האָבן דרך ארץ פאַר אַ רב.

זיי האָבן שנעל אַיינגעזען דעם טעות. אָבער דערווייל האָט דער קאָוונער רב נעבאַך פערזענליך געליטן פון יעדער צרה...

ער האָט ניט געקאָנט העלפן. אָבער ער האָט מיטגעוויינט און מיט־געקרעכצט מיט יעדן איד באַזונדער.

דערביי איז דער קאָוונער רב אַליין געווען קראַנק. ער האָט אַ צייט לאַנג געליטן פון אַ קענסער אויפן מאָגן און מען האָט אים געהאַט אין דער שוויץ אָפּערירט. האָט ער פונדעסטוועגן ניט אין זינען געהאַט זיין אייגענע קראַנקייט, זיינע פערזענליכע, פיזישע און קערפּערליכע יסורים. ער האָט געפילט דיליידן פון יעדן אידן. און אפשר האָט ער איבער זיין זאָרג פאַר די ליידן פון כלל, פאַרגעסן זיינע אייגענע יסורים...

איך פלעג צו אים אַלע טאָג אַריינקומען. איינמאָל ווען איך בין צו

אים אריינגעקומען, האָט ער מיר טאַקע געזאָגט: „די צרות פון כלל מאַכן מיר פאַרגעסן מיינע אייגענע יסורים...

ער האָט גערעדט מיט אַ שמייכל, פריינטליך, טראָצדעם וואָס ער איז געלעגן אין בעט, אין די גרעסטע ווייטיקן . . .

אָבער איינמאָל אַריינקומענדיק גאַנץ־פרי צום רב, האָב איך אים געטראָפן זיצנדיק פאַרטיפט אין יורה דעה סימן קנ״ז, און אַרום אים איז דער גאַנצער טיש אָנגעלייגט מיט ספרים. זיין קערפּער האָט געשווידערט, די רבי׳צין האָט אים צוגעטראָגן וואַלעריאַן־טראָפּנס. איך שטיי ווי צו־טומלט, איך ווייס ניט וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

דער רב ווייזט מיר דעם רמב״ם פון קידוש השם און זאָגט מיר: „איך האָב אַזאַ שאלה איינמאָל אין מיין לעבן״.

פון דער רביצין ווער איך געוואָר, אַז נעכטן 11 ביינאַכט, האָבן אים באַזוכט די פאַרשטייער פון „עלטסטן־ראַט״ און איבערגעגעבן דעם רב, די גרויסע צרות וואָס לויערן אויפן געטאָ. יעדער גזירה וואָס די געשטאַפּאָ האָט פאַראָרדנט, אַז דער „עלטסטן־ראַט״ זאָל מעלדן דער גאַנצער געטאָ פון קליין ביז גרויס צו קומען דינסטיק, ח׳ חשון (28 אָקטאָבער), אויף „דעמאָקראַטאַ־פּלאַץ״. האָבנדיק די השערה אז דער אַפּעל באַדייט גזרה פאַר די אידן — צי מעגן זיי דער „עלטסטן־ראַט״ אַרויסהענגען די אַפּעל־מודעה וואָס די געשטאַפּאָ האָט זיי פאַראָרדנט?

דער רב האָט מיר געוויזן ענליכע פאַלן אין ספרים וועגן דער שאלה. (דעם ענטפער פון דער שאלה האָב איך שוין געדרוקט אין מיין ספר „דברי אפרים״), טראָץ דעם וואָס ער האָט געוואוסט, אַז דאָ איז פאַרבונדן דער גורל פון זיין לעבן. ווייל ניט איינמאָל האָט די געסטאַפּאָ געזוכט דעם רב אומצוברענגען, (און טאַקע ביי דער גרויסער „אַקציע״, בעת מען האָט אַרויסגעפירט די צען טויזנט אידן פון קאָוונער געטאָ צום „ניינטן פאָרט״, האָבן די דייטשן־מערדער געוואָלט צונעמען אויך דעם רב. נאָר דורך אַ נס האָט זיך איינגעגעבן דעם רב צו ראַטעווען פון זייערע הענט), האָט דער רב פונדעסטוועגן זיך געהאַלטן רואיק און זיך געגריבלט אין דער שאלה.

אַזוי ווי איך בין געווען אין טעגליכן קאָנטאַקט מיט די אידן אין

געטאָ, ביי דער שקלאַפן אַרבעט, פלעג איך אָפט איבערזאָגן דעם רב די שאלות, וואָס מען פלעגט מיר פרעגן און אויך אים דערציילן ווי אזוי איך האָב אין די ענינים גע׳פסקנט.

איינמאָל געדענק איך, בין איך צו אים געקומען און אים דערציילט וועגן דער פאָלגנדיקער שאלה: די אידן ביי דער צוואַנגס־אַרבעט פלעגן באקומען ביי זייער אַרבעט אַ ליטער זופ. די זופ פלעגט ווערן געקאָכט מיט פערדן פלייש, האָבן אַ סך אידן ניט געוואָלט עסן די זופ צוליב טרפות און דאָס האָט נאַטירליך אָפּגעשוואַכט זייער געזונט צושטאַנד.

ווען אידן זיינען געקומען צו מיר און האָבן מיר וועגן דעם דער־ציילט, האָב איך געפסקנט אַז זיי מעגן עסן די זופ.

דאָס איז פקוח נפש, האָב איך געזאָגט. אמת דער פקוח נפש קאָן ווערן ערנסט ערשט אביסל שפּעטער, דאַן וועט איר מוזן עסן און ניט האָבן וואָס צום עסן. איצט זיינט איר נאָך שטאַרק גענוג צו עסן, טאָ עסט איצט, ברענגט זיך ניט אום, באַגייט ניט קיין זעלבסטמאָרד.

איך האָב איבערדערציילט דעם רב מיין פסק. און ער איז געווען זייער צופרידן דערפון. געווען נאָך ענליכע פראַגן.

וועגן דעם אַלעם האָט דער רב מיר געזאָגט:

„עס איז געקומען אַ צייט ווען מען דאַרף פאַרשטיין די הלכות אביסל טיפער. ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך אין ענינים פון פקוח נפש״.

„פקוח נפש איז דאָ אויף טריט און טריט, און איר ווייסט, ר׳ אפרים, אַז עס וואָלט ניט געווען קרום ווען איר שטעלט צוזאַמען אַ ספר וועגן די אַלע פקוח נפש דינים. עס איז וויכטיק, אַז עס זאָל בלייבן אַזאַ דאָקומענט. (איך האָב דאַן פאַרשריבן אַ טייל שאלות וואָס איך האָב געדרוקט אין מיין ספר „דברי אפרים״, אין קונטרס עמק הבכא).

דער קאָוונער רב איז געווען זייער צופרידן דערפון וואָס איך האָב אין געטאָ געלערנט יעדן טאָג אַ בלאַט גמרא מיט אידן, וואָס איך האָב אַנגעפירט און געלערנט מיט דעם „תפארת בחורים״.

מען דאַרף אַריינגעבן אידן בטחון, נאָר „בטחון״, האָט ער מיר גע־זאָגט. דאָס איז וויכטיק ביז גאָר.

אינטערעסאַנט, אז שוין אויפן טויטן בעט האָט ער מיר געבעטן שרייבן זיין ספר „דבר אברהם״, חלק שלישי, וואָס זיין זון, מר. לייב שפּירא, האָט שוין אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע.

אַלץ האָט ער אין זינען געהאַט ליגנדיק אין זיינע יסורים. ער האָט אפילו געשריבן מעמואַרן. און די מעמואַרן זיינע, וואָס זיינען געווען אויסער־געוויינליך אינטערעסאַנט — ספּעציעל דאָרטן וואו ער האָט געשילדערט די אידישע איבערלעבונגען אונטער די נאַציס — זיינען לוידער פאַרלאָרן געגאַנגען. אַ גרויסער שאָדן.

כדאי צו פאַרצייכענען אַ פּאָר אינטערעסאַנטע באמערקונגען וואָס דער קאָוונער רב, האָט געמאכט בעת אַ שמועס, אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין פּטירה.

איינמאָל ווען דער שרייבער פון די שורות האָט באזוכט דעם רב און טרעפנדיק דאָרט די חשוב'ע בעלי־בתים פון קאָוונע, ווי ר' לייב אינ־טעליגאַטער, ר' מרדכי יפה און נפתלי וויינטרויב און בשעת'ן שמועסן, האָט דער רב אַ זאָג געטאָן:

„איר ווייסט, מיינע ליבע קאָוונער בעלי־בתים, אַז איך דאַרף בעטן מחילה ביי קאָוונער אידן, ווייל זיי האָבן מיר געצאָלט לאנגע יאָרן שכירות און איך מיט מיינע מעשים האָב זיכער נישט געדעקט דאָס וואָס די קאָוונער אידן זיינען ווערט געווען״.

און נאָך אַ באַמערקונג האָט ער דאמאָלט געמאַכט — דאָס איז גע־ווען בעת אַ געשפּרעך וועגן ארץ ישראל.

ער האָט מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטאָן:

„איך וואָלט כאָטש געוואָלט האָבן די זכיה, אז מיינע עצמות זאָלן רוען על אדמת ישראל״.

זיין מוט און בטחון ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן, זיינען אב־סאָלוט אומפאַרגלייכליך . . .

ביז כמעט זיין לעצטן מאָמענט האָט געאַרבעט זיין גאונישע קאָפּ און עס האָט געוויטיקט זיין האַרץ . . .

דעם לעצטן פרייטיק פון זיין לעבן געדענק איך, האָט ער מיט מיר גערעדט וועגן היתר עגונות. ער האָט מיר אויך געגעבן זיינע מיינונגען

וועגן דער עגונות פּראָגע, פאַר דער צייט ווען די אידן פון געטאָ וועלן באַפרייט ווערן...

שבת 3 אַזייגער אין דער פרי, כ״ב אדר א׳ תש״ג, איז דער רב נפטר געוואָרן. זונטיק, כ״ג אדר איז פאָרגעקומען די לויה. ווי ווייט דאָס אידישע קאָוונע האָט אים ליב געהאַט, קאָן מען זען דערפון, וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן אייצואָרדענען א לויה. אַן עפנטליכע לויה, האָט גע־שמעקט מיט סכנת נפשות, אָבער דער „עלטסטן־ראַט״ האָט אָפיציעל באַ־שלאָסן די לויה דורצופירן טראָץ די געפאַרן מיט וואָס דאָס האָט געשמעקט.

און די לויה איז געוועזן אַזוינס וואָס קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט. אלע רבנים און ישיבה בחורים וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ, האָבן באַשלאָסן אַז זיי אליין וועלן טראָגן דעם ארון. און די אַלע וועלכע האָבן זיך מתעסק געווען מיט דעם נפטר, זיינען געגאַנגען זיך טובל זיין מיט תשעה קבים מים שאובים. דאָס האָב איך איינגעאָרדנט אין באָד פון „אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט״ פון געטאָ.

אין אַ פראָסטיקן זונטיקדיקן פרימאָרגן האָט זיך דאָס גאַנצע געטאָ, יונג און אַלט זיך צוזאַמענגעקליבן צו דער לויה. די געטאָ פּאָליציי האָט געהאַלטן מוסטערהאַפטע אָרדענונג. קיין עפנטליכע הספדים אין גאַס האָט מען ניט געהאלטן. דאָס האָט דאָך געשמעקט מיט סכנות נפשות, בלויז אין שטוב האָט מען מספיד געווען. די מספידים זיינען געווען: דער שאַנצער רב, הרב שמוקלער ז״ל, קאָוונער מגיד, הרב חיים מאָסט, הי״ד.

שפּעטער צו שלשים, האָט מען אין פועלי־צדק שול אויף אייראגאָ־לער גאַס געמאכט א הספד, גערעדט האָבן הרב ר׳ חיים מאָסט, דער קאָוונער מגיד און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

אינטערעסאַנט, אַז אלע זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם רב. אָבער ניט איינער פון די מלווים האָט זיך געוואונטשן אַז: „הלואי האַלט איך שוין אַזוי ווייט ווי דער רב. ווי קום איך שוין צו קבר ישראל?״ . . .

ניט איינער האָט טאַקע געזאָגט, „דער רב איז אַ גרויסער צדיק. ער האָט אַ זכיה. ער קומט צו קבר ישראל״...

די קבורה איז טאַקע געווען הונדערט פּראָצענטיק לויטן דין. ווי עס

פאַסט פאַר אַ רבן של כל בני הגולה. און אויף זיין קבר איז אַוועקגעשטעלט אַ מצבה פון האָלץ, מיט די ווערטער:

„פ״נ מורנו ורבנו רשכבה״ג הרב ר׳ אברהם דובער כהנא שפּיראָ בן הגאון האמיתי ר׳ זלמן סנדר הכהן זצ״ל. הכהן הגדול מאחיו שהיה רועה נאמן בקהלתנו קרוב לשלשים שנה. נפטר בשבי הגטו בש״ק, כ״ב אדר א׳, תש״ג. ת נ צ ב ״ ה״.

אזוי איז געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקע רו דער קאָוונער רב.

איך האָב דערציילט וועגן דער לויה, ווייל די געטאָ־אידן האָבן עס באטראַכט פאַר אַ נצחון קעגן דער דייטשער מאַכט. זיי האָבן עס אַדורכגעפירט טראָצדעם וואָס אזוינע „מאַניפעסטאַציעס" זיינען פאַרבאָטן געווען.

די אידן, אָבער, האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן ממש כדי אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד זייער באַליבטן רב און מורה דרך.

* * *

אָנהויב דעצעמבער, 1943, האָבן געשטאַפּאָ־לייט ארעסטירט די קאָוונער רביצין, רחל שפּיראָ אינאיינעם מיט איר זון דר. נחמן שפּיראָ מיט זיין פרוי און איינציקן זון און זיי אוועקגעפירט אויפן ניינטן פאָרט, זיי דערשאָסן און דערנאָך פאַרברענט. די אידן וואָס האָבן זיך מתעסק געווען ביים פאַרברענען די טויטע, האָבן בלויז געראַטעוועט די ציין פון דר. נחמן שפּיראָ.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

די פאַרטיליקונג פון די אידישע קינדער

וואָס נעענטער די רוסישע אַרמייען האָבן זיך גערוקט צו ליטע, אַלץ ווילדער איז געוואָרן די רציחה פון די נאַציס. זיי האָבן געוואָלט אָפּווישן דעם לעצטן אידן. און געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן געמיינט, אַז קיין איין איד וועט ניט איבערלעבן דעם נאַציזם. אויב ס'איז דאָך ניט געלונגען דאָס דורכצופירן, אָפּצואווישן דעם לעצטן שפור פון אידן אויפן

איירָאָפּייאישן קאָנטינענט, איז עס ניט געווען זייער „שולד״. זיי האָבן „געטאָן אַלץ״, אויסגעקלערט אַלערליי רציחות און פּייניקונגען, אַלעמען אומצוברענגען.

אָבער מיר דוכט, אַז גרעסער ווי וועלכער ס׳איז פאַרברעכן, וואָס קאָן ניט און טאָר ניט פאַרגעסן ווערן, — איז די אויסראָטונג פון אונזערע קינדערלעך.

די נאַציס האָבן אומגעבראַכט כמעט אַלע קינדער אונזערע.

אַזוינס האָט די וועלט קיינמאָל ניט געזען ביז די נאַציס זיינען גע־קומען צו דער מאַכט. לאָמיר האָפן, אַז זי וועט עס מער ניט זען.

* * *

אין דעם פינצטערן לעבן פון געטאָ וואו מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען ווי שאָטנס, אין שרעק און אין פּחד פאַר טרויעריקן היינט און פאַרן טונ־קעלן מאָרגן, ווי לעבעדיקע מתים. אין געטאָ האָט מען זיך טאָקע אַזוי גערופן: „מתים אויף אורלויב״.

איין איינציקער ליכטיקער פּונקט איז געווען: אונזערע קינדערלעך. שיין זיינען זיי געווען. זיי האָבן געשיינט ווי די ליכטיקע זונען. עס האָט אַרויסגעשטראַלט פון זייערע פּנימלעך אַזוי פיל גוטסקייט, אַזוי פיל ליב־שאַפט, אַז דאָס האַרץ פלעגט צוגיין פאַר פרייד און פאַר שרעק. — פון פרייד, וואָס מיר האָבן אַזאַ שיינעם יונגן דור, מיט זיין איבערגעגעבנקייט און בטחון, פאַר ג־ט און פאַר זיין פאָלק; פון שרעק, — ווייל אַ ציטער פלעגט אַדורכגיין שוין ביים בלויזן געדאַנק, טאָמער חס וחלילה, וועט דער נאַצישער מלאך המות אויסשטרעקן אויף זיי זיינע טייוולאַנישע נעגל.

ווער קען זיך פאָרשטעלן די שמחה און די פרייד וואָס עס איז געווען אויסגעגאָסן אויף די פּנימלעך פון די אידישע קינדערלעך, ווען זיי פלעגן קומען צו מיר לערנען אין „תפארת בחורים״ נאָך זייערע טעגליכע שקלאָפן־אַרבעט, זייערע פּנימער האָבן אויסגעדריקט בטחון און אמונה, זייערע יסורים און הונגער, זיינען אין דעם מאָמענט פאַרגעסן געוואָרן. ווי קען מען פאַר־געסן מנחם שערשעווסקי (דער זון פון ר׳ זיידל שערשעווסקי) פון וואוסטער, מאַס. אמעריקע, ווי דער צוועלף־יאָריקער אינגל פלעגט פאַרזאָגן דאָס בלאַט

גמרא מיט תוספות מיט זיין עלוי׳שן שכל און זיין גוטער הסברה? ווי קען מען פאַרגעסן דעם מעריב ווען די קינדערלעך פלעגן דאַווענען נאָכן לערנען? מיט וויפיל געבעט און התלהבות האָבן זיי מתפלל געווען פאַר ג־ט, פאַר זייערע געבליבענע פאַמיליעס און פאַרן כלל ישראל, זיי זאָלן ניצול ווערן פון גיהנום? ווער קען פאַרגעסן ווי זיי פלעגן זאָגן תהילים יעדער ביינאַכט און די טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף זייערע פנימער. עס קלינגען נאָך אין מיינע אויערן די צאַרטע קינדערישע שטימען און די אומעטיקע מע־לאָדיע מיט די ווערטער „הצלני מרודפי כי אמצו ממני״.

ווער קען פאַרגעסן די שמחה און די פייערליכקייט ביי דער דער־עפענונג פון זייער אייגענעם לאָקאַל פון „תפארת בחורים״ אויף 8 קאָקלו, (וואָס זיי האָבן מיט זייערע הענט אליין געבויט). ווער עס איז ניט בייגעווען ביי דער דאָזיקער דערעפענונג, — דער, האָט קיין אמתע פרייד אויף זיין לעבן ניט געזען.

ווען קען פאַרגעסן זייערע שלש־סעודותן יעדן שבת מיט זייערע זמירות, אַ שמחת יום טוב, אַ שמחת תורה.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָט די קליינע אידישע קינדערלעך פון „חדר״ אין „הלוית המת״ קלויז. ווי זיי האָבן געזאָגט „מודה אני״ און „קריאת שמע״. פון די קלייניקע אברהמלעך, יצחקלאַך — וואָס פאַר אַ שמחה ס׳איז געווען אויסגעגאָסן אויף זייערע פנימלאַך! קוקנדיק אויף זיי פלעגט מען פאַרגעסן וואו מען איז, און הויך, הויך, איבער דעם שטעכעדיקן דראָט פון געטאָ־טויער, פלעגט די נשמה זיך אריבערטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט פון שיינקייט און ריינקייט, פון אצילות און נשמה׳דיקייט, און וויפיל מוט, וויפיל האָפענונג פלעגט עס אונז, די דערוואַקסענע, צוגעבן.

יענעם טאָג, ווען די דאָזיקע גרויליקע מעשים האָבן זיך אָנגעפאַנגען וועל איך אייביק געדענקען.

אַלץ איז ביי די דייטשן געווען — „אַקציאָן״ — מאָרד האָט געהאָט דעם נאָמען „אַקציאָן״. „קינדער אקציאָן״, „אַלטעלייט אַקציאָן״.

דעם 26־טן מערץ, 1944, אין אָוונט, האָט די פאָליציי דערהאַלטן אַ באַ־פעל צו קומען צו דער דייטשער קאָמעדאַנטור אין זויבערע קליידער און געפּוצ־

טע שטיוול, צו אַ לופט־אַלאַרם־אינספעקציע. דעם 27־טן מערץ (ג׳ ניסן,תש״ד), זיינען די אידן אַרויס צו דער צוואַנגס־ארבעט אין שטאָט און די פּאָליציי איז אוועק צו דער אינספעקציע, ווי צו אַ שפּיל.

אַכט אזייגער אינדערפרי, ווען די טאַטעס און מאַמעס זיינען אַרויס צו דער צוואנגס־ארבעט, פאר די דייטשן, איז פלוצלונג געוואָרן א טומל, אַ פּאַניק — די געטאָ איז אַרומגערינגלט, עס פאָרן אַריין אין געטאָ צענליקער אויטאָבוסן. זייערע פענצטער זיינען געפּאַרבט ווייס, עס שטייגן פון זיי אַרויס דייטשע סאָלדאַטן מיט הינט און ווייס־גווארדייער, אוק־ראַאינער (אַריבערלויפערס פון דער רויטער ארמיי צו די נאַציס) רוצחים, טייוולאָנים, משחיתים.

באַלד לאָזט זיך אַרויס איבער די גאַסן פון לאַגער אַן אויטאָמאָביל מיט אַ הויך־הילכער און שרייט אַרויס מיט אַן אימה׳דיקער שטימע: אַכטונג! אַכטונג! ווער ניכט צו הויזע בלייבע, ווירד ערשאָסן!״ — די שטימע ווידערהאָלט זיך כסדר, די לופט ווערט אָנגעפילט מיט אימת מות.

די מערדער לויפן ווי ווילדע בעסטיעס איבער די הייזער, שלעפּן מיט געוואַלד די אידישע קינדערלעך, די מאַמעס לויפן נאָך, ווילדע געשרייען, (אַנדערע קינדער וואָס זיינען אַליין אין שטוב געבליבן) מיט דער גרעסטער אַכזריות שליידערט מען די קינדער אריין אין די אויטאָבוסן.

די אומגליקליכע מאַמע וויל אויך אַריינגיין, זי באקומט אָבער באַלד אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט אַ ביקס, זי חלש׳ט, זי שטייט באַלד ווידער אויף, ווידער אַ געשריי, ווידער אַ זעץ איבערן קאָפּ.

עס הערן זיך אויך ווילדע אויסגעשרייען און אַ ווילד געלעכטער. אַ מאַמע איז פון זינען אַראָפּ.

אין די לעצטע מינוטן טוען די מאַמעס אַלץ אויסצובאַהאַלטן זייערע קינדערלאך וואו איינער קען: ווער עס האָט אַ צוגעגרייטע „מלינה״, ווער אין אַ שאפע, אין אַ קעלער, אין אַ גרוב.

אָבער דאָס פּראָבלעם איז געווען זייער אַ שווערער. די קאָמפּליקאַציעס ביים באַהאַלטן די קינדער זיינען פאַרשיידענע.

ערשטנס, קאָנען קינדער וויינען, שרייען, — צווייטנס, ווי אַזוי קאָן

מען טראָגן קינדער איבער די גאַסן, אַז מען זאָל עס ניט באַמערקן. — דריטנס, וואו כאַפּט מען באַהעלטענישן אויף גיך.

אין „ענטלויזונגס־אַנשטאַלט" וואו איך האָב געאַרבעט, האָט זיך געפונען אַ באַהעלטעניש, עס גיט זיך איין אַנדערע מאַמעס צו ברענגען זייערע קינדערלאַך אין פאַרמאַכטע זעקלאַך, און קאַשיקעס, און זיי דאָרטן באַהאַלטן.

אויך אין זעלבן בלאָק ווערן באַהאַלטן קינדערלעך אין „מלינה" פון די קליינע ווערקשאַטן, אויך אין קיך ביי קאַהאַנסקין. דער גאַנצער בלאָק „צע" (ווי עס האָט זיך גערופן אין געטאָ) ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַהעלטעניש פאַר קינדערלאַך.

אַלס זיכער מיטל אַז די קינדערלאַך זאָלן ניט אַרויסגעבן זיך דורכן וויינען אָדער שרייען, האָט מען זיי איינגעגעבן שלאָף־געטראַנק, כדי זיי זאָלן זיך ניט אויפכאַפּן און וויינען בעת מען האָט זיי געפירט איבער די גאַסן, און ליגנדיק אויך אין „מלינה".

און ווען די אָרימע שעפעלאַך זיינען שוין געווען פאַרזונקען אין אַ האַרטן שלאָף, און אפשר אין אַ שלאָף פול מיט די שענסטע קינדערשע חלומות וועגן א שיינער וועלט, האָט מען זיי אַריינגעלייגט אין קוישעלאַך און זעק, און זיי אריבערגעטראָגן אין באַהעלטענישן.

און אָט איז אַ מאַמע, וואָס וויל אויך באַהאַלטן אויף גיך איר אינגעלע, פון שרעק שרייט ער אָבער און מען דאַרף אים אויף גיך איינשלעפערן, זי מאַכט אים אַן איינשפריצונג, די הענט ציטערן ביי איר, זי ווייסט ניט גענוי וויפיל שלאָף געטראנק מען דאַרף אים געבן. דאָס קינד ווערט רואיק, שלאָפט איין, אָבער שוין אויף אייביק. אין שרעק און איילעניש האָט זי אים א צו גרויסע דאָזע פון שלאָפמיטל געגעבן.

און עס האָט געטראָפן, אַז אַ מאַמע האָט איר איינציק קינד אין בעט באהאלטן, פאַרדעקט אים קונציק מיט קישנס, און אַ גליק איז איר געשען: דער „אוקראַאינער" האָט קיין זאך ניט באמערקט און איז מיט ליידיקן פון שטוב אַרויס. דער מאַמעס שמחה איז ניט צו באשרייבען; — איר קינד איז געראטעוועט. זי לויפט צום בעט. זי וויל איר געראטעוועט קינד אויף די הענט נעמען, אים קושן, אים האַלדזן, אָבער וואָס איז מיטן קינד? ער

באוועגט זיך דאָך גאָרניט. ער איז אונטער די קישנס דערשטיקט געוואָרן. די מאַמע האָט מיט די אייגענע הענט אַ סוף צו זיין לעבן געמאַכט.

אַט וויל דר. זלמן גרינבערג (איצט אין ישראל) ראַטעווען זיין צוויי־יאָריק קינד, עמנואל, מאַכט אים אַן איינשפּריצונג מיט אַ שלאָף־מיטל, און דאָס שלאָפנדיקע קינד האָט ער באַהאַלטן אין אַ פּאַס אויפן הויף און עס צוגעדעקט מיט שטיינער, וואו ער איז דורכגעשלאָפן דעם גאַנצן טאָג פון די זוכענישן.

די סצענעס וואָס האָבן זיך דאַן אָפּגעשפּילט ווען מען האָט איבער די גאַסן פון לאַגער געכאַפּט קינדער, זיינען פּחדימדיק. אַט איז אַ מאַמע וואָס ראַנגלט זיך מיט די מערדער, זי לאָזט ניט ארויס איר קליין מיידעלע פון אירע הענט, און באַקומט אַ קויל אין קאָפּ, די הענט לאָזן זיך פאַנאַנדער און זי פאַלט.

געוועזן מוטערס וואָס האָבן זיך ביי די גזלנים געבעטן: נעמט מיך מיט! איך וויל גיין מיט מיין קינד! אַזאַ מוטער האָבן די רוצחים סאַ־דיסטיש אָפּגעשטופּט און געזאָגט: „עס וועט אויך קאָממען דיין ריי!".

ניט בלויז קינדער האָט מען געכאַפּט, נאָר אויך עלטערע מענטשן.

אַט פירט מען דעם מגיד פון קאָוונע, הרב ר' חיים מאַסט, מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם, און אַט פירט מען ר' מרדכי יפה, ר' לייב אינטעליגאַטער, די איבערגעבליבענע איינצלנע בעלי־בתים פון קאָוו־נע. מען וואַרפט אַלעמען אין די צוגעגרייטע אויטאָס, די קינדער מיט די עלטערע מענטשן אינאיינעם.

מאַמעס וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין אויטאָ, פלעגן אַוועקגעטריבן ווערן מיט די פּריקלאַדן פון די ביקסן, אָנגערייצטע בייזע הינט, פלעגן צע־רייסן זייערע קליידער, און צעבייסן דאָס לייב פון די פאַרצווייפלטע מאַמעס. אַ מאַמע וואָס האָט זיך פאַרקלאַמערט אין אויטאָבוס און ניט געוואָלט אַוועק, האָט אַ קויל דאָס האַרץ דורכגעלעכערט. דאָס קינד אין אויטאָ האָט עס געזען און געיאָמערט. אַ ראַדיאָ האָט געשפּילט אין אויטאָ, בכדי מען זאָל ניט הערן די קינדערשע געשרייען. פולע אויטאָס פלעגן אָפּפאָרן, און ליידיקע פלעגן אָנקומען, און ווידער מיטנעמען נייע „פּאַסאַזשירן".

צום שפּיטאָל פון לאַגער, זיינען אָנגעקומען ספּעציעלע אויטאָבוסן און האָבן אַוועקגענומען אַלע קינדער, יתומים, און סתם קינדער וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. אייניקע קינדער האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרשטעקן אין די בעטן פון די דערוואַקסענע קראַנקע.

אַזוי האָבן די מערדערס אָנגעהאַלטן זייער כאַפּעניש ביז עס איז פינצטער געוואָרן.

אין אָוונט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מען האָט אַרעסטירט די אידישע פּאָליציי פון געטאָ און זיי אָפּגעפירט צום „ניינטן פאָרט", מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז זיי האָבן געהאָלפן דער יוגנט, אַרויסצוגיין צו די פּאַר־טיזאַנער, אַז זיי ווייסן פון „מלינה'ס", בונקערס, וואו מען באַהאַלט אויס קינדער.

אין עטלעכע טעג אַרום, האָט מען דערשאָסן דעם פּאָליציי־שעף פון געטאָ, אַלע געהילפ־שעפן, ראַיאָן־שעפן, העכערע אָפיצירן און אַנדערע פּאָליציי באַאַמטע, צוזאַמען פערציק מענטשן.

אָן ערך זיבעציק פּשוטע פּאָליציאַנטן האָט מען באַפרייט.

צו מאָרגנס, דעם 28־טן מערץ, שוין גאַנץ פרי, איז די געטאָ געוועזן אויף די פיס. די נאַכט האָט ניט בארואיקט, אין דער לופט האָט זיך נאָך געפילט די ביטערע שטימונג פון דעם גרויזאַמן נעכטן. די רוצחים האָבן זיך נאָך ניט אָנגעזעטיקט, צופיל אויסבאַהאַלטענע קינדער זיינען נאָך פאַראַן אין געטאָ. די צאָל אידישע קינדער איז דער געשטאַפּאָ געוועזן באַ־קאַנט.

די גאַסן פון לאַגער זיינען פול מיט מענטשן, קיינער איז ניט גע־גאַנגען צו דער אַרבעט. פּלוצלונג זיינען ווייטער אָנגעקומען צום טויער אויטאָבוסן מיט עס־עס־לייט און אוקראַאינער. די פּאַניק איז ווידער גרויס.

אָבער איצט זיינען די רוצחים געקומען זוכן די באַהעלטענישן פון די קינדער.

מען גייט מיט העק און מיט לאָמען; מען ברעכט ווענט, דילן.
אָט ווייזן זיך דייטשן מיט שפּיר הינט, זוכן די באַהעלטענישן וואו עס

קאָנען זיין פּאַרשטעקט אידישע קינדערלעך; זיי וואַרפן אַהין אַריין האַנט־גראַנאַטן וואָס רייסן אויף מיט געוואַלדיקן כוח, און עס ווערן צוריסן אויף שטיקלעך צאַרטע, אומשולדיקע קינדער.

די מערדערס דערנעענטערן זיך אויך צום „ענטלויזונגס אַנשטאַלט״, וואו עס איז אויך געלעגן באַהאַלטן מיין רבי, הגאון רבי אברהם גראָדזענסקי, דער מנהל רוחני פון סלאָבאָדקער ישיבה. איך שרעק זיך, מען זאָל דעם רבי׳ן ניט צונעמען, איך בין מתפלל צו ג־ט, אַז מיינע אויגן זאָלן דאָס ניט זען.

אָבער ליידער, דערהער איך אַן אויפרייס פון דעם אָרט וואו די באַ־העלטעניש איז געווען, אַ שרעק און ציטער נעמט אַרום מיין קערפּער. ווער ווייס וואָס עס האָט געטראָפן מיט מיין רבי׳ן ר׳ אברהם? לעבט ער נאָך? איך קען זיך שוין ניט דערוואַרטן, אַז די מערדערס זאָלן אַוועקגיין, איך זאָל קענען אַרונטערגיין אין דער באַהעלטעניש זען וואָס ר׳ אברהם מאַכט? ווען די מערדער זיינען אַוועק האָב איך זיך דערוואוסט, אז ר׳ אברהם איז אַפּגעקומען מיט שרעק, ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

די מערדערס האָבן זיך ניט באַרואיקט — זיי האָבן געני־שטערט אין אַ צווייטן אָרט פון מויער, און זיי האָבן אַנטדעקט דאָס באַהעלטעניש, פון קיך, זיי פירן אַרויס 11 קינדער. אין דעם מאָמענט האָב איך בייגעוואוינט אַ סצענע, ווי מען נעמט צו אהרן׳לען ביי אַ שוועסטער פון דער מוטער.

די מוטער איז געווען אין סיבער און האָט געלאָזן דאָס איינציקע אינגעלע ביי דער שוועסטער, די שוועסטער האָט געשריען כסדר:

לאָזט מיך גיין מיטן קינד! אָבער אַזאַ „פאַרגעניגן״ האָבן זיי דער אומגליקליכער פרוי ניט געוואָלט אָנטאָן.

דער סוף איז טאַקע געווען, אַז די פרוי, די טאַנטע פונם קינד איז געבליבן לעבן, זי איז איצט אין אַמעריקע, די מאַמע פון קינד לעבט אין סיביר. אָבער דאָס קינד איז ניטאָ.

אָט זע איך ווי עס־עס־לייט פירן אַ גרופּע קינדער מיט עלטערן, צווישן זיי אויך ר׳ פייוול זיסמאַן, מיט זיינס אַ קינד. מ׳האָט זיי אַלעמען געפונען אין אַ באַהעלטעניש. ר׳ פייוול מיט זיין פּאַטריאַכאַלישן אויסזען

און זיין חסידישן שטאָלץ, ווערט אוועקגעפירט צוזאמען מיט די קינדער.
ביז ס׳איז טונקל געוואָרן האָבן די מערדערס געהאַלטן אין איין צו־רויבן אידישע קינדערלאך.
איןביידע טעג האָט מען אַרויסגעפירט 2000 קינדער מיט אַלטע לייט צו די פאַרניכטונגס־ערטער אין אויסוויץ און מאַידאַנעק.
אויך איז אין די זעלבע טעג פאָרגעקומען די קינדער־אַקציאָן אין די לאַגערן אַרום קאָוונע, שאַנץ, אַלעקסאָט, קאָשעדאַר, קיידאַן, דאָרטן איז אזוי דורכגעפירט געוואָרן וואו קיין איין קינד איז ניט לעבן געבליבן.
אין שאַוולער געטאָ איז די „קינדער־אַקציאָן״ פריער פאָרגעקומען ווי אין קאָוונע.
אַזוי איז חרוב געוואָרן די אידישע ליטע.
בלויז קליינע רעשטלעך זיינען געבליבן, וואָס האָפן צוזאַמען מיטן כלל ישראל אויף דער גאולה.
פון דער זינדיקער בלוטיקער אייראָפּע שרייען נאָך אַ סך פון זיי נאָך הילף און בעטן אויף נקמה פאַר דעם אומשולדיקן פאַרגאָסענעם בלוט פון אונזערע קינדערלעך.

אבינו מלכנו עשה למען תינוקות של בית רבן!
אבינו מלכנו נקום לעינינו נקמת דם הילדים השפוך!

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

ווי מיר האבן געבאַקן מצה אין געטא

איך האָב שוין נישט איינמאָל דערציילט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן געלעבט אין געטאָ, אונטער די שרעקליכסטע באַדינגונגען, איז דאָך נישט פאַרלאָשן געוואָרן דעם אידישער פונק, און עס איז אָנגעגאַנגען אַ אידיש לעבן.
ווען עס פלעגט קומען אַ אידישער יום טוב, פלעגן מיר מיט אַלע כוחות זען, עס זאָל זיין יום־טוב׳דיק, כאָטש מיר האָבן געוואוסט, אַז די

דייטשע רוצחים וועלן אונז שוין סייווי דערמאָנען, אַז עס איז יום טוב, דורך זייער ספּעציעלן איזדעקעווען זיך איבער אונז און טאָקע לכבוד אונזער יום טוב.

די רוצחים זיינען געווען פּינקטליך ווי דער לוח, דער עיקר ווען עס פלעגט זיך דערנעענטערן דעם יום־טוב פּסח. צו דעם יום־טוב האָבן מיר גענומען מאַכן הכנות גלייך נאָך חנוכה. מיר פלעגן מאַכן פאַרשיידענע פּלענער און געזוכט כלערליי תחבולות ווי צו קריגן אַביסל מעל, וואו צו באַקן, און וואו וועט מען קריגן די טיילן פון מצה־מאַשין און דעם וועג ווי־ארום צו ברייגנען דאָס אין געטאָ; אויך צי קאָנען עס באהאלטן אַזוי, אַז די דייטשן זאָלן דאָס ניט דערטאַפּן — און מיט וואָס צו באַקן. מיר זיינען דאָך געווען פאַרשפּאַרט הינטער שטעכיקע דראָט.

אָבער דער ווילן איז שטאַרקער פון אַלץ, און אין געטאָ איז אפילו געווען אַ מצה־מאַשין. און ניט איינער נאָר טאָקע צוויי, מיט צוויי פּאַדראַטן צו באַקן מצה. די הויפּט־פראגע איז אָבער געווען: וואו נעמט מען מעל? מען האָט געזוכט כלערליי עצות, מען האָט גערעדט מיט די אידן וואָס האָבן גוטע בריגאַדעס, וועגן דעם, אַז זיי זאָלן אַריינשמוגלען מעל אין געטאָ. און אין די יאָרן פון 1942—1943, איז געווען מעל אין געטאָ אויף פּסח, און אַלע אידן האָבן געבאַקן מצה, ווער מערער, ווער ווייניקער. און די צוויי פּאַדראַדן האָבן אין משך פון ראש חודש ניסן, ביז פּסח באַזאָרגט אַלע געטאָ־אידן מיט מצה, זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז די מעל איז געווען נישט נאָר פון ווייץ נאָר קאָרענע מעל אויך. (על פּי דין מעג מען באקן פון קאָרענע מעל אויך). מען האָט אפילו געגרינדעט אַ „מעות חיטים” קאָמיטעט, און יעדערער וואָס האָט געבאַקן מצה, האָט מען אַראָפּגענומען פון זיין ביסעלע מעל פאַר זיין חבר, פּונקט ווי אַמאָליקע יאָר, און אַזוי האָט מען לויט די מעגלעכקייטן באַזאָרגט ווי עס איז כמעט אַלע אידן מיט ביסלעך מצה.

איך דערמאָן זיך אַן עפּיזאָד: צוויי וואָכן פאַר פּורים האָט מיר אַ ליטווישער מערדער געבראַכט 30 פונט מעל און דאָס אָפּגעגעבן ביים געטאָ־טויער צו פייוול מרגלית. מרגלית האָט די מעל מיר אָפּגעגעבן און מיר האָבן געבאַקן מצה און צוטיילט צווישן די רבנים און ישיבה לייט. אַ צעטעלע האָב איך געפונען אין דעם מעל, אַז דאָס איז פון פראַנאַס׳ן,

דער וואָס פלעגט פאַרלעשן די ליכט, פּרייטיק־צונאַכט אין אבא יחזקאַלס קלויז און ווינטער הייצן די אויוונס ביי די אידן אין סלאָבאָדקע. ער האָט מיר געבעטן אַז איך זאָל דאָס צוטיילן אויף פּסח פאַר די אַלע רבנים און ישיבה לייט, וואָס ער האָט זיי געקאָנט פון יאָרן, ווען ער פלעגט קומען ,שמחת־תורה כאַפּן אַ גוטן טרונק בראָנפן ביי זיי.

יעדעס מאָל מצה באַקן איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות, די מאַשין רוישט דאָך און די דייטשן דרייען זיך דאָך אַרום אין געטאָ, און אַלץ איז אומלעגאַל, פון דעם מצה־מאַשין ביז דער מצה ווען זי איז פאַרטיק און אפילו דאָס אָרט וואו מען באַקט, קאָן דאָך הייסן ביי די דייטשן, אַז אידן האָבן לײדיקע צימערן צו באַקן מצה, פון וואַנען איז די מעל? און נאָך ווייסע מעל?

אָבער אַמערגסטן איז געווען דער פּסח פון יאָר 1944, ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק (ג׳, ד׳ ניסן) איז פאָרגעקומען די „קינדער־אַקציע" און אויך די אַקציע אויף עלטערע מענטשן, מען האָט אַרויסגעריסן די קינדער פון מוטערס שויס, אַרויסגעפירט די נאָך פאַרבליבענע שענסטע בעלי־בתים פון קאָוונע, ווי איך האָב שוין בפּרטיות דערציילט אין פריער־דיקן קאַפּיטל, יעדערער איז אַרומגעגאַנגען ווי משוגע, יעדער איינער האָט זיך געגרייט צום טויט, עס איז געווען כמעט ווי זיכער, אַז קיין איד וועט ניט בלייבן, טאָ ווי קאָן גאָר איצט דער קאָפּ זיין וועגן באַזאָרגן זיך מיט מצה? ווועלן מיר דען נאָך לעבן ביז פּסח?

אַלע פלענער וועגן באַקן מצה איז צוליב דער „קינדער־אַקציע" איבערגעריסן געוואָרן. די טעג זיינען געלאָפן, עס איז געוואָרן גאָר נאָענט צו פּסח, וואָס טוט מען? וואו נעמט מען כאָטש אַ כזית מצה? אָבער נישט געקוקט אויף אַלע צרות מיט וועלכע מען איז געווען אַזוי אַרומגע־רינגלט, האָבן מיר אָנגעהויבן באַקן מצה. דאָס האָט געמיינט אַ לעבן־איינ־שטעלעניש, ווייל דער מענטשן־פרעסער, „קיטעל", פון דער געסטאַפּאָ, פלעגט יעדע ווילע באַזוכן דעם לאַגער.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן דעם דאַמאָלסדיגן מצב פון די אידן. שווער צו פאַרגעסן דערפאַר דעם שטאַרקן גייסט פון די רבנים, הרב ר׳ יהושע

לעווינסאָן, מנהל פון ראַדינער ישיבה, אַן אייניקל פון „חפץ חיים", הרב ר' זלמן פערמוט, מנהל פון קאָוונער כולל, הרב בנימין אַזינסקי, הרב ר' שמעון דוביאַנסקי, — זיי אַלע זיינען געגאַנגען נאָך מים שלנו, און ביים שעפּן דאָס וואַסער פאַר די מצה, האָבן זיי דאָס געטאָן מיט אַזאַ שמחה, וואָס איך קען עס עד היום נישט פאַרגעסן. איך געדענק ווי הרב לעווינסאָן האָט מיר געזאָגט: „איר וואונדערט זיך, וואָס איך טו דאָס מיט אַזאַ שמחה? — עס קען זיין, אַז דאָס איז די לעצטע מצוה פון מיין לעבן".

און אָט איז שוין ערב פּסח, און עס איז נאָך נישטאָ קיין פּיצל מצה, בין איך אַזוי געשטאַנען צוזאַמען מיט אַנדערע אידן, וועלכע האָבן געבאַקן מצה, און עס איז שוין שפּעטלעך, ערב פּסח פאַרנאַכט — און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ טומל אינדרויסן: „קיטעל", דער מערדער איז צו־געפאָרן מיטן געשטאַפּאָ־אויטאָ, פּונקט צו דעם אָרט וואו מיר האָבן גע־באַקן מצות אין בלאָק „צע".

פון באַהאַלטן זיך האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין, ווייל איידער איך האָב באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, איז דער גזלן שוין געווען ביי דער טיר. פאַרפאַלן, האָב איך געטראַכט, אויב יאָ שטאַרבן, איז כאָטש פאַר דער מצוה פון באַקן מצה. איך האָב גענומען זאָגן וידוי. ווען „קיטעל" איז אריין און צוגעגאַנגען צו מיר, און מיך אַ פרעג־געטאָן: „ווער ביסטו"? און איידער וואָס ווען, האָט ער אַ נעם געטאָן צוויי פּעקלאָך מצה און איז אַוועק. איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, ניט וויסנדיק וואָס דאָ קומט פאָר.

דערנאָך האָב איך דערזען ווי מען האָט ארעסטירט אפרים בונים, דעם פאַרוואַלטער פון די קליינע וואַרשטאַטן. דאָס באַקן די מצה איז גלייך איבערגעריסן געוואָרן, און אַ סך אידן זיינען געבליבן אָן אַ כזית מצה אויף פּסח.

דער פאַרשטערטער פּסח, איז טאַקע געווען דער לעצטער פּסח אין קאָוונער געטאָ. אייביק וועל איך יענעם פּסח געדענקען, ווי איך האָב גע־טיילט אַ כזית מצה צו אידן, בכדי יוצא צו זיין די מצוה פון אכילת מצה.

איך קאָן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווי אידן פון די לאַגערן אַרום קאָוונע,

פון אלעקסאַטער לאַגער, שאַנצער לאַגער, פאַלעמאַנער לאַגער, רויטן־הויף — האָבן זיך געבעטן כאָטש אַ כזית מצה; ווי איינער אַ איד האָט אויסגערופן: איך האָב אַלע יאָרן אָפּגעהיט די מצוה פון מצה, און איצט, פאַרן טויט ניט, ליבער ג־ט זיי מיר מוחל!

די דאָזיקע ווערטער קלינגען מיר נאָך היינט און וועלן שוין קיינמאָל נישט פאַרקלינגען פון מיינע אויערן.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

דער אומקום פון הגאון הצדיק ר׳ אברהם גראָדזענסקי

אַ סך שרעליכע, מאוים׳דיקע טראַגעדיעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין לעבן פון די אידן אין סלאָבאָדקע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. און שרעקליכער פון אַלץ איז אפשר געווען דער סוף פון די בני תורה, די בני הישיבות — און פון דער אידישער אינטעליגענץ, אין אַלע אירע קאַלירן און שאַטירונגען — בכלל.

פאַר דער אויסראָטונג פונם פאָלק האָבן די נאַציס געוואָלט, קודם כל, אומברענגען דעם אידישן גייסט, די קעפּ פונם ישוב, כדי זיי זאָלן שפּעטער קאָנען טאָן מיט די אידן וואָס זיי ווילן; כדי אידן זאָלן פאַרלירן זייערע פירער, זייערע מנהיגים, זייערע לערער אין דער עת צרה. זיי האָבן געוואָלט פאַר אַלעם, אָפּהאַקן דעם קאָפּ, צונעמען דעם דענקעןביים אידישן ציבור, כדי ער זאָל שפּעטער ווערן אין גאַנצן הילפלאָז און פאַרלירן זיין ליכטיקע צורה — דעם אור תורה.

דאָס איז געווען געטאָן מיט אַ פּלאַן, מיט אַ סיסטעם.

פּונקט ווי די גאַנצע אויסראָטונג פון אידן איז געקומען לויט אַ סדר, סיסטעמאַטיש, אַזוי איז אויך געווען די פאַרניכטונג פון דער שיינער,

ליטוויש־אידישער אינטעליגענץ, אין אלע אירע קאָלירן, די רעליגיעזע און די וועלטלעכע, די תורה־אויטאָריטעטן און די וועלטלעכע קולטור־עסקנים.

איין גרויסער מנהיג פון דער סלאָבאָדקער ישיבה, דער מנהל הגאון הצדיק ר׳ אברהם גראָדזענסקי הי״ד, איז עס געלונגען מיט דער הילף פון רבונו של עולם, זיך ארויסצודרייען עטליכע יאָר, טראָץ די כאַפּעניש און פארניכטונגס־אקציע.

דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס מיין הייליקער רבי איז געלונגען זיך צו ראַטעווען, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַ בעל מום אויף אַ פוס.

און אין געטאָ, האָט ער געלערנט מיט זיינע געבליבענע תלמידים די תורה פון קידוש השם.

די איבערגעבליבענע בחורים אין געטאָ האָבן זיך יעדן שבת פאַר־נאַכט, זיך צוזאַמענגעקליבן, אין זיין קליינעם ענגן חדר״ל, אויף פורמאַן גאַס נומער 8, (לעבן דער סלאָבאָדקער ישיבה), דאָרט האָט דער רבי — טראָץ דער געסטאַפּאָ — יעדן שבת געפירט זיינע טיפע אומגעווײנליכע פאַר־כאַפּנדיקע מוסר־שמועסן. אין יענער צייט פלעגט רבי אברהם גראָדזענסקי הי״ד ריידן מייסטנס וועגן קידוש השם, אריינגעבנדיק מוט און נשמה אין די דערשלאָגענע רעשטלאַך פון תורה אידנטום אין ליטע.

מיין הייליקער רבי פלעגט אונז אַלעמען דערמאָנען, אז דער, וואָס גייט באמת מיטן געדאַנק מקדש השם צו זיין, שפירט ניט ווען מען טוט אים אָן יסורים. מען דאַרף זיך בלויז דערמאָנען אין רבי עקיבא׳ס קידוש השם, כדי צו לערנען דערפון, אַז ביי קידוש השם שפירט מען ניט אפילו די שרעקליכסטע יסורים.

דריי יאָר צייט, האָט דער רבי אַזוי געמונטערט און געגעבן עלית נשמה דעם הייפעלע לעבנגעבליבענע בני תורה.

אָבער אויך דעם דאָזיקן גדול הדור האָבן מיר סוף־כל־סוף פארלאָרן אויף אַ טראגישן אופן.

שבת, י״ז תמוז, תש״ד (8־טן יולי, 1944), ביים ליקווידירן דעם

קאָונער לאַגער, האָט מען דעם רבי׳ן אויסבאַהאַלטן, אָבער די באַהעלטעניש איז אויפגעדעקט געוואָרן.

ער האָט לויפנדיק צובראָכן זיין קראַנקן פוס און מען האָט אים געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל פונם לאַגער.

אין שפּיטאָל האָבן זיך געפונען נאָך קראַנקע און אויך קליינע קינדער. אויך די, וואָס מען האָט זיי געשאָסן, ביים וועלן אַנטלויפן פון לאַגער און האָבן זיך געראַנגלט מיטן טויט אין שרעקליכע יסורים.

די דייטשן האָבן זיך דאַן געגרייט צו פאַרברענען דעם שפּיטאָל צו־זאַמען מיט די אידן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, און אויך דעם גאַנצן לאַגער.

די יסורים פון רבי אברהם׳ען זיינען געווען שרעקליכע פון זיין צו־בראָכענעם קראַנקן פוס און ווען שמעון סגל (איצט אין ניו יאָרק), האָט אים באַזוכט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, האָט ער געזאָגט צו שמעון סגל: „מען דאַרף העלפן די מיידעלע וואָס ליגט לעבן מיר, זי איז דאָך אַ קינד, באַרואיקט איר, איז זי שולדיק? פאַרוואָס דאַרף זי, פאַרברענט ווערן לע־בעדיקערהייט?״.

רבי אברהם האָט געוואוסט וועגן דעם, ער האָט געהערט, אַז די דייטשן האַלטן ביים אונטערצינדן דעם שפּיטאָל, ווייל דער לאַגער האָט שוין געברענט.

אַ בחור פון ישיבה, האָט פאַרבראַכט די לעצטע מינוטן מיטן גרויסן גאון וצדיק.

דער בחור האָט איבערגעגעבן רבי אברהמ׳ס לעצטע ווערטער:

— „מיך אַרט ניט וואָס מיט מיר וועט געשען, ניט מיינע יסורים וועלן מיר פּייניקן, נאָר די יסורים פון צוהערן די קרעכצן פון מיינע ברידער און שוועסטער און קליינע קינדערלעך, וועלכע וועלן קראַנקערהייט דער־שטיקט ווערן אין דער שרפה.

אַ טאָג שפּעטער, כ״ב תמוז, תש״ד, איז טאַקע מיין הייליקער רבי פאַרברענט געוואָרן מיט אַלע קראַנקע אידן אין שפּיטאָל, ווען די נאַציס האָבן אונטערגעצונדן דעם שפּיטאָל מיט די קראַנקע.

אַזוי איז אומגעקומען על קידוש השם דער גרויסער גאון און צדיק רבי אברהם גראָדזענסקי, הי״ד.

* * *

רבי אברהם גראָדזענסקי איז געבאָרן געוואָרן תרמ״ג, אין וואַרשע, ביי זיין פאָטער הרב הצדיק ר׳ יצחק זצ״ל, ראש ישיבה אין וואַרשע. אין זיין יוגנט, האָט ער געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה און אין אנדערע ישיבות. ער האָט חתונה געהאַט, מיט דער טאָכטער פון משגיח פון סלאָבאָדקער ישיבה, הרב הצדיק ר׳ דוב צבי העלער זצ״ל. אין תרע״ט איז ער אויפגע־נומען געוואָרן אין דער הנהלה פון סלאָבאָדקער ישיבה. אין תרפ״ו, ווען דער „אַלטער״ הגאון הצדיק ר׳ נתן צבי פינקל זצ״ל, האָט עולה געווען קיין ישראל מיט אַ טייל תלמידים קיין חברון וואו עס איז געגרינדעט גע־וואָרן די חברונ׳ער ישיבה, איז ר׳ אברהם געוואָרן דער מנהל פון סלאָבאָדקער ישיבה. אין ישראל ווערט איצט געדרוקט זיין ספר „חכמת המוסר״, וואָס אַ טייל פון אים האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען פאַרן קריג.

„באש הצתה ובאש אתה עתיד לבנותה.״

קאפיטל פיר און צוואנציק

קאָוונע — נאָך איר באַפרייאונג

די לאַגע אויף די פראָנטן, איז פאַר די דייטשן געוואָרן כסדר ער־גער, און די האָפענונג ביי די אידן איז געוואָרן אַלץ גרעסער, אַז דער טאָג פון דער פולשטענדיקער נאַצישער מפלה, איז שוין גאַר נאָענט.

דעם ערשטן אויגוסט, 1944, — האָט די רוסישע אַרמיי באפרייט קאָוונע, אָבער די אידן, אָנגעשראָקענע פון די מוראדיקע איבערלעבונגען אונטער די נאַציס, האָבן מורא געהאַט צו באַווייזן זייער פנים פאַר דער ליכטיקער שיין און זיי זיינען געלעגן איינגענורעטע אין זייערע באַהעלטע־נישן. עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען — געציילטע שטונדן בלויז —און

אידן האָבן אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון זייערע כל המינים באהעלטענישן: פון בונקערס, בוידעמער, קעלערס, ברינעמער און וועלדער.

אויך די פּאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן אַריינשטראָמען פון די וועלדער אין שטאָט אריין.

מיט דריי טעג שפּעטער, דעם 4־טן אויגוסט, האָבן זיך אידן צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעקליבן אויפן הויף פון דער קאָוונער כאָר־שול אויף אָזעסקיענע גאַס.

דער צוזאַמענטרעף איז געווען אַ דראַמאַטישער. דאָ האָבן חברים און פריינט, ברידער און שוועסטער, עלטערן און קינדער זיך איינע די אַנדערע דערקענט, זיך געקושט און געהאַלדזט און זייערע יללות און בכיות מתוך שמחה האָבן זיך געטראָגן עד לב השמים.

צוויי הונדערט מיט פינף און זעכציק מענטשן זיינען זיי געווען אין צאָל און יעדערער פון זיי האָט נישט אַנדערש געדענקט, נאָר אַז ער איז דער איינציקער לעבן געבליבענער...

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם איז דער עולם געקומען צו זיך און עס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אַן אסיפה און עס איז פאַרמירט געוואָרן אַ קאָמיטעט וואָס איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע פּערזאָנען: אַדוואָקאַט דינער, הלל בירגער, אברהם שאַפּירא און דער שרייבער פון די שורות.

די עובדה פון דעם קאָמיטעט איז באַשטאַנען אין זוכן מיטלען ווי אַזוי צו באַזאָרגן מיט שפּייז די אַנטרונענע פון דעם שונא'ס מערדערישער האַנט אַז מיר האָבן גלייך אינטערוועניִרט ביים פּראָפעסאָר מאַזילעס און, אויף זיין איניציאַטיוו, האָט דער רויטער קרייץ אונז באַזאָרגט מיט אַ סכום שפּייז וואָס האָט נישט געקלעקט אויף קיין „המוציא"... — מיר האָבן אויך געעפנט אַ פאָלקס־קיך אויף לייסוועס נומער 20 וואָס האָט נישט געהאַט די מעג־ליכקייטן אַלעמען באַזאָרגן מיט געקעכץ, מחמת מיט יעדן טאָג האָט זיך געמערט די צאָל פון די געראַטעוועטע, זייער צאָל האָט דערגרייכט צו אַן ערך זעקס הונדערט מענטשן און די שפּייז פּראָגע האָט אָנגענומען אַ זייער ערנסטן כאַראַקטער.

די רויטע אַרמיי האָט נישט געזאָרגט פאַר דער באַשפּייזונג פון דער

ציווילער באַפעלקערונג, מחמת דער פּראָנט איז בסך הכל נישט געווען מער ווי צען קילאָמעטער פון שטאָט און קיין ברויט איז נישט געווען בנמצא אפילו פאַר קיין געלט, אַ פשיטא שוין פאַר די נאַקעטע און באָרוועסע, אויס־געהונגערטע און איבערגעשראָקענע, וואָס זיינען אַרויס פון זייערע באַהעל־טעניש.

און אַזאַ לאַגע האָב איך, אויף מיין אייגענער אחריות — אָן דער צושטימונג פון דעם קאָמיטעט — באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער שטאָטישער געזעלשאַפט „סאָציאַלע הילף״ אַז זי זאָל אונז אָנטקעגן קומען מיט שפּייז, לכל הפחות, פאַר די קראַנקע און פאַר די קינדער.

אין דער באַגלייטונג פון מר. לוריע, וועלכער האָט זיך פּערזענליך געקאָנט מיט דעם דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט, בין איך אַוועק צו דער „סאָציאַלער הילף״ אויסווירקן שפּייז נישט חלילה בחינם, נאָר אויף זייערע „ראַציאָנאַלע״ פּרייזן.

מר. לוריע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן דירעקטאָר און אויך פאַר זיינער מיטאַרבעטער, דער דירעקטאָר — כאָטש מיר זיינען ביי אים קיין אָנגעלייגטע געסט נישט געווען — האָט פונדעסטוועגן געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער איז מלא שמחה וואָס אַ רב, האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ ברייטן שלום עליכם און, אויף אים קוקנדיק, האָבן די איבעריקע אָנגעשטעלטע אָנגעהאַלטן דעם זעלבן טאָן פון אָפיציעלע העפליכקייט און שלום עליכם׳ס זיינען געפלויגן מכל הצדדים.

איך בין גלייך צו צום פּונקט. איך האָב געבעטן ברויט, ברויט און נישט מער, נישט פאַר אַלעמען, נאָר בלויז פאַר די קראַנקע און פאַר די קינדער.

דער דירעקטאָר האָט זייער העפליך געשמייכלט און האָט מיר, אין אַן זייער „איידעלן״ טאָן, אָפּגעזאָגט מיין בקשה.

דער אויסרייד איז געווען אַז ברויט קאָן ער דערלויבן בלויז צו אַזעלכע שטאָטישע אָרעמעלייט וואָס האָבן אויף דער האַנט אַ קאַרטל וואָס באַשטעטיקט זייער נויט, וכפי איך קאָן אַזעלכע קאַרטלעך נישט באַווייזן, בין איך בכן, נישט באַרעכטיקט צו קיין ברויט.

זיין איראָנישער שמייכל און זיין געמאַכטע העפליכקייט האָט מיר

אזוי דענערווירט אז איך האָב זיך אַנגענומען מיט מוט און האָב אים געענטפערט.

— הער פּעטרייטעס! איך בין, צום באַדויערן, ביז איצט נאָך אַלץ גענאַרט געווען אין מיין גלויבן אז עס זיינען דאָך פאַראַן ליטווינער וואָס פילן מיט אונזער טראַגעדיע, אָבער איצט בין איך איבערצייגט אַז איר וואָלט געוואונטשן מיט אייערע אויגן צו זען דעם אומקום פון די לעבן גע־בליבענע דורך אַ הונגער טויט!...

און נישט געזעגענענדיק זיך מיט אים, האָב איך אַ פּראַל געטאָן מיט דער טיר און בין האַסטיק ארויס פון זיין צימער.

ער איז מיך נאָכגעלאָפן זיך אַנטשולדיקט, צוריקגערופן און מיר באַ־רואיקט און פון יוצא וועגן, מיר ארויסגעגעבן אַן אָנווייזונג אויף צוויי הונדערט פונט ברויט.

איך בין אוועק מיט דער אָנווייזונג און איך האָב ביי זיך געמאַכט דעם חשבון אז מיט אָט די צוויי הונדערט פונט ברויט דאַרפן זיך זעטיקן קוים צו זעקס הונדערט מענטשן, אָבער מיין חשבון איז געווען אַ פאַלשער, מחמת ביז איך האָב פאַרטראָגן די בשורה טובה וועגן דעם ברויט צו די געראַטעוועטע, זיי זיינען געקומען פון די ארומיקע שטעטלאך: פון פּיל־ווישאָק, ווילקאָווישק, שעמעלישאָק, זשאָסליע, ראַסיין, נייע הונגעריקע.

* * *

דעם 10־טן אויגוסט, זיינען עטליכע חשובע באַלעבאַטים פון שטאָט צו מיר געקומען מיט אַ בקשה אַז איך זאָל אָננעמען די רבנות שטעלע פון קאָוונע.

וויסנדיק אַז אַלע קהלשע אינסטיטוציעס אין שטאָט זיינען חרוב ומוחרב געוואָרן, און אַז מיין אויפגאַבע וועט זיין צוריק אויפשטעלן אָט די אַלע אינסטיטוציעס, האָב איך מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטליכן אַמט און איך האָב זיי אָפּגעזאָגט אין זייער בקשה.

אָבער זיי האָבן מיר נישט אָפּגעלאָזט, זיי האָבן געטענה'ט אַז דוקא איצט מוז מען האָבן אַ גייסטיקן מנהיג און זיי האָבן אַפּעלירט צו מיין רע־ליגיעזן געוויסן מיט כלערליי מאַמרי חז"ל וכדומה... און איך האָב אָנגע־

נומען זייער פאָרשלאג און די סאָוויעטן־מאַכט האָט מיר אויך גוטגעהייסן אַלס אָפיציעלער מנהיג פון דעם קאָוונער אידנטום.

איך בין גלייך געוואָרן טעטיק, צוערשט האָב איך אָרגאַניזירט אַ קהילה. אויך די קהילה איז פון דער סאָוויעטן מאַכט אַנערקענט געוואָרן און זי האָט באַקומען אַן אָפיציעלן סטאַטוס פון אַ קערפּערשאַפט וואָס האָט אין איר רשות צו פאַרוואלטן מיט די געבליבענע בתי מדרשים און בית עלמין׳ס.

מיר האָבן גלייך אויפגענומען צוויי שוחטים: ר׳ מרדכי צוקערמאַן און ר׳ יצחק עזרת. מיר האָבן געגרינדעט אַ חברה קדישא. אַלס גבאי פון שול איז באַשטימט געוואָרן דער געוועזענער פאָרזיצער פון דער קאָוונער קהילה — אַדוואָקאַט נחום לעוויטאַן.

רבצין ח. מ. שולמאן איז באַשטימט געוואָרן פאַר דעם סעקרעטאַר פון דער קהילה.

אַ גבאי פאַר אַ שול האָט מען אויסגעוויילט, אָבער קיין בית המדרש אין וועלכן מען זאָל קענען דאַוונען איז נישט געווען. כמעט אַלע בתי מדרשים זיינען חרוב ומוחרב געוואָרן, בעת די מקומות קדושים וואָס זיינען נישט פאַרניכטעט געוואָרן, זיינען פון די נאַציס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאַלן פאַר פערד און אויטאָ גאראזשן און אין סקלאַדן פאַר פּראָוויאַנט.

בלויז איין שול איז עפּעס על פּי נס, געשאַנעוועט געוואָרן — די כאָר שול, אָבער זי איז געווען וויט פון דעם געגנט וואו די מערסטע אידן האָבן זיך, נאָכן חורבן באַזעצט, אַזוי אַז עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון באשטימען די כאָר שול פאַר אַ מקום תפילה און דערפאַר איז „הויסמאַנס קלויז" פון מייראנע גאַס נומער 28, באשטימט געוואָרן פאַר דעם אָפיציעלן מקום קדוש.

„הויסמאַנס קלויז" האָט נישט געהאַט קיין טירן, קיין שויבן און קיין בענק. זי האָט בלויז געהאַט די אלע נויטיקע איינריכטונגען וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַ פערדן שטאַל . . .

דער ארון קודש איז געווען צובראָכן, צולאָמעט און איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער, אַ פאַריתומטער צווישן היי און שטרוי ווי אַ מין זכר

לחורבן, ווי אַן עדות אַז נישט לאַנג צוריק איז דאָ געווען אַ מקום קדוש...

דאָס מקום קדוש איז מער ווייניקער פאַריכט געוואָרן און שבת פרשת עקב, שנת תש״ד, האָבן מיר דאָרטן געבענטשט ראש חודש אלול.

דעם ערשטן ראש השנה און יום־כפור פון אונזער באפרייאונג האָבן מיר געדאַוונט אין הויסמאַנס־קלויז. די שול איז געווען געפאַקט מיט אידישע רויט־ארמייער און אָפיצערן, צווישן זיי איז אויך געווען פראָפעסאָר רע־בעלסקי. יאָרן־לאַנג, אַזוי האָבן זיי מיר געזאָגט, האָבן זיי שוין נישט בײ־געוואוינט קיין דאַוונען אין אַ שול מיט אידן בצבור. זייער געוויין און פאַר־שטיקטער יאָמער האָט זיך געלאָזט הערן פון צווישן גרויסן עולם.ביידע טעג ראש השנה און יום־כפור האָב איך גערעדט אין שול און ספּעציעל האָבן אַלע מתפלל געווען פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער וואָס האָבן זיך געפונען אין די וועלדער און בונקערס, אין דעם טייל ליטע וואָס איז גע־ווען באַזעצט פון די דייטשע מערדער, און די וואָס זיינען געווען געפּייניקט אין די דייטשע גיהנום־לאַגער, אַז דער רבונו של עולם זאָל זיך מרחם זיין אויף זיי און זיי אויסלייזן פון יסורים און טויט.

מיין פען איז נישט בכוח צו שילדערן דעם אופן פון התקשרות און דער התחברות וואָס האָט דאַמאָלסט אַלעמען באַהערשט און מיט וואָס פאַר אַ כוונה דער עולם האָט יענעם שבת תפילה געטאָן מתוך עומק הלב.

הויסמאַנס קלויז האָט זיך נישט באַגרעניצט צו אַ בלויזן מקום קדוש וואו מען האָט נאָר תפילה געטאָן. זי איז געוואָרן דער צענטראַלער נערוו, דער אַפּאַראַט וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט אַלע שטאָטישע אָנגעלעגנהייטן.

אהערצו האָט די פּאָסט צוגעשטעלט אַלע בריוו וועמענס אַדרעסן זי האָט נישט געקענט געפינען. אַהערצו זיינען מיט דער צייט אָנגעקומען אַ סך בריוו פון אויסלאַנד מיט נאָכפראַגעס אויף קרובים, משפחה און באַקאַנטע. דאָ, אין שטיבל פון קלויז, האָט די קהילה אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען און דאָ פלעגן זיך אָפּשפּילן האַרצרייסנדיקע סצענעס פון קרובים וואָס האָבן זיך איינע די אנדערע אויסגעפונען.

ביי מיר האָט זיך געפונען אַ ספר תורה וואָס מיר האָט זיך איינגע־

געבן זי צו ראַטעווען מיט מיר צוזאַמען. האָב איך די ספר תורה אַריינגעגעבן אין הויסמאַנס קלויז. דאָס איז געווען די ערשטע ספר תורה.

הכלל, „הויסמאַנס קלויז" איז געוואָרן אַ שם דבר און אַ גרויסער פערסאָנאַל פון וואָלונטירן לטובת הכלל האָבן דאָ געאַרבעט זייער טיכטיק און איבערגעגעבן, שלא על מנת לקבל פרס.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אַן אוצר פון אידישע ספרים

מיט דעם גאַנג פון צייט האָבן מיר געגרינדעט אַ אידישע שולע אין וועלכער עס האָבן זיך דערצויגן 24 קינדער. פאַר דער שולע האָבן מיר באַקומען די געביידע פון דעם אַמאָליקן אידישן נאַציאָנאַל ראַט אויף קעסטוציע גאַס 36, און מיט די לימודים האָבן אָנגעפירט מר. רפאל לעווין און פרוי אַבראַמאָוויטש.

מיטן אויפקום פון דער שולע איז אויפגעקומען אַ נײַ פּראָבלעם ספרים — וואו נעמט מען ספרים פאַר דער שולע, סיי פאַרן מקום קדוש.

מיר האָבן אויסגעווירקט ביי דער סאָוועטן מאַכט אַ דערלויבעניש צו זוכן ספרים אין די קעלערס און אויף די בוידעמער פון הייזער וועלכע זיינען פאַרן קריג, געווען באַוואוינט פון אידן און אונזערע „אַביסקן" האָבן געבראַכט גאָלדענע רעזולטאַטן. אין צאָלאַמט האָבן מיר געפונען צוועלף קאַסטנס מיט ספרים וואָס האָבן אויף זיך געהאַט דעם סטעמפּל „בית המדרש הישן האמבורג".

די ספרים זיינען געווען דאָס אייגענטום פון דייטשישע אידן, אַפנים אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט מיט זיך די ספרים בעת די נאַציס האָבן זיי אויסגעוויזן פון לאַנד און זיי זיינען, נעבאַך, אומגעקומען על קידוש השם, אויפן „ביינטן פאַרט".

די ספרים זיינען פון זעלטענעם קולטור־היסטאָרישן ווערט. אַן אמתער נאציאָנאַלער אוצר! . . . פיל פון אָט די ספרים זיינען געווען גע־דרוקט אין 16־טן יאָרהונדערט.

מיר האָבן אויך איבערגענומען ספרים פון די ביבליאָטעק פון דעם נדיב הידוע באַראָן ראָטשילד וחוץ לזה האָבן מיר צוזאַמענגענומען אַ רי־זיקן אוצר פון ספרים וואָס מיר האָבן געפונען אויף די בוידעמער פון הייזער וועלכע זיינען אמאָל, פאַרן קריג, געווען באוואוינט פון אידן.

אָט די אַלע ספרים זיינען מיט גרויס פּאַראַד אריינגענומען געוואָרן אין „הויסמאַנס קלויז" וואו זיי זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן.

די ריזיקע צאָל ספרים האָבן עדות געזאָגט אויף דער גייסטיקער מדרגה פון דעם אַמאָליקן קאָוונער אידנטום און, באטראַכטנדיק די ספרים, האָט וויגעטאָן דאָס האַרץ און עס איז שווער געווען צו קאָנטראָלירן די טרערן וואָס האָבן זיך אומאויפהערליך געגאָסן פון די אויגן אויפן טראגישן אומקום פון אָט די אַלע קדושים וואָס האָבן עוסק געווען אין די ספרים, און אַלע האָבן זיך, איינע די אנדערע, געשטעלט די פראגע: „וואו זיינען אָט די אַלע, וואָס פלעגן מעיין זיין אין אָט די ספרים? וואוהין איז זייער געביין אַהינגעקומען? די מערסטע פון זיי זיינען דאָך אפילו ניט געקומען צו קבר ישראל!

און ביי אָט דער פראגע האָט מען זיך געכאַפּט אַז די צוקאַליעטשעטע קערפּערס און די ביינער פון עטליכע טויזנט אומגעקומענע מארטירער וואַל־גערן זיך אין סלאָבאָדקע וואו עס האָט זיך געפונען דער קאָוונער קאָנצענט־ראציע - לאַגער, און אידן באַשטימען, אז אָט די ביינער און די צוקאַליעטשע־טע קערפּערס פון די חללי חרב זאָלן געבראַכט ווערן צו קבר ישראל.

קאפיטל זעקס און צוואנציק

קאוונע פירט אירע קדושים צו קבר ישראל

פערצן טויזנט אידן, מענער, פרויען און קינדער, האָבן זיך געפונען אין דעם קאָוונער קאָנצענטראַציע לאַגער.

דעם 8־טן יולי, 1944, (י"ז תמוז, תש"ד), האָבן די דייטשן באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם לאגער און זיי האָבן אָנגעהויבן ארויסצושיקן טראַנס־פאָרטן מיט לאַגער־אידן קיין דייטשלאַנד. טייל אומגליקליכע האָבן זיך, גלייכגילטיק, איבערגעגעבן צום גורל אין די הענט אריין און האָבן זיך, ווי אומבאַהאָלפענע לעמעלעך, געלאָזט פירן צו דער שחיטה, בעת אנדערע האָבן זיך געווערט דורך אויסבאַהאַלטן זיך אין די „מאַלינעס".

ווען די נאַציס האָבן זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט זיי אַ היפּשע צאָל אויסבאַהאַלטענע, האָבן זיי מיט דינאַמיט אויפגעריסן דעם לאַגער. די וואָס זיינען ארויס פון די לעכער זיינען א טייל דערשאָסן געוואָרן און אנדערע זיינען אוועק מיטן טראנספּאָרט קיין דייטשלאַנד. בעת די וואָס זיינען גע־בליבן אין זייערע באהעלטענישן זיינען אָדער פאַרברענט, אָדער דערשטיקט געוואָרן.

די צאָל פון די דאָזיקע אומגעקומענע האָט דערגרייכט אין די טויזנטער און טיילן פון זייערע קערפּערס אָדער ביינער האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן פון דעם אויפגעריסענעם לאַגער און הינט האָבן געגעסן זייערע פלייש, ווי אין פסוק שטייט: „בשר חסידיך לחיתו ארץ".

שווער געווען צו דערקענען צווישן די אומגעקומענע ווער עס איז ווער און דאָך האָבן געציילטע יחידים דערקענט זייערע אייגענע לויט דער הלבשה, לויט די נומערן קאַרטלעך, אָדער לויט די אויפטריפטן וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער הלבשה אָדער אין קעשענע, אזוי האָט חיים וויינ־טרויב דערקענט זיין פאָטער און מוטער, זיין שוועסטער און שוואָגער

און אידן האָבן אים אויף דעם שטאַרק מקנא געווען. איך האָב מיט אים געריסן קריעה

איך האָב אַרומגעגנישטערט צווישן די טויטע, געהאַפט צו דערקענען אַ זכר פון מיין אַמאָליקן רבי'ן, דעם צדיק ר' אברהם גראַדזענסקי זצ"ל, דעם מנהל פון דער סלאַבאַדקער ישיבה.

איך האָב געזוכט זיין געביין צווישן סקעלעטן, צווישן ביינער, צווישן אָפּגעריסענע הענט און פיס, צווישן קעפּ אָן דעם איבעריקן טייל קערפּער און צווישן קערפּעס אָן קעפּ. איך דערוויס זיך אַז ער איז פאַרברענט גע־וואָרן אין קראַנקן הויז, כ"ב תמוז, תש"ד, און אָט טרעף איך אָן אויף אַ מאַדנעם, ניט קיין דורכגעפּרעסענעם פרויען קערפּער וועלכער איז האַלב איינגעהילט אין אַ קאָלדרע. אין אירע ביידע הענט האַלט זי שטאַרק צו־זאַמענגעדריקט אירע טויטע צוויי קינדערלעך, וועלכע האַלטן אַנגעצילט זייערע, האַלב אָפענע, טויטע אויגן וואָס קוקן מיט אויסגעלאָשענע בליקן אויף דעם מאַמעס פּנים.

די פיס ווערן מיר ווי אונטערגעהאַקט קוקנדיק אויף אָט דעם האַרצ־רייסנדיק־שוידערלעכן בילד וואָס פאַרפאָלגט מיר, עד היום הזה, ביז משוגעת און רופט ביי מיר אַרויס געפילן פון נקמה.

אָבער, איך האָב זיך באַהערשט, מיט אַלע מיינע כוחות האָב איך קאָנטראָלירט מיינע עמאָציעס און האָב געטראַכט וועגן דער מצוה פון „לא תלין".

איך האָב זיך וועגן דעם ענין דורכגעשמועסט מיט דער חברה קדישא און זיי האָבן מיר דערקלערט אַז עס איז אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג פאַר וועלכער מען דאַרף מאָביליזירן הונדערטער מענטשן, אַז פאַר געציילטע מענטשן איז טעכניש אוממעגליך קובר צו זיין אַזויפיל קדושים.

באין ברירה האָט זיך די קהילה געווענדעט צו דער סאָוועטן מאַכט נאָך הילף, און נאָך פיל השתדלות'ן, האָבן די סאָוועטן געשטעלט צו אונזער דינסט הונדערט נאַצי־געפאַנגענע זעלנער און מיט דער מיטהילף פון די געפאַנגענע האָבן מיר אַרויסגעגראָבן עטליכע הונדערט קרבנות פון זייערע פאַרשאָטענע קברים אין די „מאַלינעס".

מיר האָבן אָנגעפּילט עטליכע צענדליקער וועגענער מיט ביינער.

מ׳האָט אויך אָנגעפּילט וועגענער מיט קעפּ, וואָס זייערע איבעריקע טיילן האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט אויסגעפינען.

און די קבורה פון די קדושים איז געווען אַ מאַסן קבורה. זיי זיינען באַגראָבן געוואָרן אויפן געטאָ בית־עולם אין ריזיקע שמאָלע ברידער קברים; יעדער ביינער־סקעלעט באַזונדער מיט דעם נויטיקן מרחק־מחיצה פון איין נפטר צום צווייטן, לויטן אידישן דין.

ד׳ ינקום דמם!

מ׳האָט אויך צוזאַמענגענומען אַלע ביינער וואָס האָבן זיך געוואַל־גערט אויפן פעלד פון דעם 9־טן פאָרט — ביינער פון ניינציק טויזנט אידן ליטווישע, דייטשישע, עסטרייכישע און פראַנצויזישע, וואָס די נאַצי־מערדער האָבן זיי דאָ אומגעבראַכט אין די יאָרן 1941—1944.

אין יאָר 1943, ווען זיי האָבן דערשפּירט, אַז די מפּלה רוקט זיך אויף זיי אָן, האָבן זיי — אין גרויס איילעניש — גענומען פאַרברענען די טויטע קערפּערס פון זייערע אומגעבראַכטע קרבנות. דערמיט האָבן זיי באַצוועקט צו פאַרווישן די שפּורן פון זייערע גרוילטאַטן. האָבן זיי אויס־געגראָבן די קרבנות פון זייערע מאַסן קברים, האָבן זיי אויסגעלייגט רייען־ווייז, אויף קלעצער, וועלכע זיי האָבן אָפּגענעצט מיט אַ ברען שטאָף און נאָכדעם האָט מען די האָלץ מיט די קרבנות צוזאַמען אונטערגעצונדן.

די מאַסן קברים האָבן זיי פאַרשאָטן.

פון אָט דער מאַסן שריפה וואָס די נאַציס האָבן דורכגעפירט איבער זייערע אומגעקומענע קרבנות זיינען פאַרבליבן זייער פיל ביינער, וועלכע זיינען ערשט איצט — אין צוויי אָדער דריי יאָר ארום — געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל אויפן „געטאָ בית־עולם" הינטער סלאָבאָדקע.

דערמיט איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַן ארבעט וואָס האָט אידן קיין רו נישט געגעבן.

די שטאָט האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך נאָך דער קבורה פון די קרבנות און די קהילה האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ראַטעווען די תינוקות שנשבו בין הגויים.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט אַ תיקון פאַר די טויטע איז אויפגעקומען דאָס פּראָבלעם פון אויפזוכן די לעבן געבליבענע קינדערלעך, די צאן קדשים וואָס זיינען פאַרבליבן אין פּריוואַטע קריסטליכע היימען, אין קינדער־היימען ביי גלחים, קירכן, מאָנאַסטירן וכדומה.

געוואוסט האָבן מיר אַז פאַנגען נשמות איז איינע פון די „מצוות עשה" פון דער קאַטוילישער רעליגיע און עס וועט אונז אָנקומען „מיט גרינגער גאָל" צו ראַטעווען די קינדער פון זייערע רעטער.

איך האָב דאַרום באַשלאָסן צו נעמען צו הילף דעם העכסטן קאַ־טוילישן גייסטליכן פון ליטע און איך האָב באַזוכט דעם בישאָף אַדאַמאָווי־ציאוס, וועלכער האָט מיר זייער פיין אויפגענומען.

איך האָב צו אים אַפּעלירט אין נאָמען פון יושר, פון הימלישער מאַכט פאַר וועלכער אַלע וועלן, סוף כל סוף, באַדאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון און איך האָב אים געבעטן אַז ער בכבודו ובעצמו זאָל אויסנוצן זיין איינפלוס לטובת דעם צוריקער פון די אידישע קינדער צו זייער שטאַם.

צום באַדויערן איז מיין אַפּיל געפאַלן אויף טויבע אויערן און איך בין אוועק אַן אנטוישטער פון זיין „ליכטיקייט דעם בישאָף".

איך האָב דערביי — אויפן פאַרלאַנג פון דער קהילה — צושיקט צירקולאַרן צו אַלע גלחים מיט אַ בקשה אַז זיי זאָלן זונטיק אויסרופן אין די קלויסטערס אַז סיי יחידים, סיי קלויסטערס, מאָנאַסטירן וכדומה אינסטי־טוציעס וואָס האָבן ביי זיך אידישע קינדער, זאָלן זיך מעלדן צו דער אידישער קהילה. דערביי האָב איך, מעשה דיפּלאָמאַט, זיי באַדאַנקט, אין נאָמען פון דער שארית הפליטה, פאַר דעם חסד וואָס זיי האָבן גומל געווען מיט די קינדער ביז איצט און איך האָב צו זיי אַפּעלירט אַז זיי זאָלן גומר זיין די מצוה בשלימות דורך אומקערן די קינדער, פאַרוואָס די שארית הפליטה וועט זיי בלייבן אייביק דאַנקבאַר און זיי וועלן, פון דעם אַלמעכטיקן, באַ־לוינט ווערן מיט כל טוב.

אָבער אויך די דאָזיקע צירקולאַרן, האָבן געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג. בלויז געציילט גלחים האָבן, פון יוצא וועגן, אויסגערופן אין די קלויסטערס, בעת די מערסטע גלחים האָבן פּשוט איגנאָרירט די בקשה פון דער קהילה

און דער סך־הכל איז געווען אַז קיין קריסטליכער יחיד, קיין אינסטיטוציע איז צו דער אידישער קהילה נישט געקומען מעלדן וועגן דעם סכום פון אידישע קינדער וואָס געפינען זיך אין זייער באַזיץ.

צו אונז איז אויך דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז די קינדער ווערן געהאַלטן אונטער זייער נישט קיין סאַניטערע באַדינגונגען און די קהילה האָט אינ־סטרואירט די צוויי דאָקטוירים אַבראַמאָוויץ און פרוי גורוויץ צו באַזוכן די קינדער־היימען און זיך איבערצייגן אויף ווי ווייט די ידיעה איז אמת.

די צוויי דאָקטוירים האָבן באַזוכט די קינדערהיים „לאַפּסעלעס" וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דעם סלאָבאָדקער אַלטן בית עלמין און זיי האָבן געטראָפן פיר קרעציקע קינדערלעך וועלכע האָבן פון זיך געשונדן די הויט פון צער.

זיי האָבן געפונען די איבעריקע קינדער נישט דערנערט, מאָגער און בלאַס אין אויסזען. זיי האָבן זיי גלייך געגעבן מעדיצינישע הילף און זיי האָבן וועגן דעם צוגעשטעלט אַ באַריכט צו דער אידישער קהילה.

די קהילה האָט באַשלאָסן קודם כל, צו גרינדן א אידישע קינדער־היים און נאָכדעם קומען מיט אַ פּאָרשלאָג צו די „גוטהאַרציקע קריסטן" — אָט די קריסטן וואָס האָבן קודם אָנטייל גענומען אין דערמאָרדן די עלטערן און נאָכדעם אַרויסגעוויזן „רחמנות" צו די קינדער — אַז זיי זאָלן אומקערן די אידישע קינדער צו דער אידישער קינדערהיים.

מיט דער הילף פון פּראָפעסאָר רעבעלסקי און אַנדערע, איז אין דער געבײַדע פון דער אידישער שולע, געשאַפן געוואָרן אַזאַ קינדער היים וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט דאָס איבערגענומען.

די פיר קרעציקע מיט נאָך פיר קראַנקע קינדער פון דער קינדער היים „לאַפּסעלעס" זײַנען אונז איבערגעגעבן געוואָרן און מיט דער צייט, האָט זיך אונז אײַנגעגעבן אויסצובעטלען נאָך 17 קינדער כמו געזונטע, אַזוי אַרום האָט אונזער קינדער היים אָפּגעראַטעוועט גאַנצע פינף און צוואַנ־ציק נפשות פון קריסטליכער „גאַסטפריינדליכקייט".

אין פּראָפּאָרציע צו דער צאָל תינוקות וואָס זײַנען נעבאָך פאַרבליבן נשבו בין הגויים איז די דאָזיקע צאָל געראַטעוועטע אַ נעבאָכדיקע, ווען מיר

זאָלן זיך אָבער רעכענען מיט דעם מאמר חז״ל: „כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו קיים עולם מלא״ אין דער דאָזיקער אויפטו אַ זכות הרבים לדורות עולם!...

דאָס וואָס מיר האָבן נישט געוואוסט געני וואו די אידישע קינדער געפינען זיך, האָט אונז זייער פיל געשטערט אין אונזער רעטונגס ארבעט

מיר זיינען למשל געוואויר געוואָרן, אַז דעם קופישקער רב׳ס, ר׳ אלי׳ מאיר פּיוולזאָנס אַן אייניקל, ברכה׳לע שליאַפּאָבערסקי, געפינט זיך ביים פּאָליציי שעף פון קיידאַן, בין איך, בחפזון גדול, געלאָפן קיין קיידאַן ראטעווען דאָס קינד און, קומענדיק אַהין, בין איך געוואויר געוואָרן, אַז דער פּאָליציי־שעף האָט עוקר געווען קיין דייטשלאנד. (דורך אַ בריוו האָב איך זיך, אַ פּאָר יאָר שפּעטער, דערוואוסט אַז דאָס קינד, ברכה׳לע, געפינט זיך איצט ביי איר מומע אין ווילנע. די מומע האָט איר ארויסגענומען פון קריסטליכע הענט).

קומענדיק צוריק פון קיידאַן קיין קאָװנע איז צו מיר געקומען אַ קריסטליכע פרוי און האָט, מיט אַ פרומער מינע אויף איר פּנים, מיר פאַר־טרויט בסוד סודות, אז זי וויס פון אַ הויז, וואו עס כאָוועט זיך אַ אידיש קינד און אויב איך וועל איר באַצאָלן כך וכך אמעריקאַנער דאָלאַרן, וועט זי מיר מגלה זיין דעם סוד.. וואו דאָס קינד געפינט זיך, וכפי כן אַמעריקאַנער דאָלאַרן האָב איך ניט געהאַט, האָב איך אָנגעווענדעט כלערליי תרופות און תחבולות, ביז איך האָב זיך, דורך אנדערע וועגן, דערוואוסט וועגן דער קריסטליכער היים אין וועלכער דאָס קינד האָט זיך געכאָוועט און מיר איז בה״ש, געלונגען צו ראטעווען דאָס קינד, וועלכעס געפינט זיך שוין איצט אין ישראל.

איך בין געוואויר געוואָרן וועגן אַן אַנדער אידיש קינד יהודה איידעלמאַן און ווען איך בין געקומען צו דער קריסטליכער „מאַמע״ פון דעם קינד, האָט דאָס קינד, מיר דערזעענדיק געגומען כליפּען אז ער וויל צוריק אַהיים „צו די אידן״..

זיין טיף רירנדיק קינדעריש געוויין האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ שטראָם טרערן. די טרערן האָבן זיך געגאָסן ווי פון אַן אומאויפהערליכן קוואַל —

בעת די מאַמע האָט אים אָוועקגעגעבן צו דער נייער „מאַמע" האָט זי מיט־געגעבן אַ בריוו.

„קינד מיינס! איך גיי אוועק פון דיר אויף אייביק. דו ביסט אַ איד, און אַ איד זאָלסטו בלייבן, בעסער צו שטאַרבן ווי אַ איד, איידער צו לעבן ווי אַ גוי!"

די לאַגע איז געווען זייער אַ דעליקאַטע, סיי דאָס קינד, און סיי די „מאַמע" האָבן באַדאַרפט באַהאַנדלט ווערן מיט גרויס פאַרזיכט און טאַקט.

די „מאַמע" פלעגט יעדן טאָג קומען צו דער קהילה און פאַרלאַנגען זאַכן פאַרן קינד: איין טאָג האָט זי פאַרלאַנגט די און די זאַך, אַ צווייטן טאָג האָט זי פאַרלאַנגט אַזאַ און אַזאַ חפץ און אַזוי איז זי, טאָג איין טאָג אויס, געקומען מיט נייען תביעות און פאַרלאַנגען.

מיר האָבן אַלע טאָג באַזוכט אָט דעם חנ'עווידיקן קינד, זייער טאַקטפול נאָכגעקומען די פאָדערונגען פון דער „מוטער" און צו פאַרדאַנקען דעם מסירת נפש פון דעם קינדס אַ מומע פון אַמעריקע, הרבנית סאַלאָווייטשיק — געפינט זיך איצט דאָס קינד ביי דער מומע אין ספרינגוואַלי.

כדאי דאָ צו דערמאָנען וועגן דער רביצין שולמאַן, וואָס האָט מיר פאַר איר אַוועקפאָרן פון קאָוונע קיין פוילן, אָנגעזאָגט, אַז דער גלח וואָס וואוינט אויף איטאַליאַס גאַס אין קאָוונע וועט מיר זאָגן, וואו עס געפינען זיךביידע מיידעלעך, עדינה'לע דאָס אייניקל פון הגאון ר' אייזיק שער און שולמית'ל פרידמאַן. איך בין ביים גלח געווען עטלעכע מאָל און אים נישט געטראָפן. לסוף ווען איך האָב שוין יאָ געטראָפן, האָט ער זיך ארויסגעדרייט מיט אַ תירוץ. ביז איינמאָל, ווען איך בין שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים און מיט צאָרן גע־פאָדערט, ער זאָל מיר זאָגן וואו די קינדער געפינען זיך, האָט ער מיר גע־ענטפערט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום וועט מען זיי ברייינגען קיין קאָוונע. עס זיינען אריבער צוויי און דריי וואָכן און די קינדער האָט מען נישט צוריק־געבראכט. איך בין ווידער צו אים געלאָפן און געמאַכט אַ שטאַרקן טומל, ער איז אַרויסגעלאָפן פון צימער און איך בין געבליבן זיצן. ערשט נאָך אַ פּאָר שעה וואַרטן, איז ער צוריקגעקומען און מיר געגעבן אַן אדרעס, אַז עטליכע קילאָמעטער הינטער קרעטינגע, אין אַ הויז פון יתומים אונטערן

אויפזיכט פון מאַנאַשקעס, געפינען זיך די קינדער. איך האָב דאָן געשיקט בת־שבע בערקמאַן וואָס האָט געאַרבעט אין קהילה, און ראשל דייטש, צו ברענגען די קינדערלעך. מיט ג־טס הילף זיינען די קינדער געבראַכט גע־וואָרן און מ׳האָט זיי באַזאָרגט. די קינדער האָבן שוין נישט געקענט ריידן קיין אידיש און מען האָט זיי צוריק אויסגעלערנט זייער לשון. די קינדערלעך געפינען זיך אין ישראל אין בני ברק, ביי דער רביצין שולמאַן.

* * *

עס איז אַ פאַקט, אַז די אידן האָבן אין די געטאָ־וועגט שלום־גע־מאַכט מיט זייער טראַגישן גורל און דאָס געטאָ־לעבן האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ נאַטירליכן לעבנס שטייגער.

דער טויט איז זיי יעדער שעה געשטאַנען פאַר די אויגן. יעדן טאָג זיינען מענטשן געפאַלן ווי די פליגן, יעדן טאָג האָט מען געמאַכט סעלעקציעס און אָט די אַלע גרוילן האָבן, פונדעסטוועגן, נישט אָפּגעהאַלטן מענטשן פון חתונה האָבן און פון ברענגען נייע באַשעפענישן אויף אָט דעם עולם השפל.

מ׳האָט אין דעם געטאָ מל געווען קינדער. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן צוליב מאַנגל אין אַ מוהל, נישט מל געווען זייערע קינדער. אַנדערע האָבן נישט מל געווען זייערע קינדער מיט דער אויסרעכענונג, אַז נישט גע־מל׳עט קינד וועט זיך לייכטער איינגעבן צו ראַטעווען דורך אָפּגעבן עס צו א קריסטליכער מוטער.

די קהילה האָט באַשלאָסן מל צו זיין די קינדער, אָבער די מניעה איז באַשטאַנען אין אַ מוהל, דאָס אידישע קאָוונע האָט קיין מוהל נישט גע־האַט נאָכן חורבן...

מיר זיינען געוואויר געוואָרן, אַז אין שטויפּץ (ווילנער געגנט) גע־פינט זיך אַ מוהל, ר׳ נח באַקאָוו, האָבן מיר אים געבראַכט קיין קאָוונע, און ער האָט מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו פופצן קינדער.

אָט אַזעלכעס און ענליכע תקונים האָט די קהילה מתקן געווען און נאָך יעדער תקנה איז אויפגעקומען דאָס פּראָבלעם פון אַ נייער תקנה אין וועלכער די שטאָט האָט זיך, צוליבן חורבן, גענויטיקט, ווי חז״ל זאָגן: „מצוה גוררת מצוה״.

די תקנות מיט וועלכע די קהילה, און מיט איר די גאנצע שטאָט, זיינען געווען באשעפטיקט, האָבן אויפגעטאָן וואונדער נישט נאָר פאר דער שטאָט גופא, נאָר אויך פאר די עוסקים במצוה.

די ארבעט ארום די תקנות האָט אונז קיין צייט נישט געגעבן צו פארטראכטן זיך איבער די טראגישע רעזולטאַטן פון דעם חורבן, וחוץ לזה האָט יעדע דורכגעפירטע תקנה אונז געגעבן אַן אויסערגעוויינליכע באַפרידיקונג, אַ מין קאָמפּענסאַציע פאַר די אלע צרות און גרוילן, וואָס מיר האָבן אין די געטאָ־יאָרן דורכגעמאַכט.

מיר פלעגן אַלעמאָל אונטערציען אַ סך הכל פון דעם, וואָס מיר האָבן מתקן געווען: מיר האָבן געבראכט צו קבר ישראל די חללי חרב; מיר האָבן געראטעוועט פון גויאישע היימען קינדער; מיר האָבן מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו פופצן קינדער. דער סך־הכל פון אָט אַזעלכע וכדומה תקנות, האָט געגעבן אונזער לעבן אַ זין און אַן אינהאַלט, אַ ציל, אַ תכלית און אַ צוועק. דער סך הכל פון אונזערע אויפטוען האָט אונז באַפרייט פון אונזער שפלות געפיל פון וועלכן מיר האָבן געליטן זייענדיק אין געטאָ, און אָט טראכטן מיר שוין וועגן אַ נייער תקנה — וועגן אַ מקוה, וועגן טהרת המשפחה, אַן ענין, וואָס אין די פארגאנגענע דורות האָבן זיך אידן מוסר נפש געווען פאר דעם

אין דעם גרויסן חורבן, וואו דער כח פון דער סטרא אחרא האָט זיך מתגבר געווען איבער דעם כח הקדושה, וואו די טומאָה האָט געהאָט די אויבערהאַנט איבער דער טהרה, זיינען אויך די מקוואות פארניכטעט געוואָרן און די קהילה האָט באַשלאָסן צו בויען אַ מקוה אין דער געביידע פון דער כאָר שוהל, אויף אַזעסקעניע גאַס.

מ׳האָט זיך בלב ונפש אַריינגעוואָרפן אין אָט דער הייליקער ארבעט והבא לטהר מסייעין לו... אין געציילטע וואָכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מקווה און גלייך נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן טראכטן וועגן מצות לכבוד פסח — דער יום טוב, וואָס דערמאָנט אין מצרים אין עבודת הפרך, אין חומר ולבנים — זייער א סימבאָלישער יום־טוב, לזכר דעם „בכל דוד ודור עומדים עלינו לכלותינו!״

דאָס מצה פּראָבלעם איז אונז שווערער אָנגעקומען ווי דאָס אויפ־שטעלן פון דער מקווה; די מניעה איז באַשטאַנען אין מכשירים און אין געלט פאַרן מעל־איינקויף, וואָס איז געווען בנמצא בלויז אויפן שווארצן מאַרק, אָדער ווי דאָס האָט געהייסן ביי די סאָוויעטן „אויפן פרייען באזאַר".

און נאָך אַ פראגע איז אַנשטאַנען: ווער וועט געבן מעות חיטים? נישטאָ ווער עס זאָל געבן, אַלע, בוכשטעבליך אַלע אידן זיינען געווען נצ־רכים, מרי נפש, אבלים, עניים ואביונים, וואָס האָבן געלעבט מיטן חיות פון מתקן זיין תקונים און מקבל נחת זיין פון זיי.

בקיצור, מ'איז אוועק אין אַ געוועזענער מצה בעקעריי און מ'האָט דאָרטן געטראָפן צעבראָכענע טיילן פון מצה מאשינען; פון דאָרטן איז מען אוועק אין אַ צווייטער מצה בעקעריי, וואו מען האָט ווידער געטראָפן צעבראָכענע טיילן פון אַ מצה מאַשין. פון דעם ברוכווארג האָט מען צו־זאמענגעשטעלט אַ כמו מצה מאשין, אַ מין קאַריקאַטור, אַ פּאַראָדיע אויף אַ מצה מאשין און — נאָך אַ הפסקה פון גאנצע פיר יאָר— האָט מען אין זילבערס קעלער אויף בירשטאַנער גאַס, אויפגעשטעלט, אַ מ'שטיינס־געזאָגט, מצה בעקעריי און מ'האָט צוויי וואָכן פאר פסח געבאַקן מצות פאַר די לעצטע גראָשנס, וואָס אַלע קאָוונער אידן האָבן געהאַט. מען האָט אויך געגעבן מעות חיטים און די קהילה האָט אויסגעטיילט אזוי, אַז עס זאָל נאָך בלייבן מצה פאַר די אידישע פאַרוואונדעטע רויטע ארמייער, וואָס זיינען געלעגן אין שפּיטאָל און פאַר דער קינדער־היים.

אויף מאיראנע גאַס, אין אַ רחבות'דיקער הויז, האָט מען געפּראָוועט די סדרים פאַר אַלע עלנטע. דער צוועק פון די אלגעמיינע סדרים איז געווען אַ טאָפּלטער: ראשית, אז די סדרים זאָלן טראָגן אַ מער יום־טובדיגן כאַ־ראַקטער, ושנית, אז יחידים, וואָס אַלע זייעריקע זיינען אומגעקומען זאָלן קאָנען זיצן ביי אַ סדר טיש.

די סדרים זיינען געפּראוועט געוואָרן מיט גרויס פייערלעכקייט. אי־דישע סאָלדאַטן און אָפיצערן פון דער רויטער אַרמיי האָבן מיט אונז מיט־געפּראוועט דעם סדר. זיי האָבן מיט אונז מיטגעוויינט און מיטגעזונגען. אויך אין זיי האָב איך געשפּירט „תינוקות שנשבו בין הגויים"...

ט׳ חשון, תש״ה, האָבן מיר צום ערשטן מאָל, פריי און אומגעשטערט באַ־קלאָגט אונזער גרויסע אבידה שאינה חוזרת. מיר האָבן געפּראַוועט דעם יאָר־צייט פון אונזערע אומגעקומענע ברידער און שוועסטער, פון אונזערע נאָענטסטע און טייערסטע.

גאַנץ קאָוונע איז געקומען אין ,,הויסמאַנס קלויז״ באַקלאָגן די שרפה אשר שרף ד׳, און די שול איז פול געווען מיט אידישע רויטע אַרמייער, מיט אידישע אָפיציערן און גאַנץ קהל — די קינדער־יתומים, האָבן גע־זאָגט קדיש בציבור.

איך האָב אלס רב, אַדרעסירט דעם עולם מיט דברים כבושין, מיט טרייסט ווערטער. — עס האָט אויך גערעדט פּראָפעסאָר רעבעלסקי און אנד. די הזכרה האָט געמאַכט דער מאָסקעווער חזן מישא אלעקסאַנדראָוויטש.

שטעט און שטעטלעך

רבנו הגאון ר׳ יצחק אלחנן ספעקטאר זצ״ל

(קאָוונער רב)

שטייענדיק ביים גרויסן און מורא׳דיקן חורבן־קבר פון ליטווישן אידנטום און זאָגנדיק קדיש נאָך דעם הונדערט־יאָריקן ישוב, וואָס איז אומגעקומען על קידוש־השם בידי הצורר היטלער ימח שמו, איז מיר שווער זיך נישט צו דערמאָנען אין דער בלי־צייט פון די אידן אין ליטע אין דער תקופה פון ראש כל בני הגולה ר׳ יצחק אלחנן זצ״ל. און מיט אַ פּאָר קורצע שטריכן פּרוואוון „מאָלן״ דאָס געשטאַלט פון דער דאָזיקער גרויסער און גאונישער פּערזענליכקייט, וואָס איך בין נישט אומשטאַנד צו געבן אַ פול און גאַנץ־ארומנעמענדיק בילד און אויספירליכע אָפּשאַצונג פון דעם מענטשן וואָס פאַרנעמט אין דער געשיכטע פון ליטווישן, רוסישן און וועלט־אידנטום איינע פון די העכסטע און אָנגעזעענסטע ערטער פון זיין צייט און וועט בלייבן ווי אַן איינציקאַרטיקע געשטאַלט אין אונזער גרויסער אידישער געשיכטע לדורי־דורות.

רבי יצחק אלחנן איז אין זיין צייט מפורסם געוואָרן דורך זיין ספר „באר יצחק״ אלס גאון און פוסק איבער ארבע פינות העולם. מיט זיין פּסק און הלכה האָבן זיך שטאַרק גערעכנט אפילו די גאונים אין זיין צייט, ווי למשל, אין די הונגעריאָרן פון 1868 האָט ער מתיר געווען פאַר אָרימע־לייט צו עסן בעבלעך און אַרבעס אום פּסח, אָדער אין יאָר 1875, האָט ער גע׳אסר׳ט די אתרוגים פון קאָרפו, ווייל די סוחרים האָבן צו הויך אַרויפגעריסן די פּרייזן און אידן האָבן דאָס נישט געקאָנט נאָכקומען.

רבי יצחק אלחנן האָט אויך אין יענער צייט מתיר געווען, אַז דאָס זיבעטע (שמיטה) יאָר, וואָס איז פאַרבאָטן צו באַאַרבעטן די פעלדער אין ארץ־ישראל, אז מען זאָל יאָ אקערן און זייען אין ארץ־ישראל בכדי אידן זאָלן האָבן פונוואַנען צו לעבן.

אין ענין שאלות עגונות, איז ר׳ יצחק אלחנן געווען פאַרטאָן ראשו ורובו מתיר צו מאכן די אומגליקליכע פרויען פון זייער שווערער, אָפּט פאַרצווייפלטער מערכה. עס איז אמאָל געקומען אזוי ווייט, אז ביי אים אין קיך

האָט זיך אמאָל אריינגעקליבן אן אומגליקליכע עגונה און געוואָרט אויף זיין היתר.

ר׳ יצחק אלחנן האָט נישט נאָר ארויסגעגעבן פּסק הלכות פאַרן גאנצן אידישן כלל נאָר ער האָט זיך שטאַרק מטפּל געווען מיט יעדן יחיד באזונדער אין יענעמס שווערן מצב. פּריצים אפילו, פלעגן קומען צו אים זיך לאדן און ער זאָל ארויסגעבן זיין פּסק וועגן זייערע סכסוכים.

ר׳ יצחק אלחנן האָט זיך נישט נאָר אָפּגעגעבן מיט רבנישע, לומדישע און הלכה׳שע פּראָבלעמען, ער איז אויך געווען אַ גרויסער כלל־טוער פון וועלטליכן פאַרנעם. אין 1870 האָט ער שוין געזאָרגט פאַר הילף פאַר די אידן אין שטראַסבורג בעת דער פראנצויזיש־דייטשער מלחמה. אין 1872 האָט ער געווירקט אז דער „אַליאַנס איזרעאַליט” אין פראַנקרייך, זאָל העלפן די פּערסישע אידן. אין 1881, בעת דער גרויסער שרפה אין קאָוונע איז ער אליין געפאָרן אין פּעטערבורג קלייבן געלט פאר די נשרפים און געהאָלפן אויפבויען דאָס אידישע קאָוונע. אין 1884, בעת אלעקסאנדער דער דריטער האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע צו לייזן די אידן־פראַגע אונטערן פאָרזיץ פון גראַף פּאלען האָט זיך ר׳ יצחק אלחנן דאמאָלסט דערוואוסט, אז דער דאָזי־קער גראַף פּאלען זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט וועגן תלמוד אז דאָס איז אַ ווערק פון דעמאָראַליזאַציע. ר׳ יצחק אלחנן האָט זיך תיכף געווענדעט קיין פראַנקפורט אַם־מיין צו הרב הגאון ר׳ שמשון רפאל הירש ז״ל, ער זאָל צוגרייטן אַ קונטרס אין דייטש וועגן דער וויכטיקייט און גרויסקייט פון תלמוד. און ר׳ שמשון רפאל הירש האָט טאַקע באלד פאַרעפנטליכט זיין ספר „איבער די בעציאונג דעס תלמודס צום יודענטום און צו דעם סאָציאַלן שטעלונג זיינער בעקענער”, דאָס ווערק איז איבערגעשיקט געוואָרן צום דעם גראַף פּאלען. ווי מען האָט זיך דערפון שפּעטער דערוואוסט, האָט דאָס געהאַט אַ גוטע השפּעה אויפן גראַף.

ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ העצע קעגן דער אידישער שחיטה אין רוסלאנד, האָט ר׳ יצחק אלחנן געווירקט אויף דר. דעמבא, אז ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט ארויסגעבן אַ בוך וועגן דער וויכטיקייט פון דער אידי־שער שחיטה. און דר. דעמבא האָט אויפגעוויזן אז די קו וואָס ווערט פריער

באַטויבט מיט אַ קלאַפּ פון אַ האמער, ווי די קריסטן זיינען זיך נוהג, פוילט דאָס פלייש א סך גיכער, ווי מען קוילעט לויטן אידישן דין.

ר׳ יצחק אלחנן האָט אויך געגרינדעט דעם כשרן קעסל פאַר סאָלדאַטן. אין קאָוונע האָבן געלאַגערט אַ סך אידישע סאָלדאַטן האָט ער געזאָרגט, זיי זאָלן האָבן כשר עסן, און דערנאָך איז דער כשר קעסל פאַר סאָלדאַטן געווען אין גאַנץ ליטע, וואו נאָר אידישע סאָלדאַטן האָבן געלאַגערט.

ר׳ יצחק אלחנן איז אַ סך מאָל געפאָרן קיין פעטערבורג און אנטייל גענומען אין אסיפות צו אָפּשלאָגן גזירות אויף אידן און זען פארגרינגערן דעם מצב פון אידן אין רוסלאַנד. ער האָט געהאָלפן אָפּשרייען גירושים פון תחום־המושב און אין אַ סך אַנדערע פאלן, וואו אידן זיינען גע׳רודפט און אונטערדריקט געוואָרן. ער האָט אינאיינעם מיט זיין זון הגאון ר׳ צבי הירש זצ״ל, אָרגאניזירט די אלע פּראָטעסט־מיטינגען אין ענגלאַנד און איבער דער גאנצער וועלט, וואו מען האָט עפנטליך ארויסגעבראכט די פּאָגראָמען און מעשים תעתועים פון דער רוסישער רעגירונג, לגבי די אידן אין רוסלאנד. דאָס האָט ענדליך געווירקט אז די רוסישע רעגירונג האָט אַרונטערגעזעצט דעם צורר היהודים איגנאטעוו פון זיין מיניסטער פּאָסטן און אויף זיין אָרט איז געוואָרן טאָלסטאָי.

אין תרל״ז, האָט ר׳ יצחק אלחנן אינאיינעם מיט ר׳ ישראל סאלאנ־טער געגרינדעט דעם „כולל־קאָוונע״ און זיי האָבן ארויסגעגעבן א ספר „פרי עץ״ צו פארשטארקן דעם לימוד התורה ביי אידן. פון כולל־קאָוונע זיינען ארויסגעקומען אַ סך גאוני עולם.

ר׳ יצחק אלחנן איז געווען באליבט און געאַכט ביי קליין און גרויס. ווען ער איז געלעגן אויף זיין קראנקן־בעט, איז די גאַס, וואו ער האָט גע־וואוינט געווען אויסגעשפּרייט מיט שטרוי, כדי די פורן זאָלן ניט שטערן די רו פון גאון און צדיק. איך געדענק ווי אָרע דער פורמאן, פון סלאָבאָדקע, פלעגט מיר זאָגן: „איך האָב זוכה געווען צו אריכת ימים דערפאַר, ווייל אויף מיין דראָזשקע איז געפאָרן ר׳ יצחק אלחנן און ער האָט מיך געבענטשט״.

כ״א אדר תרנ״ו, איז דער גאון און צדיק נפטר געוואָרן אין קאָוונע אין עלטער פון 79 יאָר. די לוויה איז געווען אַן אומגעוויינליך גרויסע. רבנים

און עסקנים פון גאנץ ליטע זיינען אראפּגעקומען קיין קאָוונע. גאנץ קאָוונע און די פאָרשטעט. קינד און קייט האָבן באַגלייט צו זיין אייביקער רו דעם גאון און צדיק, דעם גייסטיקן לערער און פאָטער פון אידנטום, וואָס האָט ג־טס פאָלק געדינט בכל לבבו ובכל נפשו. הספדים זיינען געזאָגט געוואָרן אין א סך שולען און בתי מדרשים אין קאָוונע און אין דער גאנצער וועלט *).

זיין אוהל איז תמיד געווען פאַרוואָרפן מיט בקשות פון אלע שווערע הערצער, וואָס זיינען געבליבן אין אים אָנגעבונדן אויך נאָך זיין טויט.

נאָך מיין באפרייאונג, אין 1944, האָב איך באזוכט ר׳ יצחק אלחנן׳ס קבר. דער אוהל איז געווען צובראָכן. דער דאך, און אויך זיין קבר, איז נישט געווען אין אָרדענונג. איך האָב גלייך געזען אַז אלץ זאָל פאַריכט ווערן ווי עס דאַרף צו זיין.

* * *

זאָל דאָ כאָטש מיט אַ וואָרט דערמאָנט ווערן דער גאון ר׳ צבי הירש זצ״ל, ר׳ יצחק אלחנן׳ס זון, וואָס איז געווען קאָוונער רב, נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער. ער איז געווען אַ גאון בתורה און אַ גרויסער דרשן. אויך זיין השפעה און הילף צו זיין פאָטער אין דער ארבעט לטובת הכלל, איז געווען זייער גרויס.

---

*) הויפּטזעכליך האָב איך זיך באנוצט מיט די מאַטעריאלן פון „תולדות ר׳ יצחק אלחנן״ פון ר׳ יעקב ליפשיץ.

אוטיאַן

אוטיאַן איז געווען איינע פון די קרייז־שטעט פון ליטע. אוטיאַן האָט זיך געפונען אין צפון־ליטע און האָט פאַרמאָגט אַ אידישע באַפעלקערונג לערך דריי טויזנט נפשות.

אין דער אידישער וועלט איז אוטיאַן באַוואוסט דורך איר געוועזענעם רב, הגאון הצדיק רבי אברהם צבי הירש אייזנשטאַט ז״ל, דער מחבר פון „פתחי תשובה״ אויף שלחן ערוך, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין דער לומדישער וועלט. ווענן „פתחי תשובה (מען האָט אים גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר) ווערן דערציילט הונדערטער מעשיות און מופתים, וועגן זיין צדקות און צדקה, און זיין מסירת נפשדיקייט פאַר אידן. עס ווערט דערציילט, אז אײנמאָל איז געקומען צו אים אַ פרוי אין דער „קאַלטער שול״ (אזוי האָט מען גערופן די אַלטע שול) וואו זיין שטייגער איז געווען, צו לערנען ביז האַלבן טאָג אין טלית און תפילין, מיט אַ געוויין: רבי, זאָגט מיר וואו איז מיין מאַן? ער איז אַוועק פון הויז שוין העכער אַ יאָר, איך האָב אים ארומגעזוכט אומעטום און ניט געפונען? הרב אייזנשטאַט ענפערט: „איך וויס נישט״. און די פרוי וויינט און מאָנט אַלץ ביים רב ער זאָל איר אויסזאָגן וואו איר מאַן איז. עס העלפט ניט דעם רבס ארגומענטן אז ער וויס ניט. די פרוי טרעט אָבער ניט אָפּ, עס העלפן ניט די דראָענגען פון שמש. די פרוי גייט אַלץ ניט אַוועק און שטערט דעם רב אין לערנען. לסוף הויבט אויף דער „פתחי תשובה״ זיינע הויכע ברעמען, און זאָגט צו דער פרוי: וויינט נישט, אידענע, פאַרט קיין קאָוונע וועט איר אים דאָרט געפינען״. די פרוי איז אוועקגעפאָרן קיין קאָוונע און האָט דעם מאַן אירן געפונען, און אים געבראַכט צוריק אין שטעטל.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ טומל: אַ מופת פון רב! ער האָט געוואוסט וואו ער איז! שבת אין דער פרי פאַר קריאת התורה איז דער רב ארויף אויף דער בימהריידן, אַלע פון שול זיינען פאַרוואונדערט: „וואָס איז געשען?״ (אמאָל פלעגן די רבנים ריידן צוויי מאָל אַ יאָר שבת שובה

און שבת הגדול) דער רב וועגדעט זיך צום עולם און זאָגט: וואונדערט זיך ניט וואָס איך האַלט איצט אַ דרשה. אזוי ווי עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג אין שטאָט, אז איך וויז „מופתים״ וויל איך אייך מודיע זיין, אז איך בין נישט קיין בעל מופת. נאָר — די פּרוי האָט מיך ניט צורוגעלאָזן און געשטערט אין מיין לערנען, און אזוי ווי אין קאָוונע, האָב איך געוואוסט, האָט דער רוסישער קייזער געבויט די פעסטונג אַרום דער שטאָט, דאַרף מען דאָך האָבן ארבעטער, איז מסתמא, האָב איך געטראַכט איז ער דאָרטן.

אויך איז געווען רב דעם פּתחי תשובה׳ס זון, הרב ר׳ בנימין ז״ל. הרב ר׳ אברהם צבי אייזנשטאט ז״ל, אַן אייניקל פון „פּתחי תשובה״, איז געווען דער לעצטער רב אין אוטיאַן, און איז נפטר געוואָרן אַ יאָר פאַרן חורבן פון זיין קהילה. און צוליב געוויסע פערזענליכע אַנגעלעגנהייטן איז דעם רבס משפּחה, האָט די קהלה באשלאָסן אויפצונעמען א צייטווייליקן רב. עס איז אויפגענומען געוואָרן הרב ר׳ נחמן הירשאָוויץ, פריער רב אין יעלאָק.

אוטיאַן איז געווען פון די ערשטע קהלות אין ליטע. אויף איר בית־עולם האָבן זיך געפונען מצבות איבער 400 יאָר אַלט.

אוטיאַן האָט געהאַט אַ צאָל אידישע אינסטיטוציעס, אַנשטאָט די קהילה איז געגרינדעט געוואָרן די אָרגאַניזאַציע „עדת ישראל״, וואָס האָט זיך פארנומען אין דער הנהגה פון קהל׳שן לעבן. אויך איז געווען אין אוטיאַן אַ פאָלקשול, אַ פאָלקס־באַנק, אַ לינת־הצדק, תפארת בחורים און אנדערע חברות.

צדוק בליימאַן וואָס האָט זיך געראַטעוועט דורך א נס אין קאָוונער געטאָ, און פריער אין אוטיאַן וואו ער האָט בייגעווען די שחיטה אויף אוטיאַנער אידן, דערציילט, ווי אזוי די אידן פון אוטיאַן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. און צווישן זיי זיינען אויך אומגעקומען זיין פאָטער הרב ר׳ צבי בליימאַן, רב פון אַראַן, וואָס האָט זיך צופעליק געפונען ביי זיין טאָכטער אין אוטיאַן, און הרב נחמן הירשאָוויץ, צייטווייליקער רב אין אוטיאַן.

איך וועל דאָ איבערגעבן דעם דאָזיקן באריכט אין צדוק בליימאַנס אייגענע ווערטער:

„ביז אויסברוך פון קריג, דעם 22־טן יוני, 1941, בין איך געווען אין קאָווגע. דעם 23־טן יוני, בין איך אנטלאָפן פון קאָוונע וועלכע איז שוין געווען פאַרלאָזן פון די רוסן. און די ליטווינער האָבן אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען אין שטאָט. דעם 26־טן יוני, 10 אַזייגער אין דער פרי, בין איך אָנגעקומען אין אוטיאַן. איך האָב אין שטאָט ניט געקענט אריינגיין, ווייל זי איז באַמבאַרדירט געוואָרן פון די דייטשן. נאָך איינינקע שעה״ן איבערוואַרטן, בין איך אריין. קיין אידן־קרבנות זיינען כמעט ניט געווען, אויסער איינינקע צעשטערטע אידישע הייזער. 2 אַזייגער בייטאָג, זיינען אריין די דייטשן און פון דער שעה אָן האָבן זיך אָנגעהויבן די אידישע צרות. גלייך האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן כאַפּן צו דער ארבעט, בעיקר צו זוכן מינעס אין הייזער וועלכע זיינען פאַרלאָזן געוואָרן פון די רוסן. ביי אַט דער „ארבעט״ זיינען אומגעקומען איינינקע אידן.

אויף מאָרגן דעם 27־טן יוני, האָט מען ארויסגעטריבן אַלע אידן צו דער ארבעט. די ארבעט איז ניט געווען נויטיק, נאָר עס איז געטאָן געוואָרן כדי זיך איזדיקעווען איבער אידן. טרייבן זיי צו דער אַרבעט האָט מען ניט אויפגעהערט די גאַנצע צייט און איז נאָך מיט מער קראַפט פאַרטגעזעצט געוואָרן פון דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע.

יעדער טאָג איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. אויף איטליך אי־דישן הויז איז אָנגעשריבן געוואָרן „יודען״. דער מיט האָט מען געגעבן אַ הכשר פאַר יעדן ליטווישן און דייטשן כוליגאַן פריי צו ראַבירן און מאָרדן. יעדע דייטשע אָפּטיילונג, באַזונדערס עס־עס און ס. א. פלעגן גייענדיק דורך אוטיאַן צום פראָנט, האַלטן פאַר זייער „הייליקער״ פליכט זיך אָפּ־צורעכענען מיט די אידן.

אין איין טרויעריקן אָוונט, האָבן ליטווינער מיט דייטשן פאַרניכ־טעט אַלע בתי מדרשים, געברענט און געריסן די ספרי־תורות. דאַן זיינען זיי געקומען צו מיין פאָטער, אים אוועקגעפירט אין בית המדרש און אים געהייסן זינגען, טאַנצן און אויך העלפן רייסן די ספרי - תורות. פאַרשטייט זיך, אז ער האָט דאָס ניט געטאָן. זיי האָבן אים אָפּגעשאָרן די באָרד און אָנגעטאָן אנדערע עינויים קשים און צום סוף געשאָסן אין אים. מיר האָבן

אים שפּעטער געפונען אין אַ טייך בלוט אַ קוים לעבעדיקן. אַ דאנק מיין שוואָגער דר. אפרים יודעלאָוויץ, וועלכער איז געוועזן דער בעסטער דאָק־טאָר אין גאנצן קרייז, איז דער פאָטער אָפּערירט געוואָרן און וואָלט נאָך געקענט לעבן בלייבן, אָבער זיי האָבן אים, אינאיינעם מיט אלע אנדערע שפּעטער אומגעבראַכט. ווער ווייס וואָס פאַר אַ עינויים זיי האָבן אים נאָך אָנגעטאָן פארן טויט.

אין אַ צושטאַנד פון מאָרד, הונגער און שרעק האָבן מיר דערצויגן ביז דעם 14־טן יולי. ביז דער צייט איז די טורמע פול געוואָרן מיט אידן. די חרובע בתי מדרשים האָבן זיי פארוואנדלט אין טורמעס פאר אידן, קאָ־מוניסטן, רוסן, וועלכע מען האָט געהאַלטן אין שמוץ און הונגער. און צום סוף פארפייניקט. דעם 14־טן יולע, 1941, 6 אזייגער אין דער פרי, זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן מעלדונגען מיט פאָלגנדן אינהאלט:

אלע אוטיאַנער אידן, מוזן 12 אַזייגער אַוועקגיין אין וואַלד אין דער ריכטונג פון מאלאַט. מען קען מיטנעמען אייגנטום וויפיל מען וויל, נאָר מען טאָר ניט שעדיקן קיין אייגנטום. ווער עס וועט געפונען ווערן אין שטאָט נאָך 12 אזייגער, וועט דער שאָסן ווערן אויפן אָרט.

אונטערגעשריבן:

בירגערמייסטער פון אוטיאַן

(דר. סטעפּאַנאָוויץ)

קריגס־קאָמענדאנט

(פולקיניקאַס).

איך האָב די מעלדונג איבערגעלייענט אייניקע מאָל. עס האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן אַז אזוי שנעל וועט מען אונז ארויסטרייבן. אַ פאָר שעה נאָכן אויסהענגען די מעלדונגען, האָט מען שוין געשלאָגן און גע־טריבן פון די הייזער. דער עולם איז וואָס שנעלער געלאָפן אין וואלד, און זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז דער לעצטער וועג. 2,000 אידן האָבן פארלאָזן די שטאָט און באלד איז געקומען אַ מעלדונג אין דער ליטווישער

פרעסע און מיט שמחה מודיע געווען אַז אוטיאַן איז די ערשטע שטאָט וואָס איז שוין געוואָרן „יודענריין״.

פאַרן אוועקגיין אין וואלד האָט מען יעדן אונטערזוכט, צוגענומען גאָלד, זילבער, געלט און אנדערע ווערטזאכן און דערנאָך אריינגעלאָזן אין וואלד. מיר זיינען באוואכט געווען פון ליטווינער, מיר זאָלן ניט אנטלויפן. מען האָט אונז געזאָגט, אז מיר וועלן זיין אין וואלד נאָך 3 טעג און שפּע־טער וועט מען אונז צוריקשיקן אין שטעטל, און אין אזירע גאס וועט זיין פאר אונז אַ געטאָ.

גאנצע צוויי וואכן זיינען מיר געלעגן אונטערן פרייען הימל. עס האָט גערעגנט. עס איז אויך געווען גאַנץ קאַלט און וואָס ווייטער איז געוואָרן נאָך קעלטער. אַ סך זיינען קראנק געוואָרן און קיין דאָקטוירים זיינען ניט געווען ווייל אלע אידישע דאָקטוירים זיינען ארעסטירט געוואָרן אין איי־ניקע וואָכן ארום, נאָכדעם ווי די דייטשן זיינען געקומען, און מען האָט זיי אַלעמען דערשאָסן.

צו עסן האָט מען אונז געבראכט נאָר ברויט און פון דער דרויסנ־דיקער וועלט זיינען מיר געווען פולשטענדיק איזאָלירט. די וואך איז גע־וואָרן אַלץ ערגער און חוצפּהדיקער. בייטאָג פלעגט מען טרייבן צו דער ארבעט און ביינאַכט שיסן אין דער לופט, אַנווארפנדיק אַ שרעק אויף אלע־מען און ניט לאָזן שלאָפן. די כוונה איז געווען: וואָס גיכער אונז אָפּ־שוואכן פיזיש און ברעכן גייסטיק.

כדאי צו באַמערקן, אַז צווישן די אידן איז די באַציאונג פון איינעם צום צווייטן געווען אַ מוסטערהאַפטע. מען האָט זיך דאָס שטיקל ברויט געטיילט איינער מיטן אנדערן. אין אין ארבעטס פלאַץ פלעגט מען געבן נאָך דער ארבעט צו גלאָז מילך יעדן, קיינער האָט אָבער די מילך ניט גע־טרונקען אליין, מען האָט דאָס יעדן טאָג געבראכט אין וואלד און צעטיילט צווישן די קינדער און קראנקע. מען האָט ניט געהערט קיין קריגערייען אָדער אנדערע נעגאטיווע דערשיינונגען, וועלכע קומען פאַר זייער אָפט אין אַ אומנאָרמאַלער לאגע.

אזוי האָט עס אָנגעהאלטן ביזן 1־טן אויגוסט. און מיר זיינען נאָך

אַלץ געלעגן אונטערן פרייען הימל. אין דעם טאָג זיינען געקומען ליטווישע פּאָליציי אַגענטן און פאַרשריבן אַלע מענער און פרויען פון 17 ביז 55 יאָר. אין דער צייט פון דער רעגיסטראַציע, האָט מען מיך און נאָך 10 מאַן אַוועקגעפירט אין שטאָט אויף אַרבעט. מיר האָבן געאַרבעט ביז נאַכט. אין אָוונט האָט מען אונז פאַרבייגעפירט אַ גרופּע אידן פון וואַלד אין דער צאָל פון 500 מאַן, צווישן זיי, דעם געוועזענעם אידישן וויצע־בירגערמייסטער פון אוטיאַן, זשיראַט מיט זיינע צוויי זין, הרב נחמן הירשאָוויץ, דער שוחט יודל שאַפּשטיין און אַנדערע חשובע בעלי בתים פון שטאָט. נאָך דער אַרבעט האָט מען אונז געבראַכט אין וואַלד צוריק.

אויף מאָרגן 3 אַזייגער בייטאָג, האָבן מיר, זייענדיק אין וואַלד, געהערט שיסערייען. מען האָט זיך אַליין געטרייסט, אַז דאָס דערנעענטערן זיך די רוסן, און קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס שיסט מען די אידן וועלכע מען האָט נעכטן אַוועקגעפירט. עס איז פאַרלאָפן ווידער אַ וואָך, פון די אַרויסגעפירטע האָט מען גאָרניט געהערט, דאָך איז מען געווען מיט דער מיינונג אַז זיי לעבן.

די נאַכט פון 6־7 אויגוסט, האָט זייער שטאַרק גערעגנט. אויסער דעם האָט די וואָך די גאַנצע נאַכט געשאָסן כדי אונז צוברעכן, און אויפן פרימאָרגן, האָט מען אַלע אַרבעטספּעאיקע מענער אַרויסגעטריבן צו דער אַרבעט. מידע, נאַסע, ניט קיין געשלאָפענע, זיינען מיר געגאַנגען צו דער אַרבעט ניט איבערטראַכטנדיק, אַז דאָס גייען מיר דאָס לעצטע מאָל. מיין מוטער האָט מיר נאָך צוגעטראָגן אַ מאַנטל, זאָגנדיק, אפשר וועט מען אייך האַלטן לענגער. איך האָב געענטפערט, אַז איך וועל אינגיכן קומען צוריק. מיין מאַמעס האַרץ האָט געפילט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל. איך בין שוין ניט געקומען צוריק אין וואַלד.

מען האָט אונז אָנשטאָט צו פירן צו דער אַרבעט, אַוועקגעפירט אין אוטיאַנער טורמע, צוגענומען אַלע דאָקומענטן, דעם רימען פון די הויזן און געלאָזן וואַרטן אין הויף פון טורמע. אַזייגער צוויי איז געקומען אַ דייטש פון „געסטאַפּאָ". מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט צו פיר אין אַ ריי. בסך הכל 100 רייען. דער שעף פון דער טורמע, אַ ליטווינער, האָט גע־

זאָגט צו אונז אז מיר זאָלן אַראָפּנעמען די מאַנטלען, ווייל מיר וועלן מוזן אביסל ארבעטן.

נאָכדעם האָט מען אונז ארויסגעפירט פון טורמע. מיר האָבן פאר זיך געזען אַ גרופּע אידישע פרויען און הינטער זיי האָט מען אונז אויס־געשטעלט. מיר זיינען שטארק באוואַכט געוואָרן פון באוואָפנטע ליטווינער, צווישן זיי זיינען געווען שילער און סטודענטן, און ווען מיר האָבן זיך עטוואָס דערווייטערט, האָט מען אונז שטארק געשלאָגן און געטריבן מיר זאָלן גיין שנעלער און שנעלער. די פרויען וועלכע האָבן ניט געקענט נאָכהאַלטן, האָט מען געשאָסן אויפן אָרט. אזוי לויפנדיק אייניקע קילאָמעטער, האָט מען אונז געהייסן זיך לייגן מיטן פּנים צו דער ערד און די פרויען זאָלן גיין פאָראויס. עס האָבן זיך געהערט געשרייען און אַ שיסעריי פון מאשינען־געווער. אין אַ 15 מינוט ארום האָט מען געהייסן גיין די מענער און איך האָב פאר זיך געזען אזא מין בילד: עטליכע אויסגעגראָבענע גריבער. לעבן איינע פון די גריבער איז געשטאַנען אַ דייטש מיט מאַשינען־געווער. ניט ווייט פון גרוב איז געשטאַנען אַ ליטווינער מיט אַ מאסקע אויפן פּנים און מיט אַ קאַנטשיק אין האַנט, וועלכער פלעגט שמייסן יעדן פאַרבייגיי־ענדיקן, כדי מיר זאָלן גיכער צולויפן צום גרוב. און דאַן פלעגט שוין דער דייטש „דערליידיקן". אין דער זייט זיינען געשטאַנען ביי אַ לייכטן אויטאָ־מאָביל די פירער פון דער ליטווישער אינטעליגענץ, צווישן זיי דער בירגער־מייסטער, דער דאָקטאָר, טורמע־שעף און אייניקע דייטשן, וועלכע זיינען געקומען זעען די בלוטיקע פאָרשטעלונג.

איך האָב דערפילט, אז אין אייניקע סעקונדן ארום וועל איך זיך אויך צאַפּלען צווישן די איבעריקע אידן, און כ'האָב אויפן מאָמענט „באַ־שלאָסן": אויב שוין שטאַרבן, מוז אויך מיטגיין מיט מיר איינער פון זיי.

אויך מיין חבר קלמן כ"ץ, וועלכער איז געשטאַנען נעבן מיר, האָט אָנגעהויבן לויפן צום דייטש. ער איז גלייך געפאַלן טויט אויפן אָרט, שרייענדיק: „איך שטאַרב". איך האָב געקראָגן אַ קויל אין פוס און פון שטאַרקן ווייטיק האָב איך געחלש'ט און זיך אַראָפּגעקייקלט פונם בערגל אין אַ זומפּיקן באָדן. (די גריבער זיינען געווען אויף אַ בארג און אונטן

איז געווען זומפּיקער באָדן). קייקלענדיק זיך בין איך געקומען צום באַ־
וואוסטזיין. איך האָב זיך געשארט אין הויכן גראָז ביז איך בין אריין אין אַ
טיפער גרוב מיט וואסער, באוואָקסן מיט הויכע גראָז. איך בין אָפּגעלעגן
אין גרוב אַ גאנצן טאָג אין טויט שרעק טאָמער וועלן זיי מיך געפינען
און ווידער שיסן. ס׳איז געווען אַ נס מן השמים און זייערע אויגן זיינען
פארשטעלט געוואָרן, און זיי האָבן מיך נישט דערזען. ביינאַכט, האָט געגאָסן
אַ שטארקער רעגן. איך בין ארויס אַ פארוואונדעטער און פאַרפראָרענער
פון דער קאָלטער גרוב מיט וואסער, און אָנגעהויבן וואנדערן אין דער
פינצטערנעש פון דער נאָכט.

אין דעם טאָג פון 7־טן אויגוסט, 1941, האָט מען אויסגעשאָסן דעם
גרעסטן טייל אידן. ליגנדיק אין גרוב האָב איך, לויט די שיסערייען, גע־
הערט ווי מען האָט געבראַכט פיל גרופּעס מיט אידן און זיי אויסגעשאָסן.
די פרויען מיט די קינדער האָט מען אויסגעשאָסן מיט צוויי וואָכן שפּעטער.

דאָס איז די מעשה־נורא ווי צדוק בליימאַן באַשרייבט, ווי אזוי מען
האָט אויסגעשאָכטן אוטיאנער אידן, און איך גיב זיי איבער אָן שום קאָמענ־
טארן. וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס מוסיף צו זיין?

יהי זכרם ברוך.

אליטע

אליטע איז געווען צוטיילט אויף צוויי שטעט, די פּוילישע אַליטע
און די רוסישע אַליטע, די פּאַנאַנדערטיילונג פון דער שטאָט אויף צווייען
איז געווען צוליב דעם ניעמאַן, וואָס איז דורכגעגאנגען דורכן שטאָט און
האָט די שטאָט צעשפּאָלטן. די צוויי שטעט זיינען געבליבן באזונדערע מיט
אַ צוגאָב נאָמען, פּוילישע אַליטע, און רוסישע אַליטע, מיט באַזונדערע קהי־
לות, ווי בתי מדרשים, רבנים, בעלי בתים און אינסטיטוציעס, ווי צוויי באַ־
זונדערע שטעט, נאָר וואָס זיי זיינען געווען נאָענט אין שטח איינע לעבן
די אנדערע, און זיי האָבן אפילו געהערט צו באזונדערע קרייזן; די פּוי־

לישע אַליטע, איז געווען סואוואַלקער קרייז, און די רוסישע אַליטע, ווילנער קרייז. נאָר ווען ליטע איז אנשטאַנען פאר אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה איז אַליטע געוואָרן אַ קרייז שטאָט, און דוקא די פוילישע אליטע, ווייל זי איז געווען גרעסער סיי אין באפעלקערונג און סיי אין בילדונג פון דער רוסישער אַליטע, וואָס זי איז געבליבן אַ קליין שטעטל לעבן איר שוועסטער אַליטע, פוילן, וואָס איז געווען גרעסער פאַר איר. דעריבער האָט זי זיך געמוזט בייגן צו איר און אריין אין איר קרייז.

אַליטע איז געווען 50 וויאָרסט פון קאָוונער, און האָט געהאַט פאַרבינדונג מיט קאָוונע, סיי מיטן באַן און סיי מיט אויטאָס, דורך אַן אַספאַלטירטן סאָשיי, וואָס פלעגט געבן די מענטשן, א מעגלעכקייט צו קאָמוניקירן מיט קאָוונע דורך די אויטאָס וואָס פלעגן קורסירן יעדער צוויי שעה פון פון קאָוונע נאָך אַליטע, און פון אַליטע קיין קאָוונע. זי האָט פאַרמאָגט, צוזאמען מיט דער רוסישער אַליטע, אַ אידישע באַפעלקערונג פון זיבן טויזנט נפשות.

אַליטע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן סאָסנעם וואַלד, און די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ קוראָרט. דעריבער איז אַליטע אויך געוואָרן אַ סטראַטעגישער פונקט, און מען האָט טאַקע געמאַכט אין וואַלד פאַרטיפיקאַציעס, אַ קליינע מאַזשינאָ ליניע, ווי מען האָט דאָס גערופן „פאַרטן" וואָס איז געווען געבויט אין וואַלד, ווייל די נאַטור פון וואַלד און וואַסער האָט מיטגעהאָלפן און עס זיינען געווען סאָלדאַטן און מיליטערישע קאַזאַרמעס פאַר סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהיט די פעסטונג. די קאַזאַרמעס פאַר די סאָלדאַטן זיינען געווען אין דיביידע שטעט פון אַליטע.

אַליטע איז געווען אַ שטאָט פון פרנסה׳דיקער שפע צוליב די קאַזארמעס וואָס האָבן זיך געפונען אין איר.

זייער מקור חיונה האָבן אידן געצויגן דערפון וואָס זיי זיינען געווען פאַדראַטשיקעס פאַר דער ארמיי: האָבן זיך פאַרנומען מיט קרעמעריי, גאַרבעריי, האָבן געהאַלטן טאַרטאַקן, געהאַנדלט מיט וואַלד־סוחרים און געווען האַנטווערקער.

די אַנפירנדיקע בעלי בתים אין דער פוילישער אַליטע זיינען געווען:

שמואל פּאַטאַטאָווסקי, גבאי פון בית מדרש; יעקב יהודה איזרעלסקי, יוסף מארשאק; חיים קארצמאר; קאַלמאַנאָוויץ דער לערער א. אַנ. — פון דער רוסישער אַליטע; לייבע טקאַץ; ר׳ אברהם חיים קאַפּלאַן, אַן איד וואָס איז געווען אָנגעזען סיי ביי אידן און סיי ביי קריסטן, וועגן אלע אידישע און ניט־אידישע סכסוכים פלעגן אלץ דורכגעפירט ווערן ביי אברהם קאַפּ־לאַן, און ביידע צדדים פלעגן זיין צופרידן, ווי ער האָט געזאָגט „דער פשרה מאַכער״. ער האָט דאָס געטאָן שלא על מנת לקבל פרס. יצחק חאזאנאָוויץ,א.אנ.

אין אליטע האָט געלעבט דער גר קעסטיג, פון זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַן אָפיציער פון דער דייטשער ארמיי. מען דערציילט אז ער האָט אָפּגעהיט אידישקייט און מען פלעגט אים אָפט זען אין אליטער בית־מדרש.

אליטע איז אויך באקאַנט געווען מיט איר אלטן בית־עולם בערך פיר הונדערט יאָר אַלט.

אירע רבנים זיינען געווען: הרב לעווענבוק, הרב קאַלאַדיצקי זצ״ל, הרב אהרן מילעווסקי (איצט רב אין מאָנטעווידיאָ) און הרב בצלאל לעווין הי״ד, הרב יהודה יאבלאָנסקי הי״ד, רב פון דער רוסישער אַליטע.

די אַליטער אינסטיטוציעס זיינען געווען: אַ אידישע פאָלקס־שולע, אַ אידישע מיטל־שול ביבליאָטעק, פאָלקס־באנק און די באנק פון יוסף מארשאק.

דער געלערנטער דר. חיים לייב פעקער וואָס ארבעט הייגט אין דר. וויצמאַנס אינסטיטוט אין רחובות, איז פון אַליטע. און דער באוואוסטער כלל טוער אין ניו יאָרק, שמואל אהרן איזראַעל, קומט אויך פון אַליטע.

דעם 22־טן יוני, 1941, איז אַליטע געווען פון די שטעט וואָס זיינען גלייך באָמבאַרדירט געוואָרן פון די דייטש מערדער, צוליב איר סטראטעגישן פונקט און צוליב אירע פאָרטיפיקאַציעס. די אידן זיינען ווי צוטומלט גע־וואָרן און ניט וויסנדיק פון וואַנען דאָס קומט. ווען מען האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט מען נישט געהאַט דעם מינדעסטן דמיון, אז מאָרגן גאַנץ פרי־וועט מען שוין וואַרפן באָמבעס און פארניכטן אומשולדיקע פרויען און קינ־דערלעך. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז פון די אַלע נייעס פון קריג מיט

דייטשלאַנד האָט די באַפעלקערונג ניט געהאַט קיין שום ידיעות פון די אויס־לענדישע ראַדיאָס, ווייל זיי זיינען צוגענומען געוואָרן פריער פון דער רו־סישער רעזשים און מען האָט ניט געוואוסט, אַז די לאַגע איז אַזוי ערנסט. די פּלוצלונגדיקע ענדערונג האָט זייער צוטומלט אַלעמען און מען האָט ניט געוואוסט וואָס מען זאָל טאָן. מען איז ניט געווען צוגעגרייט, אין געדאַנק אַפילו, אַז די מלחמה קומט שוין פאַר מיט די דייטשן. נאָך עפּעס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן: די הויכע מיליטערישע באַאַמטע האָבן אין די טעג פון ערב קריג, געבראַכט אין ליטע זייערע פרויען און קינדער פון טיף רוסלאַנד, האָט מען דאָס אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז די מלחמה מיטן דייטש איז נאָך גאָר ווייט און די קליינע ידיעות וואָס פלעגן זיך דורכרייסן, אַז די דייטשן קאָנצענטרירן אַ סך מיליטער ביים ליטווישן גרענעץ, האָט מען געהאַלטן פאַר ענגלישער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיך דעריבער זייער ווייניק געראַטע־וועט, פון דער ליטווישער פּראָווינץ. פון צענדליקער שטעטלעך איז אַפילו ניט געבליבן קיין איינער.

די באָמבאַרדירונג האָט געטראָפן אַ סך הייזער און די שטאָט האָט גענומען ברענען. אידן זיינען אַנטלאָפן פון שטאָט אין די דערפער, אָבער די וועגן זיינען שוין געווען א סכנה פאַר אידן געהרג'עט צו ווערן פון דעם צוגעגרייטן פינפטן קאָלום. דאָס אייגענע אין די דערפער — אידן האָבן שוין ניט געקענט בלייבן דאָרט. אויך האָבן די ליטווינער באַשאָסן דעם אָפּטרעטנ־דיקן רוסישן חייל. די צוטומלטקייט איז געווען זייער גרויס: וואו לויפט מען? איידער מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן געדאַנק צו לויפן טיפער אין רוסלאַנד, איז שוין דער דייטש געווען פריער פאַר אַלעמען, און אַליטע איז שוין געווען, מאָנטיק פרי, דעם 23־טן יוני, אין די דייטשע הענט. די שטאָט איז שוין געווען חרוב פון דער באָמבאַרדירונג, די בריקן צושטערט, און עס איז שוין געווען שווער זיך צו פאַרבינדן פון דער פּוילישער אַלי־טע מיט דער רוסישער.

אויף די אידן האָט זיך מיטאמאָל אַראָפּגעלאָזט דער באַרג צרות און פּיין, מען האָט גלייך ארעסטירט דעם אלטן דר. אבראַמאָוויץ, און דעם רב הרב לעווין און נאָך עטלעכע בעלי בתים, מען האָט די אידן ארומגעטריבן פון

דאנען אהין און אלעמען געגומען גלייך אויף ארבעט אָפּצוראַמען די חרובע געביידעס. א סך זיינען ביי דער ארבעט פארפייניקט און דערשאָסן געוואָרן.

דעם 25־טן יוני, ביינאכט, האָט מען צוזאַמענגענומען עטליכע הונ־דערט אידן אויף ארבעט אין סוואַלק, אָבער מער האָט מען זיי שוין ניט געזען צוריק. די רויבערייען און מערדערייען פון די ליטווינער זיינען גע־ווען שרעקלעך, צוליב אַ פּאָר שטיוול וואָס אַ ליטווינער האָט געזען אויף אַ אידנס פיס, פלעגט ער דעם אידן הרגענען און אראָפּציען פון אים די שטיוול.

פרויען זיינען פארגוואַלדיקט געוואָרן און דערנאָך אין טייך ניעמאַן אריינגעוואָרפן געוואָרן.

מען האָט עטלעכע הונדערט אידן אַריינגעטריבן אין שוהל, די שוהל אונטערגעצונדן און זיי זיינען דאָרט לעבעדיקערהייט פארברענט געוואָרן.

אָט דאָס דאָזיקע מין „לעבן" האָט אויך ניט לאנג אָנגעהאַלטן. מען האָט ארומגערינגלט ביינאכט די הייזער וואו די אידן האָבן זיך געפונען, אָפּ־געטיילט די מענער און זיי אַוועקגעפירט אין וואַלד און זיי דאָרט געהאַל־טן עטליכע טעג אונטערן פרייען הימל אָן שפּייז און דערנאָך זיי אומגעבראכט אין די גריבער וואָס זיי אליין האָבן פאר זיך געגראָבן. אין עטלעכע וואָכן ארום זיינען אויך אומגעקומען אין וואַלד די פרויען און קינדערלעך.

אַניקסט

אניקסט (פּאָנעוועזשער קרייז) איז געווען פון די גרעסערע שטעטלעך פון ליטע און האָט פארמאָגט אַ אידישע באַפעלקערונג לערך פיר הונדערט פאמיליעס.

יעדער שטעטל האָט געהאַט איר אייגנאַרטיקייט, סיי אין טיפּן און סיי אין איר מקור חיונה פון וואַנען דאָס רוב אידן האָבן געצויגן פרנסה. די אידן פון אניקסט האָבן זיך פארנומען מיט מאכן וואָליקעס אויף ווינטער און עס זיינען געווען אַ סך פאבריקלעך וואו די וואָליקעס פלעגן אויסגע־ארבעט ווערן און צוגעשטעלט ווערן פארן געברויך פון גאַנץ ליטע. דאריבער

איז געווען אַניקסט באַקאַנט אין ליטע מיט איר „וואָליקעס פּראָדוקציע". — אויך האָבן אידן געלעבט פון טרייבן די פליטן אויפן וואסער, — דורך אַניקסט גייט דער טייך שווענטע־ריקע און פאלט אריין אין ניעמאַן.

אויך איז דאָס שטעטל געווען באוואוסט מיט אירע גרויסע רבנים, ווי: הגאון רבי משה יואל זצ"ל, מחבר פון „ראשי בשמים", הגאון רבי אהרן בורשטיין זצ"ל (דערנאָך רב אין טאַווריק), הגאון ר' שמואל אביגדור פּיוולזאָן זצ"ל, (דערנאָך רב אין פּלוגיאַן) הרב הגאון ר' אליהו בער שור זצ"ל (געשטאָרבן אין ישראל), הרב הגאון ר' אברהם מרדכי וועסלער הי"ד דערנאָך רב אין פּלוגיאַן), און דער סאמע לעצטער רב הגאון הצדיק רבי קלמן קלונימוס קאדישעוויץ הי"ד, באוואוסט אלס דער לאָטעווער רב, (לאָטעווע איז געווען אַ דאָרף לעבן אניקסט). וועגן דעם לאָטעווער רב וואָלט זיך מיר וועלן דערציילן אַ געוויסן עפּיזאָד.

ווי מיר האָבן דערמאָנט, האָט מען אין אַניקסט אויסגעארבעט וואָליקעס און די בעלי בתים פון די פאבריקלעך, פלעגן צוגעבן צו דער ריינער וואָל אויך אַלטע קליידער־שטאָף, וואָס פלעגט פאַראַרבעט און פאַרמישט ווערן צוזאמען פאר דער אויסארבעטונג פון די וואָליקעס. האָט דער לאָטעווער רב מודיע געווען די אידן אַז מען זאָל נישט טראָגן די וואָליקעס וואָס ווערן נישט געמאַכט פון ריינער וואָל, ווייל עס איז שעטנז, ווייל דער שטאָף פון די אַלטע קליידער קאָן זיין פון פלאַקס, און פלאַקס מיט וואָל טאָר מען על פּי דין נישט טראָגן. ער האָט זיך נישט געשראָקן פאר זיינע בעלי בתים פון שטעטל וואָס ער טוט זיי שאָדן אין געשעפט. נאָכמער: ער אליין האָט נישט געטראָגן קיין אנדערע קליידער נאָר אזוינע וואָס זיינען געמאכט פון באַוול, ווי מען האָט דאָס גערופן ביי אונז „קאָרט" כדי ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן חלילה, אין איסור שעטנז. ער האָט אויך נישט געטראָגן קיין קאַלאשן, ווייל דער אונטערפוטער פון די קאַלאָשן, האָט ער מורא געהאָט, איז אפשר געמאכט פון פלאַקס מיט וואָל צוזאמען. ער האָט זיך נישט געזעצט אויף אַ באַצויגענעם שטול, אלץ איבערן חשד פון שעטנז.

דעם לאָטעווער רב'ס ערליכקייט און תמימותדיקייט איז געווען צו באוואונדערן. עס ווערט דערציילט, אז איינמאָל איז מען אים געקומען זאָגן

אז דער פריזירער ארבעט אין שבת אריין, איז ער גלייך נאָך ליכט בענטשן געגאנגען אין דער פאריקמאכערסקע. ווי נאָר די אידן, וואָס האָבן זיך געפונען דאָרטן, האָבן דערזען דעם לאָטעווער רב, זיינען זיך אלע פונאַנדערגעלאָפן. אייניקע פון זיי מיט האַלב אָפּגעשאָרענע קעפּ, אנדערע מיט האַלב ראזירטע בערד. ווען מען האָט אים געפרעגט: רבי, ווי קומט איר דאָ אזוי שפּעט אין פאריקמאכערסקע? — — „איך בין געקומען זאָגן אידן גוט שבת" — איז געווען זיין תמימותדיקער ענטפער.

אָט אזוי האָט ער אויסגעמיטן אַ חילול שבת אין שטעטל. ער איז דאריבער געווען זייער חשוב אין שטעטל און אין דער רבנישער וועלט. ער האָט אויך ארויסגעגעבן אַ רבנישן ספר „תולדות יצחק".

עס איז שוין דערפאר ניט קיין וואונדער וואָס אניקסט האָט געהאַט זייער חשובע בעלי בתים, לומדים און בעלי צדקה, ווי שיינזאָן אָדער ווי מען האָט אים גערופן ישראל־שמעונס, זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר הילף, דערצו איז ער געווען אַ גרויסער למדן, שטענדיק געזעסן און געלערנט. כדאי אויך צו דערמאָנען מאנעס גורוויץ, יצחק טשאַרני, שמעון ראטנער און אנדערע. אין שטעטל איז געווען גרויס די ליבשאַפט פאַר תורה, מען האָט גענומען פאר איידעמס די בעסטע ישיבה־בחורים פון די ישיבות ווי רבי חיים ז"ל, דער ראש השוחט פון אניקסט האָט גענומען פאר אַן איידעם הרב הגאון רבי מאיר אליהו ווײַנער זצ"ל, רב אין וויזשון, דערנאָך אין יעדוואב־נע, און אנדערע.

זייערע זין האָבן זיי געשיקט אין די ישיבות. כמעט אין אלע ישיבות פון ליטע האָבן געלערנט אניקסטער בחורים. מיט מיר צוזאמען האָבן געלערנט אין פּאָנעוועזשער ישיבה כמעט צוויי צענדליק אַניקסטער בחורים.

דאָס שטעטל האָט אויך געהאַט חסידים און אַ געמויערטע חסידישע קלויז. און פאַר דער ערשטער מלחמה האָט אַניקסט געהאַט אַ חסידישן רב, מען האָט אים גערופן דער אושפּאלער רב.

אַזוי האָט דאָס שטעטל געלעבט און געשאַפן איידער די דייטשע מער־דער האָבן עס דעם 27־טן יוני, 1941, פארנומען.

און אזוי ווי די דייטשן האָבן באזעצט דאָס שטעטל, האָט זיך גלייך

אָנגעפאנגען אויף די אידן צרות און פיין און עקזעקוציעס. איבערהויפּט, אויף די אידן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען אָנגעפּאָרענע פון אנדערע שטעט און שטעטלעך. אידן זיינען אַנטלאָפן פון קאָוונע כדי צו לויפן קיין רוסלאַנד אָדער אַנטלויפן פון די שטעטלעך וואו די דייטשן האָבן חרוב געמאכט. אַ סך שטעטלעך זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן און מען האָט נישט געקאָנט ווייטער לויפן.

דאָס שטעטל איז פול געווען מיט אַ סך אָנגעלאָפענע אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין די שולן און בתי מדרשים, אהין זיינען גלייך געקומען די ליטווישע פאשיסטן, ימח שמם, און אָנגעוויזן די דייטשן אז דאָס זיינען אידן וואָס לויפן קיין רוסלאַנד. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציע איבער זיי. די שול איז פאַרוואנדלט געוואָרן אין אַ באַרג אָפּגעריסענע הענט און פיס, אַ סך זיינען דערשאָסן געוואָרן און די שול האָבן זיי פארברענט. די אידן וואָס האָבן זיך אויסבאהאלטן האָבן געמוזט גלייך פארלאָזן דאָס שטעטל. אויך זיי זיינען אויפן וועג אומגעקומען.

ווען די רוצחים זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט די אידן פון די אנדערע שטעטלעך, האָט מען זיך גענומען צו די שטעטלדיקע אידן. מען האָט אָנגעהויבן ראבירן זייער האָב און גוטס און שלאָגן און פארגוואלדיקן די יונגע טעכטער און טרייבן אויף ארבעט.

דעם 28־טן יולי, 1941, האָט מען צוזאמען גענומען אלע אידן, מענער, פרויען און קינדער און קראנקע. מען האָט די מענער אָפּגעטיילט פון די פרויען און קינדער, און זיי געפייניקט און געמאכט מיט זיי אַ שדים טאַנץ. מורא׳דיק געפייניקט האָבן זיי דעם רב פון שטאָט, געהייסן אים זינגען און טאַנצן פאר זיי. דערנאָך האָט מען צוזאמענגענומען די חשובע בעלי בתים פון שטעטל און מען האָט זיי געפירט צו האַזענבערג (אַן אָרט פון שטעטל וואָס מען האָט אזוי גערופן) אין דעם אָרט איז אמאָל געווען די שעכטהויז פון שטעטל. אויף דעם זעלבן וועג פלעגן אידן פירן זייערע בהמות צו דער שחיטה, איצט זיינען דער רב און יאָסל דער שוחט, מאַנעס גורוויץ, יצחק טשארני, שמעון ראטנער און די איבעריקע געטריבן געוואָרן צו דער שחיטה די מערסטע פון זיי זיינען באגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, זיינען אויך אומגעבראכט געוואָרן די פרויען און קינדערלעך. אָט אזוי איז אָפּגעווישט געוואָרן אַן אלטע אידישע קהילה. מיט די אידן איז אויך אוועק מיטן רויך דאָס גאנצע שטעטל און פון אַלץ זיינען געבליבן טויטע בערגלעך אַש.

בוטרימאַנץ

בוטרימאַנץ איז פאר דער ערשטער קריג געווען טראקער קרייז, נאָכן אַנטשטיין פון ליטע, איז עס געוואָרן אליטער קרייז, און האָט פארמאָגט אַ אידישע באפעלקערונג פון צוויי הונעדרט משפחות.

בוטרימאַנץ איז געווען פון די אלטע אידישע קהילות אין ליטע, און ניט ווייט פון בוטרימאַנץ איז געווען אַ הויכער בארג, וואָס האָט געהאַט אַ היס־טאָרישע באדייטונג. ווען נאַפּאָליאָן האָט געפירט קריג מיט רוסלאנד — 1820, האָט ער געמאכט אויף דעם באַרג זיין פעסטונג, און האָט דאָרטן אַ געוויסע צייט געלעבט. מען פלעגט נאָך אַלץ גראָבן דעם בארג און זוכן אַל־טערטימליכקייט ווי מטבעות און אַנדערע זאכן וואָס האָבן צו טאָן מיטן לעבן פון נאַפּאָליאָנען.

אירע בעלי בתים, זיינען געווען גרויסע לומדים, ווי ר׳ גרשון דער שניט־קרעמער, — ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות, געזעסן אַ גאַנצן טאָג און געלערנט, און די פרוי האָט געפירט דאָס געשעפט, געווען — ניט אָפּיציעל — דער רב פון נייעם קלויז, ווייל וואָס ר׳ גרשון האָט געזאָגט אין קלויז, איז געווען ביי אלע אידן, קדוש. ר׳ לייב גאָרדאָן, אַ למדן און אַ משכיל, און דערצו געבענטשט מיט עשירות, איז געווען דער גביר פון שטעטל — אָבער זיין עשירות האָט ער ניט אויסגענוצט פאר זיך, נאָר זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר אַלעמען, אָרעם און רייך, ווער אַ נדבה, און ווער אַ גמילות־חסד, פלעגט מער קריגן מיט אַ סבר פנים יפות ביי ר׳ לייב גאָרדאָנען. און וועלוועלע שמחה׳ס, ער איז שוין געווען אַן אַנדער טיפּ איד, געווען שטענדיק אַ דעה־זאָגער און ליב געהאַט צו זאָגן אַ דעה אין

שטעטל, וואָס הייסט, ער איז דאָך דער אידישער „פריץ", ער איז דאָך אַ גרויסער גוט־באַזיצער, און זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן תקיף. שמחה פאַר־גאַמענט, דער סטאַרעסטע פון שטעטל. זיסל דער קצב, גבאי פון דער אַלטער שוהל.

די רבנים זיינען געווען: הרב הגאון ר' אליעזר שטראַשון זצ"ל, (פון דער משפחה פון גאון ר' שמואל שטראַשון פון ווילנע) ; הרב הגאון ר' אברהם משה וויטקין, הי"ד, מחבר פון די ספרים „תועפות ראם".

בוטרימאַנץ האָט געהאַט אירע אינסטיטוציעס — אַ פאָלקס־שולע, פאָלקס־באַנק, אַ ביבליאָטעק, ביקור־חולים, הכנסת־אורחים און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אויך מוז דערמאָנט ווערן די הצנע־לכתדיקע ארבעט פון מתן בסתר, פון פייגע גלאָטקאָוויץ, זי פלעגט אַרומגיין און צוזאַמענעמען געלט און עסנ־ווארג און דערנאָך דאָס פאַנאַנדערטראָגן צו די אַרעמע לייט פון שטעטל, אָדער צו געפאַלענע משפחות, און איבערהויפּט פאַר „הכנסת כלה".

אויך דאַרף דערמאָנט ווערן אַ יונגערמאַן, אַ יונגער ציוניסטישער טוער, יעקב צפנת, אָדער, ווי די יונגוואַרג האָבן אים גערופן „פוניער רב". אין דער צייט פון די דייטשע באַזעצונג פון ליטע אין 1918, האָט מען גע־נומען אויף צוואַנגס־ארבעט, אָבער רבנים זיינען געווען באַפרייט. און לעבן בוטרימאַנץ איז געווען אַ קליינער ישוב פון אידן, איז יעקב צפנת דאָרטן געוואָרן דער רב. אַזוי איז געבליבן זיין נאָמען „פוניער רב", אָבער צפנת האָט געהאַט אין זיך אַ גרויסן רעדנער טאַלאַנט, און ווען מען האָט געדאַרפט האַלטן אַ רעדע וועגן ציוניזם, פלעגט מען בעטן יעקב'ן און ער פלעגט גלייך נעמען זאָגן. אויך, ווען יונגע חברה פון שטעטל פלעגן וועלן פאַרברייענגען זייער צייט, איז צפנת געווען זייער פאַרוויילער, מיט זיינע דרשות.

דעם מקור חיונה האָבן די אידן געצויגן פון מסחר, קרעמערע, וואַלד־סוחרים, קאַראַבעלניקעס און האַנטווערקער.

דעם 22־טן יוני, 1941, ווען די רוסן זיינען באַפאַלן געוואָרן דורך די דייטשע מערדערס, האָט ניט לאַנג געדויערט און בוטרימאַנץ איז אריינגע־פאַלן צו די דייטשן.

גלייך האָבן זיך אָנגעפאַנגען די רויבערייען און מערדערייען אויף די אידן. געהאָלפן אין דעם, האָבן, די ליטווישע מערדער, די אונטערלעקער פון די דייטשע מערדער.

מען האָט גענומען די יונגע מענטשן אויף ארבעט אויף יונגע פּרויען. זיי האָבן געארבעט אונטער שוידערליכע באַדינגונגען. הרב וויטקינען האָט מען זייער געפּייניקט, מען האָט אים אונטערגעצונדן די באָרד און אַ ברע־נענדיקן, אים געטריבן איבערן שטעטל. זיינע באַגלייטער, די ליטווינער, האָבן געשריען: אזוי וועלן מיר טאָן מיט אלע „ראַבינאָס״ — רבנים. אויך ר׳ גרשון איז געפּייניקט געוואָרן (ווארשיינליך האָבן זיי געוואוסט, אז ער איז אויך אַ רב).

אידן פלעגן דערשאָסן ווערן און פאַרפּייניקט ווערן ביי דער ארבעט, און דאָס האָט אויך ניט לאנג אָנגעהאַלטן. אָנהויב סעפּטעמבער, 1941, איז גע־מאַכט געוואָרן אַ געטאָ. מ׳האָט די אידן פון שטעטל, אינאיינעם מיט די סטאָקלישקער אידן, צונויפגעטריבן אין די בתי מדרשים, זיי געפּייניקט דאָרט. די גויים האָבן געגראָבן גריבער צוויי קילאָמעטער פון שטעטל און דאָרט זיי אומגעבראַכט.

דער פּאָליציי־שעף האָט דעם דאָקטאָר פון שטעטל מיטגענומען מיט זיין פרוי, און זיי אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף, און דאָרטן זיי פאַרמויערט אין אַ הויז, וואו דעם דאָקטאָרס פרוי איז משוגע געוואָרן. דעם דאָקטאָר האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען.

בירז

דאָס שטעטל בירז האָט פאַרמאָגט דריי טויזנט אידישע נפשות בערך. נאָכן ערשטן קריג איז בירז געוואָרן אַ קרייז־שטאָט אין ליטע.

בירז ווערט שוין דערמאָנט אין דער געשיכטע פון ליטע אין 1415. די שטאָט האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע מיט איר קולטורעלן און עקאָנאָמישן לעבן אין ליטע. אין בירז פליסן דורך די טייכן אמלאנא און

אפאסטא. ארום שטעטל געפינען זיך פיר אינזלען. דאָס שטעל האָט אַ שם איבער ליטע מיט איר היסטאָרישן שלאָס, נאָך פון זעכצנטן יאָרהונדערט. וועגן דעמדאָזיקן שלאָס גייען אַרום פאַרשיידענע מעשות און לעגענדעס, ווי למשל, אַז נאַפּאָליאָן אליין איז געווען אין אָט־דעם שלאָס. אונטערן שלאָס געפינט זיך אַ הייל, וואו עס ליגט פאַרבאָרגן אַ גרויסער אוצר.

זייער גוט און פריינטליך אויפגענומען די אידן אין בירז האָט פּרינץ ראַדזיוויל און ער האָט זיי דאָרט איינגעאָרדנט עקאָנאָמיש און זיי באשיצט.

אומגעווייגליך און ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער פאַקט וואָס אין בירז זיינען געווען גאָר אַ גרויסע צאָל קאַטאָרינשטשיקעס, וואָס פלעגן ארומפאָרן מיט זייערע קאטערינקעס און פאַרשיידענע חיה׳לעך ווי ווע־ווערקעס, פּאָפּוגייען, ווייסע מייזעלעך, וואָס פלעגן באווייזן גרויס שכל ביים ארויסציען דאָס מזל־קוויטל. פון דער דאָזיקער פרנסה האָבן אַ סך אידן געצויגן גאַנץ פיין חיונה. ווען זיי פלעגן צוריק קומען אויף יום־טוב אַהיים צו זייערע משפחות האָבן זיי זיך געפירט ווי שיינע און גאַנץ חשובע בעלי־בתים, געזאָגט אַ דעה אין שול און אין קהל׳שע זאַכן און זיך אויפגעפירט בכבוד.

אין בירז זיינען אויך אַמאָל געווען קאַראַאימער צווי, צוויי געסלעך זיינען גערופן געוואָרן „קאַראַאימסקי״. האָבן געהאָט זייער אייגענעם בית־עולם און אַ שול. שפּעטער איז די שול אָפּגעקויפט געוואָרן פון אידן. זייער באַפעלקערונג שיטערער און שיטערער געוואָרן.

אַ שם גדול האָט בירז געהאַט מיט אירע גאוני הרבנים. ווי ר׳ שמעון און זיין אידעם ר׳ אשר ניסן, מחבר פון ספר „גן נעול״, דער פאָטער פון בירזער עלוי, מנחם נחום נתן (געשטאָרבן צו אכצן יאָר), וועגן אים ווערן דערציילט אויסטערלישע, ממש לעגענדאַרע זאַכן. דער בירזער עלוי האָט געקאָנט מיטן בליק איבערציילן וויפיל ציגל אין אַ וואַנט געפינט זיך און וויפיל בלעטער אויף אַ בוים געפינט זיך.

ר׳ ישראל סאַלאַנטער זצ״ל, איז אמאָל געקומען דעם עלוי פאַרהערן און דערנאָך האָט ער וועגן אים געזאָגט אַז דאָס איז איינער פון די חריפות׳־דיקסטע מוחות וואָס געפינט זיך ביי אידן. ער איז געשטאָרבן צו אכצען יאָר,

זיינען חידושי תורה זיינען געדרוקט אין זיין פאָטערס ספר „גן נעול". אויך אַ הספד וואָס זיין פאָטער האָט אויף אים געזאָגט.

צווישן די רבנים זיינען געווען הרב ר' פייוול סגל (געווען דיין), הרב ר' פנחס, און הרב ר' אליהו בער שור, שפּעטער רב אין אַניקסט. אויך איז געווען רב אין בירז ר' פנחס'עס אַן איידעם הרב ר' בנימין מאָושאַ, שפּעטער רב אין קרעקענאָווע וואו ער איז אומגעקומען דורך די דייטשן, ימ"ש. דער לעצטער רב איז געווען הרב ר' יהודה לייב בערנשטיין.

בירז האָט אויך געהאַט אַ ישיבה וואו עס האָבן געלערנט יונגע בחורים, די ראשי ישיבות זיינען געווען הרב ר' יהודה לייב בערנשטיין און הרב ר' בנימין מאָושאַ. שפּעטער האָבן זיי אלע געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה און זיינען געווען פון די בחירי הישיבה.

די מפורסמ'דיקע משפחה אין ליטע אָשרי, האָט אויך געשטאַמט פון בירז. זי האָט פון זיך ארויסגעגעבן גרויסע רבנים און אָנגעזעענע בעלי־בתים פון תורה וגדולה במקום אחד. אויך האָט בירז געהאַט בעלי־בתים לומדים און משכילים ווי ר' נטע דער שד"ר אויף סלאָבאָדקער ישיבה, (דער שווער פון בירזער רב, הרב בערנשטיין) וועלוול חענקין, אהרן יודע קרעמער, אליהו און זונדל וויך, משה לייב חייט, יצחק מינדעלעוויץ, יצחק מאס, שלום קריפסט, חדש, לייב פאסוועלעצקי און אנדערע.

בירזער אידישע אינסטיטוציעס: העברייאישע און אידישע פאָלק־שולעס, און „אָזע" אָפּטיילונג, לינת הצדק, פאָלקס־באַנק, מושב זקנים, אַ ביבליאָטעק און אַ רייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

בירז האָט אויך פאַרמאָגט חסידים און אַ חסידישע קלויז, וואו מען האָט געפּראַוועט חסידות על פּי נוסח חב"ד.

חיונה האָבן די בירזער אידן געצויגן פון קליין־מסחר, קרעמעריי און פארשיידענע מלאכות און אויך פון די צוויי גרויסע מילן, וואס זיינען דאָס אייגנטום פון פינף אידישע שותפים. פון די ארומיקע שטעטלעך ווי פּאַס־וואָל, פּאַקראָי, לינקאָווע, פּומפּיאַן, יאַנושקעל, אַבאַלניק, פּלעגן אידן קומען קויפן געבייטלטע מעל, אָדער מאָלן זייער אייגענע תבואות.

ווען די דייטשן זיינען אריין אין בירז איז דער ערשטער אידישער קרבן געווען דער רב פון שטאָט, ר׳ יהודה לייב בערנשטיין. די ליטווישע רוצחים האָבן דעם רב צוגערופן צום פענסטער פון זיין הויז און אויסגערופן: „דערפאַר וואָס מען האָט איבערגעגעבן אז מיר האָבן „אמאָל״ אויסגעשלאָגן די פענסטער פון בית־המדרש און מ׳האָט אונז באשטראָפט, דערפאַר צאָלן מיר דיר אָפּ״. דאָס זאָגנדיק האָבן זיי דעם רב מאָמענטאל דערשאָסן. פאַלנדיק האָט דער רב אויסגערופן צו זיין פרוי: „זעסט״, צוליב אַ מצווה בין איך זוכה צו קומען צו קבר ישראל.

מיט מסירת נפש האָבן אידן אים מקבר געווען אויפן בית־עולם.

דערנאָך האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע בלוטיקע בהלה ווי און־מעטום. מען האָט אומגעבראַכט די מענער, פרויען און קינדער לעבן שלאָס. דאָס שטעטל איז פון דער באָמבארדירונג פארוואנדלט געוואָרן אין שטויב.

אַזוי איז בירז אומגעקומען אין חורבן אונטער דער שווערד פון ווילדן אידן־שונא.

גאָרזד

גאָרזד איז געלעגן ביים פרייסישן גרענעץ, אז מען האָט גלייך פון שטעטל געזען די ראָגאַטקע, וואו ס׳איז געווען די דייטשע גרענעץ, פופצן קילאָמעטער פון מעמעל.

דער אידישער ישוב אין שטעטל האָט שוין געהאַט אַ טראַדיציע פון גזירת ת״ח, וואו ס׳ווערט דערציילט אַז אַהין איז אַנטלאָפן פון פוילן, פון במעלניצקיס פאָגראָמען, ר׳ בענדעט פאַטקאָווע. (וועגן אים ווערט אַ סך דער־ציילט אין משה מאַרקאָוויצעס ספר „שם הגדולים החדש השלישי) ער איז געווען דער פאָטער פון ר׳ שמואל החסיד, וואָס האָט געוואוינט אין ראַסיין, וואו ער האָט געלערנט צוזאַמען מיטן גאון און צדיק ר׳ משה, וואָס איז דערנאָך געווען רב אין טעלז, און מיטן גאון און צדיק ר׳ מרדכי, דערנאָך רב אין

פּאַקראָי. דאָרט האָבן זיי געלערנט בקדושה וטהרה. אין ראַסיין איז נאָך געשטאַנען די קלויז וואו זיי האָבן געלערנט. ר׳ שמואל דער חסיד איז שטאַרק באַליבט געווען ביים ווילנער גאון. דער גאון האָט אים גערופן דער זאַמוטער חסיד.

גאָרזד האָט פאַרמאָגט עלף הונדערט אידישע נפשות. געווען דאָרט אַ סך אָנגעזעענע באַלעבאַטים תלמידי־חכמים און יראים. מפרנס געווען האָבן זיי זיך בדוחק האנדלענדיק אין מעמעל און אויך איבערן דייטשן גרענעץ.

זייערע רבנים זיינען געווען ווי הרב הגאון ר׳ שבתי שפּירא דער זון פון ריגער רב הגאון ר׳ משה שפּירא ז״ל. און דער לעצטער רב הרב ר׳ מאיר לעווין, הי״ד.

געווען אין גאָרזד חוץ, נאַטירליך, שולן און בתי־מדרשים, אַ צאָל חדרים, אַ פּאָלקשולע, אַ תפארת בחורים, אַ פאָלקס־באַנק, לחם־עניים און ביקור־חולים וואָס פלעגן שטיצן אָרימע און אַ לינת־הצדק, אויך צוויי ביב־ליאָטעקן זיינען דאָרט געווען — אַ אידישע און אַ העברייאישע. אויך אַ צאָל ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

דעם 22־טן יוני, 1951, גלייך אינדערפרי זיינען אריין די דייטשן און אונטערגעצונדן דאָס שטעטל. מ׳האָט אַלע איינוואוינער ארויסגעטריבן אויפן מאַרק, אויסגעשטעלט די אידן באַזונדער און געשטעלט איבער זיי אַ שטאַרקע וואַך מיט מאשין־געווער. די אידן האָבן געמיינט אַז ס׳איז שוין געקומען זייער סוף, נאָר פון דאָווילן איז פלוצלונג אָנגעקומען אַ שליח און איבערגע־געבן אַז מען זאָל די עקזעקוציע דערוויל אָפּהאַלטן. מען האָט די אידן אריינ־געטריבן אין גאָרטן און זיי געהאַלטן דריי ביטערע טעג אין הונגער און אין דאָרשט.

דעם 24־טן יוני, האָט מען צונויפגענומען אַלע מענער און זיי אַוועק־געטריבן קיין לאַוואָלן און ביטאָג האָט מען זיי געפירט גרופּנווייז צו די גריבער לעבן די קאַזאַרמעס, זיי באַפוילן זיך אויסצוטאָן און נאַקעטערהייט האָט מען זיי געטריבן אין די גריבער, הרב לעווין האָט אויסגעשריען: „אידן, מיר גייען אויף קידוש השם, ווייל מיר זיינען אידן״.

די פרויען און קינדער האָט מען אַוועקגעשיקט קיין אַנעלישקע, און

דאָרט געמאַכט פאַר זיי אַן ארבעטס־לאַגער. מען האָט זיי אויך געצוואונגען טאַנצן אויף די קברים פון זייערע אייגענע. דריי חדשים שפּעטער, האָט מען זיי אומגעבראַכט אין אַנעלישקער וואַלד.

דראַביאַן

דראָביאַן, קרעטינגער קרייז, איז געלעגן פופצן וויאָרסט פון לעטישן גרענעץ, לערך זעכציק וויאָרסט פון ליבוי. לערך הונדערט און דרייסיק אידישע פאַמיליעס האָבן געוואוינט דאָרטן, עכטע זאַמוטער אידן. געווען דאָרטן לומדים און אמת׳ע יראי־שמים, יגיע־כפּים׳ניקער און דערנאָך געלערנט תורה. אַ סך פון זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשיידענע האַנדל איבער די גרענעצן און אויך מיט פיש־מסחר.

אירע רבנים זיינען געווען: הרב הגאון אלכסנדר און זיין איידעם הרב ר׳ ישראל איסר לעווין (דערנאָך רב אין אמעריקע), איר לעצטער רב איז געווען, הרב ר׳ איסר וויסבאָרד, הי״ד.

פון די טיפן אידן פון שטעטל האָבן זיך ארויסגעטיילט ר׳ שלמה משה לעווי, דער שוחט, אַן איד אַ גרויסער למדן און א גוואַלטיקער בעל־מדות.

דראָביאַנער אינסטיטוציעס: חדרים, אַ פאָלקשולע, אַ תפארת בחורים און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

באלד, אין אָנהויב קריג, איז דאָרביאַן באזעצט געוואָרן פון די דייטשע גזלנים און די פאַרניכטונג האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 29־טן יוני, 1941, האָבן זיי אויסגעשאָסן אַלע מענער. די פרויען און די קינדער האָבן זיי פאַר־שפּאַרט אין שול און זיי דאָרט געפּייניקט איבער צוויי חדשים.

אָנפאַנג סעפּטעמבער, 1941, האָט מען אָנגעהויבן פאַרניכטן די פרויען און קינדער. מען האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט אין דריי באזונדערע גרופּעס און זיי געפירט אין וואַלד, לעבן דאָרביאַן, און זיי אומגעבראַכט אויפן אכזריות׳דיקן אופן.

אין נאָוועמבער, 1944, ווען די רוסן האָבן באַפרייט דאָרביאַן, זיינען

די גריבער אויפגעגראָבן געוואָרן און מ'האָט דאָרטן געפונען העלצער און אייזנס, מיט וועלכע מען האָט דער'הרג'עט די פרויען און קינדער.

דווינסק*)

דווינסק איז געווען אַן עיר ואם בישראל, איינע פון די חשובסטע קהילות ביי אידן, מיט אַ אידישע באפעלקערונג פון לערך 30 טויזנט נפשות. זי איז געלעגן ביים טייך דווינע. אידן האָבן זיך דאָרט באזעצט אָנהויב ניינצנטן יאָרהונדערט. די שטאָט האָט זיך „צעטיילט" אויף חסידים און מתנגדים. פון די חסידישע רבנים, פון די ערשטע אין דווינסק זיינען געווען: הרב ר' אריה לייב האָמלער און הרב ר' יוסף לעווין.

דווינסק איז געווען בארימט אין דער ברייטער וועלט מיט אירע גרעסטע רבנים גאונים אין דער וועלט. און אויך מיט אירע בעלי בתים, ווי שאָצע הורוויץ, אַ איד אַ גרויסער גביר און אַ גרויסער בעל צדקה וואָס האָט אויסגעהאלטן אַ ישיבה פון זיין געלט, ווי מען האָט עס גערופן אין דווינסק, „שאָצע הורוויצעס ישיבה". און טאָמער מיינט איר, אז ער איז געווען בלויז איינער אזא אין דווינסק, האָט דער צווייטער גביר, וויטענבערג, אויך אויסגעהאַלטן אַ ישיבה אויף זיין חשבון און די אנדערע ישיבה האָט מען טאַקע גערופן: „וויטענבערגס ישיבה". אין די צוויי ישיבות אין דווינסק, וואו ס'האָבן געלערנט הונדערטער בחורים, ניט נאָר פון דווינסק, נאָר פון אלע שטעט און שטעטלעך ארום, איז פינאנציעל באזאָרגט געוואָרן פון די דערמאָנטע צוויי בעלי בתים פון שטאָט.

דווינסק האָט געשפרודלט מיט בעלי בתים לומדים און משכילים. צווישן די דווינסקער משכילים האָט זיך אַרויסגעזען דער דר. דוד שפירא (זיין טאָכטער איז געווען די באַקאַנטע שרה שפירא, וואָס האָט פאַרפאַסט

---

*) הגם דווינסק האָט געהערט נאָכן ערשטן וועלטקריג צו לעטלאנד דאָך איז זי אייננג־פאַרבונדן מיט ליטע.

דאָס ציון־ליד „אל טל ואל מטר"), דער שרייבער ראובן וועלער, מחבר פון בוך „גינת אגוזים"" און דער דראַמאַטורג דער מחבר פון דער דראַמע „עזרא" אָדער „שיבת ציון". די שטאָט האָט אויך פאַרמאָגט א סך אידישע אינסטיטוציעס און חברות.

דווינסק איז באַזונדערס געווען באַוואוסט דורך אירע וועלט־גאונים וואָס זיינען געווען פון די איינציקע, וואָס די וועלט האָט פאַרמאָגט. ווי הגאון רבי ראובן זצ"ל ווי מען האָט אים גערופן רבי ראוב'על'ע דינאַבורגער. — דווינסק האָט אַמאָל געהייסן דינאַבורג), הגאון רבי שמחה כהן זצ"ל, מחבר פון די ספרים „אור שמח" אויף רמב"ם און „משך חכמה" אויף חומש, וואו ער וואָרנט דעם דייטשן אידנטום, אַז עס וועט קומען אויף זיי איינער, וואָס וועט זיי אומברענגען. ער האָט פאַראויס געזאָגט דעם אָנקום פון היטלער'ן ימח שמו, נאָך מיט 15 יאָר צוריק, איידער ער איז נאָך געקומען צו דער מאַכט. ס'איז כדאי נאָכצוקוקן אין פרשה „בחוקותי" אין דער שטעל פון דער תוכחה, ווי ער שרייבט וועגן דעם.

רבי מאיר שמחה ז"ל, אויסער זיין גאונות איז ער געווען באַקאַנט פאַר אַ גרויסן חכם און פיקח.

דווינסקער אידן דערציילן הונדערטער ווערטער פון רבי מאיר שמחה ז"ל.

אין דעם ערשטן וועלט קריג איז רבי מאיר שמחה ניט אַוועקגעפאָרן פון דווינסק, און געבליבן מיט זיין עדה. די מערסטע אידן פון שטאָט זיינען אַנטלאָפן, ווייל אין דווינסק איז געווען אַ סכנה צו בלייבן, צוליב די פעסטונג וואָ די שטאָט האָט געהאַט, אַז מען וועט דאָרטן וואַרפן אַ סך באָמבעס. די בעלי בתים האָבן אים טאַקע געפרעגט פאַרוואָס דער רבי, פאַרלאָזט ניט די שטאָט אין אַזאַ צייט? — האָט רבי מאיר שמחה געענטפערט: יעדע באָמבע און קויל האָט אַן אַדרעס, דעריבער איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

און הגאון רבי יוסף ראָזין זצ"ל, דער ראָגאַטשאָווער גאון, ווי אלע האָבן אים גערופן אויפן נאָמען פון זיין געבורטסשטעטל. ניטאָ נאָך אַזא גאון, וואָס זאָל האָבן געגאָסן פון אַזויפיל פּאָפּולאַריטעט ווי דער ראָגאַטשאָווער

זצ״ל. ניט נאָר אין דווינסק (לעטלאַנד), ניט נאָר אין ליטע, פּוילן, נאָר אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פונם גאַנצן ערד קוגל, און ניט נאָר צווישן לומדישע אָדער אָרטאָדאָקסישע קרייזן, נאָר וואו נאָר ס׳האָט פאַרוואָגלט אַ אידיש פוס, וואו נאָר ס׳האָט געקלאַפּט אַ אידיש האַרץ, האָבן דערגרייכט די ליכטיקע תורה־שטראַלן פון דעם דאָזיקן גאון הגאונים *).

ער איז געווען אַ גאון ניט לויט זיין דור, אַ מענטש ניט נאָך זיין צייט, ער האָט געלעבט און געשאַפן צווישן אונז זיין גרויסן ספר „צפנת פענח״, אויפן רמב״ם.

עס איז דאָך אַן אַלטער כלל: יעדער איד האָט זיין חלק אין דער תורה, יעדער איד איז אַן אות אין דער תורה און איז דאָך דער גאון אַזוי, נאַטירליך, געווען צונויפגעוואַקסן מיט דעם לערנען, אַז מען האָט געזאָגט אויף אים: ווען מען וואָלט זיין פלייש געשניטן, וואָלט ניט געפלאָסן קיין פשוט רויט מענטשליך בלוט, נאָר רמב״מס, ירושלמי׳ס, תוספתא׳ס און מכילתות. און ווייל ער איז געווען צונויפגעבונדן מיט דער תורה, איז ער געווען במילא נפש אחת מיטן פאָלק. זיין נאָענטקייט צו יעדן אידן, צום למדן און צום סאַמע פשוטסטן, האָט גורם געווען די טיפסטע און אויפריכטיקסטע ליבע און דרך ארץ פון אלע שיכטן פון אידנטום.

ווי בקי ער איז געווען אין דער תורה, אַזוי פּאָפּולער געשעצט און גע־ליבט איז ער געווען אין דער וועלט.

עס איז דאָך ממש נישטאָ קיין איין זייטיק שטעגעלע, קיין איין פאַר־קנייטשט אָפּגעלייגט ווינקעלע אין דער גרויסער לומדישער ליטעראַטור, וואָס האָט נישט אויפגעלויכטן און אויפגעלעבט אונטער זיין שאַרפן „ראָ־גאַטשאַווערישן״ בליק.

צענדליקער טויזנטער תשובות זיינע, בלאָנקען אַרום אויף דער וועלט צווישן די טויזנטער „שואלים בדבר הלכה״.

— ווילט איר תכונה? — האָט איר עס ביים ראָגאַטשאָווער. קבלה? —

*) מיט געוויסע פאַקטן וואָס ווערן דאָ דערציילט, האָב איך זיך באַנוצט מיט הרב ח. בורשטיינס מאַטעריאַלן.

אויך ביי אים. אַנאַטאָמיע, רפואה. היינט אין לומדות, — אודאי און אודאי ביי אים.

ניט נאָר דער למדן, דער בעל הלכה נאָר אויך דער וויסנשאַפטלער, וועלכע עס האָט נאָר אָנגערירט די קליאמקע פון דעם דאָזיקן גאון, האָט דער־שפּירט ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל האָט זיך פאַר אים געעפנט. וועגן אַלץ אין דער וועלט האָט איר געקענט הערן זיין מיינונג. ווילט איר וויסן וואָס עס זאָגט דער רבי אָדער וואָס די תורה זאָגט — עס איז אין גרונט היינו־הך. — מכח דער טעאָריע וועגן דער אומטיילבירקייט פון די אַטאָמען, למשל, — קענט איר גלייך הערן אַ מיינונג פון אים.

ווען איך האָב דעם גאון זצ״ל, באַזוכט אין 1935, אין דווינסק, האָב איך געהערט ווי דר. שעפנער, אַ באַקאַנטער געלערנטער פון פוילן, האָט אים געפרעגט וועגן אטאָמען. — וואָס הייסט, — האָט דער גאון געזאָגט, עס איז וועגן דעם פאַראַן צוויי שיטות אין „מורה נבוכים״. אַזוי האַלטן די „מדברים״ (די דיאַלעקטיקער), עס איז אויך דאָ אַ תוספות אין זבחים, אַז אַ „חוט השערה״ קען מען אויך טיילן אויף צוויי חלקים. עס איז אויך אַ גמרא אין הוריות, בכלל איז עס א גרויסע שאלה צי עס איז פאַראַן אַ נקודה, אַ חלק שאינו מתחלק, און אַזוי ווייטער. האָט דער ראָגאַטשעווער גענומען וואַרפן ש״ס, רמב״ם, מכילתות, ספרא, ספרי. איר דאַרפט נאָר האַלטן קאָפּ און אָנשטריינגען זיך אויפצונעמען און צו געדענקען אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט.

— אז אַ קינד וואַקסט אונטער און עס ווערט גרויס, האָט ער אין זיך זיין פריערדיקן וואוקס מיט נאָך עטוואָס, אָבער עס איז אַ נייע מציאות פון אַ באַשטימטער גרויס, און וואָס — זאָגט מיר, — איז בכלל אַ צאָל? פינף צום ביישפּיל, איז פיר מיט איינע, אָדער עס איז פינף? — אהאַ — אודאי — עס איז אַ גרויסע שאלה, עס איז אַ נפקא מינה אַנטקעגן ציצית.

איר שטייט און גאַפט אויף דער שאַרפער חכמה און קלוגשאַפט, ער אָבער, דער גאון, וואונדערט זיך ניט, ביי אים איז אַלץ פשוט, אַלץ נאַטירלעך.

עס וואָלט געווען אַ חילול פאַרן כבוד פון גאון, אויב מען זאָל אים באַצייכענען מיטן טערמין בקי — אויב מען זאָל אפילו צולייגן די ווערטער

בעל פה, ניט קיין בקי נאָר אַ קינסטלער ממש, אַ פענאָמען און ניט אין איין דור, נאָר אין אַ סך דורות שפּעטער — ער איז געווען ש״ס. ש״ס בבלי מיט דעם קלענסטן פאַרוואָרפנסטן תוספות׳ל, ירושלמי, תוספתא, ספרא, ספרי, מכילתא ,רמב״ם, ראב״ד מיט נושאי כלים, רי״ף, ר׳ן, בעל המאור און מל־חמות, רא״ש, מרדכי, בה״ג, אזהרות, און נאָך און נאָך. הגם אַזאַ גאונישער בקי און חריף האָט ער ניט פאַרטראָגן, מען זאָל אים גלויבן אויפן וואָרט, בפרט, אז עס איז געגאַנגען מכוח עפּעס אַ מילתא דתמיה. ער האָט ליב געהאַט אַלץ צו ווייזן שווארץ אויף ווייס. אַ מיש געטאָן אַ בלעטל געגעבן אין אַ שטעל מיטן פינגער, אויפן געוואונטשענעם אָרט: „אָט אָ, איז עס!״.

יאָ, בלויז זיין פינגער איז געווען דער בקי, ער אליין איז געשטאַנען הימל העכער פאר בקיאות

עס זיינען פאַראַן אַלערליי בקיאים, צו אזא הויך אָבער, האָט קיינער אין אונזער דור, זיך ניט געקענט דערהויבן.

און זאָל טאַקע דערמאָנט ווערן אַן עפּיזאָד וואָס איך האָב אליין ביי־געוואוינט ווען איך בין געווען ביי אים. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אויף שבת. שבת־צונאכט, נאָך הבדלה, האָט חצקל דער שמש אריינגעטראָגן די פּאָסט וואָס עס איז אָנגעקומען: צוויי און צוואנציק בריוו מיט צען פּאָסט־קאַרטלעך פון דער גאנצער וועלט. דער ראָגאטשאָווער האָט יעדן בריוו א־ליין געעפנט און אויף יעדן האָט ער געמאכט זיין באמערקונג און זיי אַריינ־געלייגט אין וועסטל קעשענע אָדער אין שופלאָד, פון זיין טישל, און זיך געזעצט גלייך שרייבן פון זכרון תשובות צו די פרעגער. ער האָט אין די בריוו שוין ניט אריינגעקוקט און אויך ניט אין קיין ספר ווען די בריוו זיי־נען פאַרטיק געוואָרן, האָט ער געשריבן די אדרעסן איינער אליין, ניט קו־קונדיק אויפן קאָנווערט פון בריוו. די אַדרעסן האָט ער געדענקט, די נו־מערן פון די הייזער, די נעמען פון די גאסן. עס זיינען געווען אַ סך בריוו פון אמעריקע, און דאָס איבערלייענען אלע בריוו און דער ענטפער אויף זיי, האָט אינגאנצן געדויערט צוויי שעה מיט עלף מינוט.

וואָס פאַר אַ פענאָמען! — אַ מענטש וואָס האָט קיינמאָל קיין זאך ניט פארגעסן, האָט געטראָגן אין זיך שטיקער לעבן פון איבער זיבעציק יאָר,

מיט וויפיל צער האָט ער געמוזט טראָגן אין זיך די בלוטיקע איינדרוקן. אַ וועלט מיט אלע הימלען, שטעט, מענטשן, האָט דער ראַגאַטשאָווער גע־טראָגן מיט זיך.

אין משך פון איבער אַ יובל יאָרן, איז ער געשטאַנען אין צענטער פון עולם היהדות יעטווידע שאלה, סיי אַ דבר גדול, סיי אַ דבר קטן, הן אַ רבנישער ענין, הן אַ וועלטלעכער, אויב נאָר מען איז אין עטוואָס מסופק געוואָרן, האָט מען דאָס איבערגעליפערט צום ראגאַטשאָווער, און ער האָט אויף אלץ געפונען די געהעריקע תשובה.

זייט איר אַמאָל אריינגעקומען צו אים, האָט ער אייך גלייך דערמאָנט וויפיל מאָל און ווען איר זייט ביי אים געוועזן און ארום וועלכע ענינים דער שמועס האָט זיך דאַן געקייטלט. וויפיל שאלות איר האָט געשטעלט און אַלץ מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט, ווי פון אַ סטענאָגראַפישן באריכט.

זיין התמדה איז געווען אויסערגעוויינלעך. געלערנט יומם ולילה, קיינמאָל דעם ספר פון האַנט ניט ארויסגעלאָזן

הונדערטער מאָל ש״ס דורכגעלערנט צו פינף, צו זעקס ביז ניין הונ־דערט מאָל איבערגעחזרט און איז געבליבן אַן אייביק דורשטיקער.

טאָג און נאַכט האָט אָפּגעהילכט דער קול התורה. ניט קיין וואונדער וואָס ער איז אַ גאון געוואָרן. ניין — עס איז יאָ א וואונדער. וואָרום וואו נעמט מען דען אַזאַ חביבות התורה, אַזאַ דאָרשט, אַזאַ פארשטאנד, אזא זכרון, אַזאַ גאונות און אַזא התמדה אויב מען איז ניט קיין גאון ?

זיין עלוישער קאָפּ איז געווען אַן אייגנארטיקער. דאָרט וואו קיין ילוד אשה פון אונזערע דורות האָט ניט געהאַט קיין דריסת הרגל, האָט ער מיט זיין שאַרפן בליק אריינגעדרונגען.

— איך בין ניט קיין רב — פלעגט ער אָנווייזן אין פאַל, ווען דער ארומיקער, ניט באַקאַנטער עולם, פלעגט זיך וואונדערן אויף זיין געוואַגט־קייט צו לערנען פּשט אַנדערש ווי אָנגענומענע אויטאָריטעטן. — איך בין אַ „מלמד״ — איך לערן מיט זיך אליין. אַ רב טאָר ניט פסקענען אַנדערש, אַ מלמד אָבער, פּרוואוט לערנען דעם פּשט אזוי צו אזוי.

אין קורצע שטריכן, האָב איך פאָרגעשטעלט אָט דעם גאון הגאונים,

וואָס זיין אָרט איז געווען דווינסק. און טאַקע איז דווינסק געווען שטאָלץ מיט אירע וועלט גאונים. אידן פון דווינסק פלעגן זיך אָפּשטעלן קוקן ווי דער ראָגאַטשאָווער לויפט פון פלאַנעווען מניץ, אַהיים.

נאָך דער פטירה פון רבי מאיר שמחה זצ״ל, האָט דווינסק אויפגענומען פארן רב אויף זיין אָרט, דעם גאון רבי אלחנן כהן ז״ל, געווען פריער רב אין סומי, רוסלאַנד.

אָט אזוי האָט געלעבט דווינסק, און ווי איז אומגעקומען דווינסק, די עיר ואם בישראל, מיט אירע אידן?

אָט וואָס אַ דווינסקער פרוי האָט דערציילט אין דער „אַפריקאַנער אידישער צייטונג״, וועגן דעם אומקום פון דווינסק.

דעם 26־טן יוני, 1941, זיינען די דייטשן אריין אין דווינסק. דעם 29־טן יוני, 1941, האָבן אלע אידן פון גרויס ביז קליין געמוזט זיך צוזאמענקומען אויפן שטאָט פלאַץ און פון דאָרט האָט מען אלע מענער אוועקגעטריבן צו דער טורמע. דאָרטן האָט מען זיי אלעמען געהייסן מאכן „גימנאַסטישע איבונגען״, ווי שפּרינגען איינער אויף דעם אנדערן, און ווער עס האָט ניט באוויזן דורכצופירן די איבונגען גוט, איז מערדערליך געשלאָגן געוואָרן.

דאן האָט מען אויסגעקליבן אַ גרופּע מיידלעך אין עלטער פון 16 — 25 יאָר. זייער גורל איז געבליבן אומבאוואוסט. צווישן די לעבעדיקע האָט מען זיי מער ניט געזען.

צווישן די ארעסטירטע פרויען איז געווען פרוי דר. יאַקאָבזאָן. דער קאָמענדאנט פון תפיסה האָט פאָרגעלייגט איר צו באַפרייען, זי האָט זיך אָבער אנטזאגט כדי צו טיילן דעם גורל פון אירע אומגליקליכע ברידער און שוועסטער. די זעלבע נאכט איז זי דערשאָסן געוואָרן.

ווען די טורמע איז געוואָרן צו ענג, האָט מען פארשפּארט אידן אין די בתי מדרשים און פון דאָרטן האָט מען זיי גענומען צו פארניכטן. אלע מערדערליכע גרוילטאַטן זיינען באגאנגען געוואָרן פון די פאשיסטישע לאַטישן. די דייטשן זיינען נאָך דאַן געווען פאסיוו.

ביז דעם 12־ט יולי, 1941, זיינען דערשאָסן געוואָרן אלע אידן פון טורמע אויסער די פאכלייט. (צווישן די אומגעקומענע זיינען געווען הרב

כהן, דער זון פון דעם דערמאָנטן רב, רבי אלחנן כהן ז"ל, דעם ראַגאַטשאָ־ווערס רביצין, הרב אלתר פוקס ,הרב שעפטל ראָזענהאָלץ, רבי ליפּע, דעם רב"ס אָן אײדעם, דעם ראַגאַטשאָווערס טאָכטער, הרב רבי יהודה לייב פּלאַ־צינסקי און די רביצין, (רב פון די פּלעצער, א פאָרשטאָט פון דווינסק).

די לערערין קאַפּנגויז־ניישלאַס, איז געווען פאַרוואונדעט פון אַ קויל. אירע חברים לערער, האָבן איר געטראָגן פון שפּיטאָל צו דער תּפיסה און שפּעטערצו, צום פאַרניכטונגס פּלאַץ.

אין די ערשטע רציחות זײנען אויסגעהרגעט געוואָרן כמעט אלע לערער. קאַפּילאָוו, פּלעפּקע, ווישקין, גאַלין, טולבאָוויץ, און נאָך אנדערע. מען פלעגט אלעמען שיסן נאַקעטערהייט. דינה פולקין, דעם מיליטערישן דאָקטאָרס טאָכטער איז דערשאָסן געוואָרן פון איר פאָטערס בעסטן פריינט (אַ לאַטיש). זי האָט זיך געבעטן ביי אים, אז מען זאָל איר לאָזן גיין אַנגעטאָן, האָט ער איר אָנטזאָגט.

(אויך זײנען דערשאָסן געוואָרן די בחורים פון נאָוואָרעדאָקער ישיבה, וואָס איז געווען אין דווינסק אונטער דער הנהלה פון הרב ר' דוד בודניק).

דעם 23־טן יולי ביינאַכט, האָט מען אלעמען אָנגעפאנגען צו טרייבן אין געטאָ אריין. די געטאָ איז געווען אין די צובראָכענע קאַזאַרמעס פון אַר־טילערסקן פּאָלק. די קאַזאַרמעס זײנען געווען פול מיט פערדיש מיסט. נאָר די פאַרפּייניקטע אידן האָבן זיך געלייגט שלאָפן אויף דעם. אין עטליכע טעג ארום האָט מען געבראַכט אלע איבערגעבליבענע אידן פון טורמע, קיין פּרויען זײנען דאָרטן ניט געווען.

די ערשטע „אקציע" האָט זיך אָנגעפאַנגען אויף אַלטע לייט. דעם 12־טן אויגוסט, 1941, האָט מען ארויסגענומען די אידן וואָס האָבן ניט געארבעט. אין יענע טעג זײנען דערשאָסן געוואָרן, מינאַ אראָנס און איר מאַן דאַמעשעק, מיט זייער קינד. פאַמיליע ניטקין פון מיאַסניצקע 34. די קרבנות האָט מען געשלעפּט מיט געוואַלט. דער יאָמער פון די מענטשן איז געווען מוראדיק. די קרבנות האָבן אליין געמוזט אויסגראָבן זייערע גריבער.

הינטערן „קרעפּאָסט", האָט מען זיי דערשאָסן. אין אַ צווייטער „אקציע"

האָט מען געבראַכט אידן פון די שכנותדיקע שטעטלעך און מען האָט זיי אַלע־מען געזאָגט, אַז מען פירט זיי אריבער אין אַ צווייטער געטאָ.

מיט יעדן טראַנספּאָרט זיינען מיטגעגאַנגען אידישע דאָקטוירים. מיט דעם טראַנספּאָרט איז געווען דר. גורוויץ. ווען מען איז דורכגעגאַנגען די שטאָט, האָט אים אַ קריסטליכער פריינט געראַטעוועט. ווידער האָבן די אַלע גרוילטאַטן געטאָן די לעטן גופא.

דער אָנפירער פון די פאַרניכטונגען, איז געווען דער שטאָט־הויפּט בלוזמאַן, א ברודער פון אַ בעקער אין דווינסק.

דעם 25־טן אויגוסט, 1941, איז געווען אַ נייע אקציע. דאַן האָט מען דערהרגעט די פאָלגנדע דאָקטוירים: דר. בלאָך, מיט זיין פרוי, דר. כאַציאַנץ און דר. ליבמאַן. אלעמן האָט מען דערשאָסן אויפן אייזערנעם בריק לעבן „קרעפּאָסט" און זייערע קערפּערס אַריינגעוואָרפן אין דער דווינע.

די דייטשן האָבן אָנגעפאַנגען מאכן עקספּערימענטן. געווען אַ פאַל ווען מען האָט אריינגעלייגט אַ גראַנאַט אין אַ קראַנקער פרויס בעט און דער אידישער דאָקטאָר דאָנעמאַן, האָט געמוזט שרייבן דעם פּראָטאָקאָל, אז מען האָט דעם גראַנאַט אין בעט געפונען אין דער צייט, ווען ער האָט אליין געזען, אז די דייטשן האָבן דאָס געטאָן.

דעם 28־טן סעפּטעמבער, 1941, איז ווידער געווען אַן אקציע. מען האָט אוועקגעמאַכט מיט די ארבעטס־באַטאַליאָנען און דערשאָסן יענע, וועלכע האָבן געארבעט ביז דאַן.

עס זיינען דערהרג'עט געוואָרן קריל, פון פּאַפּיר געשעפט, מיט זיין גאַנצער פאמיליע, אידע סילין אין לעצטן מאָנאַט פון איר שוואַנגערשאַפט, מאַניע שאַפּיר און אנדערע.

דעם זעלבן חודש זיינען געווען נאָך אקציעס און זייער ווייניק אידן זיינען געבליבן לעבן. אַלע זיינען זיינען באַערדיקט געוואָרן אויף דער גריווע.

דעם 4־טן נאָוועמבער, 1941, האָט מען אָנגעהויבן אויססאָרטירן די, וועלכע ארבעטן ניט. און דאַן האָבן שוין געגומען בושוועז די דייטשן אליין.

פון 6־טן ביז דעם 8־טן נאָוועמבער, האָט מען פאַרנומען אַלע אידן וואָס ארבעטן ניט, אין אַ לאַסט אויטאָ צו פּאָהוליאַנקע.

דעם 9־טן, האָט מען אוועקגעפירט די פאמיליעס פון מענטשן, וואָס האָבן געארבעט. פון יענע טעג זיינען שוין מער קיין קינדער ניט געבליבן. מער ניט ווי קראנקע אין שפיטאָל, וועלכע זיינען נאָך געבליבן לעבן פון דער אקציע.

ביז דעם ערשטן מאי, 1942, זיינען נאָך געווען אַרום 350 אידן וואָס האָבן געארבעט אין פארשידענע פלעצער. יענעם טאָג זיינען אלע אוועק צו דער ארבעט ווי שטענדיק. ווען מען האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אר־בעט, האָט מען שוין קיינעם ניט געפונען אין געטאָ. אלע זיינען דערהרגעט געוואָרן פון די לעטישע באנדיטן. עופהלעך האָט מען געפונען הענגענדיק אויף פארקאנעס.

די לאטישן פלעגן זיך לערנען שיסן אויף אידישע קינדער, וועלכע זיי האָבן אויפגעהאַנגען.

אלץ האָט מען צעראבירט און די איבערגעבליבענע מענער, האָט מען געצוואונגען צו מקבר זיין די דערשאָסענע אויף איין אָרט (אייניקע אידן זיינען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט גיין צום שחיטה פלאַץ).

עס איז בלויז געלונגען צו באהאלטן עטליכע פרויען און זיי זיינען געבליבן לעבן. מיט דעם, האָט זיך געענדיקט דאָס קאַפּיטל פון דווינסקער געטאָ.

ווילקאמיר

ווילקאָמיר איז געווען פון די קרייז־שטעט פון ליטע נאָך פאַרן רו־סישן קייזער און צו איר האָבן געהערט זייער אַ סך שטעטלעך פון ארום און ווייט פון ווילקאָמיר. אידן, ווען זיי פלעגן דאַרפן ארויסנעמען אַ פּאַס־פּאָרט, אָדער זיך שטעלן צום פריזיוו אָדער צום געריכט, האָבן געמוזט אָנקומען צו ווילקאָמיר. פלעגן זיך טאַקע אידן שלעפּן מיט פור און וואָגן, אָדער צופוס, קיין ווילקאָמיר, איידער עס איז אויפגעבויט געוואָרן די באַן און די אויטאָס.

ווילקאָמיר האָט געציילט א באַפעלקערונג פון ארום 5000 אידישע נפשות.

ווילקאָמיר איז געווען פון די גאָר אלטע קהילות פון ליטע. דער פנקס פון איר חברה קדישא איז אַלט געווען איבער 300 יאָר. דער מקור חיונה פאַר די אידן איז געווען: גאַרבעריי, פעל אויסארבעטונג אין די גרויסע פעל פאַבריקן. זעליג קרוק איז געווען איינער פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן פון פעל. ס'זיינען געווען אַ סך גאַרבאַרניעס. חיים פרענקל פון שאַוועל, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע פאבריק פון פעל אויסאַרבעטונג אין ליטע, איז געווען פון ווילקאָמיר.

ווילקאָמירער רבנים זיינען געווען פון די גרעסטע גאונים ביי אידן ווי הגאון ר' רפאל כהן זצ"ל, מחבר פון ספר „תורת יקותיאל", (געווען דערנאָך רב אין האמבורג). מען האָט אים גערופן „ר' רפאל האמבורגער". געווען אויך רבנים אין ווילקאָמיר די גאונים ר' שלמה און ר' חיים וואָלאָזשינער דעם ווילנער גאונ'ס תלמידים. דער גאון ר' בנימין ראבינאָוויץ זצ"ל, מחבר פון ספר „משנת רב", און הגאון ר' שאול'קע זצ"ל, און דער גאון רבי לייב רובין זצ"ל, (אָדער ווי מען האָט אים גערופן ר' לייבעלע ווילקאָמירער) אַ גאון אין לערנען, און א גאון אין פשטות און עניוות. ווען איך בין געקומען נעמען סמיכה ביי ר' לייבן, האָב איך אים געטראָפן אין בית מדרש לעבן אויוון זיצן און לערנען. ער האָט געלערנט אפילו ווען ער האָט זיך אַ ווײַלע צו־געשפאַרט צו כאָפן אַ דרעמל, פאַרמאַטערט פון א שווערע עגונה־שאַלה וואָס מען האָט געפרעגט, אָדער אַ שאלת־הריאה. ער איז געווען אַ גרויסער מיקל אין שאלות מיט זיינע גרויסע איינפאלן און גאונות און אַ גרויסער פוסק. איבערהויפּט איז ווילקאָמיר געווען באקאנט ווי אַ שטאָט וואָס זיי האָבן געהאַט קבלות מיקל צו זיין אין שאלות. ווי די שאלה פון מכה־בדופן איז געווען כשר ווייל זיי האָבן געהאַט אַ פסק־דין פון שאגת ארי' זצ"ל, ווען ער איז דורכ־געפאָרן ווילקאָמיר. און נאָך אַנדערע שאלות וואָס אין ווילקאָמיר האָט מען געפסקנט להיתר. ר' לייב איז אויך געווען אַ וואונדערבארער רעדנער. זיינע דרשות פלעגן באַגייסטערן דעם עולם.

ר' לייבן האָט מען געקענט זען מיטן טלית אונטערן אָרעם, גיי־ענדיק פון בית מדרש אהיים און ווי ער רעדט איין אַ אידן קויפן דעם

וועגל האָלץ, ווייל עס איז ווערט. אָדער פאַר׳מסחר׳ן אַן אידן דאָס היי פאַר די בהמות, צו קויפן אַליין אַ וועגל היי.

ר׳ לייב איז געווען היימיש מיט יעדן אידן און דער עיקר מיט די אידן וואָס דאַוונען לעבן אויוון, אָדער אונטערן בימה. זיין גאַנצע אַרט ריידן מיט מענטשן איז געווען זייער עניוותדיק. ער האָט פאַרמאָגט גרויס פשטות און חכמה, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גאון פון דור הישן. זיינע איידעמס זיינען געווען: דער פאַנעוועזשער רב, הגאון ר׳ יוסף כהנמאן שליט״א, הגאון ר׳ אשר קלמן באַראַן הי״ד, ראש הישיבה אין פאַנעוועזש, הגאון ר׳ שרגא פייוול הורוויץ הי״ד, ראש הישיבה פון סלאָבאָדקער ישיבה. אויך ר׳ לייב׳ס רביצין, איז אומגעקומען צוזאמען מיט אירע טעכטער, די רביצינס פון הרב כהנמאַן, און הרב באַראַן, מיט אירע אייניקלעך אין פאַנעוועזש.

און דער לעצטער רב, הגאון ר׳ יוסף זוסמאַנאָוויץ הי״ד (אָדער ווי מען האָט אים גערופן: דער ירושלמי) דער מחבר פון די ספרים: „חלקו של יוסף״, „זרע חיים״, „תרועת מלך״, דער איידעם פון מיין רבין הגאון רבי משה מרדכי עפשטיין זצ״ל, רב און ראש־הישיבה פון סלאָבאָדקע, נאָכדעם רב און ראש־הישיבה אין חברון (ישראל).

ווילקאָמיר האָט געהאַט אַ טייל פון איר שטאָט וואָס מען האָט גערופן „אונטערן וואסער״ ווייל ער האָט זיך געפונען פון דער אנדערער זייט טייך. דאָרטן האָבן זיי אויך געהאַט אַ באַזונדערן רב מיט צוויי בתי מדרשים. דער לעצטער רב איז געווען הרב ר׳ חיים יעקב רעזניק, הי״ד.

פון די חשובע בעלי־בתים פון שטאָט זיינען געווען ר׳ ארעלע־שלמה׳ס, רבי אהרן קויפמאַן, אַ איד אַ גרויסער למדן. ער איז געווען דער פירער פון שטאָט, רבי ברוך ניסנס, איינער פון די גרעסטע לומדים פון שטאָט, ר׳ שלמה קויפמאַן, ר׳ ארעלעס אַ זון. רבי משה כהן, אַ גרויסער למדן, אַ תלמיד פון וואָלאָזשין, ווילקאָמירער משכילים אפילו, האָבן געקענט לערנען. למשל, דר. קאַצענעלנבאָגן, האָט געהאַט דעם טיטל פאָלקאָוניק, געווען דער דאָקטאָר פון ווילקאָמיר, גערשטיין דער אַפּטייקער, אין ווילקאָמיר האָט זיך געפונען אַ לענגערע צייט משה לייב ליליענבלום, וואָס האָט זיך אונטער־געשריבן: „לערער פון דער ישיבה אין ווילקאָמיר״, צוערשט איז ער

געווען אַ פרומער למדן, נאָכדעם האָט ער געפירט אַ קאַמף צו רעפאָרמירן געוויסע דינים פון שלחן ערוך, לסוף האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון ווילקאָמיר, אַגב, איז ער אויך געווען אַן איידעם פון ווילקאָמיר.

ווילקאָמיר האָט אויך געהאַט אַ ישיבה פון 200 יונגע ישיבה־בחורים, סיי פון ווילקאָמיר, סיי פון די ארומיקע שטעטלעך. די ראשי ישיבה זיינען אויך געווען געבאָרענע פון ווילקאָמיר, ווי הרב ר׳ משה גראַץ הי״ד, הרב ר׳ אלתר ברוידע, הי״ד, און הרב גאָרדאָן, הי״ד. פון דער ישיבה זיינען אַרויס אַ סך רבנים און שוחטים און בעלי־בתים לומדים.

ווילקאָמיר האָט געהאַט צוויי גימנאַזיעס אַ העברעאישע און אַ אידישע, אַ קראַנקן־הויז און אנדערע פיינע אידישע אינסטיטוציעס, אפילו די נעמען פון די גאַסן פון ווילקאָמיר, זיינען געווען פאַרבונדן מיט אידישקייט, ווי: „מצרים־גאַס" (פאַרוואָס מצרים־גאַס? — ווייל אויף דער גאַס האָבן זיך געפונען די ציגעלנעס וואו מען האָט געמאַכט ציגל, דאָס האָט דערמאָנט מצרים, וואו אידן האָבן געארבעט בחומר ובלבנים אין מצרים).

דעם 26־טן יולי, 1941, איז ווילקאָמיר פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן. עס האָבן זיך גלייך אָנגעפאַנגען די צרות און פייניקונגען אויף אידן און איבערהויפּט, אויף די אָנגעלאָפענע אידן אין ווילקאָמיר, פון קאָוונע, און פון אַנדערע שטעטלעך. מען האָט גענומען אידן אויף אַרבעט, אַ סך פון זיי פלעגן זיך שוין מער פון דער ארבעט ניט אומקערן, די יונגע פרויען זיינען פאַרגוואַלדיקט געוואָרן און דערנאָך האָט מען זיי אומגעבראַכט לעבן טייך.

אַזוי האָבן די אידן געלעבט אין טויט שרעק צוויי וואָכן צייט. דערנאָך האָט מען ארעסטירט דעם רב, הרב זוסמאַנאָוויץ און דעם דר. קאַרלינסקי און די אַדוואָקאַטן, די לערערס פון די גימנאַזיעס און די חשובע בעלי בתים. מיט איין וואָרט, אלע אינטעליגענטנע כוחות וואָס ווילקאָמיר האָט פאַרמאָגט. מען האָט זיך איבער זיי שטאַרק איזדעקעוועט מיט אלערליי בייזע פייניקונגען, וואָס די דייטשע מערדער, ימח שמם, האָבן אויסגעארבעט; זיי פלעגן אריינלאָזן דורכן מויל אַ גומענע קישקע מיט וואַסער ביז דער קערפּער פון קרבן איז צעשפּאָלטן געוואָרן, און נאָך שוידערליכקייטן. מען האָט פון זיי אָפּגעקליבן עטליכע הונדערט מענטשן — די גאַר געהויבענע

קעפּ פון שטאָט, צווישן זיי: הרב זוסמאַנאָוויץ, דר. קאַרלינסקי, הרב משה גראַץ, הרב אלתר ברוידע, הרב חיים יעקב רעזניק פון „אונטערן וואַסער", ר' וועלוול ברוידע, ר' יעקב זלמן גאָלדמאַן, דער שוחט, און די אנדערע שוחטים. מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין „פּיוואָינע", דאָס איז אַ קור־אָרט־וואַלד, און זיי דאָרטן אריינגעטריבן אין אַ שייער און דעם שייער אונטער־געצונדן. אלע זיינען פאַרברענט געוואָרן. דערנאָך האָט מען אַלע אידן ארויסגעטריבן פון זייערע הייזער, זיי האָבן אלע געמוזט זיך איינקוואַטירן אין געגנט פון „אונטער וואַסער". זייער האָב און גוטס האָט מען צו־גענומען, אלעמען צוזאַמענגעפּרעסט אזוי ווי הערינג, אין אַ פעסל. דאָ איז כדאי צו דערמאָנען די רבצין לאה זוסמאַנאָוויץ. זי איז ארומגעגאנגען און דערציילט א חלום: אז איר מאַן, הרב זוסמאַנאָוויץ, איז איר געקומען צו חלום און אָנגעזאָגט, אז אידן זאָלן מאכן אַ טאָג אזוי ווי יום כפּור, דאָס הייסט, פאַסטן און אלע זאָלן דאַווענען און בעטן ג־ט, וועט מען געראַטעוועט ווערן.

אין די אלע שטעטלעך ארום ווילקאָמיר ווי ווידישאָק, באַלניק, קאַ־וואַרסק, שירווינט, פּאַזעלווע, קורקעל, און אנדערע שטעטלעך, האָט מען גענומען א טייל אידן פון די שטעטלעך און געפירט קיין ווילקאָמיר, גע־וואָרפן אין וועגענער אָדער אויטאָס, די אלטע קראַנקע, קליינע קינדערלעך, זויג־קינדער, צוזאַמען מיט זייערע מוטערס און פאַמיליעס, און אלעמען אָפּגעפירט צו ווילקאָמיר.

דריי קילאָמעטער פון ווילקאָמיר איז פאַראַן דער קור־אָרט־וואַלד „פּיוואָניע", אין דעם וואַלד האָבן די נאַציס באַשטימט צו מאַכן אַ ברודער־קבר פאַר די אַלע אידן פון ווילקאָמירער קרייז. שפּעטער האָט מען אויך אהין געבראַכט די ווילקאָמירער אידן, פריער די מענער נאָכדעם די פרויען און קליינע קינדערלעך. און האַלב לעבעדיקע זיינען זיי אומגעקומען אויף קידוש השם. און די רוצחים האָבן זיך נאָך ניט באַרואיקט און האָבן אויך געשענדעט דעם בית־עולם: ארויסגעריסן די מצבות, און „אויסגעגלייכט" די קרקע פון דעם אָרט וואו עס רוען די הייליקע נשמות, זינט הונדערטער יאָרן. יהי זכרם ברוך.

ווילקאָווישק

ווילקאָווישק איז געווען פון די קרייז שטעט פון ליטע. פאר דער ערשטער מלחמה האָט זי געהערט צו סואוואלקער קרייז (ווילקאָווישק איז פופצן קילאָמעטער פון דייטשן גרענעץ, און האָט פארמאָגט אַ אידישע באַפעלקערונג פון לערך פיר טויזנט נפשות).

עס איז אַ היסטאָרישער פאקט, אז נאפּאָליאָן האָט זיך, אויף זיין מארשרוט קיין רוסלאנד געלאגערט אין ווילקאָווישק. עס איז אפילו פאַראן אין נויאָרקער מוזיי א בריוו פון נאפּאָליאָנען צו זיין פרוי, געשריבן אין ווילקאָווישק. ווען די ווילקאָווישקער אידן האָבן אים אויפגענומען, האָט ער פאַר זיי גערעדט און זיי דערציילט, אז אין יאָר 1798, אין זיין מארש איבער דער וועלט, האָט ער געהאַט בדעה איינצונעמען ארץ־ישראל און אויפשטעלן דאָרט א אידישע קעניגרייך. ארום ווילקאָווישק איז פאראן אַ זכר פון די נאפּאָליאָנישע מלחמות — אַ רעשטל פון אַ בית־עולם מיט פראנצויזישע קברים.

ווילקאָווישק איז געווען פון די אַריסטאָקראטישע שטעט פון ליטע. אין איר זיינען געווען צוזאַמענגעפלאָכטן תורה און השכלה. זי האָט זיך געפונען נאָענט ביים גרענעץ פון דייטשלאנד. און ווען ס׳האָבן גענומען בלאָזן די ווינטן פון דער השכלה, איז עס צו איר געקומען פריער ווי אין אנדערע שטעט און שטעטלעך. דער פאַרקער פון די ווילקאָווישקער איינוואוינער מיט דער ברייטער וועלט איז געווען אַן ענגער, ווייל זיי פלעגן שטענדיק קענען אריבערפאָרן מיט אַ פּאַסיר־שיין דעם גרענעץ און קומען אין באַרירונג מיט דער וועלט. דאָס האָט געלייגט אַ חותם אויפן שטעטל פון מערער אינטעליגענץ ווי אנדערע שטעטלעך פון ליטע.

דעריבער האָט טאַקע ווילקאָווישק פאַרמאָגט בעלי בתים לומדים און משכילים, ווי משהלע השכל, אַ איד אַ למדן און אַ גרויסער שפּראַכן־קענער; ר׳ יחזקאל יאפע, ר׳ ליפא יאפו, הרב מ. גראַדזוענסקי, אברהם מאַקאָווסקי, ר׳ יעקב ראָזענהאָלץ, ר׳ שלמה קאַפּצעווסקי, מרדכי גאַרמאַיזע, אברהם

אָרענבערג, בענדעט ראבינאָוויץ, וויצעבירגערמייסטער פון ווילקאָווישק; יעקב כמילעווסקי, צבי כמילעווסקי און אַנדערע.

אירע רבנים זיינען געווען ווי: הגאון רבי אליעזר לאנדא זצ״ל, הגאון ר׳ יעקב דוד זצ״ל, מחבר פון רידב״ז אויף ירושלמי, און הגאון ר׳ הירש מיפית זצ״ל און דער לעצטער רב, הרב ר׳ אליהו גרין, הי״ד.

די דיינים זיינען געווען: הרב ר׳ אלחנן ז״ל (אָדער ווי מען האָט אים גערופן ר׳ אלחנן דער פרוש, אַ גרויסער למדן און צדיק, און דער דיין בערל קאַמאיקע ז״ל, דער פאָטער פון לעאָן קאַמאיקע, רעדאַקטאָר פון אַמאָ־ליקן „טאָגעבלאַט״ אין ניו יאָרק, און דער לעצטער דיין, הרב ר׳ אברהם פיל־טינאָוו הי״ד, פריער געווען רב אין וויסטינעץ.

פון די אידישע טיפּן, וואָס יעדע שטעטל האָט פאַרמאָגט, איז אויך געווען אין ווילקאָווישק, יאָסל ראבינאָוויץ, אַ זעלטענער טיפּ מענטש, שטענ־דיק פאַרנומען מיט מתן־בסתר, העלפן אָרימע, קראַנקע און ליידנדע. פאַר־נומען אין דעם איז ער געווען דעם גאַנצן טאָג און דאָס איז געווען כמעט זיין גאַנצע באַשעפטיקונג. ער איז ניט געווען פאַרהייראַט און האָט ניט גע־האָט קיין אנדער יאָך ווי צו באַזאָרגן די אומגליקליכע מענטשן. געטאָן האָט ער זיין ארבעט זייער שטיל און באַשיידן. אויך דער ווילקאָווישקער געטאָ האָט ער זיך פאַרנומען מיט העלפן די אַלטע און קראַנקע מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. אַזוי האָט ער זיך געפירט ביז זיין לעצטן אָטעמצוג.

ווילקאָווישקער אידן האָבן געצויגן זייער מקור חיונה אַנדערש ווי אין אַנדערע שטעטלעך.

בערשטעריי איז געווען אַ הויפּט־פאַך אין ווילקאָווישק. עס האָבן דער־ביי געאַרבעט הונדערטער מענטשן. די הויפּט־ פאַבריצירער זיינען געווען: אבא סאָבאָלעוויץ, ראָזין און ווינדזבערג. אין ווילקאָווישק האָבן זיך שוין אין יענע יאָרן אָרגאַניזירט ארבעטער אין אַ פאַך־פאַראיין.

ווילקאָווישק האָט פאַרמאָגט פאַבריקן פון טאַבאַק און אויך אַן אייזן־גיסעריי. אויך זיינען געווען סוחרים און קליין־סוחרים, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט דער אנדערער זייט פון גרענעץ, דאָס הייסט, זיי פלעגן עקס־פּאָרטירן סחורה קיין דייטשלאַנד.

ווילקאָווישק האָט פאַרמאָגט פיינע אינסטיטוציעס, ווי דער מושב־זקנים, ביקור חולים, משכיל אל דל, אַ העברעאישע גימנאַזיע, אַ פאַך־שולע, אַ ביבליאָטעק און אנדערע. אויך אַ חודש־בלאַט איז ארויסגעגאַנגען אין ווילקאָווישק אין יאָר 1934, רעדאַגירט פון א. פיליפּאָווסקי.

זונטיק דעם 22־טן יולי, 1941, פינף אזייגער אינדערפרי, זיינען די אידן אין ווילקאָווישק אויפגעוועקט געוואָרן פון זייער שלאָף פון דעם פייער פון הארמאַטן, מיט וועלכע די דייטשן האָבן באַשאָסן די שטאָט פון שטאלופּין און גאָמבינען, די שטעטלעך פון דער אָסט־פּרייסישער גרענעץ. די אידן זיינען דאַן געלאָפן פון שטעטל און 8 אזייגער האָבן שוין די דייטשן פארנומען ווילקאָווישק, ווייל דער רוסישער ווידערשטאַנד איז געווען זייער אַ שוואכער. ווי נאָר די דייטשן זיינען אַריין אין שטעטל האָבן זיי אונטער־געצונדן די אידישע הייזער צוזאַמען מיט דער אלטער שול, וואָס איז שוין געווען ארום פיר הונדערט יאָר אַלט, און די אַנדערע שולן און אנדערע אנשטאַלטן. אזוי זיינען אָפּגעברענט געוואָרן אין משך פון זונטיקדיקן טאָג, אלע אידישע הייזער, און מאָנטיק, ווען די אידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין שטעטל, האָבן זיי שוין געפונען בלויז אַש און רויך. זיי האָבן זיך אלע איינגעפּאַקט אין די עטלעכע פארבליבענע הייזער, אין דער פאַבריק גע־ביידע פון אבא סאָבאָלעוויץ און אין שפּייכלערס. די דייטשן האָבן גלייך אָנגעפאַנגען צו טרייבן די מענער אויף ארבעט. קומענדיק צוריק פון דער ארבעט מאָנטיק 12 אזייגער ביינאַכט, זיינען געגאַנגען די ליטווישע מער־דער מיט שטעקנס און גומענע נאַגייקעס און יעדערער האָט געמוזט דורכ־גיין דורך זיי. ווען יאָסל ציכער האָט זיך געשטעלט אנטקעגן און געגעבן דעם ליטווישן מערדער אַ פּאַטש פאַר שלאָגן אים, איז ער גלייך אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. ביז די אלע אומגליקליכע האָבן אונטער די אומשטענדן זיך אַרויפגעדראפּעט צום פערטן שטאָק, זיינען זיי געווען צעקיילט און צעביילט.

דאַן איז געוואָרן אַ באַפעל אָלץ אוועקצוגעבן: זייגערס, געלט, מעסערלעך, רימענס, שלייקעס און אלע מכשירים. קיין זאַך ניט לאָזן ביי זיך. 5 אזייגער אינדערפרי האָבן די מערדער געהייסן די אידן זיך אויס־שטעלן צו פיר אין אַ רייע. אַלע האָבן געמיינט, אז מען פירט שוין שיסן.

דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט געגעבן אַ באַפעל מען זאָל זיי צונעמען צוריק צו דער ארבעט.

פון דאָרטן האָט מען די מענער אריבערגעפירט צו די קאַזאַרמעס און מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אז מען גרייט זיך מאַכן אַ געטאָ פאר די מענער, ווייל די דייטשן האָבן כלומרש מורא פאר די אידישע מענער זיי זאָלן ניט מאַכן קיין אויפשטאַנד קעגן זיי. מען האָט זיי דאָרטן געהאַלטן פערצן טעג. עס איז אויסגעפאַלן שבת, האָט מען גענומען די מענער צו גראָבן גריבער אַרום די קאַזאַרמעס. מען האָט די אידן געזאָגט, אז מען מאַכט די גריבער ארייננצוליגן טאַנקען פאר בענזין. זיי האָבן באַפוילן מען זאָל מאַכן די גריבער אביסל קיילעכדיק. אַלץ איז געווען צו פאַרבלענדן און אָפּנאַרן.

מאָנטיק, ד׳ אב, תש״א, האָט מען גענומען הונדערט מיט עלף מענטשן צו דער ארבעט און זיבן הונדערט מיט אכציק אידן האָבן די מערדער ארויס־געפירט אין דעם טאָג און דערשאָסן אין די צוגעגרייטע גריבער. צווישן די אומגעקומענע איז אויך געווען דער דיין הרב אברהם פּילטינאָוו, און דער כלומרש׳דיקער „יודען־ראַט״; חיים האָפּמאַן, יעקב ראָזענהאָלץ, בענדעט ראבינאָוויץ, מאָטל זימאַנסקי. אויך האָט מען דאַן געבראַכט די אַרעסטירטע אידן צווישן זיי, קליינשטיין דעם לערער, אַדוואָקאַט ניצעוויץ, גראָדזענסקי און נאָך אנדערע, און זיי דערשאָסן צוזאַמען מיט די אויבנדערמאָנטע.

אין די קאַזאַרמעס האָט מען דערנאָך געבראַכט די פרויען און קינדער און זיי געזאָגט, אַז יעצט וועט שוין זיין אַ „געטאָ״. דער אידישער פאָרשטייער איז געווען ישראל זילבער.

דעם צווייטן טאָג ראש השנה אין מיטן דאַווענען האָט מען ארומגע־רינגלט די „געטאָ״. אויף מאָרגן צום־גדליה, האָט מען אומגעבראַכט די פרויען און די קינדער מיט אַן אכזריותדיקן טויט, איבערהויפּט די קינדער־לעך, וואָס נאָכן אומברענגען זיי האָבן זיך וואָכן לאַנג געוואַלגערט אויפן פלאַץ אָפּגעבראָכענע הענטלעך, פיסלעך און זייערע צובראָכענע גלידער.

ארום הונדער אידן האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען און צווישן זיי אויך אליעזר לפּידות, דער עד־ראיה וואָס האָט אלץ דורכגעמאַכט און געזען, האָט דאָס מיר דערציילט. ער געפינט זיך אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

וויזשון

וויזשון איז געווען פון די קלענערע אידישע שטעטלעך פון ליטע, אוטיאנער־קרייז, און האָט געהאַט אַ אידישע באפעלקערונג פון 100 פאמיליעס.

וויזשונער שול, איבער א פאָר הונדערט יאָהר אלט, איז בארימט געווען מיט איר פרעכטיקן ארון קודש. אויך האָט די שול געהאט א באַזונדער שטיבל, מיטן נאָמען „אליהו׳ס שטוב״, ווייל דאָרט פלעגט מען מלזיין די קינדער.

אַ זכר פון אַמאָל איז דאָרט אויך געווען אין פאָליש פון שול, אַן אייזערנע קייט — אן איבערבלייב פון אַ מין קונע, וואו מען פלעגט משפט׳ן פארזינדיקטע.

וויזשון איז געווען אַן אָרים שטעטל און האָט זיך מפרנס געווען ווי דורך נסים. איר גייסטיק לעבן האָט זי אָבער געפירט ווי די גרעסערע שטעטלעך.

וויזשון האָט פארמאָגט אייניקע פון די גרעסערע רבנים ביי אידן ווי: דער גאון רבי אליעזר דון יחיא זצ״ל, מחבר פון ספר „אבן שתיה״, דערנאָך איז ער געווען רב אין לוצען (לעטלאַנד). ער איז באקאַנט געווען אין דער וועלט אלס רבי לייזער לוצענער. אויפן נאָמען פון זיין לעצטער רבנות אין לוצען. אויסער וואָס רבי לייזער איז געווען אַ גאון אין לערנען, האָט ער געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסן גבור. מען דערציילט, אז ער פלעגט נעמען אַן אַמאָליקע רוסישע פינף־קאָפּיקע שטיק און איר איבערברעכן אויף דער העלפט מיט צוויי פינגער. ער האָט געשטאַמט פון די באוואוסטע פאמיליעס פון שפּאַניע, פון תורה וגדולה במקום אחד, און דערפאר האָט ער טאַקע נאָך געטראָגן דעם פאמיליע־נאָמען „דון יחיא״. דער באוואוסטער שרייבער און געלערנטער, דון יחיא פון ישראל, איז זיינער אַן אייניקל. שפּעטער איז דאָרט געווען רב זיין זון הגאון ר׳ חיים זצ״ל, און דערנאָך הרב הגאון ר׳ מאיר אליהו ווײַנער זצ״ל, געווען רב אין יעדוואבנע און הרב הגאון כ״ץ זצ״ל, דער איידעם פון פריערדיקן רב הרב דון יחיא. דער לעצטער רב איז געווען הרב הגאון ר׳

זלמן מעלצער הי״ד. די אידן פון ווישון האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעצטן גראָשן צו האָבן ביי זיך אַ רב.

אויך די בעלי בתים פון שטעטל זיינען געווען לומדים און משכילים, ווי דער פירער פון שטעטל, בערע מענדע שמיד, אַ משכיל און דער אַריסטאָקראַט פון שטעטל; רבי אליעזר זילבער, דער קאַזיאָנער רב, ר׳ לייבציק קרעטשמאַר, ר׳ לייבציק לייעס, חנא יודע און רבי אליהו פינקלשטיין — פון פאַך אַ שוסטער, נאָר האָט זיך גענומען מיט אַן אומגעוויינליכער התמדה צום לערנען און רבי אליהו דער שוסטער האָט דערגרייכט אזא הויכע מדרגה אין לערנען, אז ער האָט געקראָגן סמיכה אויף רבנות.

דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פון חסידים און מתנגדים און יעדערער האָט געהאַט זיין אייגענעם בית־מדרש צום דאווענען. די חסידים פלעגן רופן זייער בית־מדרש „דער חסידישער מנין״. דאָס שטעטל האָט אויך געהאַט פאַרשיידענע חברות ווי גמילות חסד, לינת הצדק און אַנד.

אין דער געשיכטע פון קידוש השם און מארטירערטום פון פאַריקן יאָרהונדערט, פאַרנעמט דאָס שטעטל ווישון אַ באַזונדער אָרט צוליבן בלבול.

אין ווישון האָט געלעבט אַן איד אַ משומד, וואָס האָט געזוכט פאַרשיידענע תחבולות צו נוקם זיין אין אידן. האָט ער צוגעקלערט אַ פּלאַן ווי צו מאַכן אויף אידן אַ בלבול. ער איז אַוועק אין קלויסטער, ארויסגע־גנב׳עט א גאָלדענעם צלם און חול המועד סוכות האָט ער זיך אריינגע׳גנב׳עט אין גרויסן בית המדרש און באַהאַלטן דעם צלם, אינאיינעם מיט ערבות, אונטערן ארון קודש. דערנאָך איז ער אוועק צום קאַטוילישן גלח און אים דערציילט, אז אידן פאַרשוועכן דעם צלם, אום הושענא רבה, דערמיט וואָס זיי קלאַפּן אים מיט די הושענות און טרעטן אויף אים מיט די פיס. דער גלח האָט אויפגעהויבן אַ טומל צווישן די קריסטן און זיך באַראַטן מיט זיי וואָס צו טאָן מיט די אידן וואָס פאַרשוועכן די קריסטליכע הייליקייטן.

הושענא רבה אינדערפרי, בעת די אידן זיינען געשטאַנען און גע־זאָגט הושענא׳ס מיט די ערבות אין זייערע הענט, האָבן זיך סאָלדאַטן מיט דער באַגלייטונג פון גלח, אריינגעריסן אין בית מדרש און נאָך זיי דער־

משומד און אָנגעהויבן זוכן דעם צלם און אים געפונען אויפן אָרט וואו דער משומד האָט אים אַוועקגעלייגט. די פלוצלונגדיקע בהלה האָט אַלעמען איבערגעשראָקן, די אידן האָבן זיך פאַרלאָרן און נישט געקאָנט ארויס־ברענגען אַ וואָרט פון מויל. ווען דער גלח האָט זיי געפרעגט, ווי אזוי עס קומט דער צלם אין בית מדרש.

אַ שטרענגע וואַך איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביים בית־מדרש, קיינער זאָל נישט קאָנען ארויס פון דאָרט און די גויים פון שטעטל האָבן זיך אוועק־געלאָזט ראבירן אידיש האָב און גוטס. דאָס בית מדרש איז צושטערט גע־וואָרן און די ספרי־תורה׳ס האָבן זיי פאַרברענט. זייער צאָרן האָט זיך אַלץ נישט געשטילט. זיי האָבן געוואָלט אויסהרג׳ענען אלע אידן פון שטעטל, די מאַכט האָט זיי אָבער נישט דערלאָזט. דער גלח האָט קוים גע׳פועלט מען זאָל דעם רב און די חשובע בעלי בתים שמידן אין קייטן און אַרעסטירן.

די אידן פון וויזשון האָבן זיך געווענדעט צו אלע קהילות ארום, מען זאָל זיי ראַטעווען פון טויט. לעבן וויזשון האָט געלעבט אַ זיבעציק־יאָריקער איד אַ צדיק און אַ תמים, ר׳ נטע מאַן, האָט ער גענומען אויף זיך ער זאָל זיין דער קרבן־צבור, ד. ה. אַן אויסלייזער מיט זיין לעבן פאַר דער גאַנצער עדה.

ר׳ נטע מאַן איז אַוועקגעפאָרן אין ווילנע און אריין צו איינעם פון די ווילנער רבנים און אים געפרעגט די שאלה, אויב ער, ר׳ נטע מאַן, וועט נעמען אויף זיך און זאָגן, אַז ער האָט דעם „צלם" גע׳גנב׳עט, צי וועט ער ביט הייסן קיין מאבד עצמו לדעת.

דער רב האָט אויסגעהערט ר׳ נטע׳ס שאלה און אים געהייסן קומען שפּעטער, ווייל ער מוז עס גוט דורכטראַכטן. ווען ר׳ נטע מאַן איז שפּעטער געקומען האָט דער רב געזען זיין אַנטשלאָסנקייט צו נעמען אויף זיך די שולד, האָט אים דער רב געענטפערט: „ר׳ נטע ווי איר וועט טאָן, אזוי וועט גוט זיין". נטע מאַן איז גלייך אַוועקגעפאָרן צוריק אין שטעטל און זיך געמאָלדן צו דער פּאָליציי, אַז ער האָט דאָס אונטערגעלייגט דעם „צלם". מען האָט אים גלייך אַרעסטירט און די פריערדיקע אַרעסטירטע האָט מען באַפרייט. דער משפּט איז פאָרגעקומען אין ווילנע, וואו מען האָט אים פאַראורטיילט צו פאַרברענען עפנטליך. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון

דער פאַרברענונג, דאָס איז געווען שבעה עשר בתמוז, האָבן זיך צו־זאמענגעקליבן אַ סך מענטשן בייצוזיין ביי דער עקזעקוציע און צווישן דעם המון זיינען אויך געווען אַ סך גלחים. ווען מען האָט דעם קדוש נטע געבראַכט פון טורמע צום פאַרברענען, האָט מען אים געזאָגט, אַז מען וועט אים שענקען דאָס לעבן אויב ער וועט זיך שמד'ן. ווי ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער אויסגעשריען ש מ ע י ש ר א ל! און אַריינגעשפּרונגען אין פייער.

אין ווילנע פלעגט מען אַלעמאָל שמיני עצרת מאַכן אַ הזכרה נאָך דעם קדוש נטע מאַן ז"ל, און אין וויזשון האָט מען געמאַכט נאָך אים אַ הזכרה צוויי מאָל אין יאָר: איין מאָל שבעה־עשר בתמוז און אַ צווייטן מאָל שמיני עצרת.

מען האָט שפּעטער דערציילט, אַז דער משומד גופא, האָט באַקומען זיין פאַרדינטן פּסק. ער איז קראַנק געוואָרן אויף אַזא מחלה, וואָס מען האָט נישט געוואוסט קיין נאָמען פאַר איר און מען האָט נישט געקאָנט צוטרעטן צו אים, צוליבן עיפּוש. ס'איז אויך געווען אַן אַנשטעקנדיקע קראַנקייט, פלעגט מען אים דערלאַנגען עסן אויף שטעקנס, פונדערווייטנס. פון דער דאָזיקער קראַנקייט, האָט ער נאָך שווערע יסורים, אויסגעהויכט זיין הינטישע נשמה. וועגן קדוש נטע מאַן איז אויספירלעך געשריבן גע־וואָרן אין דעמאָלסטיקן „המליץ"; ליידער האָב איך ניט דעם „המליץ" אַנצוגעבן די דאַטעס און מער איינצלהייטן. אָבער דער עצם פאַקט ווייזט שוין די תמימותדיקייט און איבערגעגעבנקייט פון אונזערע אַמאָליקע פּשוטע „העלדן" וואָס דאַרפן תמיד דערמאָנט און פאַרהייליקט ווערן. צווישן די זעקס מיליאָן אידן וואָס אונזער פאָלק האָט פאַרלאָרן, האָבן זיך געפונען די גרעסטע גאונים און צדיקים און אויך פּשוטע האַרציקע תמימותדיקע גייסטיקע גבורים און קדושים, וואָס וועלן לעבן אייביק אין זכרון פון פאָלק.

די געשיכטע האָב איך דאָ איבערגעגעבן ווי מיין חשובער פריינט, ר' שמואל סילבער, פון מאָנטרעאל, האָט זי מיר דערציילט. ער אַליין האָט דאָס געהערט אין זיין געבורטשטעטל וויזשון. ער האָט געזען די דאָקומענטן אין ר' שמואל שטראַסונס ביבליאָטעק, אין ווילנע. (זע „צללי אורות").

דעם 27־טן יולי, 1941, האָבן די דייטשן באַזעצט ווידזשון. די ליטווישע מערדער זיינען גלייך געגאַנגען און אויפגעשריבן אויף יעדער אידישער הויז „יודע", כדי די דייטשע מערדער זאָלן וויסן וואו צו גיין, אָן זוכענישן. עס האָבן זיך גלייך אָנגעפאַנגען די פּייניקונגען, מאָרדן, רויבערייען און פאַרגוואַלדיקונגען.

דעם 28־טן יולי, האָט מען צוזאַמענגענומען אַ גרופּע יונגעלייט און זיי אָוועקגעטריבן צופוס צו דער אַרבעט קיין אוטיאַן, פון וואַנען זיי האָבן זיך שוין מער ניט צוריקגעקערט. אַזוי פלעגט מען נעמען יעדן טאָג צו דער אַרבעט, ניט נאָר מענער נאָר אויך פרויען. שפּעטער איז געקומען אַ באַפעל פון דייטשן קאָמענדאַנט פון אוטיאַן, אַז די אידן זאָלן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, גיין אין וואַלד אַריין און קיין זאַך ניט מיטנעמען. אויף מאָרגן זיינען אַלע אידן, מענער, פרויען און קינדער, אַלטע און קראַנקע און שוואַכע אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע הייזער און געיאָגט געוואָרן אין וואַלד אַריין, אונטער'ן נאַקעטן הימל. עס האָט אָנגעהויבן רעגענען און עס האָט אויסגעזען ווי אויף די אידישע צרות און פּיין האָט אַפילו דער הימל מיטגעוויינט. מען איז דורכ־געווייקט געוואָרן פון רעגן. עס איז ניט געווען מיט וואָס אַפילו צוצודעקן די קליינע קינדערלעך און קראַנקע.

אין ווידזשון איז אַרום שול, געמאַכט געוואָרן אַ געטאָ. אין יאָר 1941, פאַר יום כפור, האָט מען באַפוילן די אידן פאַרלאָזן די געטאָ און באַרוועס און נאַקעט האָט מען זיי געטריבן אַכט קילאָמעטער הינטערן שטאָט צום הויף וואו עס האָט אַמאָל געוואוינט דער אַמאָליקער רוסישער גובערנאַטאָר ווערי־אַווקין, דאָרט זיינען אויך געווען אַווזשפּאַלער, דאַבייקער און שוויאַ־דישטשער אידן און אַלע אינאיינעם אומגעבראַכט.

די כלומרשטדיקע ערליכע קריסטן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן וואַכן לאַנג ניט געקענט שלאָפן פון די געשרייען פון די פרויען און קליינע קינדערלעך. קיינעם פון די „רחמנותדיקע" קריסטן איז אָבער ניט איינגעפאַלן צו ראַטעווען אַ אידיש קינד.

װאַרנע

װאַרנע טעלזער קרײַז, האָט פאַרמאָגט אַ אידישע באַפעלקערונג פון לערך הונדערט פאַמיליעס.

געהאַט זײער שײנע בעלי בתים און לומדים װי: רבי נחום ליפע חנניא, אַ איד אַ למדן און אַ צדיק און אַ גרױסער קנאי ער האָט געהאַלטן אַ ישיבה אין שטעטל. געלערנט מיט די בחורים און אויך זײ באַזאָרגט מיט „טעג" ביי די בעלי בתים פון שטעטל, וואו די בחורים זאָלן האָבן וואָס צום עסן.

אויך געשאפן אין שטעטל חברות און תקנות,און אליין געלעבט ווי אַן אָרעמאַן, געפאסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און אַ גאנץ עשרת ימי תשובה.

פון די שײנע בעלי בתים פון שטעטעל זיינען געװען ר׳ ארציק און ר׳ משה׳ל דעם רב׳ס, ישראל גאָלאָמבע, אָדער װי מען האָט אים גערופן, ישראל איצעס. אויך דאַרף דערמאָנט װערן אַזאַ איד װי יאָשע דער שוסטער, א איד א בעל מלאכה, איז געווען דער רבי פון „חברה משניות" און געלערנט בין מנחה למעריב אלע טאָג פאַר אידן.

די רבנים זיינען געוועזן: הגאון ר׳ בנימין, והגאון ר׳ יהושע העשל מלמד, הגאון ר׳ יוסף בלאָך זצ"ל, (שפּעטער רב און ראש הישיבה אין טעלז), הרב הגאון רבי לוי שפּיץ הי"ד, שפּעטער רב אין טאַװריק, הרב יעקב ראַבינאָוויץ און זיין אײדעם דער לעצטער רב, הרב ר׳ אבא שור, הי"ד.

װאַרנע איז געװען באַקאַנט מיט איר טורמע פאַר פּאָליטישע פאַר־זינדיקטע ביי די ליטווישע רעגירונג, אפילו דער געוועזענער פּרעזידענט פון ליטע, אַנטאָנאַס סמעטאָנאַ, איז דאָרט געזעסן.

דעם 24־טן יוני, 1941, זיינען די דייטשן אריין אין װאַרנע. עס האָבן זיך אָנגעהױבן די ליידן פאַר אידן. מען האָט פון זיי אַלץ צוגענומען און באלד דערשאָסן די מענער און אין עטליכע וואָכן שפּעטער, די קינדער און פרויען. דעם רב פון שטעטל האָט מען זייער שטאַרק געפּייניקט, ער האָט געמוזט טאַנצן און זינגען פאַר זיי, ביז וואַנען ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

זאגער

דאָס שטעטל זאגער איז צעטיילט געווען דורכן טייך סווענטע און אַ בריק האָט זיי פאַראייניקט אַלט־זאַגער און ניי־זאַגער. דאָס שטעטל האָט זיך געפונען זיבעציק קילאָמעטער פון שאוול און קיין באַן האָט זי נישט געהאַט. איר אידישע באפעלקערונג האָט באַטראָפן לערך צוועלף הונדערט אידישע פאַמיליעס.

זאגער איז מפורסם געווען אין דער וועלט ווי אַ שטאָט פון תורה. ניט נאָר אידן אין ליטע און מזרח־פוילן, צווישן וועלכע עס האָבן גע׳שמט די חכמי זאגער, האָבן געהאַט אַ ספעציעלע באַציאונג, אַ באזונ־דער דרך ארץ פאַר דעם שטעטל זאגער. זאַגער האָט גע׳שמט איבער דער גאנצער וועלט, מיט אירע חכמים, מיט אירע לומדי תורה און מיט איר וועלטליכער אינטעליגענץ. זאגער איז געווען די שטאָט פון דעם ספר, די שטאָט פון תנ״ך.

פון זאגער קומען ארויס אַזעלכע גאונים ווי דער גרויסער אויטאָרי־טעט און גרינדער פון דער מוסר באוועגונג, רבי ישראל סאַלאַנטער זצ״ל. דער גרויסער גאון און צדיק וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלטיקע השפעה מיט זיין דרך המוסר. רבי אליהו לידער זצ״ל, און אנדערע גדולי התורה.

אגב האָבן אויך אָפגעשטאמט פון זאַגער די בעלי השכלה, פראָפעסאָר מרדכי מאַנדלשטאַט, ארי׳ לייב מאַנדלשטאַט (האָט איבערזעצט חומש און תהילים אין רוסיש), דער שרייבער יעקב דינענזאָן איז אַ געבאָרענער אין זאגער. ה. זאַקס און אליעזר אַטלאס (געווען אַ איידעם אין זאגער), האָבן גע־לייגט דעם חותם פון השכלה אין זאגער, און אַנדערע.

אפילו אַמעריקע האָט באקומען איינעם פון אירע גרעסטע שטאָס־מענע אין אונזער צייט פון זאגער, ניט אלע ווייסן, אז סידני הילמאַן, דער פאַרשטאָרבענער אַמעריקאַנער אַרבעטער פירער און שטאַטסמאַן, דער וויכ־טיקער בעל יועץ פון פרענקלין דעלאנא רוזוועלט, האָט געשטאַמט פון זאַגער. אין זאגער פלעגט מען דערציילן מעשיות וועגן דעם זאגערער בחורל,

וואָס האָט געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה און איז דערנאָך אוועק קיין אמעריקע און געמאכט אין דעם גאָלדענעם לאנד, ממש אַ לעגענדארע קאַ־ראיערע. און אמעריקאנער אידן וויסן, אז די דאָזיקע אויסטערלישע גע־שיכטעס, וואָס זאגערער בטלנים פלעגן זיך דערציילן בין השמשות, בין מנחה למעריב, וועגן דעם גרויסן סידני הילמאן, זיינען ניט געווען אינגאנצן איבערגעטריבן.

אויף זיין געביט, אויפן געביט פון ארבעטער פּאָליטיק, איז סידני הילמאן אפשר געווען די וויכטיקסטע פערזענליכקייט אין דער געשיכטע פון אמעריקע. אידן אין זאגער האָבן, פּארשטייט זיך, געהערט וועגן דעם לעגענדארן וואוקס פון זייער לאנדסמאן וואָס איז אלס יונגער בחורל אוועק קיין אמעריקע און דאָרט נתעלה געוואָרן צו א בעל יועץ פונם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אויסגעשפּונען אַ קראַנץ וואונדערגעשיכ־טעס וועגן אים, וועגן זיין גרויסן פּארנעם.

און הילמאן איז ניט געווען דער איינציקער זאגערער וואָס איז מפור־סם געוואָרן אויף דער וועלט.

אין זאגער האָבן אָנגעהאַלטן זייערע רבנות הגאון ר׳ דוב בער בה״ר יהודה זצ״ל, מחבר פון ספר „רביד הזהב״, הגאון ר׳ יעקב יוסף חריף, זצ״ל, (דערנאָך רב הכולל אין ניו־יאָרק), הרב הגאון ר׳ יהודה לייב ריף זצ״ל, הרב הגאון ר׳ בן־ציון פעלדמאן זצ״ל, הרב הגאון ר׳ ישראל ריף הי״ד, און זיין זון הרב ר׳ יצחק ריף, הי״ד.

אין ניי־זאגער האָט געגרינדעט די ישיבה, הגאון ר׳ יעקב יוסף, זצ״ל. די ישיבה איז באריםט געווען אין ליטע.

אַלט־זאגער האָט פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה פאַרמאָגט אַ גרויסע ישיבה. איר ראש הישיבה, הרב ר׳ בנציון פעלדמאן (אָדער ווי מען האָט אים גערופן ר׳ בעצנל זאגערער), דער צווייטער ראש הישיבה איז געווען הרב ר׳ דניאל זאַקס, דערנאָך געווען רב אין ראַדווילישאָק.

די מערסטע בעלי בתים פון זאַגער זיינען געווען תלמידי חכמים און משכילים. אויך האָט זאגער פאַרמאָגט אינסטיטוציעס ווי, אַ פאָלקס־באַנק, מושב זקנים, תלמוד תורה, פאָלקסשולע, ביקור חולים און אנדערע.

אין דער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע פון ליטע, איז זאַגער אויך געווען מער באַקאַנט פון אַלע אַנדערע ליטוויש־אידישע שטעטלעך. טרויעריק באַרימט געוואָרן איז עס דערמיט וואָס דאָרטן האָבן די דייטשע רוצחים געמאַכט אַ געטאָ, אין וועלכער עס זיינען צונויפגעטריבן געוואָרן די אידן פון די ארומיקע שטעטלעך ווי, זיימעל, קרוק, יאַנישאָק און אַנדערע. אפילו שאוולער אידן האָט מען אויך געוואָלט אריינטרייבן קיין זאַגער און מען האָט שוין געפירט אהין דעם מושב זקנים. על פי נס איז שאוול געבליבן אַ געטאָ פאַר זיך גופא.

אכט טויזנט אידן האָט מען געהאַלטן פאַר שקלאַפן ארבעטער אין דעם לאַגער. די שווערסטע, די אומדערטרעגליכסטע ארבעט האָט מען אויף זיי ארויפגעלייגט און אַ סך זיינען ביי דער עבודת פרך אומגעקומען.

אָבער, דאָס איז פאַר די נאַצי־רוצחים ניט גענוג געווען. זיי האָבן באַשלאָסן זיך צו איזדעקעווען איבער די אידן, זיי אָנטאָן גייסטיקע יסורים, אַחוץ די פיזישע פייניקונגען אזוי דערגיין די יאָרן, אז עס זאָל זיי פאַרמיאוסט ווערן דאָס לעבן.

דאָס שרעקליכסטע פון דעם אלעם איז געווען די עינויים און באַליי־דיקונגען וואָס זיי האָבן פאַרשאַפט דעם זאַגער רב, הרב רבי ישראל ריף, השם ינקום דמו.

זאַגערער אידן געדענקען די שיינע פּאַטריאַכאַלישע געשטאַלט פון דעם דאָזיקן תלמיד חכם און אויסערגעוויינליך גרויסן בעל מידות.

הרב ר' ישראל ריף, הי"ד, איז געווען אומגעוויינלעך באַליבט און שטאַרק געאַכטעט פון די זאַגערער אידן.

דער דאָזיקר גאון וצדיק, איז געווען פון די גרויסע רבנים וואָס ליטע האָט פאַרמאָגט. בלויז אַ פּאָר ביאָגראַפישע דאַטעס איז כדאי צו דערמאָנען:

געבוירן אין יאָר תרל"א, אין פּרען, ביי זיין פאָטער הגאון רבי יהודה לייב ז"ל, רב אין זאַגער. ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון הגאון ר' רפאל שפּיראָ זצ"ל, רב און ראש הישיבה פון וואָלאָזשין, געווען רב אין קורשאַן און דערנאָך אין זאַגער.

גרויס איז געווען זיין אהבת ישראל, זיין גרויס איבערגעבנקייט צו אידן.

איינמאָל האָבן די נאַציס ארויסגעגעבן אַ גזר, אַז יעדערער וואָס גייט פאַרביי דעם רב, זאָל אים שפייען אין פנים אריין.

אידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן און אייניקע פון זיי זיינען דערפאַר דערשאָסן געוואָרן.

ווען הרב ר׳ ישראל ריף האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט ער גלייך געלאָזט וויסן אַז ער האַלט עס פאַר אַן עבירה, פאַר איבוד עצמו לדעת, ווען אַ איד לאָזט זיך שיסן פון די רוצחים דערפאַר וואָס ער וויל אים ניט אָנטאָן קיין בזיונות.

„אויב דאָס קאָן ראטעווען אַ איד, האָט הרב ריף געלאָזט וויסן, אויב מיין פאַרשעמונג פאַרלענגערט אַ אידן דאָס לעבן, בין איך גרייט, אז מען זאָל עס טאָן, וויל איך, אז מען זאָל עס טאָן״.

יאָ, גרויס און אימהדיק זיינען געווען די יסורים פון די אכט טויזנט אידן אין דעם שקלאַפן־לאַגער פון זאגער.

ערב יום כפור, תש״ב, פאַרנאַכט, האָבן די רוצחים ארויסגעפירט פון לאַגער אלע אידן, מיט דעם רב בראש, און אויך זיין זון, הרב יצחק ריף, רב אין אלט־זאגער, און זיי געפירט צום שיסן אויף קידוש השם.

די אלע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין דעם שטאָט פּאַרק וואָס מען האָט אַמאָל גערופן נאַריסקיס פּאַרק.

די זאגערער אידן זיינען געגאַנגען צו קידוש השם מיט דעם געזאַנג פון די קדושים פון גלות ספרד. אין דעם געזאַנג פון כל נדרי איז זיכער געקומען צום אויסדרוק די אידישע נצחיות, די פאַרבונדנקייט פון אידישע קדושים און טהורים פון אלע דורות.

טעלז

טעלז איז געווען די הויפט־שטאָט פון זשאמעטיא, און ווי מען דער־ציילט, איז איר גרינדער געווען דזושגאסטעל, אויף זיין נאָמען רופט זיך דער בארג „דזשוגענער".

טעלזער אינסטיטוציעס זיינען געווען: אַ קראנקן־הויז, אַזע אָפּטיילונג, פאָלקס־באנק און אַ ריי ציוניסטישע ארגאניזאציעס.

טעלז איז בארימט געווען אין דער אידישער וועלט מיט איר גרוי־סער ישיבה, וואו עס האָבן געלערנט בחורים פון דער גאנצער וועלט און די ישיבה, און ממילא אויך די גאַנצע שטאָט, איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ תורה פעסטונג.

די טעלזער ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן דורך הגאון ר' אליעזר גאָרדאָן זצ"ל, וועלכער איז אויך געווען רב און ראש ישיבה אין טעלז, ער איז אויך דער מחבר פון ספר „תשובות ר' אליעזר" און איז געווען פריער רב אין קעלם.

די טעלזער ראשי ישיבות זיינען געווען: הגאון ר' שמעון יהודה הכהן שקאָפּ זצ"ל, הגאון ר' יוסף לייב בלאָך זצ"ל, אַן איידעם פון ר' אליעזר גאָרדאָן, הגאון ר' חיים ראבינאָוויץ זצ"ל.

די לעצטע ראשי ישיבות וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, זיינען געווען: הרב ר' אברהם יצחק בלאָך זצ"ל, רב און ראש הישיבה, הרב ר' עזריאל ראבינאָוויץ, דער זון פון הגאון ר' חיים ראבינאָוויץ, הרב ר' זלמן בלאָך הי"ד, דער מנהל רוחני פון דער ישיבה, און הרב ר' משה אָלשוואַנג, משגיח פון דער ישיבה.

טעלז האָט אויך געהאַט א כולל פון גדולי ישראל, וואָס זיינען גע־בליבן לערנען אויך נאָך דער חתונה. אויך אַ ישיבה קטנה פון הונדערט און פופציק בחורימלעך, אונטער דער אָנפירערשאפט פון הרב אבנר אָקלאנ־סקי און הרב אפרים פנחס העלפאנט. און א יבנה גימנאזיע פאַר מיידלעך. אין טעלז איז אויך געווען א לערער־סעמינאַר, וואָס האָט אַרויסגעגעבן שטרענג

רעליגיעזע לערער. אויך איז דאָרט ארויסגעגאנגען אַ העברעאישע וואָכנ־בלאַט „הנאמן״

די טעלזער בעלי בתים זיינען געווען אידן לומדים, און גרויסע חשובים ווי הרב חיים העלפאנט, ר׳ לייב גערצאָוויץ, ר׳ אברהם קרעניץ און אַ צאָל אנדערע מענטשן.

אמשוידערליכסטן איז געווען דער חורבן פון אידישן טעלז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן סוף פון דער ישיבה. דער כלל איז: וואָס גרע־סער דער כוח הקדושה, אַלץ גרעסער איז דאָרט דער כח הטומאה, און ווייל טעלז איז טאַקע געווען דער צענטער פון תורה, פון חכמה ודעת, מחשבה ורעיון, איז זי דערפאַר אזוי שוידערלעך געשענדעט געוואָרן, ביז זי האָט אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה.

אין אָנהויב 1940, איז די ישיבה ליקווידירט געוואָרן דורך די רוסן, די תלמידים זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן אין די ארומיקע שטעטלעך, אָבער דאָס לערנען איז ווייטער אָנגעגאנגען בסוד.

ווען די דייטשע רוצחים זיינען אריין אין טעלז, האָבן די ליטווי־שע פאַשיסטן גלייך געוואָלט נושא חן זיין ביי זייערע בעלי בתים, און איידער די דייטשן האָבן נאָך באוויזן איינצושטעלן זייער „סיסטעם״, האָבן שוין די ליטווינער געמאָרדעט און ראבירט די אידישע באפעלקערונג.

פרייטיק, ערב קבלת שבת, האָבן די ליטווינער, אָנגעפירט פון די געשטאפּאָ־לייט, ארויסגעטריבן די אידן פון זייערע הייזער, און צוזאַמען מיטן רב און ראשי הישיבות, קינד און אלט, זיי געפירט אַראָפּ צו דער אָזשערע, וואו אַלע האָבן זיך גערעכט אויף אַ זיכערן טויט.

אָבער ניט אַזוי גיך האָבן די רוצחים זיך אָפּגע׳פטרט מיט זייערע קרבנות. צוערשט האָבן זיי זיך געדאַרפט אַביסל פאַרוויילן, אָפּטאָן די בעס־טיאלישסטע מעשים, וואָס עס איז גאָר אוממעגלעך צו באשרייבן, און ערשט דערנאָך האָט מען די קדושים דערלויבט אויסצוהויכן זייערע נשמות.

דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט געלאָזט וויסן דעם רב, אז די פרויען מיט די קליינע קינדער קאָנען זיך אומקערן אַהיים, און אַלע מענער וועלן אָוועקגעפירט ווערן אין אַן ארבעטס־לאַגער. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן

די יללה וואָס האָט דאַן אויסגעבראָכן צווישן די אומגליקליכע. מיט גרויס אכזריות זיינען די פאַמיליעס אָפּגעריסן געוואָרן און די מענער האָט מען פאַרשלעפּט אין רייַנער וואַלד אריין, הינטער דער שטאָט.

אָבער איידער די אומגליקליכע פרויען און קינדערלעך האָבן באַוויזן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זייער לאַגע, האָט מען צומאָרגנס ווידער ארויסגעטריבן פון די הייזער און זיי אָוועקגעשלעפּט אין וואַלד אריין, וואו עס האָבן זיך געפונען זייערע מענער, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער אַ באַזונדערער וואַך. דער צער איז נאָך גרעסער געווען, ווען זיי האָבן פונדערווייטנס צוגעזען ווי מען מאַטערט זיי מיט כלערליי עינויים, און נישט צוגעלאָזט איינע צו די אנדערע.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַכט טעג, אַ סך זיינען אין דער קורצער צייט אומגעקומען, אנדערע האָבן די מערדער אומגעבראכט, און די איבעריקע האָט מען דערוויַיל אָפּגעלאָזט.

י״ט תמוז, תש״א, האָט מען צוזאַמענגעשלעפּט הונדערטער יונגע לייט, כלומרשט אויף ארבעט, אָבער אין דער אמתן האָט מען זיי אויסגעמאָרדעט ביז איינעם.

צומאָרגנס, כ׳ תמוז, האָט מען ווידער צונויפגעקליבן עטלעכע הונדערט אידן, צווישן זיי אויך דעם רב און ראשי ישיבה לייט, און זיי צוגעשלעפּט צו אַן אָרט וואו עס זיינען שוין געווען צוגעגרייט פאַר זיי אויסגעגראָבענע קברים.

אָבער ווי שוין געזאָגט, האָבן די רוצחים נישט אַזוי גיך „צוליב״ געטאָן זייערע קרבנות, און זיי דערלויבט אַ גרינגן אָדער גיכן טויט צוערשט האָט מען געמאַכט „רעפּעטיציעס״, אַ מין פאַרשפּיל, וואָס האָט געדאַרפט אָנזעטיקן די רוצחישע תאוה, און ערשט דערנאָך, ווען דער קרבן איז שוין געווען אויסגעמאַטערט צום טויט, האָט מען מיט אים געטאָן דעם „חסד״ און אים באַפרייט פון זיינעליידן.

אַזוי איז פאָרגעקומען יענע נאַכט, די לעצטע נאכט, איידער מען האָט די קרבנות דערהרגעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגיע פון די שוידערלעכסטע מעשים תעתועים. קריכן אויף אלע פיר, לעקן די ערד, קינדער זאָלן

שלאָגן די עלטערן, דערנאָך האָבן זיי געדאַרפט טאַנצן שעה״ן לאַנג, אזוי אַז א סך זיינען געפאַלן בשעתן טאַנץ, דערנאָך האָט מען געצוואונגען, אַז איינער זאָל שלאָגן דעם אנדערן ביז בלוט, און אז זיי זיינען שוין געווען טויט אויסגעמאַטערט, האָט מען זיי אויסגעטאָן און זיי געפירט צו די קברים.

אין דער נייער אידישער געשיכטע וואָס וועט באשריבן ווערן דאָס בלוטיקסטע קאַפּיטל פון אונזער צייט, וועט זיכער אַריינגיין דער רושמ׳דיקער פאקט פון יצחק בלאָך, ווי ער האָט געהאַלטן א מערקווירדיקע רעדע ערב זיין דערשיסונג, פאר די פאַרמשפּטע קרבנות פון טעלז. אין דערדאָזיקער רעדע דריקט זיך אויס דער אימפּעטיקער פּאַטאָס דורך וועלכן עס רעדט דער שאַרפסטער פּיין און ווייטיק פון אַ גאַנץ אומגעבראַכט פאָלק, וואָס מאָנט און וועט אויפמאָנען די גערעכטע נקמה.

וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי דער מאַסן עקזעקוציע, לאָזט זיך גאַר־נישט באשרייבן. לעבעדיקע און האַלב לעבעדיקע האָט מען געוואָרפן אין די גריבער און געצוואונגען איינער דעם אנדערן צו פאַרשיטן. עדות האָבן דערציילט, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָט מען נאָך געהערט די געשרייען פון די קברים „שמע ישראל!״

דער מיליטערישער דאָקטאָר פון טעלז מיקולסקאַס, געשפּילט אמאָל די ראָלע פון אַ גאַנצן אידן פריינט, גערעדט גוט אידיש, גע׳חבר׳ט זיך מיט אידן, אַפילו זיין אויסזען מיט זיין באָרד — אָט דער פאַרמאַסקירטער אינטעליגענטנער כוליגאַן,— האָט אָרגאַניזירט און דורכגעפירט דעם בלו־טיקן חורבן פון טעלזער אידן.

פינף הונדערט פרויען זיינען פאַרשפּאַרט אין באָד געסל, און דערנאָך אין אַ לאַגער, ווען די פרויען האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון טויט, זיינען זיי נאָכגעיאָגט געוואָרן פון די ליטווישע רוצחים און זיינען דערשאָסן געוואָרן. דאָס איז געשען ווינטער 1941. פרוי שרה פרידמאַן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין שאוולער געטאָ, און דערנאָך געקומען אין קאָוונער געטאָ, מיר דערציילט די אָלע באשריבענע פאַקטן.

אזוי אימה׳דיק און טראַגיש, האָט זיך געענדיקט דאָס אידישע קאַפּיטל טעלז.

טאַוריק

טאַוריק איז געווען פון די קרייז שטעט אין ליטע, זי האָט זיך גע־פונען 28 וויאָרסט פון בריקענקאָפּ ביי טילזיט (דייטשלאַנד) און האָט פאַר־מאָגט אַן אידישע באַפעלקערונג פון זיבן הונדערט משפחות.

טאַוריק איז געווען די גרענעץ־שטאָט מיט דייטשלאַנד פון טילזיטער און מעמלער זייט. דעריבער האָט זי געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַ דייטשישער שטאָט, און אירע באַלעבאַטים זיינען געווען סיי לומדים סיי משכילים. ווי הירשע מאָטע בערמאַן (געשטאָרבן אין סיבער, וואוהין די רוסן האָבן אים אין 1941, פאַרשיקט). ר׳ שמואל יעקב מאַן, אַ טיפּ איד וואָס איז געווען אַ שפּיגל פאַרן אידישן פאָלק. אַ גרויסער למדן און זייער א גרויסער בעל מדות און בעל טובה צו העלפן יעדערן; ער האָט דאָס געטאָן אויף אַן אופן וואָס איז ניט געווען קענטיק אויף אים, אַז ער טוט אימיצן אַ טובה פאַר אַ אידן, נאָר דער איד טוט אים אַ טובה. ער האָט געטאָן זיין געזעל־שאַפטליכע ארבעט מיט אזויפיל הצנע־לכת, אז מען האָט געמוזט זיין אַ גאָר גרויסער פּסיכאָלאָג צו טרעפן ווער טוט פאַר ווער. אויף ר׳ שמואל יעקב מאַן איז גאָר ניט געווען קענטיק, אַז ער זאָל זיין אַזאַ גרויסער געזעלשאַפט־לעכער טוער און דאָך איז אַלץ וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שטאָט דורכגע־גאַנגען דורך אים.

די גאָר נאָענטע פון אים האָבן געוואוסט וואָס ר׳ שמואל יעקב מאַן איז פאַר טאַוריק. ער האָט זיך געהאַלטן ווי אַ שפּל ברך, ווי יעדער איינער וואָלט געווען וויכטיקער פאַר אים. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיינע ברידער אין טאַוריק.

ר׳ ארי׳ לייב בייקאָוויץ ע״ה, אַ גרויסער בעל צדקה, וואָס פון זיין געלט האָט מען געגרינדעט דעם גמילות־חסד. געגעבן דעם רב פון טאַוריק הרב פרידמאַן ז״ל, צו דרוקן זיינע ספרים. וואו נאָר מען האָט געדאַרפט האָבן אַ גרויסע ביישטייערונג, האָט מען זיך געווענדעט צו בייקאָוויצן, און ער האָט מיט חן און ליבשאַפט דאָס דערפילט.

ר׳ צבי הירש גיטקין, אַ איד וואָס האָט ליב געהאַט תורה און תלמידי־חכמים און האָט מיט אַ סך זיי געשטיצט. ער איז געווען פון די חשובסטע באַלעבאַטים פון טאַווריק. געשטאַמט פון אַ גרויסע רבנישע פאַמיליע. פון די כלל טוערס זיינען באקאנט געווען שכנא מאַסט, אַלתר גודעל, ר׳ זלמן פאסאל, הירשל סלאָווין, זלמן דובצאנסקי און אַנדערע.

טאַווריק איז געווען בארימט מיט אירע רבנים וואָס זיינען געווען וועלט־גאונים, ווי הגאון רבי מענדעלע זיוו זצ״ל, הגאון רבי אהרן בורשטיין זצ״ל, געווען באקאַנט אַלס טאַוריקער רב, דערנאָך ראש הישיבה אין ישיבה מרכז הרב אין ירושלים און דאָרטן נפטר געוואָרן). הרב הגאון ר׳ יצחק אייזיק פרידמאַן זצ״ל, מחבר פון די ספרים „הגיוני יצחק״, געווען דערנאָך רב אין נחלת יצחק, לעבן תל־אביב און דאָרטן נפטר געוואָרן. און דער לעצטער רב הגאון רבי לוי שפיץ, הי״ד.

טאַווריקער אידישע אינסטיטוציעס: דער גמילות־חסד, לינת־הצדק, אידישע פאָלקס־באנק, תלמוד תורה, אַ העברעאישע גימנאַזיע, און איבער־הויפט זייער אַ שיינע „תפארת בחורים״, וואו יוגנטליכע פלעגן קומען אלע טאָג נאָך דער ארבעט אין אָוונט לערנען. יעדער אָוונט פלעגן טאקע קומען 50־60 יונגעלייט לערנען אין זייער אייגענעם לאָקאַל. דער רב פון „תפארת בחורים״ איז געווען הרב קאַפשטיין.

דעם מקור חיונה האָבן די אידן געצויגן פון מסחר מיט דייטשלאנד וואָס עס איז געווען אין אַ גרויסן פאַרנעם און אויך פון אַלגעמיינער קרע־מעריי. עס זיינען אויך געווען טאַרטאַקן, וואו מען האָט אויסגעאַרבעט געהילץ דאָס אייגענטום פון בייקאָוויץ־גיטקין און הירש כהן.

דער האָלץ־מסחר האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט, ווייל ליטע איז געווען זייער רייך אין וועלדער. דאָס האָלץ פלעגט געשיקט ווערן קיין דייטשלאנד. אויך איז געווען אין טאַווריק אַ ציגעלניע און אנדערע פאַבריקאציעס פון וואַנען די אידן האָבן געלעבט.

טאַווריק האָט זיך אויסגעצייכנט פאַר בעל־צדקה שטאָט. און איך וויל דאָ טאַקע דערמאָנען וועגן מיין באזוך אין טאַווריק סוף יאָר 1939, און וועגן דער הילף פאַר פוילישע אידן וואָס מען האָט פון ליטע געשיקט

אין די ערשטע חדשים פון קריג. דערנאָך האָט מען אויך געשיקט הילף אין לובלינער געטאָ.

איך געדענק אויך ווען איך בין געגאַנגען מיטן רב פון שטאָט הרב שפּיץ, האָט אונז אָפּגעשטעלט אַ פרוי און געבעטן, אז אזוי ווי זי האָט מיך געהערט ריידנדיק אין בית המדרש וועגן הילף פאַר די מלחמה־געליטענע פוילישע אידן, זאָל מען איר ניט דורכלאָזן און ביי איר אויך נעמן איר נדבה. זי האָט זיך אזוי געווענדעט: „זאָגט, רבי, איך האָב פינף קישנס, וויל איך דריי געבן פאַר יענע ליידנדע אידן". הרב שפּיץ האָט איר באַרואיקט: „מיר וועלן צו אייך אויך קומען". „ניין, ניין — האָט געענפערט די פרוי — רבי, איך וויל צו אייך אין הויז ברענגען די קישנס". ווען די פרוי איז אַוועק, האָט מיר הרב שפּיץ געזאָגט: „איר ווייסט, ווער די פרוי איז? זי גייט, נעבעך, אליין איבער די הייזער".

דער קאַמפּיין איז טאַקע דורך אין טאַווריק מיט זייער אַ גרויסן דערפאָלג, סיי אין געלט און סיי אין זאַכן, דער עיקר מיט דער גרויסער הארציקייט וואָס די אידן האָבן ארויסגעוויזן מיט זייער הילף.

און אפילו דאָ אין אמעריקע פירט אָן מיט דער הילפס־ארבעט, מיט מסירת נפש, פאַקעטן פאַר די געראַטעוועטע פון די קרעמאַטאָריעס פאַר די נייגעקומענע אין ישראל, און דאָס איז טאַקע דער סעקרעטאַר פון ליטווישן פאַרבאַנד אין באַלטימאָרע ר' שמואל לאַדאַן. זיין הויז איז אַ טראַנספּאָרט ביוראָ צו שיקן פּעקלעך. און אפילו די שווארצע אַרבעט צו פאַרפּאַקן די פּעקלעך, ווערט אויך געטאָן פון אים און זיין פרוי און פרוי עטל סאָקאָלסקי. שמואל לאַדאַן, איז אַ געבאָרענער פון טאַווריק. אין באַלטימארע איז אויך דאָ אַ טאַווריקער שול.

דעם 22־טן יוני, 1941, זיינען טאַווריקער אידן פון די בעטן ארויסגעלאָפן ווען 4 אַזייגער פאַרטאָג זיינען זיי פלוצלונג אויפגעוועקט געוואָרן פון די באָמבעס וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן פון די דייטשן און די רוסישע ארמיי האָט זיך גענומען אָפּציען. גאַנצע אידישע משפחות און איינצלנע פּערזאָנען זיינען מיטגעלאָפן מיט דער רוסישער ארמיי אָדער אַנטלאָפן אין די שטעטלעך ארום טאַווריק. טאווריק איז גלייך פארנומען געוואָרן

נאָך אין ערשטן טאָג און די אידן האָבן באלד אָנגעהויבן פילן די דייטשע רויבעריי און מערדעריי און די ליטווישע רוצחים האָבן זיי נאָך צו געהאָלפן.

צווישן די ערשטע קרבנות איז געווען דער רב פון שטאָט, הרב לוי שפּיץ, הי״ד. זיי האָבן דעם רב שטאַרק געפּייניקט, ער זאָל אַרויסגעבן די קאָמוניסטן. ווען דער רב האָט געזאָגט, אז ער ווייס ניט, איז ער אזוי מער־דערלעך צעשלאָגן געוואָרן, אז זיין פּנים האָט פאַרלאָרן דעם מענטשלעכן אויסזען, מען האָט אים געהייסן לויפן; לויפנדיק האָט מער אים אריינ־געשאָסן אין פוס. ער איז אריינגעלאָפן אין אַ הויז און איז געפאַלן. דער־נאָך האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז, וואו דער רב איז געווען, און ער איז דאָרטן פאַרברענט געוואָרן.

די יונגע מענטשן האָט מען גלייך גענומען אויף ארבעט און אַ טייל זיינען שוין ניט צוריקגעקומען. אַ גרופּע פון 300 יונגע מענטשן האָט מען צוזאמענגענומען און געזאָגט, אז מען פירט זיי אין היידעקרוג (אַ שטאָט אויפן דייטש־ליטווישן גרענעץ) אויף אַרבעט. מען האָט אָפּגעקליבן 60 יונגע מיידלעך, און זיי אוועקגעפירט, עטלעכע מאָמעס זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, ווען זיי האָבן ניט געוואָלט זיך שיידן פון זייערע קינדער. זיי האָבן געוואוסט, אז מען פירט זיי צו שאַנד.

מען האָט די אידן צוזאַמענגעטריבן אויף כווידאנער גאַס. און מען האָט אָפּגעטיילט די מענער פון די פרויען און קינדער. פריער האָט מען אומגעבראַכט די מענער און אין עטלעכע וואָכן ארום האָט מען אומגעבראַכט די פרויען און קליינע קינדערלעך.

יורבורג

יורבורג איז געווען ראַסיינער קרייז. זי האָט זיך געפונען צען קי־לאָמעטער פון דער דייטשער גרענעץ פון סמאַלינינקען און איז געלעגן איבער דער לענג פון ניעמאַן, דער טייך ניעמאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי גראַדנע, פאַרביי קאָוונע און יורברוג, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין מעמלער

קאַריסען־האַף וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיטן באַלטישן ים. יורבורג האָט פאַרמאָגט צוויי טויזנט אידישע נפשות.

יורבורג האָט געהאַט צוויי פּאַרקן, איינער מיטן נאָמען תל־אביב און דער צווייטער אַ ליטווישער.

דער מקור חיונה האָבן די דאָרטיקע אידן געצויגן טאָקע פון דעם טייך ניעמאַן. אידן האָבן געהאַט אייגענע דאַנפּערס אָדער ווי מ'האָט דאָס גערופן פּאַראַכאָדן, ווי צ.ב. לעווענבערגס, אייזנשטאַט, וואָס פלעגן קורסירן פּאַר פּאַסאַזשירן פון קאָוונע קיין סמאַלינינקען. אויך פּראַכטדאַמפּערס וואָס פלעגן פירן סחורה פון מעמל אין קאָוונע, און אויך פליטן וואָס פלעגן גיין קיין קאָוונע אָדער קיין מעמל. דער טייך איז געווען דער הויפּט מקור פרנסה פאַר די תושבים פון שטעטל. אויך זיינען דאָרט געווען סוחרים און קרעמער און האַנטווערקער.

יורבורג איז באַרימט געווען אין דער וועלט צוליב איר אלטער שול וואָס איז נאָך געבויט געוואָרן אין סוף 1800 יאָרהונדערט. אָבער ניט דאָס הילצערנע הויז איז געווען אזוי באַרימט ווי איר אָרן קודש, זיינע שניצערייען זיינען געווען צו באַוואונדערן, אז פון האַלץ זאָל מען קענען אויסמייסטרעווען אַט די וואונדערבארע פויגלען מיט די זייגערס און בלומען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער ערד ביז גאַנץ הויך. יעדערער ווער עס האָט נאָר געזען דעם דאָזיקן אָרן קודש איז באַצויבערט געוואָרן פון דער שיינקייט און פון דער קונסט וואָס עס איז געלעגן אין די שניצונגען און אין דער אויסאַר־בעטונג. דער ארון קודש איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן און די הונדערטער בילדער זיינען צושיקט און פארקויפט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. ווען טוריסטן פלעגן באַזוכן ליטע פלעגט מען פאָרן נאָך יורבורג זעען דעם גרויסן וואונדערבארן אנטיק, דעם אָרון קודש פון דער יורבורגער שול.

די בעלי בתים פון שטעטל זיינען געווען לומדים און משכילים, ווי. הירשל פין, אבא קאַפּלאַן, קלמן פרידלענדער, פנחס שאַכנאָוויץ, ישראל לע־ווענבערג, שמעיהו פיינבערג, געווען וויצע מעיאָר פון שטעטל, אלתר סי־מאַנאָוו, מאיר זוסע לעוויטאן, דער אפּטייקער, ראובן אלשוואַגער, דר. קאַר־לינסקי, די שוחטים אַלפּעראָוויץ און שמולאָוויץ.

די רבנים זיינען געווען: הרב ר׳ יעקב יוסף חריף זצ״ל, (דערנאָך רב הכולל פון ניו יאָרק), הרב ר׳ יחזקאל ליפשיץ ז״ל, (דערנאָך רב אין קאליש), הרב ר׳ אברהם דימענט זצ״ל, — אַ גאון אין לערנען און אויך אַ גרויסער געלערנטער אין וועלטליכן זין, און דער דיין הרב ראובן רובינשטיין.

די אידישע אינסטיטוציעס זיינען געווען: די העברעאישע גימנאזיע און אַ פאָלקס־שול. עס זיינען אויך געווען: פאָלקס־באַנק, הכנסת אורחים, ביקור חולים, צוויי ביבליאָטעקן און אנדערע אינסטיטוציעס.

אַ טשיקאַווער טיפּ פון שטעטל איז געווען ר׳ לייבעלע ישראל־ברוך׳ס, אַ איד וואָס פלעגט אַ גאַנצן טאָג זיצן אין בית מדרש און לערנען. די פּאַר־דינערן איז געווען זיין פרוי. ער פלעגט קומען דער ערשטער אין בית מדרש און אַוועקגיין דער לעצטער. געוואַרט ביז אַלע ארומיקע אָרעמעלייט זיינען באַזאָרגט געוואָרן מיט עסן ביי אַ באַלעבאָס ערגעץ. איבערהויפּט פרייטיק־צונאַכטס, ווען אין שטעטל זיינען געווען אַ סך אורחים. זיי זאָלן חלילה ניט בלייבן הונגעריק. ער פלעגט באַזאָרגן די אורחים, צושיקן זיי צו די בעלי־בתים. און ווען אַן אורח געשיקט צו אַ בעל־הבית פון לייבעלע ישראל־ברוך׳ס פלעגט קומען איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט צופרידנקייט. אַ קליינינקייט לייבעלע ישראל־ברוך׳ס האָט געשיקט.

אויך זיין ברודער וועלווקע, האָט זיך פאַרנומען מיט באַזאָרגן אָרע־מע אויף שבת. אָבער פאַר די אָרעמע פון שטעטל פלעגט וועלווקע (ער איז געווען אַן אלטער בחור) פרייטיק אָנקלייבן חלות, פיש פלייש, און דער־נאָך פאַנאַנדערטראָגן צו די אָרעמע משפחות אויף שבת.

פון די פיינע בעלי צדקה, פון מתן בסתר, איז געווען ישראל לע־ווענבערג. — געפאַלענע באַלעבאַטים פלעגן ארויסגעהאָלפן ווערן פון לע־ווענבערגן אָבער אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין דער שטיל.

דעם 22־טן יוני, 1941, ווען די דייטשן זיינען באַפאַלן רוסלאַנד, האָבן דאָס יורבורגער אידן גלייך גענומען שפירן, ווייל זי געפינט זיך דאָך ביים גרענעץ און די ליטווישע מערדער האָבן שוין אָרויסגעוויזן זייערע רציחות און רויבערייען. דער ערשטער קרבן איז געווען ראובן אָלשוואַנגער.

דעם 28־טן יוני, 1941, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אידן זאָלן זיך צונויפקלייבן לעבן דעם שטאָטישן בוד־געשעפט, אויב עמיצער וועט בלייבן אין שטוב, וועט דערשאָסן ווערן. ווען אַלע אידן זיינען זיך צוזאמענגעקומען, האָט מען די מענער באפוילן טראָגן אַ ביוסט פון סטאַלינען און די פרויען האָבן זיי געגעבן טראָגן די בילדער פון אַנדערע סאָוועטישע מלוכה מענער, און אזוי האָבן זיי מארשירט ביזן שטאָט־פּלאַץ. דאָרט האָט מען זיי פאָטאָגראַפירט, דערנאָך האָט מען פרידמאַנען באפוילן צו לייענען אַ פּאַפּיר מיט זלזולים אויף אידן. מען האָט דערנאָך די ביוסט פון סטאַלינען און די בילדער פארברענט און געהייסן די אידן טאַנצן אַרום פייער.

אידן האָבן געלעבט אין טויט שרעק, אָבער אָט דער מצב האָט אויך ניט אָנגעהאַלטן לאנג. אין עטליכע טעג ארום האָט מען צוזאמענגענומען די חשובע בעלי בתים פון שטעטל מיט הרב ראובן רובינשטיין, צוזאמען, 320 מענטשן און זיי אָוועקגעפירט אויפן אידישן בית־עולם און געהייסן זיי גראָבן גריבער. אַלע זיינען דערשלאָגן געווען און האָבן געוויינט נאָר הרב רובינשטיין האָט זיי געטרייסט: „אידן לאָמיר זיין שטאָלץ און האָבן מוט; מיר קומען דאָך צו קבר ישראל״. ווען די גריבער זיינען געווען פאַרטיק האָט מען זיי געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט און מען האָט זיי אריינגעטריבן אין די גריבער.

סימאַנאָוון האָבן זיי זייער געפייניקט און אים געצוואונגען ער זאָל רייסן די שטיינער פון ברוק און אים געמוטשעט מיט אנדערע פייניקונגען. ווען ער האָט שוין פארלאָרן זיינע כוחות, האָב זיי אים ארויפגעלייגט אויף דער טהרה־ברעט (וואָס אידן האָבן באנוצט מטהר צו זיין די מתים) און אים אריינגעוואָרפן אין ניעמאָן.

ארום סעפּטעמבער, 1941, האָט מען די פרויען און קינדער אַריינגעטריבן אין דער אידישער פאָלקשולע, דריי טעג זיי פארהונגערט און פאַרפייניקט. דערנאָך זיי געטריבן צו די גרייטע גריבער אין די סמאלינינקער וועלדער.

די פארניכטונג האָט געדויערט צוויי טעג. די קריסטן פון דעם דאָרף

פאַסווענטע האָבן דערציילט, אַז דריי טעג האָט זיך באַוועגט די ערד פון די גריבער, ווייל די אידן זיינען פאַרשאָטן געוואָרן לעבעדיקער הייט.

די רוצחים האָבן אויך פאַרברענט די אַלטע שול מיט איר וואונדער־באַרן אָרון קודש.

אַזוי איז אָפּגעמעקט געוואָרן אַ פילהונדערטער יאָריקער אידיש לעבן און מיטן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן אַ שטיק גייסטיקער אידישער המשך.

יאַנישאָק

יאַנישאָק איז געווען פון די קרייז שטעט פון ליטע. הארט ביים לע־טישן גערענעץ, 40 וויאָרסט פון ריגע. פאַרן ערשטן קריג האָט יאַנישאָק געהערט צו זאַגער, אָבער נאָכן אַנטשטייען פון דער ליטווישער מלוכה, — (זאַגער האָט נישט געהאַט קיין באַן ליניעס, נאָר די פאַרבינדונג מיט דער וועלט איז געווען נאָר דורך אויטאָס, אָדער דורך דיליזשאַנסן, וואָס פלעגן פירן פאַסאַזשירן), — האָט דעריבער זאַגער פאַרלאָרן אין הויפּט שטאָט פון יאַ־נישאָק, און יאַנישאָק איז געוואָרן די קרייז שטאָט און די גרענעץ שטאָט, וואו עס זיינען געווען אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן פאַר כל המינים אָפּצאָ־לונגען פאַר טראַנספּאָרטירטע סחורות פון ליטע קיין לעטלאַנד. דער באַן־פאַרקער איז געווען זייער אַ גרויסער. די שטאָט האָט אויפגעלעבט.

יאַנישאָק האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע גרויסשטאָט. אידן האָבן דאָרט געצויגן זייער חיונה פון קרעמעריי און האַנדל מיט דער אַנדערער זייט גרענעץ, עקספּאָרט און אימפּאָרט. איבערהויפּט איז דאָרט אַנטוויקלט געוואָרן דער האַנדל מיט געגנדז און אייער צווישן איר און ריגע. און האָט געהאַט אַ סך קליין־סוחרים און האַנטווערקער.

יאַנישאָק האָט געהאַט זייער חשובע בעלי בתים און לומדים, ווי, ר׳ אברהם זיוו, אַ איד אַ למדן און אַ גרויסער קנאי; זיך מוסר נפש געווען, אז זיינע קינדער זאָלן לערנען אין די ישיבות. (אין 1941 איז ער פאַרשיקט

געוואָרן קיין סיביר). דאָרט האָט אויך געלעבט מיין פריינט, הרב ר׳ מרדכי יפה הי״ד, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער בעל־מדות, און נאָך אנדערע.

הרב הצדיק ר׳ אליעזר יעקב חוואס ז״ל, איז געבאָרן געוואָרן אין יאנישאק. זיין נאָמען איז ניט באַקאַנט צום ברייטן עולם. אָבער דער צדיק ר׳ אליעזר יעקב האָט אויפגעהאַלטן אין ליטע לימוד התורה 40 יאָר צייט. ער איז געווען דער פאָטער פון דער כולל־אידייע וואָס איז דערנאָך באַגרינדעט געוואָרן דורך הגאון ר׳ יצחק אלחנן, קאָוונער רב, ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ר׳ אלכסנדר משה לפידות, ראסיינער רב, און ר׳ בן ציון שטערנפעלד (דאמאָלסט רב אין קאלוואריע) דעם כולל־קאָוונע.

הרב חוואָס האָט באזוכט זיינעם אַ ברודער ר׳ יוסף חיים, אַ סוחר אין בערלין. האָט אים דער לעצטער פאָרגעשטעלט פאַר עובדיה לאַכמאַן, וועלכער איז געווען זייער אַ פרומער און רייכער מאַן.

הרב חוואָס האָט איבערצייגט לאכמאַנען אין דער וויכטיקייט צו פאַרהיטן אַז דער לימוד התורה אין רוסלאַנד, זאָל ניט חרוב ווערן, אזוי ווי אין דייטשלאנד. מיט דער הילף פון לאכמאנען, — אויך האָט לאכמאן געהאָלפן פינאַנציעל די סלאָבאָדקער ישיבה, — האָט הרב חוואס אין יאָר תרל״ד, לכתחילה געגרינדעט אַ כולל פון צען יונגעלייט אין סלאָבאָדקע. נאָכדעם אין דער גרינדונג פון דעם „כולל קאָוונע״ האָבן זיך אויך באטייליקט די אויבנדערמאָנטע גאוני עולם.

הרב חוואָס האָט אַ דאַנק דער פינאַנציעלער הילף פון לאכמאַנען זייער פיל אויפגעטאָן פארן רוסישן אידנטום. מען דערציילט, אַז בעת די פאָגראָמען אויף אידן אין רוסלאַנד, איז ר׳ אליעזר יעקב (זייענדיק אַ גרויסער אָרעמאַן) אַוועק צופוס קיין בערלין און מיט דער הילף פון לאכמאַנען געווירקט אויף די דאָרטיקע איינפלוסרייכע צייטונגען צו שילדערן אין שווארצע פארבן די בארבארישע מעשים פון די פאָגראָמשטשיקעס, מאכנדיג פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר די רוסישע רעגירונג. עס איז געקומען אזוי וויט, אז די צארסקע ממשלה האָט דורך אירע דיפּלאָמאַטישע פארטרעטער געמאכט אַנווענדונגען ביי דער דייטשער רעגירונג, אַז זי זאָל ווירקן אויף איר פרעסע, זי זאָל ניט זיין אזוי קריטיש לגבי רוסלאנד. (לויט הרב ישר)

הרב חוואָס האָט געגומען פאַר אַן איידעם פאַר זיין טאָכטער דעם גאון הרב ר׳ נפתלי טראָפּ זצ״ל, דערנאָך ראש הישיבה אין ראַדין.

יאַנישקער בעלי בתים האָבן זיך ניט באַנוגנט וואָס זיי לערנען אליין און גענומען איידעמס פאַר זייערע טעכטער גרויסע לומדים פון די גרויסע ליטווישע ישיבות, ווי הרב זינגערעוויץ ז״ל, וואָס זיין הויז איז געווען תורה וגדולה במקום אחד. זיינע אלע קינדער האָבן געלערנט אין ישיבות, און זיינע איידעמס, גרויסע תלמידי חכמים, ווי הרב ר׳ ברוך קאַפּלאַן הי״ד, זיין צווייטער איידעם, הרב הגאון ר׳ שניאור דוד וואָלט שליט״א, (איצט הויפּט רב פון סט. פּאול בראַזיליע). דער משפחה זינגע־רעוויץ האָט זיך איינגעגעבן בדרך נס זיך צוראַטעווען אין בראַזיליע, וואו זיינע זין הרב משה און ר׳ שלמה, זיינען די הויפּט עסקנים פאַר יהדות.

די רבנים זיינען געווען: הגאון ר׳ יחיאל מיכל זצ״ל, דער מחבר פון „שפת הים״ און זיין איידעם, הרב הגאון ר׳ בצלאל דזימיטראָווסקי הי״ד, דער לעצטער רב פון יאַנישאָק.

יאַנישאָק האָט געהאַט אַ גימנאַזיע, אַ פאָלקשולע, אַ פאָלקס־באַנק אַ ביקור חולים, אַ אידישע ביבליאָטעק, אַ „תפארת בחורים, און אַ צאָל ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

דעם 22־טן יוני, 1941, ווען היטלער איז באַפאַלן ליטע, איז יאַני־שאָק אויך געווען די שטאָט דורך וועלכער די גליקליכע אידן זיינען אַנט־לאָפן קיין רוסלאַנד, אָבער איידער די אידן פון יאַנישאָק האָבן זיך אַרומ־געקוקט וואָס דאָ גייט אָן, איז שוין יאַנישאָק אויך באַזעצט געוואָרן דורך די דייטשן.

די דייטשע באַזעצונג האָט זיך ניט אָנגעהויבן מיט קיין פּאָגראָמען און מאַסן מאָרדן, ווי אין אַנדערע שטעט. קיין רויבערייען אפילו זיינען ניט פאָרגעקומען אין די ערשטע טעג.

מיט אַמאָל איז אָבער געוואָרן אַ טומל אין שטאָט, עס איז געקומען דער סיגנאַל, אַז עס גרייטן זיך רציחות.

פּלוצלונג, אין אַ שיינעם טאָג, ווען עס איז געווען רואיק אַרום און אַרום, און מען האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז עס וועט שוין אפשר אַזוי אַנ־

גיין אלע מאָל, האָט מען פלוצלונג דורכגעפירט אַן ארעסט אויפן אַלטן קראנקן יאנישקער רב.

דאָס איז געווען דעם 16־טן יולי, 1941. גאָר אומגעריכט, אינמיטן העלן טאָג, האָט מען דערזען ווי מען פירט ארויס אויף דער גאַס דעם רב. אַ פּאָר מינוט שפּעטער, האָט מען אים געגעבן אַ לאָפּעטע און אַ בעזים און אים אויך געצוואונגען צו קערן די גאַסן מיט זיין ווייסער בארד. די יסורים און דער בזיון פון דעם רב, קאָן מען זיך פאָרשטעלן. דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, דער ערשטער רוף צו רציחות און רדיפות. מען האָט געכאַפּט אידן, זיי ארעסטירט, זיך איזדעקעוועט איבער זיי, און מען האָט זיך אויך דערוואוסט וועגן די ערשטע מאָרדן. מען האָט צוזאמענגענומען עטלעכע הונדערט יונגע מענער און זיי אָפּגעפירט אין זאַגאַרער לאַגער. די דייטשן האָבן אין זאַגער אויפגעשטעלט אַ גרויסן לאַגער פון די ארומיקע שטעטלעך ווי, זיימל, קרוק און אנדערע שטעטלעך.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, דעם 23־טן יולי, האָט מען דעם רב, הרב דזימיטראָווסקי, אַרויסגעפירט צוזאמען מיט חשובע בעלי בתים און כלל טוער, הינטער דער שטאָט, — און זיי דאָרט דערשאָסן.

קיין יאנישאָק האָט מען צופירנגעבראַכט דעם שארית אידן פון ראַד־ווילישאָק, לרוב פרויען און קינדער, און פון שאוולאַן האָט מען אַהינגע־בראַכט אלע אידן. מען האָט זיי באזעצט אויפן מארק, געהאַלטן פאַר זיי אַ טויטן־דרשה און זיי ארויסגעפירט הינטער יאנישאק אינאיינעם מיט דעם איבערבלייב פון יאנישקער אידן, און אומגעבראַכט.

יאַנאָווע

יאַנאָווע איז נאָך געווען אַ יונגער ישוב. אין 1750, האָט די גרעפין קאַסאַוווסקי מאַריע אוועקגעשטעלט אַ הילצערנע תפלה אויף דעם בית־עולם פון איר משפחה. אירע קינדער האָבן דערנאָך גענומען בויען דאָס שטעטל ביים טייך ווילִיע, דער נאָמען פון שטעטל איז לזכר דעם פוילישן קעניג און ליטווישן גרויספירשט יאַן סאָבעסקי. דער דאָרטיקער אידישער ישוב איז זינט 1775. אין קעלער פון יאַנאָווער קלויסטער, ליגט נאָך די טרונע פון גענעראַל יוזל קאַרווין־קאַסאָווסקי, געשטאָרבן 1842. געווען אדיוטאַנט פון נאַפּאָליאָן דעם ערשטן.

יאַנאָווע (קאָוונער קרייז) האָט געהאַט 600 אידישע פאַמיליעס. די מערסטע אידן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט מאַכן מעבל. אין די יאַנאָווער מעבל פאַבריקלעך פלעגט מען אויסאַרבעטען די בעסטע מעבל. די שענסטע אויסאַרבעטונג פלעגט אַרויסגעבן יאַנאָווע, און דעריבער איז דאָס שטעטל געווען באַקאַנט אין גאַנץ ליטע מיט איר מעבל. אויך האָבן אידן געלעבט פון טרייבן די פליטן אויפן וואַסער, ווייל דורך יאַנאָווע גייט דער טייך ווילִיע (פון ווילנע ביז קאָוונע און פאַלט אריין אין ניעמאַן).

איידער עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן די אויטאָס פלעגן אידן זיך פאַרנעמען די דיליזשאַנסן, וואָס פלעגן פירן פאַסאַזשירן קיין קאָוונע. מען האָט זיי גערופן יאַנאָווער בריטשקעס. אויך האָבן אידן געצויגן זייער חיונה פון סוחרים און קליין־סוחרים און בעלי מלאכות.

דאָס שטעטל האָט אויך געהאַט אידישע אינסטיטוציעס, ווי אַן אידישן האָספּיטאַל און אַ פאָלקס־באַנק, וואָס פלעגט אנטלייען געלט אויף קליינע פּראָצענטן. בעלי מלאכות פלעגט מען לייען געלט זיך „צו דרייען״; קאַראַ־בעלניקעס האָבן געהאַט די געלעגנהייט אַנצוגיין מיט זייער קאַלענדעוועןן איבער די דערפער אַ דאַנק די הלוואות, און דאָס זעלבע די קרעמער און סוחרים. ס׳איז דאָרטן אויך געווען אַ ישיבה, וואו עס האָבן געלערנט יוגנט־לעכע פון יאַנאָווע און פון די שטעטלעך אַרום יאַנאָווע. דער ראשי הישיבה

איז געווען ר׳ מענדל טייץ הי״ד, דאָס שטעטל איז אויך געווען געבענטשט מיט נאָך אידישע חברות און אָרגאַניזאַציעס.

אויך האָט יאַנאָווע געהאַט גרויסע רבנים, ווי הגאון רבי חיים ראַצקער זצ״ל, מחבר פון ספר „אורח לחיים״, הרב הגאון ר׳ חיים יצחק שילמאַן אויפבויער פון דעם „ביקור־חולים״ פון שטאָט און איז געווען זייער ענערגיש צו העלפן יעדן ליידנדיקער. דער לעצטער רב איז געווען הרב הגאון רבי נחום ברוך גינזבורג, הי״ד, מחבר פון ספר „מקור ברוך״ (צוויי חלקים) און פאַרזי־צער פון „אגודת הרבנים״ אין ליטע.

אויסער דעם האָבן יאַנאָווער אידן זייער וואַרעם אויפגענומען די קלעצקער ישיבה מיט זייער ראש הישיבה הגאון רבי אהרן קאָטלער שליט״א, (איצט ראש־ישיבה אין לייקוואוד, ביי ניו יאָרק).

ווען די רוסן האָבן באַזעצט ליטע אין 1940, האָט די קלעצקער ישיבה געמוזט אוועקגיין פון יאַנאָווע און איז איבערגעגאַנגען קיין סאַלאַק, עזשערע־נער קרייז, דערנאָך זיינען אַ טייל ישיבה בחורים דורך די רוסן פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און די גרעסטע טייל פון דער ישיבה מיטן משגיח הרב הצדיק ר׳ יוסף לייב הי״ד זיינען אומגעקומען דורך די דייטשע מערדערס אין סאַלאַק. דעם ראש הישיבה הגאון ר׳ אהרן קאָטלער שליט״א מיט זיין משפחה און אַ גרופּע בחורים האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען נאָך אַמע־ריקע דורך יאַפּאַן אין 1941.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה דעם 22־טן יוני, 1941, צווישן די דייטשן און די רוסן זיינען קאָוונער אידן אין די ערשטע צוויי טעג גע־לאָפן פון קאָוונע. געלאָפן מייסטנס צופוס און גאָר ווייניק מיט באַנען, מיט אויטאָס אָדער מיט פורן. מען איז געלאָפן קיין ווילנע אָדער ריגע דורך דעם שאָסיי קאָוונע—יאַנאָווע. אַ סך זיינען אויפן וועג דערהרגעט געוואָרן דורך די דייטשע באָמבעס אָדער פון קוילן פון די דייטשע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן זייער נידעריק און געשאָסן אויף די אנטלויפנדע, וואָס צווישן זיי זיינען געווען אַ סך פרויען און קליינע קינדער. די וואָס זיינען גע־בליבן לעבן האָבן דערגרייכט יאַנאָווע. אָבער ווייטער לויפן איז געווען אומ־מעגליך, וויל די דייטשן האָבן געמאַכט אַ דעסאַנט ניט ווייט פון יאַנאָווע.

דאָס איז געווען שאַט, קיידאַנער קרייז. איז דעריבער יאַנעווע פאַרפּלייצט געוואָרן מיט אידן פון קאָוונע און אנדערע שטעטלעך וואָס האָבן זיך געוואָלט דערשלאָגן גיכער צו רוסלאַנד.

דעם 24־טן יוני, 1941, זיינען די דייטשן אונטער אַ שטאַרקן ווידער־שטאַנד מצד די רוסן אַריין אין שטעטל דורך דעם דעסאנט וואָס די דייטשן האָבן געמאכט.

ווי די דייטשן זיינען אריין האָבן זיי ארויסגעטריבן אלע אידן פון די הייזער און זיי געטריבן צום מאַרק־פּלאַץ. אויך האָבן די דייטשן געבראכט דעם רב פון שטאָט הרב ר׳ נחום ברוך גינזבורג, און אויך הרב ר׳ ישעיהו לע־ווינסאָן הי״ד, דעם חפץ־חיים׳ס אַן איניקל, מנהל פון דער ראַדינער ישיבה, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין יאַנעווע צוליב דעם פּלוצלונגדיקן אויס־ברוך פון דער מלחמה. (הרב לעווינסאָן איז געווען דערנאָך אין קאָוונער געטאָ און אומגעקומען אין דאַכאַוער לאַגער אין 1945).

די רבנים האָבן די דייטשן אוועקגעשטעלט אין מיטן צווישן דעם עולם און געבראַכט בענזין מיט אַ רויטע פאָן, באַגאָסן די פאָן מיט בענזין און דערלאַנגט די רבנים, אַז זיי זאָלן די פאָן האַלטן און זיי אַזוי פאָטאָגראַ־פירט ווי די רבנים מיט זייער פּאַטריאַכלישן אויסזען, מיט זייערע רבנישע קליידער און לאַנגע בערד, האַלטן אַ רויטע פאָן.

די אידן זיינען געווען זיכער, אַז די רבנים מיט זיי צוזאמען וועלן פאַר־ברענט ווערן, אָבער מיט אַמאָל האָבן אָנגעהויבן פאַלן באָמבעס פון פּאַלעגאָן (אַ רוסישע פעסטונג וואָס איז געווען פיר קילאָמעטער הינטער יאַנעווע) און די דייטשן זיינען געווען ניט קיין סך, האָבן זיי גענומען אָפּציען און די אידן איבערגעלאָזט אויפן מאַרק־פּלאַץ. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע שיסעריי אין שטעטל צווישן די רוסן און די דייטשן.

אלע אידן האָבן פארלאָזן דאָס שטעטל און אנטלאָפן אין די פעלדער פון הינטערן שטעטל. דער קאַמף פאַרן שטעטל איז געווען אַ שרעקליכער. מ׳האָט דאָס שטעטל שטאַרק באָמבאַרדירט און אין איין קעלער פון אַ הויז זיינען אומגעקומען 70 אידן, וואָס האָבן זיך באהאלטן פון די באָמבעס, און נאָך אידן זיינען אומגעקומען, די מערסטע פון זיי אַנטלאָפענע פון קאָוונע.

די שיסעריי האָט געדויערט דריי טעג, דאָס שטעטל איז פאַרברענט געוואָרן און די דייטשן האָבן עס פאַרנומען.

נאָכדעם האָבן זיך די אידן אומגעקערט צוריק אין דעם חרוב'ן שטעטל. ס'איז גלייך ארויס אַ געזעץ, אז די ניטשטענדיקע איינוואוינער זאָלן דאָס שטעטל פאַרלאָזן. די שטעטלדיקע קריסטן האָבן גלייך אָנגעהויבן ראבירן אידיש פארמעגן און מאָרדן אידן, און דאָ האָבן זיך אָנגעפאנגען די צרות אויף אידן. די אידן וואָס האָבן ניט געוואוינט אין יאנעווע האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. גייענדיק צוריק קיין קאָוונע. אויפן וועג האָט מען זיי צוזאמענגענומען און אומגעבראכט אויפן זיבעטן פאָרט.

די אידן וואָס זיינען געבליבן אין יאנעווע האָט מען געטריבן אויף אַרבעט, אויך האָט מען ארויפגעלייגט אויפן שטעטל אַ גרויסע געלט־קאָנטריבוציע.

דעם יאנעווער רב הרב גינזבורג הי"ד, האָבן די מערדער זייער געפייניקט, אים אויסגעריסן די באָרד און אים געבראכט צופירן אין קאָוונער געטאָ צו די קאָוונער אידן כדי זיי זאָלן געבן געלט צו באצאָלן דעם שטייער וואָס מען האָט אויף זיי ארויפגעלייגט.

ווען דער יאנעווער רב איז ארויס פון אויטאָ אין באגלייטונג פון צוויי ליטווישע פאַשיסטן, האָט מען אים ניט געקענט דערקענען, אזוי צושלאָגן איז געווען זיין פּנים. דערנאָך האָט מען דעם יאנעווער רב צוריק אָפּגעפירט אין יאנעווע. אויך האָט מען דאַן צוגענומען קאַגאַנען דעם אַפּטייקער, און מער האָט מען זיי שוין ניט געזען. נאָכדעם האָט מען גענומען מאטערן די אידן מיט כלערליי פייניקונגען. פריער האָט מען אומגעבראכט די מענער און דערנאָך די פרויען מיט די קליינע קינדערלעך.

צוואנציק פאַמיליעס האָט זיך איינגעגעבן אויסצובאהאלטן אין די וועלדער און אין די דערפער פון די בורלאקעס (דאָס זיינען געווען רוסישע פויערים וואָס האָבן דאָרט געוואוינט). אָבער שפּעטער האָט מען די אידן געכאפּט און זיי געבראכט אין קאָוונער געטאָ. מען האָט זיי געפירט צום פאַרניכטן אויפן ניינטן פאָרט צוזאמען מיט די אידן פון קאָוונער געטאָ, ווייל אין געטאָ איז פאָרגעקומען די אקציע פון „קליין געטאָ", וואו עס זיינען אומ־

געקומען צוויי טויזנט נפשות. נאָר דורך אַ נס האָבן די געכאַפּטע יאַנאָווער אידן פאַרשפּעטיקט אויף דריי טעג, און מען האָט זיי דערוויל אַריינגעלאָזן אין געטאָ. איניקע פון זיי זיינען געבליבן לעבן, ווי נחום בלומבערג מיט זיין פרוי און אנדערע.

נאָך דער באפרייאונג פון ליטע, אין אויגוסט 1944, האָט אַ אידישע פרוי פון יאַנאָווע דערקענט אַ מערדער וואָס האָט דערמאָרדעט איר מאַן און אַ סך יאַנאָווער אידן. דער מערדער האָט דאָן אויסגעזאָגט וואו דעם רב׳ס קבר געפינט זיך. מען האָט געפונען זיין קאָפּ באַזונדער און דעם קערפּער באַזונדער. און אויך קאַגאַן דעם אַפּטייקער׳ס קערפּער און זיין קאָפּ באזונדער.

אַט אזוי זיינען אומגעקומען יאַנעווער אידן. יהי זכרם ברוך!

מאַריאַמפּאָל

מאַריאַמפּאָל איז געווען פון די קרייז שטעט פון ליטע. פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה האָט זי געהערט צו סואוואַלקער קרייז. מאַריאַמפּאָל האָט זיך געפונען פופציק קילאָמעטער פון קאָוונע מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון לערך פינף טויזנט נפשות.

אמאָל האָט מען די שטאָט גערופן מיטן נאָמען סטאַראָפּאַליע אָדער סטאַר־פּאַליע. די דאַמאָלסטיקע קהלה איז געשטאַנען אונטער דער הנהגה פון דער קאַלוואַריער רבנות.

מאַריאַמפּאָלער בעלי בתים זיינען געווען לומדים און משכילים ווי ר׳ יצחק ראָזענטאַל, ר׳ אליהו אייזיקאָוויץ, פּרץ בלאָך, פריידבערג און מאיר לאַנדאַן און אנדערע.

די רבנים זיינען געווען וועלט באַרימט. דער ערשטער רב אין מאַריאַמ־פּאָל איז געווען הרב ר׳ חיים שערשאָווער, ער האָט געפירט דאָס רבנות בערך פערציק יאָר. דערנאָך האָט פאַרנומען דאָס כסא הרבנות זיי אידעם הרב ר׳ יהודה לייב חרל״פּ. די שפּעטערדיקע רבנים זיינען געווען: ווי הגאון ר׳ יהונתן עליאַסבערג, דער זון פון הרב ר׳ מרדכי עליאסבערג ז״ל, בויסקער רב, הגאון

ר׳ יעקב מאיר גאָלד ז״ל, הגאון ר׳ אליהו קלאַצקין ז״ל, און הרב פּאַפּעל ז״ל. ער איז געווען דער ערשטער רב אַלס דעפּוטאַט אין ליטווישן סיים, נאָך דער גרינדונג פון דער ליטווישער מלוכה, וואו אידן האָבן די ערשטע צייט געהאַט זייער אייגענע אויטאָנאָמיע. דער לעצטער רב, הרב ר׳ אברהם זאב הלוי העלער, איז געווען אַ גאון אין לערנען און אַ וואונדער־באַרער רעדנער. זיין שיינע שפּראַך האָבן אַלע באַוואונדערט. דערפאַר האָבן טאַקע די מאַריאַמפּאָלער בעלי בתים זיך געגרויסט מיט זייערע רבנים.

אויך אזי געווען אין מאריאמפּאָל אַ דיין, ר׳ שלמה (ר׳ שלמה באַט־ניצקי ז״ל). וועגן אים וואָלט מען געדאַרפט שרייבן אַ באזונדער קאַפּיטל, ווייל זיין צדקות און מעשים טובים האָבן די ווערט זיי זאָלן פאַרשריבן צו ווערן.

אין זייער עקאָנאָמישן לעבן האָבן די מאריאמפּאָלער אידן זיך פאַר־נומען מיט מסחר, קליין־קרעמעריי, האַנטווערקעריי און געלעבט פון די פויערים אין די ארומיקע דערפער. די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער ליט־ווישער רעגירונג האָט אפילו אָפט געהאלטן מאַריאַמפּאָל, און אנדערע אַזעלכע שטעט און שטעטלעך, מוראדיק פאַרענגט, אָבער צו אַ באזונדערער די־רעקטער שנאה צו אידן ביי די ליטווישע פויערים איז עס ניט געקומען. דאָך — ביים אריינמאַרש פון די נאַציס זיינען אויך די ליטווישער פויערים גרייט געווען צו ווערן די אידן מערדער.

דאָס אידישע לעבן איז געווען אין מאריאַמפּאָל זייער גוט אָרגאַניזירט. דער וועד־הקהילה האָט אָנגעפירט מיטן רעליגיעזן און גע־זעלשאַפטליכן לעבן פון שטאָט. דער רוח החיים פון דער קהילה איז געווען ר׳ חיים וועלוועל קאָווישער, מ׳האָט אים גערופן חיים וועלוול דער שוחט, אַ טיפ מענטש מיט איינגעבאָרענער אינטעליגענץ און פייאיקייטן פאַר גע־זעלשאַפטליכקייט. ער האָט געהאַט זייער אַ גוטן כאראקטער. זיין גוט הארץ און זיין ליבליכן שמייכל און דרך ארץ פאַר יעדן מענטשן, איז געווען אַ שם דבר. געווען אַן אמתער אוהב ישראל. אָט די אלע מידות וואָס אַן אמתער געזעלשאַפטליכער טוער מוז האָבן, האָט אין זיך פאַרקערפּערט ר׳ חיים וועלוול דער שוחט הי״ד. טיילווייז פלעגט אים העלפן אין זיין טעטיקייט ר׳ יענקל דער שוחט. הי״ד.

מאריאמפּאָל האָט געהאַט אַ העברעאישע גימנאַזיע, די תלמידים זיינען געווען סיי פון מאריאמפּאָל, סיי פון די ארומיקע שטעטלעך. אויך זיינען געווען דאָרט צוויי אידישע בענק: די פאָלקס־באַנק און א. אַמשטערדאַמסקיס באַנק. מאריאמפּאָל האָט אויך פאַרמאָגט אָרגאַניזאַציעס פון כמעט אלע ציוניסטישע פארטייען. געווען דאָרט אויך אַ הכנסת אורחים, אַ ביבליאָטעק און אנדערע אינסטיטוציעס.

אַזוי איז זיך אָנגעגאנגען דאָס מאריאמפּאָלער לעבן ביז דעם 22־טן יוני, 1941. דער מאריאמפּאָלער שאָסיי וואָס פירט קיין קאָוונע איז, מיטן אויסברוך פון קריג, געוואָרן געפערליך פאַר אידן. די אידן וואָס זיינען געלאָפן אויף מאריאמפּאָלער שאָסיי, זיינען פון די ליטווישע מערדער, גע־שלאָגן און געפייניקט געוואָרן מיט גרויס אכזירות און די פאַרמעגנס האָבן די רוצחים ביי זיי צוגענומען.

דעם 23־טן יוני, 1941, איז מאריאמפּאָל באַזעצט געוואָרן פון די דייטשן. גלייך האָבן זיך אָנגעפאַנגען די צרות און פייניקונגען אויף די אידן. מען האָט געמאָרדעט, געראַבעוועט און זיך איזדעקעוועט איבער זיי. מען האָט געיאָגט די מענער צו דער ארבעט, מען האָט אלעמען ארויסגעטריבן פון די הייזער און זיי אַיינקוואַטירט אויף פרענער גאַס. נאָכדעם האָט מען אָפּגעטיילט די מענער פון פרויען און קינדער. די אינטעליגענץ און די חשובע בעלי בתים מיטן רב, הרב העלער, האָט מען אריינגעטריבן אין בית המדרש און דאָרטן האָט מען זיי געהאַלטן אונטער אַ גרויסער וואַך פון ליטווישע מערדער. דער הויף ארום די בתי מדרשים האָט מען אַרומ־געצאַמט מיט שטעכלדראָט, דערנאָך, האָט מען אויך געבראַכט די שטאַרקערע מענער. און מען האָט אָנגעפאַנגען מאַכן די גרויליכסטע עקספערימענטן איבער זייערע קערפּערס.

עס איז כדאי איבערגעבן, וואָס דער ליטווישער שרייבער א. לייס־ווידאס האָט געשריבן אין דער ליטוויש־סאָוועטישער צייטונג „טאריבא ליע־טואווא" קאָוונע, אָקטאָבער, 1944, דערציילט ווי מען האָט אומגעבראַכט די מאריאמפּאָלער אידן:

„ביים ברעג טייך שעשופּע, ציען זיך אכט לאַנגע גריבער, יעדער

גרוב האלט דריי מעטער די ברייט און זיבעציק מעטער די לענג. די גריבער האָבן געגראָבן די ליטווינער, די אויסמאָרדונג איז געווען גרויזאַם. מען האָט געצוואונגען די קרבנות נאַקעט זיך אויסלייגן שורות׳ווייז אין די גריבער און פון ברעג טייך זיינען זיי באַשאָסן געוואָרן מיט אויטאָמאַטישע ביקסן. מען האָט זיי באַשאָטן מיט אַ דינעם שיכט ערד. סובאַצקי, ליגנדיק מיט אַ דורכגעשאָסענעם ברוסט, האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטערן דינעם שיכט ערד און אויסגעשריען, אז ער וויל נישט מען זאָל אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט און ער בעט מען זאָל אים דערשיסן.

„אין ראַיאָן פון מאַריאַמפּאָלער קאַזאַרמעס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון זיבן ביז אכט טויזנט אידן״.

אין אָנפאַנג סעפּטעמבער, 1941, האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרניכטונג פון די וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם אַרומגעצאַמטן בית המדרש. און אַלע אידן האָבן דערשפּירט אז מען פירט זיי צום טויט, צו די גריבער אין מאַרצינקוס, לעבן דעם טייך סעסופּע, האָט זיך דער רב, הרב העלער, איינגעהילט אין טלית און תפילין וואָס ער האָט געפונען אין בית מדרש, און געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה, ווי מען זאָל גיין צום טויט; מען זאָל ניט אריינפאַלן אין יאוש און מקדש השם זיין מיט שמחה (לויט די ידיעות פון אַ קריסט). דער רב איז געגאַנגען מיט שטאָלץ, מיט זיין ערשטער גרופּע אידן־קדושים, צום טויט. אַזוי האָט מען גרופּנווייז אומגעבראַכט די מענער, די פרויען און קינדער.

מאַזשייק
וועקסנע, אַקמיאַן

שרייבנדיק די קאַפּיטלען פון דער געשיכטע פון מיינע איבערלעבונגען אין דער נאַצי־אָקופּירטער ליטע — פון שטעטלעך און פאַרזענליכקייטן, וואָס זייער לעבן און זייער קידוש השם פאַרדינען אַן ערן־פּלאַץ אין דער אידישער געשיכטע, — טראַכט איך אַז, — שוין ביי זייער לעבן האָבן די דאָזיקע גדולים פאַרנומען אַן ערן־פּלאַץ, דעם סאַמע אויבנאָן

אין דעם אידישן לעבן אין ליטע. זייער קידוש השם — דער שרעקליכער אופן ווי זיי זיינען פארפייניקט געוואָרן דורך די נאַצי־שונאים מאכט זיי — פאר די הרוגי מלכות פונם ליטווישן אידנטום.

ניט אַלץ פון זיי קען איך דאָ דערמאָנען. איך וועל זיך בלויז אָפּ־שטעלן אויף די גרויסע ליטווישע רבנים, גדולי ישראל, וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם, און איך וועל איבערגעבן די פאקטן קורץ און פשוט — אָן שום באַפּוצונגען, — ווי זיי זיינען פארשריבן געוואָרן אין מיין טאָגבוך.

צווישן די ליטווישע אידן — דעם טראגישן לעבנגעבליבענעם רעשטל פונם ליטווישן אידנטום — איז טרויעריק באַקאַנט די געשיכטע פונם „חוט המשולש". אזוי האָבן אידן געגומען רופן דריי פון די ליט־ווישע רבנים, וועלכע זיינען אומגעבראכט געוואָרן פון די רשעים, ימח שמם.

די דאָזיקע דריי רבנים, וועגן וועלכע איך וואָלט באזונדערס וועלן דערציילן, האָבן מקדש השם געווען צוזאמען מיט אַ גאנצער עדה אידן. זיי זיינען אוועק פון דער וועלט ווי די גרעסטע קדושים אין דער גאנצער אי־דישער מארטירער־געשיכטע.

די פאקטן ארום זייער גרויסן קידוש השם דארפן דערציילט ווערן. מען דארף עס דערציילן אונזערע קינדער, כדי זיי זאָלן לערנען און פאַר־שטיין די גרויסקייט פון די צדיקים, די הייליקע אידן, וועלכע זיינען אומ־געבראכט געוואָרן פון די נאצישע רוצחים.

די נאציס אליין, די דאָזיקע חיות רעות אין מענטשליכן געשטאַלט, האָבן זיך געמוזט דערשרעקן פאַר די דאָזיקע קדושים, ווייל זיי האָבן ניט געשטערט ווען זיי האָבן, ביים סוף פון זייערע לעבנס, אזוי הערליך מקדש השם געווען.

דער חוט המשולש — די הייליקע דריי — וועגן וועלכע איך רייד דאָ זיינען געווען:

1) הרב רבי קלמן מגיד הי"ד, ווילקאָמירער רב. געבוירן אין יאָר תרל"ב, אין וואַרנע, געווען רב אין באַרמיאַנסק (קרים רוסלאַנד) און קראָז. געווען פון די אקטיווע טוער פון „מזרחי" אין ליטע.

די שטעטל וועקסנע, שאוולער קרייז, איז געווען פון די קליינע שטעטלעך פון ליטע, מיט אַ אידישער באפעלקערונג פון 200 אידישע נפשות. מיט פיינע בעלי בתים לומדים און משכילים.

2) הרב רבי יוסף זאב מאמיאפע הי״ד, מאַזשייקער רב. דער איידעם פון הגאון רבי זאב וואָלף אברך זצ״ל, געוועזענער רב פון מאַזשייק, מחבר פון ספר „רביד הזהב״. מאַזשייק איז געווען פון די קרייז שטעט פון ליטע, ניט ווייט פון לעטישן גרענעץ, האָט פארמאָגט אַ אידישע באפעלקערונג פון 300 אידישע פאמיליעס. מאזשייק האָט אויך געהאַט אידישע אינסטי־טוציעס מיט פיינע בעלי בתים לומדים און משכילים און כלל טוער.

3) הרב רבי נחום מרדכי ווערבאָווסקי הי״ד, רב אין אקמיאַן. אק־מיאַן, איז מאַזשייקער קרייז, איז געווען פון די קליינע שטעטלעך פון ליטע מיט אַ אידישע באפעלקערונג פון 100 פאמיליעס.

הונדערטער יאָרן האָבן אידן דאָרט געלעבט אין די דריי דערמאָנטע שטעט און געבויט און געשאפן פאָרן אידישן פאָלק און פאר דער מענטש־הייט ביז די חיה־מענטש איז געקומען.

אין מאַזשייק, וועקסנע און אקמיאַן, האָבן די דייטשע רוצחים, פונקט ווי אין אנדערע ליטווישע שטעט, אָנגעהויבן די סאמע שוידערלעכסטע רדיפות אויף אידן גלייך נאָכדעם ווי זיי זיינען אריין אהין און אויך דאָרט האָבן זיי זיך גענומען קודם כל, צו די אמתע אידישע פירער — די רבנים.

דעם 15־טן יולי, 1941, האָבן די מערדער באפוילן ארויסצופירן אלע אידן פון די דערמאָנטע שטעטלעך. מען האט זיי אוועקגעפירט קיין טירקשלי, אַ קליין שטעטעלע לעבן מאַזשייק, און אין טירקשלי האָט מען אלע אידן, די רבנים בראש אוועקגעפירט אינם דאָרטיקן גרויסן וואלד.

מען האָט אָפגעטיילט די מענער און פרויען און קינדער באזונדער. אויך האָט מען אָפגעקליבן די חשובע בעלי בתים און אינטעליגענץ מיט די רבנים צוזאַמען.

די רבנים, ווען מען האט זיי געפירט אין יענעם וואלד, האָבן פאַר־שטאַנען אז מען פירט זיי אויף קידוש השם. זיי האָבן זיך טאָקע אלע אָנ־געטאָן אין טלית און תפילין.

די עדי ראיה פון יענער גרויסער פּראָצעסיע פון הונדערטער אידישע מקדשי השם, האָבן דערציילט, ווי אימפּאָזאַנט, ווי נצחיותדיק די דאָזיקע אידישע מחנה האָט אויסגעזען.

דער אלטער גרייז־גרויער וועקסנער רב, רבי קלמן מגיד הי״ד, האָט זיך אוועקגעשטעלט און גערופן דעם עולם ניט צו פאַרצווייפלען. ער האָט געדעדט צו די אידן ניט צו זיין טרויעריק, ניט אריינצופאלן אין יאוש. מען טאָר ניט ווייזן די דייטשן אפילו, דעם קלענסטן סימן פון טרויער. מען דאַרף מקדש השם זיין, און דאָס איז דאָס העכסטע, דאָס הייליקסטע ביי אידן. מען דאַרף שטאַרבן ווי אידן, ווי הייליקע מענטשן, ווי די קינדער פון דעם עם השם, דעם עם קדוש מכל העמים.

די ביקסן און מאַשינן־געווער פון די רוצחים, האָבן זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף דעם גרויסן מאָמענט פון קידוש השם.

„שמע ישראל ד׳ אלקינו!״

די גאַנצע עדה קדושים וטהורים האָט געענטפערט:

„השם אחד!״

ערשט דאן האָבן די ביקסן אויסגעשאָסן און די הייליקע אידן האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות.

מערעטש

מערעטש איז פאַרן ערשטן קריג געווען טראָקער קרייז, נאָכן אָנט־שטיין פון ליטע, איז עס געוואָרן אַליטער קרייז. איר אידישע באפעלקע־רונג איז באשטאַנען פון דריי הונדערט נפשות.

מערעטש ליגט ביים טייך ניעמאַן, פערציק וויאָרסט פון באַוואוסטן ליטווישן קור־אָרט דרוסקעניג, מיט אירע מינעראַלן און בלאָטע־בעדער. אהין פלעגן פאָרן די אַלע ליידנדע פון אטרייטיס, לאמבעיגא, סאיאַטיקא, אויך

אנדערע רומאַטישע קראַנקייטן. אויך האָרץ־ליידנדע זיינען געפאָרן אַהין, זיך מאַכן קוילן־זויער בעדער.

דעם מקור חיונה האָבן טאַקע די אידן געצויגן פון דעם ניעמאַן, זיי האָבן געפירט האַלץ האַנדל מיט דייטשלאַנד. דאָס האָלץ פלעגט טראַנספּירט ווערן מיטן וואסער קיין דייטשלאַנד. האָבן אויך געפירט תבואה־מסחר קרעמערייי, און האַנטווערקער. די מיל און טארטאַק וואס האָט געהערט צו די אידישע סוחרים — די אַלקעניצקיס.

מערעטשער בעלי בתים זיינען געוועזן לומדים און עסקנים, ווי בנימין אלקעניצקי, ר׳ זלמן דער פאַרבער, ר׳ לייבוש קליבאַנסקי, ר׳ ישראל משה זוביצקי, ר׳ יודל ראַכמאַן, ר׳ א. הורוויץ, אויך אַן איד אַ למדן, ער פלעגט העלפן ראַטעווען אַ סך אידן פון אַלע גזירות רעות וואָס מען פלעגט אַרויפּלייגן אויפן שטעטל, אָדער פאַרמיידן אַז קיין גזירות זאָלן נישט קומען, ווייל צו אים אין הויז פלעגט אריינקומען די קריסטליכע אריסטאָקראַטיע און אפילו דער פּאָליציי־שעף פון גאַנצן אליטער קרייז, פלעגט פאַרפאָרן צו הורוויצן אין הויז, און ממילא האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו העלפן אידן. ראַדאָווסקי, איז געוועזן דער סטאַרעסטע פון שטעטל. פון די יונגע כלל טוער זיינען געוועזן איישישקע, דער פירער פון דער פועלי ציון פּאַרטיי און אליהו קאַדאַסניק, טוער פון דער פאָלקס שול און אנד.

די רבנים זיינען געוועזן: הרב הגאון ר׳ יהודה הלוי ליפשיץ זצ״ל, און הרב הגאון ר׳ מיכל דוד שטופל הי״ד, מחבר פון ספר „באר מים חיים״, געוועזן פון די עלטסטע רבנים פון ליטע. אַן עפּיזאָד וואָס איך האָב בייגעוואוינט ביי דער אסיפת הרבנים, פון הרב שטופל, וויל איך דערמאָנען. ביי דער אסיפת הרבנים פון ליטע האָט דער פאָרזיצער פון דער אסיפה פאָרגעשלאָגן, אז ביים דערמאָנען די חברים הרבנים וואָס זיינען נפטר געוואָרן, זאָל מען זיי באָערן מיט אויפשטעלן זיך. הרב שטופל האָט פּראָטעסטירט און דערקלערט אַז מען טאָר עס נישט טאָן. עס איז אַ חוקת העמים און געבראַכט דערצו ראיות על פי דין. מען האָט דאָס טאַקע אַראָפּגענומען פון סדר היום.

מערעטש האָט געהאַט אירע אייגענע חשובע אינסטיטוציעס: —

אַ פֿאָלקס שולע, אַ פֿאָלקס באַנק, אַ ביבליאָטעק, ביקור־חולים און אַצאָל ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אויך מוז דערמאָנט ווערן די הצנע לכתדיקע אַרבעט פֿון מתן בסתר. פֿרוי מינדל, פֿון ווילנער גאַס, איז געווען טעטיק אין דער אַרבעט. זי פֿלעגט אַרומגיין, צוזאַמענעמען געלט און עסנוואַרג און דערנאָך דאָס פֿאַנאַנדער־טראָגן צו די אָרעמע לייט פֿון שטעטל ערב שבת, אָדער צו געפֿאַלענע משפחות.

אויך האָט מערעטש אַרויסגעגעבן גרויסע פּערזענליכקייטן ווי אליהו דוד סטאָן, פֿון באָסטאָן, וואָס איז געווען דער פּראָקוראָר אין מאַסאַטשוסעטס סטייט, אין אַמעריקע. ער איז דער זון פֿון חנא דעם מלמד.

דעם 22־טן יוני, 1941, ווען עס איז אויסגעבראָכן די רוסיש־דייטשע מלחמה האָט ניט לאַנג געדויערט און מערעטש איז אַריינגעפֿאַלן צו די דייטשן. אויפֿן צווייטן טאָג פֿון מלחמה איז שוין מערעטש געווען אין די הענט פֿון די דייטשע מערדער.

עס האָט זיך איינגעגעבן עטליכע צענדליק משפּחות זיך אויסצובאַ־האַלטן אין די אַרומיקע דערפֿער פֿון די באָמבעס, אָבער ווי נאָר די דייטשן האָבן באַזעצט דאָס שטעטל האָבן זיי זיך גלייך געמוזט אומקערן צוריק אין שטעטל, און פֿון זייער מיטגענומענעם פֿאַרמעגן זיינען זיי גלייך באַרויבט געוואָרן, אַפֿילו די גאַנצערע קליידער האָבן די קריסטן פֿון זייער לייב אַראָפּ־געצויגן.

מען האָט גענומען גלייך אויף אַרבעט, די יונגע מענער און פֿרויען, אָבער אויסער דעם איז געווען רואיק, פֿון דאָ און דאָרט האָט מען געהערט ידיעות אַז מען שלאָגט אידן און מען פֿאַרגוואַלטיקט יונגע מיידלעך. די רואיקייט אַרום איז געווען אַ רואיקייט פֿאַר אַ גרויסן שטורם. אין צוויי וואָכן אַרום איז געוואָרן אַ טומל אין שטעטל. עס איז אַרויס אַ דעקרעט פֿון קאָמענדאַנט צוצושטעלן דעם אַלטן גרייז־גראָען רב הרב שטופּל, וועלכער איז אויך געווען פֿון די אַנטלאָפֿענע אידן פֿון שטעטל וואָס האָט זיך נישט צוריקגעקערט. און צוליב דעם האָט מען גענומען פֿאַר ערובניקעס פֿופֿציק חשובע בעלי בתים פֿון שטעטל. אָבער דערמיט האָבן זיך נאָך די מערדער

נישט באַרויִקט וואָס די בעלי בתים זיינען געווען גרייט אַז מען זאָל מיט זיי טאָן וואָס זיי ווילן אַבי שאָנעווען און נישט אָנרירן זייער רב.

די מערדערס צאָרן איז נאָך אַלץ נישט געשטילט געוואָרן און גע־פּאָדערט דעם רב, אַז נישט וועלן זיי אומברענגען אַלע אידן פון דעם שטעטל. מען איז געלאָפן מיט שתדלנות צו די ליטווישע מערדער און צום גלח פון שטעטל אַז מען זאָל ווירקן אויף די דייטשע מערדער זיי זאָלן נישט צווינגען צו ברענגען דעם רב. די אידן האָבן געוואוסט וואָס ס׳שטייט זיי פאָר: צו־צוזען מיט זייערע אויגן וואָס מען טוט מיטן רב. אוי לעינים שכך רואות.

עס האָבן אָבער נישט געהאָלפן די אַלע אינטערווענצן און אין צוועלף שעה מוז דער רב צוגעשטעלט ווערן, ווען ניט וועלן דא אידן מיט זייערע פרויען און קינדער אריינגעוואָרפן ווערן אין ניעמאַן.

מען האָט גערופן אסיפות, באַראַטונגען, מע האָט געוויינט און גע־קלאָגט. ווער קען דען ביי זיך פועלן גיין זאָגן דעם רב און אים ברענגען עס זיינען אַזוי אריבער עטליכע שעה נאָכן באַפעל און קיינער פון די אידן האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און געוואַרט אויף זיין אומקומען. צופעליק האָט זיך אָבער דערוואוסט דער קריסט וואו דער רב איז געווען ביי אים באַהאַלטן, איז ער אַוועק און אַלץ איבערגעגעבן דעם רב, ווי דער אַלטער רב האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אָנגעטאָן זיינע שבתדיקע קליידער און דעם קיטל מיטן טלית און זיין ווייסע יום כפורדיקע יאַרמאַלקע, גענומען אַ ספר תורה אין האַנט און דער קריסט האָט אים געבראַכט אין שטעטל און אים צוגעשטעלט צו די מערדער.

פאַרן זיך געזעגענען מיט דער רביצין, טאָכטער, איידעם, הרב ווינער פון קעלם, האָט דער רב זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן נאָך אים נישט וויינען, ווייל ער גייט איצט מקיים זיין די גרעסטע מצוה אין זיין 84־טן לעבנסיאָר: ער גייט מקדש השם זיין.

ווי די מערדער האָבן דערזען דעם רב האָבן זיי אים באַפוילן צו טאַנצן און טאַנצנדיק האָט מען אים געצוואונגען ער זאָל זינגען. דער אַלטער גרייז גראָער רב האָט אָנגעכאַפּט זיין ספר תורה און אויסגעשריען מיט

די לעצטע כוחות מיטן שמחת־תורה ניגון: אתה הראת לדעת כי ה׳ הוא אלוקים.

ווי די רוצחים האָבן דערזען די ספר תורה האָט זיך צעפלאַמט זייער יוכע נאָך שטאַרקער און אונטער גרויסע פייניקונגען און יסורים איז דער רב אומגעקומען. בלויז רעשטלעך פון זיינע גלידער און פון זיין קערפער האָט זיך איינגעגעבן, מיט מסירת נפש, מקבר צו זיין אויפן בית עולם. (דאָס אַלץ האָב איך געהערט פון אַ קריסט, אַ תושב פון שטעטל.

די צרות און רדיפות אויף די אידן האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן. מען האָט עטליכע הונדערט אידן צוזאַמענגעטריבן אין קלויז און זיי פארפייניקט. אַנדערע האָט מען ארייגעוואָרפן אין ניעמאן. מיט עטליכע וואָכן שפעטער האָט מען ארויסגעפירט אויסן שטעטל, פריער די מענער און זיי אומגע־בראכט און נאָך זיי די פרויען מיט די קליינע קינדערלעך.

מאלאט

מאלאט געפינט זיך אין ווילקאָמירער קרייז, פופציק וויאָרסט פון ווילנע. דאָס גאנצע שטעטל האָט זיך געצויגן, ווי איין לאנגע גאס, און פאר־מאָגט פינף הונדערט אידישע פאמיליעס.

מאלאט איז געווען אַ פרום שטעטל, געהאַט אלע אייגנשאפטן פון די אַלט־איינגעזעסענע אידישע ישובים מיט אירע טראדיציאָנעלן שטייגער לעבן. אירע בעלי־בתים זיינען געווען לומדים און יראי־שמים. האָבן געשיקט אין ישיבות לערנען זייערע קינדער. חיונה האָבן זיי דאָרט געצויגן פון קרעמע־ריי, האנדל, מלאכה, און דערשטוקעוועט מיט דער הילף וואָס זיי האָבן באַ־קומען פון אייגענע אין אמעריקע און אפריקע.

רבנים אין מאלאט: הרב ר׳ יעקב מאיר יאקא מחבר פון ספר „תרומת יעקב״, הרב ר׳ יצחק אריה בעליצקי און זיין זון הרב ר׳ נטע בעליצקי.

געזעלשאפטליכן לעבן און אָרגאניזאציעס: אַ תלמוד תורה, א אי־

דישע פֿאָלקשולע און אַ תרבות־שולע, אַ גמילות־חסד און אַ פֿאָלקס־באַנק און אַ פּאָר ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

ווען דער דייטש האָט פֿאַרנומען מאַלאַט האָבן זיך דאָרט געפֿונען פֿון פֿרעמד־אַנגעלאָפֿענע אידן. מען האָט זיי אַלעמען פֿאַרשפּאַרט אין טורמע און אין שטאַלן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּייניקונגען. די „פֿרעמדע" האָט מען באַפֿוילן פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל און אויפֿן וועג זיינען זיי אומגעקומען פֿון די ליטווישע מערדער.

די געבליבענע אידישע מענער פֿון שטעטל האָט מען אַוועקגעטריבן קיין אוטיאַן און זיי דאָרט, צוזאַמען מיט די אוטיאַנער אידן, אומגעבראַכט.

אָנהויב סעפּטעמבער, 1941, האָט מען דערשאָסן די פֿרויען און קינדער הינטערן שטעטל, אין הויף לעבן מיל.

ניישטאָט־קודירקאַ

ניישטאָט־קודירקאַ, שאַקיער קרייז, ליגט האַרטביים דייטשן גרענעץ. אַ שטעטל פֿון אַן ערך צוויי הונדערט אידישע משפּחות. נאָך אין 1649, האָט די פּוילישע קעניגין סעציליע רענאַטאַ, די פֿרוי פֿון וולאַדיסלאַוו דער פֿערטן, די שטאָט אָנגערופֿן אויפֿן נאָמען פֿון איר מאַן: וולאַדיסלאַוו, און האָט באַוויליקט דער שטעטל אַן אייגענע שטאָט־פֿאַרוואַלטונג. דער אידישער ישוב ציילט שוין אַן ערך איבער צוויי הונדערט יאָר. די אידישע באַפֿעלקערונג האָט זיך באַזעצט נאָענט צום טייך שעשופּע. מיט אַכציק יאָר צוריק, נאָך דער גרויסער שׂרפֿה, האָבן זיך די אידן אַוועקגעצויגן פֿון טייך און די שטעטל איז אויסגעברייטערט געוואָרן.

אידן אין ניישטאָט האָבן זיך מפֿרנס געווען פֿון האַנדלען מיט דייטשלאַנד און האָבן געהאַט פֿלאַקס־פֿאַבריקן. געווען דאָרט אַ צאָל לאַנדווירטשאַפֿטן און האַנטווערקער. די נאָענטקייט צו דייטשלאַנד, האָט די אויפֿקלערונג געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויפֿן שטעטל און האט איר פֿאַרוועלטליכט.

הגם דאָס אלט־אידישער לעבן האָט זיך דאָרט געהאַלטן גאַנץ פעסט, אַ דאַנק דער צאָל לומדים און בני־תורה.

אירע רבנים זיינען געווען: הרב ר׳ אליעזר ראנין, מחבר פון די ספרים „ילקוט אליעזר״ און „שיח יצחק״. דער לעצטער רב איז דאָרט געווען הרב ר׳ נחמיה פאָרטמאַן, מחבר פון ספר „דברי חיים״.

ניישטאָטער אינסטיטוציעס: חדרים, פאָלקשולע, אַ ביבליאָטעק, אַ פאָלקס־באַנק און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

דעם 22־טן יוני, 1941, זיינען גלייך אריין אין שטעטל די דייטשן און די ערשטע פאָר שעה פון זייער „וויזיט״ זיינען שוין געווען פינף דער־הרג׳עטע אידן. דערנאָך האָבן זיי, לויט אַ באַפעל, צוזאַמענגעבראַכט אויפן מאַרק־פּלאַץ אלע אידן און דער ליטווישער בירגערמייסטער לאַפּונסקי, האָט געלאָזט וויסן, אז זיי וועלן דאַרפן אַרבעטן אונטער דער השגחה פון די ליטווישע רוצחים. זיי האָבן דעם ערשטן יולי, 1941, צונויפגעטריבן אלע אידישע מאַנסבילן פון 14 יאָר אָן, זיי ארויפגעטריבן אויפן אידישן בית־עלמין און דאָרט אומגעבראַכט. דערנאָך האָבן זיי די פרויען און קינדער באַזעצט אין אַ געטאָ אין שול און אין באָד גאַס. און סעפּטעמבער 1941, זיי ארויסגעפירט אין פאַראַשנעווער וואלד און זיי דאָרט פארניכטעט.

סעריי

סעריי, אליטער קרייז, איז געווען פון די גרעסערע שטעטלעך פון ליטע. זי איז געווען אכציק וויאָרסט פון ווילנע. און האָט פארמאָגט אַ אידי־שע באַפעלקערונג פון פיר הונדערט פאַמיליעס.

דער נאָמען סעריי האָט זיך גענומען פון דעם גראַף ראַדזוויל. (די רוסן האָבן נישט אין זייער „אַזשבוקאָ״ קיין היי, נאָר אַ „גע״, דערפאַר האָט מען גערופן סעריי.

מען גערופן סעריי). סעריי איז געווען אַרומגערינגלט מיט גרויסע אָזשערעס.

סעריי איז אויך באַקאַנט מיט אַ לעגענדע, ווען נאַפּאָליאָן האָט גע־

פירט קריג מיט רוסלאַנד (1812), און האָט געמאַכט זיין מארש קיין מאָס־קווע, איז ער אריבער דעם ניעמאַן ביי סעריי גייענדיק צו ווילנע. האָט ער געמאכט אויף אַ געוויסער צייט זיין הויפּט־קוואַרטיר אין סעריי. און וועקגייענדיק פון דאָרט, האָט ער איבערגעלאָזן זיין פּאָלערינע, און אידן האָבן געמאכט פון דער פּאָלערינע אַ פּרוכת פאַר דעם אָרון קודש. שפּעטער איז אין דער גרויסער שרפה פון שטעטל, דער פּרוכת פארברענט געוואָרן.

אויף זיין גלות־וועג איז דער ווילנער גאון זצ״ל, אויך געווען אין סעריי און זיין חבר און תלמיד און מחותן ר׳ חיימ׳ל, האָט אויך געוואוינט אין סעריי און אידן פלעגן וואונדער־געשיכטעס דערציילן שבת־פארנאכט לעבן איוואן אין קלויז וועגן דער גרויסקייט פון ווילנער גאון זצ״ל.

דעם מקור חיונה האָבן אידן געצויגן טאָקע פון די אָזשערעס וואו זיי פלעגן האָדעווען און פאנגען פיש און זיי טראנספּאָרטירן קיין קאָוונע און אַפילו קיין דייטשלאַנד. אויך זיינען דאָרט געווען סוחרים, קליין־סוחרים, און האַטנוועקער. סעריי האָט אויך פאַרמאָגט אַ פאבריק פון לאנדווירטשאַפט־מאשינען וואָס האָט געהערט צו דער פאמיליע צווילינג. די סעריייער אידן האָבן זיך אויך פארנומען מיט ערד־ארבעט, וואָס דאָס האָט געגעבן זייער מקור חיונה אַ טייל פונם שטעטל.

די פירער פון שטעטל זיינען געווען: ר׳ לוי פינקאָווסקי, ר׳ מרדכי באָרדאָווסקי, ר׳ חיים מענדע קיילי, ער איז געווען אַ שטילער און באַשיי־דענער כלל טוער. יאָסל גאַרבאַרסקי, אַ איד אַ תקיף, וואָס האָט געהאַט אַ הויף מיט אַ סך ערד (אַן אידישער פּריץ), געווען אַ גבאי פון בית מדרש און אַליין געזאָגט פאַרן עולם אַ בלאט גמרא. ער האָט געלערנט אין וואָלאָזשין. יהודה ליב ביעלאָסטאָצקי, געמאַכט אַ חדר־מסוכן אין סערהיי און געווען אַן אויפגעקלערטער. זיך געהאַלטן אביסל פריי, דערנאָך געוואָרן פרום און גע־לערנט פארן עולם אַ בלאט גמראַ אין קלויז. איינער פון די משכילים ־ טוער איז געווען דר. ליאָן פינקל, ער איז געווען אַ משכיל און פאַרשפּרייט השכלה צווישן דער יוגנט. דער גבאי פון בית מדרש איז געווען אַ סך יאָרן בערע צווילינג. די יונגע כלל טוער זיינען געווען מאיר איוואקאָווסקי, ירוחם גאבארסקי, שמואל קאַלעקאַ.

סעריי איז אויך געווען בארימט מיט גרויסע געסט וואָס פלעגן איר באזוכן. פון ווילנע איז אַראָפּגעקומען אין סעריי ר׳ שלום פלודערמאַכער, ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיינע יונגע תלמידים. פון זיינע תלמידים זיינען ארויסגעקומען דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און פיינע בעלי בתים, זיי האָבן נישט פאַרגעסן די תורה און יראת שמים ווי זייער רבי האָט זיי געלערנט.

די רבנים זיינען געווען הרב הגאון ר׳ ישראל גאלדין ז״ל; געווען רב אין ראָטשעסטער, אין אַמעריע, און הרב הגאון אַ. שצופּאק ז״ל.

צווישן די סערייער אידישע אינסטיטוציעס זיינען געווען: אַ אידישע פאָלקס־באַנק, ביקור חולים, לינת הצדק און אַ גרויסע ביבליאָטעק. די יוגנט איז געווען טעטיק אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אויך מוז דערמאָנט ווערן די הצנע לכת׳דיקע ארבעט פון מתן בסתר פון חיעסע פרוסאַק און פרוי העניע צווילינג —ביידע פלעגן, יעדער באַזונדער, ארומגיין און צוזאמענעמען געלט און עסנווארג און דערנאָך פאַנאַנדערטראָגן צו די אָרעמע לייט פון שטעטל, אָדער צו „געפאלענע״ משפחות.

נאָכן טויט פון הרב שצופּאק, האָט זיך סעריי נישט געקענט צוקלייבן קיין רב. איז געווען דער צייטווייליקער רב דער מושניקער רב, הרב קארנא, דער שוואָגער פון הרב שצופּאק. דער מושניקער רב איז געווען באקאנט אין גאנץ ליטע פאר זייער אַ קלוגן רב. און מען פלעגט אים נעמען אויף דין תורות און בוררות. זיינע ווערטלעך און שיחות־חולין פלעגן נאָכגעזאָגט ווערן. אויך איז דער מושניקער רב געווען א שטארקער מענטש. און אז ער האָט איינעם געגעבן אַ שלום עליכם, איז זייער שווער אָנגעקומען באַפרייען די האַנט צוריק פון זיינער. ער איז דאָס געווען דער ממלא מקום אויף דער רבנות פון סעריי. ווייל די סערייער פלעגן זיך זייער באַרימען אז ביי זיי זיינען געווען גרויסע רבנים. אזוי איז אָנגעגאנגען דאָס אידישע לעבן אין דער אלטער קהילה סעריי.

דעם 23־טן יוני, 1941, איז סעריי באַזעצט געוואָרן פון די דייטשן. אָבער איידער די דייטשן זיינען אריין אין שטעטל האָבן זיי אויף איר געוואָרפן ציינד־באָמבעס. אַ האַלב שטעטל איז דערפון פאַרברענט געוואָרן.

ווען סערהיי איז אינגאנצן געווען פארנומען פון די דייטשן, האָבן די ליט־ווינער געמסר׳ט אַז אידישע יונגנטליכע פון „קאָמיוג״ — אַ יוגנטליכע פאר־טיי אין רוסלאַנד — האָבן געשאָסן אויף די דייטשן און אויף זיי פון גאבאר־סקיס שפייכלער. האָבן די דייטשן ארויסגעפירט פון זיין הויז יאָסל גאבאר־סקי און אים דערשאָסן. ווען זיין זון, דער דאָקטער פון שטעטל, ירוחם גא־בארסקי איז ארויסגעלאָפן ראטעווען זיין פאָטער, האָבן די דייטשן אים אויך דערשאָסן. יענעם טאָג זיינען אויך דערשאָסן געוואָרן אליהו עמינדב און קאָוואַלסקי, אויך עטליכע יוגנטליכע.

די אידן פון שטעטל האָבן נישט געהאַט וואו צו גיין, האָט מען זיי צוזאמענגעפּאקט ווי הערינג אין אַ פּאס, אין דער קריסטליכער קונסט - שולע (אמאטימאַ מאָקיקלאַ). די יונגע, קרעפּטיקע מענטשן האָט מען פארנומען אויף ארבעט. אַ סך פון זיי זיינען נישט צוריקגעקומען. די יונגע פרויען זיי־נען פארגוואלטיקט געוואָרן. דאָס לעבן איז געווען אַ ביטערס און אַ גרוילי־כער. מען האָט זיך געשראָקן פאַרן אייגענעם שטן.

אין גרויליקע פּייניקונגען האָבן די אידן געלעבט ביז צוויי טעג פאר ראש השנה תש״ב. נאָכדעם איז געקומען אַ באפעל, אז די מענער און פרויען און קינדערלעך זאָלן זיך אויסטאָן נאָקעט. און נאַקעטערהייט האָט מען זיי געטריבן איבער די גאַסן. טרייבנדיק זיי דורך די גאסן, זיינען זיי באגעגנט געוואָרן מיט נאגייקעס, און שטיקער העלצער פון דער ליטווישער באפעל־קערונג און מען האָט זיי מערדערליך געשלאָגן. די ליטווישע מערדער האָבן געשפּיגן אויף די אידן און געזידלט מיט די מיאוסטע ווערטער אויף זייער לעצטן וועג. די אידן האָט מען געטריבן צו זייערע צוגעגרייטע גריבער. אין גאָלונישאק, ביים טייך, האָט מען זיי אריינגעטריבן פארבלוטיקטע אין די גריבער וואו אַלע, מענער, פרויען, אַלטע און קראַנקע און די קליינע קינ־דערלעך האָבן אויסגעהויכט זייער אָטעם און אומגעקומען על קידוש השם.

סאלאנט

סאלאַנט האָט א גרויסן נאָמען אין דער אידישער תורה און קולטור־געשיכטע. דער עיקר מיט די נעמען פון גאוני סאלאנט ווי: הגאון ר׳ צבי הירש ברוידע זצ״ל, דער רבי פון גאון און צדיק ר׳ ישראל סאלאנטער, דער גרינדער און באגרינדער פון שיטת המוסר. א גרויסער גאון און צדיק ר׳ זונדל סאלאנטער, אַ תלמיד פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער זצ״ל. אין סאלאנט האָט זיך ר׳ זונדל אָפּגעגעבן מיט קרעמעריי און מסחר. זיין צדקות איז אָבער געווען אן אומגעווייגליכע. וועגען דעם ווערט דערציילט אין ספר „אור ישראל״ פון ר׳ איצל פעטערבורגער זצ״ל, און אין ספר „ר׳ זונדל מסאלאַנט״ פון ריבלין. אין די דאָזיקע ספרים ווערן דערציילט הונדערטער פאקטן פון זיין ממש לעגענדארער צדקות און הויכער מענטשליכקייט. אונטער זיין השפעה איז ר׳ ישראל סאלאנטער גרויס געוואָרן, אין זיין דרך המוסר, וואס ר׳ זונדל סאלאַנטער איז געווען זיין רבו מובהק אויף דעם. אויף אַ סך אָנגעזעענע בעלי־בתים אין סאלאנט האָט מען געקאָנט דערקענען די גרויסע ווירקונג פון די סאלאנטער גאוני תורה און צדיקי עולם.

סאלאנטער רבנים האָבן געהאַט אַ שם אין דער וועלט ווי גרויסע גאונים. ווי הגאון ר׳ צבי הירש ברוידע, הגאון ר׳ אברהם אהרן בורשטיין (געווען דערנאָך רב אין טאַווריק), ר׳ מאיר אטלאַס (דערנאָך רב אין שאַוול), ר׳ מרדכי ראבינאָוויץ (דערנאָך רב אין מעמל), דער לעצטער סאלאנטער רב, ר׳ בערע הירש קלאַף.

אַ וואונדערבארן שיינעם „תפארת בחורים״ האָט סאלאנט פאַרמאָגט, דאָרט פלעגן זיך יעדן פאַרנאַכט צונויפקומען אַ סך יוגנטליכע לערנען נאָך זייער טאָג ארבעט. דער רבי פון „תפארת בחורים״ איז געווען הרב ר׳ נתן בערקאָוויץ און ר׳ מרדכי קלאַף, דעם רב׳ס זון.

סאלאנט איז געווען טאַווריקער קרייז, פארמאָגט צוויי הונדערט אידישע פאמיליעס און איז אויך אראָפּ אין פריצייטיקן קבר דורך דער גרויזאמער האנט פון די דייטשן מיט זייערע אכזריות׳דיקע ליטווישע משרתים.

עזשערענע

עזשערענע, וואָס האָט פאַרן ערשטן וועלטקריג זיך גערופן נאָווע־אַלעקסאַנדראָווסק, איז אין ליטע געווען באַקאַנט ווי דאָס „ליטווישע סיביר". דאָרט איז דער קלימאַט געווען קעלטער ווי אומעטום. מען פלעגט אהין קו־מען ווינטערצייט זיך גליטשן אויף אירע אָזשערעס. פאַרן ערשטן קריג האָט עזשערענע געהאַט אַ ברייטע געגנט—סביבה פון פויערישע ישובים. נאָכן ערשטן קריג ווען די ישובים זיינען פאַרנומען געוואָרן פון פוילן, איז דער עקאָנאָמישער מצב פון שטעטל היפש געפאַלן.

צוויי טויזנט אידישע נפשות האָט עזשערענע פאַרמאָגט. חיונה האָט זי געצויגן פון די פיש אין די אָזשערעס און אויך פון קרעמעריי און מלאכה.

אינסטיטוציעס: חדרים, פאָלקשולע, ביבליאָטעק, אַ פאָלקס־באַנק אַ ביקור־חולים, אַ לינת־הצדק און אַנדערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס.

די רבנים פון עזשערענע זיינען געווען: הגאון ר׳ רפאל שפּיראָ, (דערנאָך רב און ראש הישיבה אין וואָלאָזשין). דער לעצטער רב איז דאָרט געווען הרב ר׳ אליהו רעזניק.

עזשערענע איז געווען פון די לעצטע פונקטן אין ליטע וואָס די דייטשן האָבן פאַרנומען. אַהין האָט מען אויך געבראַכט אידן פון ארומיקע שטעטלעך, פאַרשפּאַרט אלעמען אין שול און שפּעטער, אינאיינעם מיט די עזשערענער אידן, זיי געפירט צום נאָענטן וועלדל און זיי אומגעבראַכט.

נאָך דער באפרייאונג, 1945, איז דאָרט אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל אויפן קבר פון אכט טויזנט אומגעקומענע אידן. יהי זכרם ברוך.

פאַנעוועזש

פּאַנעוועזש איז געווען פון די קרייז־שטעט אין ליטע. און האָט געציילט אַ באַפעלקערונג פון 15 טויזנט נפשות

די שטאָט פּאַנעוועזש ווערט צוטיילט אויף צווייען — אלט פּאַנעוועזש וואָס מען האָט אויך גערופן „פערמע״, און ניי פּאַנעוועזש. די צוויי טיילן זיינען פאַראייניקט געווען מיט אַ בריק איבערן טייך נעוויאזשע, וואָס רינגלט ארום די גאַנצע שטאָט.

אויף רעמיגאַלער גאַס האָבן זיך אויפגעהאלטן קאַראאימער. זיי האָבן דאָרט געהאַט אַן אלטע שול און האָבן אויך אויפגעבויט אַ נייע. ווען זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַ שוחט, זיינען זיי געגאנגען צו ר׳ שמעון גאָלדשטיין, וואָס האָט געוואוינט נישט ווייט פון זיי. אַ מוהל, פלעגן זיי אויך ניצן אַן אונזעריקן.

פּאַנעוועזש איז באַרימט געווען מיט איר ישיבה און מיט איר רב, הגאון ר׳ יצחק יעקב ראַבינאָוויץ, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן ר׳ איצעלע פּאַנעוועזשער. ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר תרי״ד, (1854), אין דעם שטעטל, שערעשאָוו, גראָדנער גובערניע. נאָך אינגלוויז איז ער געווען באַ־רימט פאַרן שערעשעווער עלוי, צוליב זיינע גרויסע כשרונות אַ שארפע תפיסה און גרויסער בעל הבנה. דערצו האָט ער פאַרמאָגט נאָך אַ געהויבענע מעלה: ער האָט נישט געמאַכט פון זיך קיין וועזן און זיך געהאלטן אין הכנעה און אין לויטערער באשיידנקייט.

אין דער פריער יוגנט האָט ער געלערנט ביי דעם גאון ר׳ ירוחם יהודה פּערלמאַן זצ״ל, (מינסקער גדול) און אויך ביי דעם גאון ר׳ בן־ציון שטערנפעלד זצ״ל (ביעלסקער רב). חתונה געהאַט האָט ר׳ איצעלע מיט דער טאָכטער פון אַ רייכן אידישן גוטבאזיצער, ניט ווייט פון בריסק. ער איז געזעסן ביים שווער על התורה ועל העבודה. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן קיין בריסק איבערזאָגן זיינע חידושי־תורה פאַר דעם גאון

ר׳ יוסף בער סאָלאָווייטשיק זצ״ל, דער גאון פלעגט שטארק נתפעל ווערן פאַר זיין גרויס הבנה.

אין תרמ״ט איז ער געוואָרן ראש ישיבה אין ביאַליסטאָק. אין תרנ״ז, איז ער געוואָרן ראש ישיבה אין סלאָבאָדקע־קאָוונע, וואו ער האָט מרביץ תורה געווען פאַר א סך תלמידי־חכמים. זיינע תלמידים זיינען שפּעטער אליין געוואָרן ראשי ישיבה׳ס, ווי הגאון ר׳ ברוך הלוי הורוויץ זצ״ל, ראש־ישיבה אין סלאָבאָדקע, און הגאון ר׳ נפתלי טראָפּ זצ״ל, ראש־ישיבה אין ראַדין. ר׳ איצל איז דערנאָך געוואָרן רב אין פּאָנעוועזש און דאָרט אָנגעהאַלטן דאָס רבנות קרוב צו דרייסיק יאָר.

פאַרן ערשטן וועלטקריג, האָט ר׳ איצעלע געגרינדעט די פּאָנעוועזשער ישיבה אונטערן נאָמען, „דער פּאָנעוועזשער קיבוץ״. דאָרט האָבן געלערנט די גרעסטע בחורים פון די ליטווישע ישיבות. די ישיבה האָט זיך געפונען אין „גליקאַלעס קלויז״.

ר׳ איצל איז נפטר געוואָרן ז׳ אדר, תרע״ט, אין פּאָנעוועזש.

אין פּאָנעוועזש זיינען אויך געווען גרויסע אידישע אינסטיטוציעס ווי דער אידישער האָספּיטאַל, דער בית היתומים, מושב זקנים און פאַרשיידענע אַנדערע חברות.

פּאָנעוועזש האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ רייע גרויסע אידישע פּערזענליכקייטן, אויף וועלכע עס לוינט זיך באַזונדערס אָפּצושטעלן, ווי רבי הערצל דער מחבר פון „נועם המצוות״ אויף תרי״ג מצוות. אין אַ סך שטעט אין ליטע האָט מען בחברותא געלערנט דעם „נועם המצוות״.

ר׳ הערצל האָט געגרינדעט אַ ישיבה פאַר אינגערע בחורים׳לעך, ער איז געווען זייער גייסטיקער מדריך אי זייער באַשפּייזער.

רבי הערצל איז געווען פון די אויסערגעוויינליכע טיפן וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט. זיין גוטסקייט און זהירות אין מצוות איז גאָר ניט אָפּצושאַצן, זאָל דער פאַקט פון זיין ברונעם וואָס ער האָט געמאַכט אויפן שול־הויף דינען אַלס אילוסטראַציע פון זיינע מידות טובות. דער ברונעם איז געווען זייער טיף געגראָבן, עס איז געווען אַ פּלומפּ וואָס האָט געגעבן זייער גוטע וואסער און איבערהויפּט אויף צו קאָכן טיי, פלעגן

אַלע גיין נעמען וואַסער פון ר׳ הערצלס ברונעם. פאַרוואָס האָט דאָס רבי הערצל געמאַכט און געלאָזט זיך קאָסטן אַ סך געלט? ווייל ער האָט חושש געווען, טאָמער האָט ער פון וועמען עפּעס צוגענומען און ווייס ניט וועמען אָפּצוגעבן, אָדער גענומען פון רבים וואָס עס איז ניטאָ קיין השבה, דעריבער האָט ער געמאַכט דעם ברונעם עס זאָל זיין די ערשטע בעסטע וואַסער, וועלן דאָך אַלע קומען שעפּן וואַסער, וועלן זיי דאָך הנאה האָבן פון זיין ברונעם, וועט ער מקיים זיין די מצוה פון „השבת הגזילה״. און אויך פאַרן רבים זאָל אַ מענטש מאַכן אַזאַ זאַך וואָס דער גאַנצער רבים זאָל פון דעם הנאָה האָבן, דאָס הייסט „צרכי רבים״.

און נאָך צענדליקער מעשיות ווערן דערציילט פון אים, וועגן זיין הכנסת אורחים און טאָקע אויף זיין מצבה שטייט אויסגעקריצט דער ברונעם.

אויך מיין עלטער־זיידע עליו השלום, ר׳ אפרים כהן ז״ל (אָדער ווי מען האָט אים גערופן ר׳ אפרים דער הייעניק, ער האָט געהאַנדלט מיט היי), פלעגט אַרומגיין מיט צוויי גרויסע טאָרבעס און קלייבן פאַרן כשרן קעסל פאַר די אידישע סאָלדאַטן, זיי זאָלן האָבן כשר עסן. די סאָלדאַטן וואָס האָבן געדינט אין פּאָנעוועזש ביי ניקאָלייען, דעם אַמאָליקן רוסישן קייזער. די סאָלדאַטן האָבן געדינט פון גאַנץ רוסלאַנד, און מיין עלטער־זיידע האָט אויסגעהאַלטן דעם כשרן קעסל. ער האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אָט די גרויסע טאָרבעס מיט שפּייז וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן אין שטאָט. און ווען ער איז שוין געווען אַלט און דאָס שוין ניט געהאַט קיין כוח צו אַרבעטן, האָט ער מיט זיינע לעצטע כוחות געטאָן ווייטער די אַרבעט, אַז די סאָלדאַטן זאָלן האָבן צועסן כשרס. פאַרן שטאַרבן האָט ער געבעטן אז מען זאָל די טאָרבעס אריינלייגן צוזאַמען מיט אים אין קבר. זיין ברודער ר׳ נפתלי כ״ץ (אָדער ווי מען האָט אים גערופן ר׳ נפתלי דער שוואַרצער פון הויפשער גאַס), דער שווער פון הרב הגאון ר׳ בערציק ריקלעס, הי״ד.

פּאָנעוועזש האָט געהאַט רבנים פון די גרעסטע גאונים פון דער וועלט ווי: הגאון ר׳ משה יצחק סג״ל זצ״ל, (ר׳ משה איצל פּאָנעוועזשער).

איינער פון גאַר גרויסע גאוני הדור, עד היום גייען ארום וועגן אים

ביים פאָלק כלערליי מעשיות און חריפישע ווערטלעך. געוואָרן אַ לעגענדע אין פאָלק. הגאון ר׳ אליהו דוד ראבינאָוויץ זצ״ל, (נפטר געוואָרן אין ירושלים) דער שווער פון הגאון ר׳ אברהם יצחק קוק זצ״ל און אַנדערע.

פאָנעוועזשער דיינים זיינען געווען: ר׳ משה איצל, ר׳ מאיר נתן, ר׳ כתריאל משה. דער סאמע לעצטער פון די דיינים איז געווען ר׳ ישכר בער ראבינאָוויץ, הי״ד.

אין פאָנעוועזש איז געווען אויך אַן אלטע שול און א בית־מדרש וואָס האָט געהאַט אַ זון־זייגער. פאָנעוועזש האָט אויך געהאַט אַ חסידישן מנין, וואו ליסען דער חסיד פלעגט זאָגן אַ מאמר פון „ליקוטי תורה״ צו שלש־סעודות. שפּעטער האָבן די חסידים געבויט אַ נייעם בית־מדרש אויף רע־מיגאלער גאַס.

אויך דאַרף דערמאָנט ווערן מיין קרוב הרב הגאון רבי שלמה עזרא מעהר ז״ל, וואָס איז געווען פריער דיין אין ריטעווע און דערנאָך געווען דער ראש הישיבה פון די ישיבה קטנה אין פאָנעוועזש. ער איז געווען פון די באַגאַבסטע ראשי ישיבות מיט זיין פּעדאַגאָגישן צוגאַנג און וואונדערבארע הסברה. געווען אַ גרויסער צדיק, (זיין ברודער איז געווען דער דר. מעהר, אַ בארימטער דאָקטאָר און כלל טוער אין פאָנעוועזש).

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט די באַפעלקערונג אין פאָנע־וועזש זיך געמערט און אויך די אידישע שטאָט האָט זיך גוט אנטוויקלט, איבערהויפּט מיט איר מעל וואָס זי האָט געגעבן פאַר גאַנץ ליטע דורך אירע מילן אין פאָנעוועזש, ווי רובינשטיינס מיל, לעווס און אנדערע. אַגב איז בער רובינשטיין געווען אַ איד אַ גרויסער בעל צדקה. ער האָט אוועק־געגעבן אַ צוויי שטאָקיקן בנין פאַר דער ישיבה קטנה אין פאָנעוועזש און פאַר אנדערע צדקה אנשטאַלטן, אומגעקומען דורך די נאַציס ימ״ש.

אויך האָט פאָנעוועזש געקראָגן אַ רב דעם גאון ר׳ יוסף כהנמאַן שליט״א (זיך געראַטעוועט אין ישראל און פירט אָן מיט זיין ישיבה אויפן נאָמען פון זיין געוועזענער שטאָט פאָנעוועזש, אין זכרון מאיר). עס איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע ישיבה אין גליקאלעס קלויז. די קלויז האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט ארייננצונעמען אזוי פיל בחורים, האָבן אַ סך בחורים

געמוזט גיין לערנען אין די בתי מדרשים. משגיח איז געווען הגה״צ ר׳ ירוחם לוואָוויץ ז״ל, דערנאָך אַריבער צוריק אין מיר. ראש הישיבה איז געווען דער פּאָנעוועזשער רב שליט״א און דער צווייטער ראש הישיבה איז געווען הגאון ר׳ אשר קלמן באראן, הי״ד. ר׳ אשר קלמן אויסער דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער גאון איז ער אויך געווען אַ בעל־מדות טובות. משגיח אין ישיבה איז געווען הרב ר׳ משה בער צפתמן הי״ד, אומ־געקומען צוזאַמען מיט דער ישיבה.

אויך איז געווען אין פּאָנעוועזש אַ ישיבה קטנה וואו עס האָבן גע־לערנט 150 בחורימלעך מיט פיר ראשי ישיבה. הרב ר׳ שמואל בער קאַגאַן, הרב ר׳ בערציק ריקלעס, הרב ר׳ משה ברענער און הרב נחום קאַגאַן. די ישיבה קטנה איז געווען אײַנגעאָרדנט מוסטערהאַפט. זי איז געווען דער אַוואַנגארד פאַר די גרויסע ישיבות וואו דאָרטן פלעגט זיך אויסלערנען אַ בחור צו קענען לערנען פאַר זיך. די בחורימלעך זיינען לרוב באַ־שטאַנען פון די שטעטלעך אַרום פּאָנעוועזש. די ישיבה האָט געהאַט איר אייגענעם בנין אויף רעמיגאַלער גאַס און דערנאָך אויף סלאָבאָדקע, וואָס עס האָט געגעבן דער גביר בער רובינשטיין, און מען האָט טאַקע דער ישיבה קטנה גערופן אויף זיין נאָמען „בית רובינשטיין״. אויך איז געווען אין פּאָנעוועזש אַ חדר פאַר קינדער ווי מען האָט עס גערופן „דעם רב׳ס חדר״ וואו עס האָבן געלערנט 300 קינדער. דער חדר איז געווען באַזירט מערער אויף למודי קודש און אויך לימודי חול, און פון חדר פלעגט מען אריינגיין אין ישיבה קטנה.

אויך האָט דער פּאָנעוועזשער רב אויסגעבויט מיט דעם געלט פון אַן אַפריקאַנער איד לוריע (אַ לאנדסמאַן פון פּאָנעוועזש), אַ יבנה־גימנאַזיע מיט אַן עכט אידישער דערציאונג פאַר מיידלעך (אויסער דעם איז געווען אין פּאָנעוועזש אַ העברעאישע גימנאַזיע „תרבות״.

אַז דאָס אָרט פון דער גרויסער ישיבה אין גליקאַלעס קלויז איז געוואָרן ענג, האָט דער פּאָנעוועזשער רב אָפּגעקויפט דעם מויער פון דער פוילישער גימנאַזיע אויף רעמיגאַלער גאַס אנטקעגן דעם אידישן שפּי־טאָל און די ישיבה איז אריין אין איר אייגענעם בנין.

אַלע שטאַטישע מוסדות זיינען גרעסער געוואָרן ווי דאָס אידישע קראַנקן־הויז, מושב זקנים און בית היתומים. די שטאָט האָט געבליט הן עקאָנאָמיש און הן גייסטיק. פּאָנעוועזש איז געווען אַן עכטע אידישע קהילה, אַן עיר ואם בישראל.

דאָס איז אַלץ געווען איידער היטלער ימח שמו, האָט באַטראָטן ליטע־לאַנד. די דייטשן האָבן דעם 26־טן יוני, 1941, אָקופּירט פּאָנעוועזש און גלייך האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות. פּייניקן און מאָרדן, ראַבירן און זיך איזדעקעווען זעלבסטפאַרשטענדליך איז אָנגעפירט געוואָרן פון די ליטווישע געוועזענע גוטע שכנים. מען האָט עטליכע אידן גלייך פאַרפייניקט אויף דער לאַנקע נעבן דער קלאַטקע.

דערנאָך האָט מען געמאַכט פאר אידן אַ צייטווייליקע געטאָ הינטער שמילגער גאַס, דאָס איז געווען אין פּאַלעסטינקע, (די נייע הייזער וואָס די שטאָט פאַרוואַלטונג האָט געהאָלפן אידן צו בויען, האָבן דאָס די קריסטן גערופן „פּאַלעסטינקע״).

מען האָט זיי אויך ארומגעצאָמט מיט שטעכיקע דראָט, און עס האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע געטאָ מיט אַלע פאַראָרדענונגען, פּייניקונגען און מיט געלע לאַטעס. נאָר אפילו די געטאָ האָט ליידער אויך ניט אָנגעהאַלטן לאַנג.

די שטאָטישע טורמע איז געווען פול מיט אידן. מען האָט די אידן געטריבן צו שקלאַפנאַרבעט. אַ סך פון זיי פלעגן זיך ניט צוריקקערן אין געטאָ. אידן האָבן געדענקט אז אזוי וועלן זיי דורכלעבן און זיך דורכמאַטערן, אָבער זיי האָבן ליידער אַ טעות געהאַט. דעם 22־טן אויגוסט, 1941, האָט מען צוזאַמענגענומען די מענער און געמאַכט מיט זיי אַ שדים־טאַנץ. צווישן זיי זיינען אויך געווען דער ראש הישיבה ר׳ אשר קלמן באראן און דער משגיח הישיבה ר׳ משה בער צפתמן און די אנדערע ראשי ישיבות און הרב ר׳ ישכר בער ראבינאָוויץ דיין פון פּאָנעוועזש, און ישיבה בחורים און חשובע בעלי בתים פון שטאָט.

אין דער ווילנער ליטווישער סאָוועטישער צייטונג „טיעסא״ (אמת) פון פעברואַר 1945, לייענען מיר אַ באשרייבונג פון איינעם יאנושייטיס,

אין וועלכער ער שילדערט ווי מען האָט פאַרפייניקט און אומגעבראַכט די פאַ־נעוועזשער אידן. אָט וואָס ער שרייבט:

„מען האָט געבראַכט פּופּציק אידן אויפן וואָקזאַל — דאָס איז פאַר־געקומען אין סעפּטעמבער 1941, און מ'האָט געצוואונגען יעדע צוויי אידן אריבערטראָגן אַ פעסל נאַפט, וואָס האָט געוואויגן צוויי הונדערט קילאָגראַם. אויף די צו שוואַכע צו טאָן די אַרבעט, האָט מען אַרויפגעלייגט אַ פעסל און זיי דער'הרג'עט. נאָך דער שווערער אַרבעט האָט זיך אָפּגערופן צו זיי דער אויפזעער אַנדזשוליס: „פאַר אייער גוטער אַרבעט וועט איר באַקומען אַ הייסע באָד און דערנאָך וועט איר זיך קאָנען אָפּקילן." מען האָט געבראַכט די אידן צום פאַנעוועזשער צעמענט־פאַבריק, וואו עס האָבן זיך געפונען די גרויסע גריבער מיט ניט־געלאָשענע קאַלך. די מערדער האָבן באַפוילן די גריבער אָנגיסן מיט וואַסער, און ווען דאָס קאַלך האָט אָנגעהויבן זידן, האָט מען אהין אַריינגעוואָרפן די אומגליקליכע און זיי האָבן געמוזט אַרומשווימען אין די גריבער כדי ניט אויפגעפרעסן ווערן פונם קאַלך. איינער פון די קרבנות איז געווען אַן אַלטינקער, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף דער אויבער־פלאַך, האָט ער אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ. די רוצחים האָבן געמיינט, אַז דער איד וויל פאַרהיטן זיין גראָע באָרד, האָבן זיי אים געגעבן אַ קלאַפּ מיטן פריקלאַד, און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. ווען די אידן האָבן אים גע־וואָלט ראַטעווען, האָבן זיי שוין נישט געקענט. זיינע אויגן זיינען שוין געווען אויסגעברענט פון דעם קאַלך. די וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די גריבער, האָט מען אָוועקגעפירט אין געטאָ.

„ אין סעפּטעמבער, 1941, האָט מען געפירט די אידן צו פאַרניכטן, קיין פּאַיאַסט, פינף קילאָמעטער הינטער פאַנעוועזש. מען האָט געטריבן די אידן צו צוויי הונדערט מענטשן אין אַ קאָלאָנע. ביי די גריבער האָט מען זיי געצוואונגען זיך אויסזעצן אויף די קני, אונטער דער וואַך פון דער ליטווישער פּאָליציי. ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט די, האָט מען געבראַכט אַן אַנדער גרופּע. דערנאָך האָט מען געבראַכט די קריגסגעפאַנגענע רוסן צו פאַרשיטן די גריבער, האָבן זיי געפונען אַ לעבעדיק אינגל, זיי האָבן אים אַרויסגעצויגן פון גרוב און באַהאַלטן צווישן די קוסטעס. די ליטווישע מערדער האָבן דאָס

באמערקט און האָבן צוגעשלעפּט דאָס אינגל צום גרוב און זיך מיישב געווען וואָס מיט אים צו טאָן. דער ליטווישער מערדער דאַבראַויסקאַס, האָט גע׳עצה׳ט, מען זאָל אים דערשיסן, ווען ניט, וועט זיך זיין בלוט נוקם זיין אָן אונז, האָט מען אים דערשאָסן. אנדערע זיינען אומגעקומען אין יאַסנעגור־קער וואַלד. אויך האָט מען ציניש אָפּגענאַרט די אידן פון ארומיקע שטעטלעך, ווי ראַמיגאָלע, שאַדאָווע, ראַגעווע און אנדערע. זיי האָט מען געהייסן פאָרן אין פּאָנעוועזש און זיי פאַרנאַרט צו די גריבער און זיי אַראָפּגענומען פון זייערע פורן און גלייך געוואָרפן אין די גריבער, כדי צו האָבן זייערע פאַר־מעגנס וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך.

דר. אייזנבודן האָבן די מערדער געהאַלטן אַ לעבעדיקן נאָך דריי מאָנאַטן אין טורמע און אים געפירט היילן די קראַנקע און דערנאָך אים אומגעבראַכט.

אזוי איז אומגעקומען די שיינע שטאָט פּאָנעוועזש מיט אירע בעלי בתים, לומדים, משכילים, כלל טוער, שרייבער, עסקנים, רבנים און ראשי הישיבה צוזאַמען מיט דער ישיבה.

פּאַסוואַל

פּאַסוואַל, איינע פון די ליטווישע קרייז־שטעט, האָט זיך געפונען אויף אַ באַרג. ביי דער שטאָט האָט זיך געפונען דאָס טייכל פּאַסוואַל, אויף וועמענס נאָמען די שטאָט איז גערופן געוואָרן.

פּאַסוואַל איז באַרימט געווען מיט אירע גרויסע מערק און יאַרידן וואו עס פלעגן זיך צונויפפאָרן אַ סך מענטשן פון די ארומיקע ישובים.

פון פּאַסוואַל קומט ארויס דער באַרימטער גאון ר׳ אבלי פּאַסוואַלער

(מען האָט אים גערופן אויפן נאָמען פון זיין שטעטל). ער איז געווען ווילנער רב.

פּאָסוואַל איז געווען באַרימט איבער גאַנץ ליטע מיט איר מגיד, ר׳ חיים יעקב ביאַלאָסטאָצקי.

ליטע האָט אַרויסגעגעבן אַ סך באַרימטע מגידים, ווי דער דובנער מגיד, דער קעלמער מגיד, דער שירווינטער מגיד, און אַנדערע. זיי פלעגן אַרומפאָרן איבער כל תפוצות ישראל און מיט זייער תורה, מוסר און משל און דער עיקר מיט זייער וואונדערליכן ניגון, געוועקט און באַוועגט די הער־צער פון די פאַרהאָרעוועטע, פאַרזאָרגטע און נאָך גאולה - בענקענדיקע אידן־פאָלק. איינער פון די סאַמע מתיקות׳דיקסטע מגידים איז אויך געווען ר׳ חיים יצחק ביאַלאָסטאָצקי, דער פאָסוואַלער מגיד.

באַרימט איז פאָסוואַל געווען מיט איר דאָקטאָר, מיין קרוב דר. שכנא מער. צענדליקער פויערים פלעגן וואַרטן אַרום זיין הויז אויפגענומען צו ווערן פון אים. שפּעטער איז ער געווען אַ תושב אין פאָנעוועזש און געווען דער הויפּט־דאָקטאָר אין אידישן שפּיטאָל און אַ באַוואוסטער כלל־טוער.

פּאָסוואַלער בעלי־בתים זיינען געווען לומדים און משכילים. אירע רבנים זיינען געווען: הרב הגאון ר׳ יעקב קרעטשמער, מחבר פון ספר „תולדות יעקב״. הרב הגאון א. ראַבינאָוויץ און זיין איידעם הרב הגאון ר׳ יצחק אגולניק.

פּאָסוואַל איז באַרימט געוואָרן מיט איר גרויסן קדושים־בית־הקברות. דאָרט זיינען אומגעקומען נישט נאָר פּאָסוואַלער קדושים, נאָר אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי: יאַנושקעל, וואשקי, לינקעווע, פּומפּיאַן, סאַלאַט, אבאלניק.

פון פערטן יולי, 1941, האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע ליקווידאַציע און חורבן. ליטווינער און דייטשן האָבן געאָרדנט אידן זאָלן אַרויסגעבן יונגע מיידלעך, נאָר דורך אַ שווערן כאַבאַר אָפּצאָל, האָט מען די גזירה אָפּגעשריען. מען האָט אַלעמען אַריינגעזעצט אין טורמע און אַנדערע פלע־

צער און זיי געפייניקט. דעם פופצנטן יולי, 1941, איז געשאפן געוואָרן אַ געטאָ אויף האלב בירזער גאַס, ביז לייבע מילנערס הויז און גאַנץ פּאלע־וועגער גאַס.

דעם 27־טן אויגוסט, 1941, האָט מען די אידן צונויפגעשפּאַרט אין בית־מדרש, אויסערן צאַם פון געטאָ, דאָרט האָט מען צעטיילט די מענער און פרויען. מען האָט די מענער אוועקגעפירט אין וועלדל זיידעקאַן און דאָרטן זיי דער׳הרג׳עט. די פרויען און קינדער האָט מען פארשפּאַרט אין דער ליטווישער פּאַלקשול, אויף ווילנער גאַס, און פון דאָרט געפירט צום טויט די פרויען און קינדער און זיי אומגעבראכט.

פּלונגיאַן

פּלוגיאַן איז געווען טעלזער קרייז. זי איז געלעגן 12 וויאָרסט פון דעם דייטשן גרענעץ צו מעמל־געביט, און האָט פאַרמאָגט אַן אידישע באַפעלקערונג לערך דריי טויזנט נפשות. פּלוגיאַן האָט געהאט אַ בית־עולם איבער פיר הונדערט יאָר אַלט.

די זאמוטער שטעט און שטעטלעך האָבן פאַרמאָגט אין זיךביידע זאכן סיי תורה און סיי השכלה. פון איין זייט האָט זיי געצויגן צו ווילנע, קאָוונע, און פון דער צווייטער זייט האָט זיי געצויגן צו קעניגסבערג, און דעריבער איז געווען דער דראנג צום לערנען זייער גרויס. און ווען די על־טערן האָבן ניט געקענט לערנען, דערפאַר האָבן זיי געזען מיט אלע מעג־לעכקייטן, אז זייערע קינדער זאָלן לערנען אין די ישיבות און זייערע טעכטער זאָלן גענומען ווערן צו חתנים תלמידי חכמים.

דעריבער איז טאַקע געווען פּלוגיאַן פון די שטעט פון זאַמוט, וואָס אירע בעלי בתים האָבן געקענט לערנען, און גענומען איידעמס תלמידי חכמים, ווי ר׳ ישראל אליע איזראַלאָוויץ, זיין איידעם איז דער באַוואוסטער רב אין טשיקאַגאָ, הרב הגאון ר׳ אפרים עפשטיין, און ר׳ זונדל דער שוחט.

אַ איד אַ גרויסער בעל מדקדק במצוות, און אַ גרויסער ירא שמים האָט געהאַט אַ זון וואָס איז געווען פון די גרויסע רבנים ביי אידן, הגאון ר׳ חיים יצחק בלאָך ז״ל. ער איז געווען רב אין בויסק (לעטלאַנד) דערנאָך רב אין דזשוירזי סיטי (אַמעריקע), מחבר פון ספרים „דברי חיבה״, „הערות וחידושים על הריטב״א.

פלוגיאַן האָט געהאַט זייער חשובע בעלי בתים ווי ישראל איצעס, יעקב דוד זאַקס, ר׳ יאָסל דער שוחט, עליע דער אַפּטייקער, יעקע און לייבע מעץ, ר׳ נחום לוריע, אברהם לוואָוויץ דער פאַרוואַלטער פון דער אידישער פאָלקס־באַנק, און אַנדערע.

אַ באַשיידן שטעטל איז פלוגיאַן געווען, זיך נישט געריסן אויפצו־קומען ניט מיט וועלכער עס איז גבירות ביי זיך אליין, ניט שטאָלץ וואָס וועגן פון אירע זין שמ׳ט ערגעץ אין דער וועלט. הגם מיט וועמען צו שטאָל־צירן האָט דאָס שטעטל יאָ געהאַט.

אין דער געשיכטע פון רבנות אין ליטע, איז געווען פלוגיאַן באַ־רימט. ווי הגאון ר׳ זבולן באַריט זצ״ל, און הגאון ר׳ שמואל אביגדור פיי־וועלזאָן זצ״ל, און זיין אײדעם הגאון ר׳ לוי שפּיץ, (דערנאָך רב אין טאָווריק), און דער לעצטער רב, הרב הגאון ר׳ אברהם מרדכי וועסלער, הי״ד.

פלוגיאַן האָט אויך פאַרמאָגט אַ ישיבה, וואו עס האָבן געלערנט בחורים פון פלונגיאַן און פון די אַרומיקע שטעטלעך ווי ריטעווע, קול און אַנדערע, די ראשי ישיבה זיינען געווען הרב ר׳ שלמה איצל ז״ל, ר׳ זעליק ז״ל, און הרב ר׳ בן ציון פעלדמאַן ז״ל, אָדער ווי מען האָט אים גערופען ר׳ בענציל ווילנער, און הרב ר׳ חיים יצחק הכהן בלאָך ז״ל. פון דער ישיבה זיינען אַרויס רבנים און פיינע בעלי בתים.

פלוגיאַן האָט פאַרמאָגט פיינע אינסטיטוציעס: אַ העברעאישע מיטל־שולע, אַ פאָלקשול, אַן אָפּטיילונג פון „אָזע״ און אַ ביקור־חולים. איבערהויפּט איז מיר געבליבן אין זכרון די „פרחי־שושנים״, אַן אָרגאַניזאַציע פון יונגע קינ־דער פון פינף יאָר ביז בר־מצוה, זאָלן צווישן זיך אויפזאמלען געלט צו קויפן ספרים פאַר בתי מדרשים און מען האָט דעם צוועק דערגרייכט. אין יעדן

זאמוטער בית המדרש זיינען געשטאַנען שאַפעס מיט ספרים, מיט גרויסע גמרות, דאָס האָבן די „פרחי שושנים" אריינגעגעבן אין בית מדרש. גאָר יונגינקע קינדער זיינען געווען די בויער פון אידישן גייסט. דאָס אריינגעבען די ספרים — יעדן האַרבסט גלייך נאָך שמחת־תורה, — פלעגט אָנגיין מיט אַ פייערלעכער צערעמאָניע. טאַטעס האָבן געטראָגן די קינדער אויף די פלייצעס, און די קינדער האָבן געטוליעט צו זיך די נייע ספרים. עס איז דערביי געווען אַזאַ צערטלעכקייט, אַז מאַמעס האָבן געוויינט פאַר פרייד וואָס זיי האָבן אויסגעטראָגן אַזעלכע קינדער.

אזוי האָבן געלעבט די קינדער מיט די טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס, ביז היטלער ימח שמו, האָט פארכאַפּט אָט די ליבע און טייערע שטעט און שטעטלעך.

אין די ערשטע טעג פון אויסברוך פון קריג איז שוין געווען פּלוגיאַן באַזעצט פון די דייטשן. דעם 25־טן יוני, 1941, זיינען שוין די דייטשן געווען אין פּלוגיאַן. די רוגזה און רציחה פון די דייטשן אויף פּלוגיאַן איז געווען זייער גרויס; עס האָט אין זיי געקאָכט די יוכע. וואָס האָט פּאַסירט? פאַרן אָפּטרעטן פון דער רוסישער אַרמיי פון שטעטל האָבן זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע אידן לינק געשטימט, מיט געווער אין די הענט אַנטקעגן צושטעלן קעגן די דייטשן און, בעסער געזאָגט: געוואָלט העלפן די רוסן. און ווען די דייטשן זיינען אריין האָבן די ליטווישע שכנים־מערדער דאָס דערציילט די דייטשן, וואָס די אידן האָבן געטאָן קעגן זיי. אויך זיי האָבן צוזאַמענגענומען אַ טייל פון יענע אידן. דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען די אמתע צרות: אהאַ, איר אידן זייט קאָמוניסטן, מיר האָבן דאָך די באַווייזן! יענע יוגנטלעכע אויף וועמען מען האָט אָנגעוויזן, אז זיי זיינען דאָס, האָט מען געמאַכט איבער זייערע קערפּערס אַזעלכע עקספּערימענטן וואָס עס לאָזט זיך גאָר אויפן פּאַפּיר ניט שרייבן. אפילו ווי די קריסטן האָבן איבערגעגעבן. מיר האָט עס, נאָך מיין באַפרייאונג, דערציילט אַ קריסט אַדאַמאָוויציאוס, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קאָמוניסט, און מיר געוויזן אַ קנאָכן ביין פון די אומגעקומענע אויפשטענדלער קעגן די דייטשן.

לערך פערציק יונגע אידן זיינען אומגעקומען דעם ערשטן טאָג ווי

די דייטשן זיינען אריין אין פלוגיאַן און זייער גרוב איז אויף דעם ריטע־ווער וועג.

די מאָרדן און רויבערייען האָבן ניט אויפגעהערט. מען האָט גלייך אָפּגעטיילט די מענער פון 16 יאָר און העכער, פון די פרויען און קינדער. די מענער האָט מען פארשפארט אין די קאזארמעס און געטריבן אלע טאָג אויף ארבעט. אויך האָט מען גענומען פון די פרויען אויף ארבעט. דעם 5־טן יולי איז געקומען אַ דייטש און האָט אָפּגעקליבן דרייסיק פון די שענסטע פרויען צו דער ארבעט. אָבער זיי האָבן זיך מער ניט צוריקגעקערט. ביי דער ארבעט פלעגן די מענער פארפייניקט ווערן, איבערהויפּט פון די ליט־ווישע מערדערס.

אָבער דאָך האָבן זיך די אידן געהאַלטן מיט שטאָלץ און ווירדע, אפילו ווען עס איז געקומען דער טאָג פון פאַרניכטונג. פריער האָט מען די אידן געהייסן גראָבן די גריבער; מען האָט זיי געזאָגט, אז דאָס בויען זיי אָקאָפּעס זיך צו באַשיצן פון די רוסן, אָבער דערנאָך ווען מען האָט זיי געפירט פון די קאזארמעס גרופּנווייז צו דער שחיטה, זיינען אלע געגאנגען מיט שטאָלץ און מוט.

נאָכן פארניכטן די מענער האָט מען געמאכט פאר די פרויען אַ געטאָ. מען האָט זיי געזאָגט, אז זיי וועלן קענען לעבן, נאָר זיי וועלן אויך מוזן גיין צו דער ארבעט. ליידער האָט די צייטווייליקע געטאָ פאר די פרויען לאנג ניט אָנגעהאַלטן. אין זעקס וואָכן אַרום האָט מען אומגעבראכט די פרויען מיט די קינדער.

קיידאַן

קיידאַן איז געווען פון די קרייז שטעט אין ליטע מיט אַ באַפעלקערונג פון ארום פיר טויזנט אידישע נפשות.

קיידאַן איז פון די עלטסטע שטעט אין ליטע. אין פופצנטן יאָרהונ־דערט האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אין קיידאַן די אידישע קהילה. אין יאָר 1495, איז פאָרגעקומען דער אידישער גירוש דורך דעם גרויספירשט אַלעק־סאַנדער. אין 1503, איז דערלויבט געוואָרן אידן זיך אומקערן און פיל אידן האָבן זיך באַזעצט. קריסטאָפיער ראַדזוויל האָט געגעבן אידן פולע רעכט, און אידן האָבן שוין אָנטיילגענומען אין געזעלשאַפטליכן לעבן.

קיידאַן איז געווען באַרימט אין דער אידישער וועלט מיט אירע גרויסע גאונים רבנים וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך ווי, דעם גרויסן גאון און מחבר פון „פני משה", „מראה פנים" אויף ירושלמי, רבי משה מרגלית זצ"ל. דער ווילנער גאון זצ"ל, האָט אויך געלערנט און געווען אַן איידעם אין קיידאַן. הגאון ר' דוד קאַצענעלנבויגן, דער זון פון הגאון ר' יחזקאל, מחבר פון ספר „כנסת יחזקאל". הגאון רבי אברהם שמעון טרויב ז"ל, הרב הגאון ר' שלמה פיינזילבער און אַנדערע.

קיידאַן האָט פאַרמאָגט זייער אינטערעסאַנטע טיפּן אידן. אָט צ. ב. אַז איר פלעגט אַריינקומען אין אַן אַפּטייק קויפן אַ רפואה, איז ביז די מעדיצין געוואָרן פאַרטיק, האָט איר דערווייל זיך פאַרעדט מיטן אַפּטייקער אין לערנען, אַז דער אַפּטייקער האָט געוואָרפן ש"ס און פוסקים ווי דער גרעסטער גאון. ווי קומט דאָס אַן אַפּטייקער און אַ גאון? אָבער דאָס אַלץ האָט מען געטראָפן אין קיידאַן, און דאָס איז געווען הגאון ר' אברהם צבי קאַמאַי הי"ד, (דער זון פון הגאון רבי אליהו ברוך קאַמאַי זצ"ל), — שפּעטער רב און ראש הישיבה אין מיר. ער איז אויך אומגעקומען דורך די הענט פון די נאַצי מערדערס, ימח שמם.

קיידאַנער אידן האָבן זיך פאַרנומען מיט גרינס־גערטענעריי און מען

האָט זיי גערופן דערפאַר „קיידאַנער אוגערקעס". אפילו אויסער די גרעַ־נעצן פון ליטע, האָט דערגרייכט זייערע אוגערקעס.

קיידאַן האָט פאַרמאָגט בתי מדרשים, א שול, אַ מיטלשול און אַ פאָלקשול אויך אַ פאָלקס־באַנק און ציוניסטישע אַרגאַניזאַציעס.

אויך האָט קיידאַן געהאַט אַ ישיבה אונטער דער פירערשאַפט פון רב פון שטאָט, דער ראש הישיבה איז געווען הרב ר' שמעון דוביאַנסקי הי"ד, (אומגעקומען אין דאַכאו). ער איז געווען אַן איידעם פון קיידאַן. אויך האָט קיידאַן געהאַט אַ גרויסע אידישע דרוקעריי פון די שותפים מאָווּשאָוויץ און כהן, פון די איינציקע דרוקערייען פון ליטע וואָס פלעגן דרוקן די מערסטע רבנישע ספרים און אַנדערע ביכער.

אויך האָט קיידאַן זייער וואַרעם אויפגענומען די מירער ישיבה, ווען זי איז בעת דער לעצטער מלחמה אַנטלאָפן פון פוילן אין 1940, פריער קיין ווילנע, און דערנאָך אין קיידאַן. כמעט די גאַנצע מירער ישיבה האָט זיך ב"ה געראַטעוועט דורך שאַנכיי קיין אַמעריקע און ישראל.

דעם 25־טן יוני, 1941, איז קיידאַן שוין געווען באַזעצט פון די דייטשן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות און פייניקונגען אויף אידן. שפּעטער איז געמאַכט געוואָרן אַ געטאָ פאַר די אידן פון קיידאַן. אויך האָט מען געבראַכט אין קיידאַן די אידן פון שאַט און יאַסווען (שטעטלעך אַרום קיידאַן). אויך איז זייער געפייניקט געוואָרן דעם לעצטער קיידאַנער רב הרב רבי שלמה פיינזילבער הי"ד. ער איז אויך געווען פאַרזיצער פון „אגודת הרבנים" פון ליטע, איינער פון די גרויסע פערזענליכקייטן וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט. זיין ביאָגראַפיע איז אין קורצן ווי פאָלגט:

געבוירן תרל"א אין ביאַלאָווקע, געווען רב אין פאַראַזאָווא, וועקשנע, קיידאַן. זיינע פאַרעפנטלעכע ספרים זיינען: „נשמת חיים", „השלמת המדות", „יריעות שלמה". זיין שיינער פּאַטריאַכאַלישן אויסזען, זיין לאַנגע ווייסע באָרד, האָט נאָך צוגעגעבן מער אויסדרוק זיין שיינעם קלוגן פּנים.

קיידאַן האָט באַרייכערט די וועלט מיט פילע תלמידי חכמים און גרויסע פערזענליכקייטן, ווי משה לייב לילענבלום און אַנדערע.

אזוי האָבן אידן געלעבט דורות אין קיידאַן און געשאַפן פאַרן וואוילזיין פון גאַנצן אידנטום.

איך וויל דאָ אין געציילטע ווערטער איבערגעבן וואָס עס איז געוואָרן פון דער שטאָט קיידאַן, ווי עס גיט איבער חיים ראַנדער, ווי אזוי די קיידאַנער אידן זיינען אומגעקומען. חיים ראַנדער איז דער איינציקער פון די 3.700 אידן (צווישן זיי אויך אידן פון שאַט און יאסוועז, קיידאַנער קרייז) וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון די מאַסן קברים. איך גיב איבער זיינע ווערטער ווי ער שרייבט צו זיין שוועסטער:

„איך בין דער איינציקער וועלכער האָט צוגעזען, ווי מען האָט אונזערע עופהלעך, אונזערע אַלטע און אונזערע פרויען געשאָסן, צעריסן אויף העלפט און באַגראָבן האַלב לעבעדיקע.״

„דעם 15־טן אויגוסט, 1941, האָט מען די אידן פון דער גאַנצער שטעטל ארויסגעטריבן , און אין אַ שפייכלער אין אַ קיידאַנער הויף פאַרשפּאַרט. גאַנצע דרייצן טעג האָט מען אונז געפייניקט. דאָרט זיינען געווען דער אלטער רב פיינזילבער מיט ניינצן ישיבה בחורים. (דאָס זיינען די ישיבה בחורים פון מירער ישיבה וואָס האָבן ניט געקענט מיטפאָרן מיט דער ישיבה צוליב זייערע וויזעס וואָס זיי האָבן ניט באַקומען פון דער רוסישער רעגירונג). אויך איז געווען מיט זיי דער דיין פון קיידאַן, הרב אהרן גאלין הי״ד, דער איידעם פון קיידאַנער רב.

„דאָרט זיינען געווען פרויען, קינדער, אלטע, שוואכע און קראַנקע. מיינע אויערן הערן נאָך איצט די קרעכצן פון „געלן שוסטער״ יאָסל וואָלפערט, וועלכער האָט זיך אויף דער הוילער ערד געוואַלגערט קראַנק און שוואַך. איך קען ניט פאַרגעסן די געשרייען און ברומען פון שלום חייט, וועלכן מען האָט אַ קראַנקן אויף אַ מיסטוואָגן געבראַכט און אויף דער ערד אַראָפּגעוואָרפן. עס שטייט מיר נאָך פאַר מיינע אויגן הירשל לוביאַטקין, וועלכער האָט זיך פון צרות אויפגעהאַנגען . . . און נאָך און נאָך טראַגעדיעס שטייען מיר פאַר מיינע אויגן.

„איך זע ווי מען שיסט זלמן פראַנק ווייל ער איז צו אַלט (רבי זלמן פראַנק איז געווען אַ איד אַ גרויסער למדן, דער זון פון נימענייצער

רב). מלכהלען מיט מאַטעלען, — ווייל זיי זיינען צו יונג, געסע ראבינאַ־וויטשעס אַ טאָכטער, — ווייל זי איז צו שיין, בעני ראנדער, משה זאלמע־נאָוויטש, פּיזול פרידלאנד און אנדערע, — ווייל זיי האָבן „ארויסגערופן דעם קריג קעגן דער „אומשולדיקער" היטלער־קליקע.

„אַלס העלד איז אומגעקומען צדוק שלאפאבערסקי, וועלכער האָט אריינגעשלעפּט מיט זיך אין קבר דעם דייטשן קאָמענדאַנט, און איבער־געריסן דעם גאָרגל פון אַ ליטווישן רוצח, אַ פּאָליציסט.

„איך בין מיט געווער אין האַנט צוריק אין קיידאַן געקומען און גע־שטאַנען ביים מאַסן־קבר אויף דאַטנעווער וועג, ניינציק מעטער לאַנג, דריי מעטער ברייט, דריי מעטער טיף, וואָס איז מיט האָבער פאַרזייט געווען און דורך דער ערד האָב איך געהערט דאָס קול פון מיין אלטער מאַמען און באַקאַנטע רופן צו מיר: „חיים, חיים, נעם נקמה!.. איך האָב געשוואָרן אויפן אָרט ביי זייער קבר, אז איך וועל נעמען נקמה.

קרעטינגע

קרעטינגע איז געווען פון די קרייז שטעט פון ליטע, נאָענט צום דייטשן גרענעץ. פון קרעטינגע פלעגט מען פאָרן מיט אויטאָבוסן צום ליט־ווישן קוראָרט פּאַלאַנגע. די באַן פלעגט נאָר גיין ביז קרעטינגע. אין פּאַלאַנגע איז געווען אינגאַנצן 10 וויאָרסט פון קרעטינגע.

פּאַלאַנגע איז געלעגן ביים באַלטישן ים ברעג און איז געווען צוגעפּאַסט פאַר די קור־געסט. האַרט ביים ברעג איז געשטאַנען אַ גרויסער סאָסנאָ־ווער וואלד, וואָס האָט זיך ממש איינגעטונקען אין ברעג פון ים. דאָרטן איז אויך געווען אַ וואונדערלעכער פּארק און דאָס האָט צוגעצויגן צענליקער טויזנטער באזוכער אין די זומער חדשים.

אַ סך קור־געסט זיינען דורכגעפאָרן דורך קרעטינגע, האָבן דאָרטיקע אידן פון זיי געצויגן זייער מקור חיונה. די געסט פלעגן קומען

אַהין איינקויפן זייער מתנות פאַרן אָפּפאָרן אָדער אַנדערע חפצים, וואָס זיי האָבן געדאַרפט נויטיק ווען זיי האָבן פאַרבראַכט זייער וואַקאַציע אין פּאַלאַנגע. קרעטינגע איז געווען די גרויסע שטאָט אַנטקעגן פּאַלאַנגע, און די אידן האָבן דאָרט געלעבט פון קרעמערייַ און פאַבריקן, וואו מען האָט אויסגעאַרבעט פון ברוסטין כל המינים פּרויען־שמוק, ווי קרעלן, בראַסלעטן און שפּילקעס, אויך ציגאַרנשפּיצלעך פאַר מענער און אַנדערע אַזעלכע זאַכן.

קרעטינגע האָט געהאַט זייער חשובע בעלי בתים, בני תורה און אויך די השכלה האָט דאָרטן געהאַט אַ גרינגן אַריינגאַנג, ווייל זי האָט זיך גע־פונען נאָענט פון דייטשלאַנד. די באַקאַנטסטע לומדים און חשובי העיר זיינען געווען בערלאַוויץ, קלאַמפּוס, לעווין דער שוחט און אַנדערע.

קרעטינגע איז באַשערט געווען מפורסם צו ווערן אין דער וועלט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק, ווייל דאָרטן איז געבאָרן געוואָרן הגאון הצדיק רבי אליהו לעווינזאָן זצ״ל, אָדער ווי מען האָט אים גערופן רבי עלינקע קרעטינגער (געבאָרן אין תקפ״ב — געשטאָרבן אין יאָר תרמ״ח). רבי אליהו לעווינזאָן, חוץ וואָס ער איז געווען אַ גרויסער גביר און וועלט חכם, ער איז געווען דער שטאָלץ פון ליטווישן אידנטום אין משך פון צוויי דורות. ער איז אויך געווען אַ חבר צו רבי ישראל סאַלאַנטער זצ״ל. רבי עלינקע קרעטינגער האָט אים אויסגעהאַלטן מיט אַלעס נויטיקן. ער האָט געוואָלט, אַז רבי ישראל זאָל ניט נעמען ביי אים קיין נהמא דכסופא, האָט אים רבי אליהו לעווינזאָן אַריינגענומען אַלס שותף אין זיינע געשעפטן.

דער גרויסער גאון ר׳ אליהו לעווינזאָן האָט אויך ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות שטעלע און איז דערפאַר געוואָרן אַ בוכהאַלטער אין שלמה פיינבערגס באַנק אין קאָוונע. ער האָט אפילו ניט געוואָלט מען זאָל אים רופן רבי אליהו, נאָר פּשוט „לעווינזאָן". הרב עזריאל הילדעסהיימער פון בערלינער רבנים־סעמינאַר, דערציילט, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אַ ליטווישער איד, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים מיטן נאָמען לע־ווינזאָן, און אַז ער קומט פון אַ קליין שטעטל לעבן דעם דייטשן אָסט־פּריי־סישן גרענעץ. זיי האָבן זיך דורכגערעדט וועגן זייערע ענינים, און ביים גע־זעגענען זיך פרעגט אים הרב הילדעסהיימער, צי ער וואוינט ניט ווייט

פון קרעטינגע, און צי ער קען ניט איינעם אַ רבי אליהו לעווינזאָן פון קרעטינגע. לעווינזאָן איז געבליבן שטיל און דערנאָך אים דערקלערט: „איך קום אויך פון קרעטינגע און הייס אליהו לעווינזאָן און מען רופט מיך על־פּי טעות רבי אליהו לעווינזאָן".

ר' עלינקעס הויז, וואָס איז געשטאַנען אין קרעטינגע אויפן מאַרק־פּלאַץ, איז געווען אַ בית־ועד לחכמים; ווער ס'איז געקומען פאַר אַ גמילות־חסד, ווער אַן עצה פרעגן און אַמאָל אַ דעלעגאַציע וועגן כלל־ענין. אַמאָל פלעגט אַראָפּקומען אַ רב פון אַ דערבייאיקר שטעטל פרעגן אַ שווערע שאלה, אָדער מיט אַ פאַרפּלאָנטערטער דין תורה און רבי עלינקע קרעטינגער האָט מיט גרויס געדולד יעדערן אויסגעהערט. זיין פשטות און עניוות איז געווען צו באַוואונדערן. איבערהויפּט איז ער געווען אָפּגעהיט פון מבֿיש זיין אַ מענטשן.

זייענדיק אַ סוחר און האָבנדיק צוטאָן מיט דער ברייטער וועלט און מיט כלערליי טיפן אידן, האָט ער אויסערליך ניט געוואָלט ארויסווייזן זיין צו טיפע פרומקייט. עס ווערט דערציילט, אז איינמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה אין בית מדרש פון קרעטינגע, וואו דער גבאי איז געווען אין כעס אויף אַ אידן, האָט ער אים אויפגערופן איינס־פאַר־אחרון, איז ווי נאָר דער איד האָט געענדיקט מאַכן די ברכה, האָט ער דערלאנגט דעם גבאי אַ פּאַטש און עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל אין בית מדרש. האָבן די נכבדים פון שטאָט זיך געווענדעט צו רבי אליהו, אַז מען זאָל מבטל מאַכן די מנהגים פון „מאַגערע" עליות און „פעטע", ווי שלישי, שישי, מפטיר, אזוי ווי עס פירט זיך אין די מאָדערנע קהלות, בכדי עס זאָל מער ניט פּאַרקומען אַזאַ מיאוסע מעשה, ווי שלאָגן זיך אין אַ מקום קדוש. רבי אליהו האָט אָבער בשום אופן ניט מסכים געווען צו אָט־דעם לאָגישן פּאַר־שלאַג, און ער האָט געענפערט: „איך גיב צו, אז עס איז אַ גרויסער בזיון זיך צו שלאָגן אין אַ שול איבער אַן עליה, אָבער עס קען נאָך ערגער זיין; עס קאָן קומען אַ צייט, ווען אַ איד וועט איבערהויפּט אויפהערן זוכן כבוד אין אַ שול, דעריבער איז שוין בעסער זיך צו האלטן אין די מנהגים מיט חסרונות און האָבן אַ שוהל מיט אידן, איידער צו האָבן מנהגים אָן

חסרונות, אָבער אויך אָן אידן און אָן א שוהל״. (לויט י. מארק).

רבי אליהו איז געווען אַ גרויסער כלל טוער און עסקן פאַר אידן אין רוסלאַנד. געפאָרן עטלעכע מאָל קיין פעטערבורג אויסצופועלן עפּעס און גוטמאַכן קריוודעס פאַר די רוסישע אידן.

עס ווערט אויך דערציילט, אז ווען רבי אליהו האָט אָנגעפירט מיט פיינבערגס באנק האָט ער געליען געלט צו אַ קאָוונער אידן און דער איד האָט דערנאָך באַנקראָטירט. איז רבי אליהו געקומען צופאָרן אויף שבת קיין קאָוונע, און האָבנדיק ביי זיך געלט, האָט ער ניט געהאַט וואו עס אוועקצולייגן, — אום שבת טאָר מען דאָך ניט טראָגן ביי זיך קיין געלט, — האָט ער דאָס געלט אריינגעטראָגן צום אידן ער זאָל עס באהאַלטן ביז נאָך שבת און ווען ער איז דערנאָך געקומען בעטן דאָס געלט, און יענער האָט געלייקנט, איז רבי אליהו פון ערגערניש קראַנק געוואָרן. איז צו אים געקומען מבקר חולה זיין הרב ר׳ יהודה לייב ריף זצ״ל, געווען רב אין זאַגער, און ער האָט אים געזאָגט: „מיר וואונדערט זייער וואָס די פאַסירונג האָט אייך קראַנק געמאַכט. ווען דאָס וואָלט פאַסירט מיט אַ פשוטן אידן וואָלט מען געזאָגט ווער איז אים שולדיק? ווען ער פרעגט ר׳ עלינקע דעם חכם וואָלט ער אים געראָטן נישט צו געבן מער קיין געלט, ווען דער רבונו של עולם וויל אָבער אז מען זאָל וויסן, נעמט ער רבי עלינקע דעם חכם און ווייזט אַלעמען: „זייט וויסן איך טו דאָס״. רבי אליהו הער־רנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך געשטארקט און איז געזונט געוואָרן און ווייטער געפירט זיינע געשעפטן און האָט נאָך באצאָלט דער פירמע פיינבערג דאָס גאַנצע געלט וואָס יענער איד האָט אָנגעזעצט דער באנק.

אַזאַ מין טיפּ בעל־הבית איז געווען אין קרעטינגע מיט הונדערט יאָר צוריק. די רבנים דאָרטן זיינען געווען: הרב א. שור זצ״ל, דערנאָך זיין איידעם הרב ר׳ בנימין פּערסקי, הי״ד.

אירע אינסטיטוציעס זיינען געווען: אַ פאָלקס־שול, אַ פאָלקס־באַנק, ביקור־חולים, אַ אידישע ביבליאָטעק, אַ „פרחי שושנים״, אַ „תפארת בחורים״ און אַ צאָל ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

רואיק און בשלוה האָבן די אידן אין קרעטינגע געלעבט ביז זייער

זיסער חלום איז איבערגעריסן געוואָרן זונטיק, דעם 22־טן יוני, 1941. פיר אזייגער אינדערפרי האָבן די דייטשע מערדער זיי ארויסגעשלעפט פון די בעטן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דייטשע אכזריותן. מעמל איז שוין געווען פריער אָנגעשלאָסן אָן דייטשלאַנד און קרעטינגע איז געבליבן ווייטער דער אַלטער רוסיש־דייטשער גרענעץ, אזוי ווי עס האָט אויסגעבראָכן דער קריג, זיינען די דייטשן אריבער די גרענעץ און דער חורבן האָט „אויפגעשפילט״.

באַלד ווי די דייטשן זיינען אריין, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צו די אידן און דער רב פון שטאָט, הרב פערסקי, איז געווען דער ערשטער קרבן. מען האָט אים אָנגעטאָן מוראדיקע יסורים איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

מען האָט הרב פערסקי צוגעבונדן צו א פערד, וועלכער האָט געשלעפט א וואָגן, און גענומען טרייבן דעם פערד ער זאָל וואָס שנעלער גיין איבער א זומפּ. הרב פערסקי האָט נאטירליך ניט געקאָנט גיין אַזוי גיך, ווי די רוצחים האָבן געטריבן דעם פערד, איז איטליך מאָל, ווען הרב פערסקי איז שטיין געבליבן און ניט געקאָנט זיך רירן, האָבן די מערדער אים געשלאָגן מיט אַ בייטש. ווען ער האָט שוין געהאַט אין די גרעסטע יסורים אריבערגעשפּאַנט דעם זומפּ, האָט מען אים נאָך אַמאָל געשלאָגן מכות רצח פאַר ניט גיין גיך גענוג איבער דער בלאָטע.

אומגעקומען אויף קידוש השם איז דער קרעטינגער רב עטלעכע טעג נאָך דער אינוואזיע.

די רוצחים האָבן געמאַכט אַ גרויסן פייער אין קרעטינגע און אין דעם פייער האָט מען אריינגעוואָרפן דעם רב אינאיינעם מיט א סך אַנדערע אידן, און דערנאָך האָט מען אומגעבראַכט דאָס גאַנצע שטעטל.

קאַלוואַריע

קאַלוואַריע געהערט איצט צום מאַריאַמפּאָלער קרייז (פאַרן ערשטן קריג האָט זי געהערט צו סואוואַלקער קרייז), ניט ווייט פון טייך סעסופּע. קאַלוואַריע האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרעסערע שטעטל אין ליטע מיט אַן אידישע באַפעלקערונג צירקא פינף טויזנט נפשות. קאַלוואַריע האָט זיך אויך גערעכנט פון די עלטסטע ישובים אין ליטע. איינער פון די געציילטע, חשובסטע תלמידים פון ווילנער גאון זצ״ל, ר׳ שלמה, איז געווען רב אין קאַלוואַריע.

קאַלוואַריע האָט געהאַט אַ שם פאַר איר האַלטן בכבוד אירע רבנים און דערפאַר טאַקע זיינען אירע רבנים געווען גאוני הדור, אַזאַ איז געווען איר רב הגאון ר׳ שלמה בימי הגאון פון ווילנע. דער רבי פון הגאון ר׳ אבלי פאַסוועלער, רב פון ווילנע. ר׳ שלמה האָט זיך נישט פאַרנומען מיט פּסק׳ענען שאלות, דין־תורות, און אפילו נישט געלערנט די בלאַט גמרא פאַר חברה ש״ס. ער האָט נאָר געלערנט פאַר זיינע ישיבה־בחורים. מיט שאלות און דין־תורות האָט זיך פאַרנומען דער דיין. די שטאָט האָט אי זיין ישיבה אי אים גופא אויסגעהאַלטן אין כבוד און ווירדיקייט. אויך זיינען געווען רבנים אין קאַלוואַריע הגאון ר׳ ישראל קאַצענעלנבויגן, הגאון ר׳ לייבעלע שפּירא, (דערנאָך רב אין קאָונע).

מיט יאָרן שפּעטער האָט קאַלוואַריע אויפגענומען איינעם פון די גאָר גרויסע רבנים פון יענער צייט, דעם גאון ר׳ אליעזר שמחה ראַבינאָוויטש, דער לאָמזשער רב. (כדאי צו באַמערקן אז אין יענער צייט האָט דער דאָזיקער גאון, געענדיקט גימנאַזיע און געקאָנט אויסגעצייכנט רוסיש). ווי קומט דער באַרימטער לאָמזשער רב אַזש קיין קאַלווריע, איז דערביי דאָ גאָר אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע.

ר׳ אליעזר שמחה ראַבינאָוויטש ז״ל, איז געגאַנגען מיט אַ שתדלנות צום לאָמזשער גובערנאַטאָר און דער גובערנאַטאָר האָט זיך עקשנות׳דיק אַנטזאָגט נאָכצוקומען דעם רב׳ס פאַרלאַנג. ר׳ אליעזר שמחה ז״ל, אַ מענטש

פון שטארקן כאראקטער, האָט זיך אָבער נישט פאַרלאָרן און אויפן אָרט זיי־ער שאַרף אויסגערעדט דעם גובערנאַטאָר, וואָרנענדיק אים, אז ער וועט זיך ווענדן דירעקט קיין פעטערבורג אין די הויכע מקומות. א וואָרט פאר אַ וואָרט און דער סכסוך איז דערפירט געוואָרן אזוי ווייט, אַז ר׳ אליעזר שמחה ראַבינאָוויטש ז״ל, האָט געמוזט פארלאָזן לאָמזשע און שפּעטער־צו האָט מען אויך דעם גובערנאַטאָר געביטן פון לאָמזשע אויף אַן אַנדער אָרט.

איינער פון קאַלוואַריע׳ס גרויסע רבנים איז געווען הגאון ר׳ בן־ציון שטערנפעלד ז״ל. פון די גאָר לעצטע רבנים אין געווען הגאון ר׳ זעליג ראובן בענגיס, דער מחבר פון „לפלגות ראובן״ אויף הדרנים פון גאנץ ש״ס, (איצט דער הויפּט־רב פון עדת חרדים אין ירושלים).

ווי אין אַלע שטעטלעך האָבן זיך אויך אין קאלוואריע געפונען וויכ־טיגע און נויטיקע אינסטיטוציעס ווי: אַן אידישע פאָלקס־שולע און א מיטל־שולע, אַ פאָלקס־באנק, לינת הצדק, גמילות חסד און אַ ריי ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

קאַלוואַריע האָט פארמאָגט אַ היפּשע צאָל אָנגעזעענע בעלי־בתים, לומדים און משכילים. ווי: ר׳ עליע וויסטענעצקי — אַן איד אַ למדן און אַ משכיל, האָט געלערנט פאַרן עולם אַ בלאַט גמרא.

אין שטעטל האָבן תמיד געלאַגערט סאָלדאַטן און אידן האָבן פאַר זיי צוגעשטעלט פּראָוויאַנט, האָבן אויסגעארבעט חזיר־האָר, זיך אויך פארנו־מען מיט קליין־מסחר און האַנטווערקעריי, דאָס זיינען געווען די מקורי חיונה פון דעם שטעטל.

אין יאָר 1941, דעם 22־טן יוני, האָט זיך דורך די דייטשן אָנגעהויבן דער חורבן קאלוואַריע. אזוי ווי קאלוואַריע ליגט נאָענט צו סואוואַלק, וועל־כע די דייטשן האָבן נאָך פריער פארנומען, איז קאלווארייע באלד פאר־נומען געוואָרן פון די דייטשע רוצחים. אידן האָבן באלד אָנגעהויבן אנט־לויפן פון שטעטל צו קאָוונע און ווילנע.

די דייטשע מערדער מיט זייערע העלפער די ליטווינער, האָבן זיי גענומען ערוב׳ניקעס פון די סאַמע חשובסטע שטאָט־באַלעבאַטים מיטן דאָקטאָר פון שטעטל. מען האָט זיי געהאַלטן עטלעכע טעג פארשפּארט, און

ווען מען האָט זיי באפרייט, איז זיי שווער געווען צו דערקענען. אין אייניקע טעג ארום האָט מען זיי ווידער פארנומען און מער זיינען זיי שוין נישט צו־ריקגעקומען.

מען האָט געכאַפּט מענער אויף ארבעט און אוועקגעשיקט אַרום ביי־שטאָט־שאקי, און ביי דער אַרבעט זיינען אַ סך אומגעקומען. די וואָס זיי־נען געבליבן אין שטעטל, זיינען געפייניקט געוואָרן און מ׳האָט ביי זיי אלצ־דינג צוגענומען.

מען האָט ארויסגעפירט די מענער הינטערן שטאָט, וואו מען האָט זיי באפוילן גראָבן פאר זיך קברים און דערנאָך זיך אויסטאָן און אויפן שוידערליכסטן אופן זיינען זיי דאָרט אומגעקומען. שפּעטער האָט מען אויך די פרויען און קינדער ארויסגעפירט און אין גרויסן פיין זיי אומגעבראכט.

נאָך דער באפרייאונג אין יאָר 1945, ביי מיין באזוך אין קאַלוואַריע, האָב איך געטראָפן אויף אַ חרוב׳ער וואנט פון דער קאלוואריער שול, די קוים נאָך אָנזעעוודיקע אויפשריפט:

„אידן, נעמט נקמה!"

מיין חרוב שטעטל קופּישאָק

מיין שטעטל קופישאָק, איז געווען פון די גרעסערע שטעטלעך אין ליטע. עס האָט געציילט אַ אידישע באפעלקערונג פון ארום פיר הונדערט אידישע פאמיליעס. דאָס שטעטל האָט מען גערופן „קופישאָק", אויפן נאָמען פון טייך „קופע", וואָס גייט דורך דעם שטעטל. קופישאָק, איז אין פּאָנע־וועזשער קרייז.

ניט ווייט פון שטעטל האָט זיך געפונען אַ וואלד און מען האָט אים גערופן „פאראגער וואלד". אין דאָזיקן וואַלד איז געווען אַן אָזשערע — פאראגער אָזשערע — און די יוגנט פלעגט דאָרטן זייער אָפט פאַרברענגען און אידן, עמך, פלעגן דאָרט שבת גיין אויף שפּאציר.

אַ באַרג האָט זיך אויך געפונען קרוב צום שטעטל — „דער שלאָס־

בארג״. שלאָס־בארג האָט מען אים גערופן דערפאַר, ווייל אמאָל — אמאָל האָט אַ פּריץ געוואָלט אויפשטעלן אַ שלאָס. און אזוי ווי דאָס אָרט איז דאָרט געווען זומפּיק האָט ער דעם זומפּ פארשאָטן און אויף זיין אָרט האָט זיך אויפגעהויבן אָט דער באַרג — דער שלאָס־בארג. הגם דער שלאָס איז קיינמאָל נישט אויפגעבויט געוואָרן. אָבער ביים נאָמען איז שוין דער בארג געבליבן: „שלאָס־בארג״.

אידן פלעגן צום שלאָס־בארג שפּאַצירן גיין שבת בייטאָג און יונג־ווארג פלעגט זיך דאָרט זייער שיין פארוויילן.

ווען ביי קופּישאָק זיינען אויסגעלייגט געוואָרן די ערשטע באַן־רעלצן, האָט מען דעם וואקזאַל אַ נאָמען געגעבן סלאָוועניסקי, אויפן נאָמען פון דעם דערבייאיקן דאָרף — סלאָווינטשישאָק. אזוי איז אויך אָנגעגעבן דאָס אָרט אויף דער רוסישער לאנד־קאַרטע. אידישע סוחרים האָבן דערפון געהאָט אביסל צרות. ווייל זייערע בריוו פלעגן זיי אדרעסירן, סלאָוועניסקי און די רוסישע פּאָסט־אָנגעשטעלטע, זיינען דאָך נישט געווען קיין איבעריקע לומדים, האָבן זיי פארביטן סלאָוועניסקי אויף סלאָוויאַנשק, אַן אָרט וואו עס האָבן זיך געפונען די רוסישע זאלץ־מינען. פארשטייט זיך, אַז א בריוו האָט פון אַזאַ מין טעות נישט געהאַט קיין קפיצת הדרך. ווען עס איז אָנטשטאַנען די ליטווישע רעגירונג, האָט מען דעם וואקזאַל גערופן קופּישאָק, אזוי איז אויך פארצייכנט אויף דער לאַנד־קאַרטע.

ארייַנפאָרנדיק אין שטעטל פלעגט מען פארבייפאָרן דעם נייעם בית־עולם און ווען מ׳איז געווען נעענטער צום שטעטל איז מען פאַרבייגעפאָרן דעם אלטן בית־עולם, וואָס דאָרטן זיינען שוין די קברים ניט געווען קענטיק, נאָר אַ פּאָר אַלטע מצבות וואָס האָבן דערציילט פון איבער דריי הונדערט יאָר אידישע געשיכטע. אוודאי איז קופּישאָק געווען פון די עלטסטע ישובים אין ליטע.

די חיונה האָבן אידן געצויגן פון מסחר, געווען קליין־סוחרים, האַנטווערקער און קליין־קרעמער.

קופּישאָק האָט געהאט בארימטע וועלט־רבנים, ווי: הגאון רבי אַלכסנדר סנדר הכהן קאַפּלאַן זצ״ל, מחבר ספר „שלמי נדרים״ אויף נדרים.

הגאון רבי אבא יעקב באָראָכאָוו זצ״ל, מחבר ספר „חבל יעקב״ צוויי חלקים (נפטר געוואָרן אין ארץ ישראל); הגאון רבי לייב פיין, דערנאָך רב אין סלאָנים און איז אומגעקומען דורך די נאַציס. הגאון רבי אליהו מאיר פייוולזאָן זצ״ל, מחבר פון די ספרים „נצח ישראל״ און „פקות נפש״, באוואוסט מיט זיינע מאמרים אין „הפלס״ איינער פון די מיטגרינדער פון „אגודת ישראל״ און אַ גרויסער קנאי. און דער לעצטער רב, זיין איידעם, הרב הגאון ר׳ זלמן פערצאָווסקי, הי״ד.

קופישאָק האָט אויך געהאט חסידים, די מערסטע חב״ד מיט זייער אייגענער שול און זייערע חסידישע רבנים ווי הרב ברוידע זצ״ל און דער לעצטער חסידישער רב, הרב ישראל נח חאַצקעוויץ הי״ד, (די חסידישע רבנים האָט מען גערופן מורה־הוראה). זיי האָבן אויך געהאט אַ באַזונדערן שוחט. פאר דעם ערשטן קריג האָבן די חסידים געהאַט אפילו אַן אייגענע באָד און מקוה וואָס איז געווען לעבן דעם טייך די קופע, נאָר קיין באזונדערן בית עולם האָבן זיי ניט געהאַט.

קופישאָק האָט ארויסגעגעבן גרויסע רבנים ביי אידן, ווי: הגאון ר׳ אלחנן כהן זצ״ל, דווינסקער רב, נאָכן גאון הדור ר׳ מאיר שמחה זצ״ל, רבי אלחנן כהן איז געווען באקאנט אין וואָלאָזשין אלס קופישקער עילוי, געווען דער איידעם פון גאון רבי מרדכי עליאשבערג, בויסקער רב זצ״ל; הרב הגאון ר׳ משה עטער שליט״א, רב אין האַריסבורג, אַמעריקע; הרב רבי אליהו לוצקי הי״ד, רב אין זידיק, און אנדערע.

קופישאָק האָט אויך ארויסגעגעבן אַנדערע באקאנטע פערזענליכקייטן, ווי דער בארימטער וויסנשאפטלער, דער אגריקולטור־פּראָפעסאָר, יעקב יפה, אין ניו יאָרק; שלמה קדש, דער מחבר פון בוך „קופישאָק שהיה״ און אנדערע.

דאָס שטעטל האָט געהאַט זייער אַ פיינע יוגנט. אַ סך פון זיי האָבן געלערנט אין די ישיבות ווי סלאָבאָדקע, טעלז, פּאָנעוועזש, אויך האָט די יוגנט שטודירט און שפּעטער זיינען אנדערע געוואָרן באקאַנטע דאָקטוירים, ווי דר. טראפּידא און דר. מענקין. אויך צאָן־דאָקטוירים ווי, קאַפּלאַן, מענקין, טראפּידא טריינע, און אנדערע.

פון די ישיבות אין מיין צייט וואָס האָבן געלערנט זיינען ארויס רבנים ווי: הרב אליהו לוצקי, רב אין זידיק; הרב ר׳ ליפע זילבער הי״ד, הרב ר׳ יונה כהן אין ניו יאָרק און אנדערע. אַ סך זיינען געוואָרן שוחטים און אויסגעוואַנדערט מעבר לים, ווי: אמעריקע און דרום־אפריקע.

אין די יאָרן פון 1925 האָט די יוגנט ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין שטעטל און ווען ס׳איז אָנגעגאנגען דער שטראָם פון עמיגראציע, זיינען פון דער יוגנט אָפּגעפאָרן די מערסטע אין דרום־אפריקע, וואו ביים היינטיקן טאָג געפינען זיך עטליכע הונדערט פאמיליעס פון קופישאָק אין יאָהאַנעס־בורג און קייפטאַון, און דורך דעם נס פון עמיגרירן זיינען זיי געבליבן לעבן. (אויך איז מען געפאָרן אין אַמעריקע און אירע דרום־לענדער, קאנאדע און ישראל).

דאָס שטעטל האָט פארמאָגט אַ סך חדרים פאר קינדער, 2 פאָלקס־שולעס, אַ „יבנה שול״ און אַ אידישיסטישע שולע, קינדער־גערטנער ביי דער שול, אַ ישיבה קטנה, אַ תלמוד תורה, און חברות ווי: אַ אידישע פאָלקס־באנק, אַ לינת הצדק, הכנסת אורחים, און אַ אידישע פייערלעשער קאָמאַנ־דע א. א. דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק מיט ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציעס פון אלע ריכטונגען. אַ „תפארת בחורים״, וואו יונגעלייט פלעגן קומען נאָך דער ארבעט אלע נאַכט לערנען אין זייער אייגענעם לאָקאַל, און אַן אייגענעם מנין צום דאַווענען וואָס איז טאַקע געווען אַ שטאָלץ פארן שטעטל כשמו כן הוא.

דאָס שטעטל האָט געהאַט אַ גרויסע אַלטע שול צום דאַווענען, גע־מויערט פון גרויסע שטיינער, ניט געטעשעטע שטיינער, און אַן אָרון־קודש האָט די שול פארמאָגט, אַ זעלטן־שטיק מייסטערארבעט מיט זיינע וואונ־דערבארע שניצונגען, וואָס האָבן פארכאַפּט דאָס אויג. נאָך דער ערשטער שרפה אין שטעטל, איז אויך דער ארון־קודש פארברענט געוואָרן. מער אַזאַ ארון־קודש האָט מען שוין נישט געקאָנט אויפשטעלן. לעבן די שול איז אויך געווען א בית מדרש און א חסידישע קלויז. און א בית־מדרש בארג אראָפּ (דאָס איז געווען אַביסל אראָפּ פון שטעטל).

פאר דעם ערשטן וועלט־קריג האָבן אין קופישאָק געלערנט בחורים

און פּרושים. אַ סך פון זיי זיינען געוואָרן באַרימטע רבנים. באַזונדערס באַ־רימט איז געוואָרן איינער פון די קופּישאָקער ישיבה בחורים, באַוואוסט אין דער אידישער וועלט אלס הגאון ר׳ אבא יעקב ז״ל, דער איידעם פון ראָגאַטשעווער גאון, ר׳ יוסף ראָזין זצ״ל, געווען רב אין דווינסק אויף די „פלעצער״ (אַ פאָרשטאָט פון דווינסק), און דערנאָך אין מאָסקווע, און דאָרטן נפטר געוואָרן.

ר׳ אבא יעקב איז געבוירן געוואָרן אין אוטיאַן, און מען האָט אים גערופן אין קופּישאָק, דער אוטיאַנער עילוי.

דער הויפּט גמרא־מלמד איז געווען ר׳ משה מרדכי ז״ל, וואָס ביי אים האָבן געלערנט צוויי כיתות בחורים גפ״ת.

אין בית מדרש זיינען געזעסן בעלי בתים, און געלערנט בייטאָג און ביינאַכט ווי מיין זיידע ר׳ משה ז״ל, וואָס האָט אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן, זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ און געזעסן און געלערנט יומם ולילה. עס איז קיינער ניט געקומען פריער פון אים אין בית המדרש, און קיינער ניט שפּעטער פון אים. אזוי איז ער געזעסן און עוסק געווען אין תורה, אין מצוות, גמילות חסדים, געווען אַ גבאי אין בית המדרש „הכנסת אורחים״, געהאַט זעלטענע מידות טובות, און אויב עמיצער האָט אים מביש געווען, האָט ער קיינמאָל דערויף ניט רעאגירט. נאָר יענעם גלייך מוחל געווען. איבערהויפּט איז ער געווען נזהר פון לשון הרע און דברים בטלים, געווען אַ גרויסער שווייגער. ער איז נפטר געוואָרן כ״ח תמוז, תרפ״ח.

אָדער אַזאַ מין איד ווי מיין קרוב ר׳ הירש מרגלית ז״ל, ווי מען פלעגט אים רופן אין שטעטל,הירשע עזריאלס, אויף דעם נאָמען פון זיין שווער.

אין בית המדרש האָט ניט אויפגעהערט קיינמאָל דער קול תורה. און מיין קרוב ר׳ זאלע מענדע אלופּאָוויץ ז״ל, פלעגט דורכלערנען אלע יאָר גאַנץ ש״ס און מאַכן שמחת תורה אַ סיום.

אויך האָבן ניט געפעלט אין שטעטל קיין טיפּן, ווי זלמן דער בלינדער. ער איז געווען בלינד אויף אַן אויג, און פאַר זלמנ׳ען פלעגן זיך אַלע היטן, און איבערהויפּט די מיידלעך. ער האָט געוואוסט קלאָר און דייטלעך אלע־מענס יאָרן, ווען, געבוירן מיטן טאָג און שעה געוואוסט ווען יענער איז גע־

שטאָרבן, געווען זייער אַ גרויסער בעל זכרון און דערצו איז ער געווען אַן אלפאבעט. דאָך, ווען ער האָט געאַרבעט אין פאָלקס־באנק ביים פונאַנדערטראָגן די בריוו און מעלדונגען, צו צאָלן די געלט פאר דער באנק, האָט ער קיינמאָל נישט געמאכט קיין טעות אין אוועקגעבן אַ צווייטן יענעמס בריוו אָדער מעלדונג, ניט זעענדיק גוט און ניט קענענדיק לייענען און שרייבן.

דער שמש פון בית מדרש איז געווען מענדע. מענדע דער שמש (מענדע בירגער) אָדער ווי מען האָט אים גערופן מענדע דער שוהל־רופער, ווייל גאָר אמאָליקע צייטן פלעגט ער רופן אין שול אריין. מענדע איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, אביסל איינגעבויגן, אַ שווארצע באָרד דורכגעוואָרפן מיט ווייסע האָר, געדאווונט אַן ברילן און מיט אלע ציין אין מויל. ער האָט געטראָגן אויף זיך איבער הונדערט יאָר. ווען ער פלעגט דערציילן מעשיות פון שטעטל פלעג איך אים פרעגן: ר' מענדע, ווען האָט דאָס פאסירט, „אנומלט", פלעגט ער ענטפערן. ווען איז דער אַ־נומלט? מיט 85־90 יאָר צוריק, האָט ער געענטפערט. ער האָט יעדערן געקענט. ווען ער פלעגט מאַכן הזכרות, אָדער אויפרופן אַן עליה, האָט ער ניט נאָר געוואוסט ווי יענער הייסט, נאָר ער האָט אפילו געוואוסט ווי עס האָט געהייסן זיין עלטער־עלטער זיידע, און דאָס אייגענע ביי אַ מלא רחמים. ווען איך פלעג אים פרעגן: ר' מענדע, ווי פילט זיך אַ מענטש פון 100 יאָר, „ווי נעכטן וואָלט עס געווען" איז געווען זיין ענטפער. (ער איז גע־שטאָרבן אַ יאָר פאר דער צווייטער מלחמה).

א בריוו טרעגער האָט דאָס שטעטל אויך געהאַט אַ איד מיטן נאָמען נחוב־לייב, ער איז געגאנגען אָנגעטאָן מיט לאנגע קליידער. ווער האָט דאָס ניט געקאָנט נחום לייבן? ווער עס האָט נאָר באקומען אַ בריוו, איז אַלץ דורכגעגאנגען דורך נחום לייבס האַנט, און ווי קומט טאַקע אַ איד צו אַזאַ פּאָסטן ביי די רוסן? הערט וועל איך דערציילן:

נחום לייבס פאָטער איז אויך געווען אַ חסידישער מורה הוראה און איז געשטאָרבן יונג, דארף מען דאָך באזאָרגן די פאמיליע מיט עפּעס פּר־נסה, האָבן עטליכע בעלי בתים באשלאָסן, אז מען וועט געבן נחום לייבן

אַ שריפט, אַז ער קען אָפּנעמען זייערע בריוו פון פּאָסט און ווען ער וועט ברענגען זיי די בריוו, זאָל מען אים עפּעס געבן, וועט ער וואָס האָבן צו פאַרדינען חיונה, און אַזוי איז געוואָרן נחום לייב נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה דער בריוו־טרעגער פון שטעטל, אפילו פאַר די גויים אויך. און אידן פלעגן אים נאָך אַלץ צוצאָלן געלט פאַר ברענגען בריוו, ווער רעדט אַז נחום לייב פלעגט ברענגען אַ רעגיסטרירטן בריוו פון אמעריקע, פלעגט מען דאָך געוויס געבן נחום לייבן אַ פיינע מתנה, וואָס הייסט, ער ברענגט דאָך מיר געלט, פלעגן זיך אויסדריקן די מאַמעס, ווען זיי פלעגן באַקומען אַ רעגיסטרירטן בריוו פון זייערע קינדער פון אַמעריקע. ווער רעדט שוין אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהאַט וועמען אין אפריקע, ווער אַ מאַן אָדער קינדער, ברידער, שוועסטער און אַנדערע. עס איז כמעט ניט געווען קיין שטוב וואָס עס זאָל ניט האָבן קיין נאָענטן אין דרום אפריקע, און די דערמאָנטע פלעגן טאַקע שיקן די גאַנצע אויסהאַל־טונג פאַר זייערע פרויען און עלטערן, און דאָס אַלץ איז געגאַנגען דורך נחום לייבן. ווער קען דאָס שילדערן ווי די מאַמעס און פרויען פלעגן זיך ארומשטעלן דאַנערשטיק ארום נחום לייבס פענצטער, אָדער טיר און אָפּ־וואַרטן נחום לייבן ווי ער קומט פון פּאָסט און ברענגט די בריוו, און די ווייבער פלעגן נעמען טרעפן איינע אויף דער אַנדערער, וואָס פאַר אַ בריוו וועט זי היינט באַקומען, צי אַ פולן אָדער אַ ליידיקן, ד. ה. מיט געלט, אָדער אָן געלט. און נחום לייבס ווייב פלעגט זיך פילן האָפּערדיק, אַז איר מאַן באַ־זאָרגט אַלעמען פון שטעטל מיט חיונה, די פרויען וואָס האָבן אין אפריקע די מענער און די עלטערן וואָס האָבן די קינדער. ווען מען פלעגט שוין זען ווי נחום לייב קומט אָן, פלעגט ווערן ביי די פרויען אַ געלאָף צו נחום לייבן. „פאַר מיר האָט איר אַ בריוו? „און פאַר מיר?" נחום לייב פלעגט זאָגן : „באלד, באלד וועל איך אַלעמען ענטפערן". אַלע זיינען געבליבן וואַרטן ביי זיין פענצטער און ער פלעגט צוטיילן די בריוו און דערווייל האָט מען געוואוסט ווער עס באַקומט בריוו פון איר מאַן און ווער ניט. און דאָס זעלבע פון זייערע קינדער. ווער עס באַקומט מער געלט און ווער ווייניקער. דאָנערשטיק, איז געווען דער „מארק־טאָג" פון שטעטל און אויך

פון די בריוו פון אפריקע. אָט אזוי היימליך איז געווען אין שטעטל. (נחום לייב איז געשטאָרבן פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

צווישן די טיפן איז אויך געווען איינער העשעלע דער שניידער (אָדער ווי מען האָט אים גערופן „העשל די בולבאלע”) פּאַוואָס? ווייל ער איז געווען אַ שניידער אויפן דאָרף און פלעגט זיין די גאַנצע וואָך אויפן דאָרף, און האָט ניט געגעסן קיין זאַך ביי די קריסטן. ער פלעגט זיך אָפּ־קאָכן אַ זעקעלע מיט בולבעס (קאַרטאָפל) און מיטנעמען מיט זיך, און עסן קאַלטע. אגב, ברויט איז געווען פאר אים צו טייער, דעריבער האָט מען אים גערופן (העשל די בולבאַלע).

העשל איז געווען אַ קליין געוויקסיקער איד מיט אַ קליינער ווייסער באָרד און זייער אַ רואיקער מענטש פון דער נאַטור. איך האָב געקאָנט העשלען, שוין ווען ער האָט געלערנט פאַרן עולם משניות בין מנחה למעריב אין בית המדרש. דער עולם האָט הנאה געהאַט פון זיין לערנען, אָבער, ליידער איז גמרא איז העשל ניט אזא למדן ווי אין משניות.

איך האָב אים אַמאָל געפרעגט וועגן דעם, האָט ער מיר געזאָגט: „איך האָב אין דער יוגנט ניט געקענט לערנען ווייל מיין טאַטע־מאַמע זיינען געווען זייער אָרעם און איך בין געבליבן אַ יתום; מ'האָט מיך אַ־וועקגעגעבן פאר אַ שניידער ווען איך בין נאָך אַ אינגל געווען, און שפּעטער נאָך מיין חתונה בין איך געפאָרן אין דאָרף נייען פאר די קריסטן זייערע פעלצלעך, האָב איך ניט געהאַט קיין צייט ווען צו זיצן ביים טיש אין בית מדרש, און הערן ווי מען לערנט משניות פארן עולם, נאָר צוויי מאָל אַ וואָך, שבת און זונטיק פלעג איך זיצן ביי ר' נחמיה שטיינבערגס משניות, און דאָס וואָס איך האָב געלערנט אין די פּאָר טעג פון די וואָך, האָב איך די גאַנצע וואָך ביי מיין ארבעט געחזרט, און אזוי זיינען אריבער דרייסיק יאָר, האָב איך געקענט גאנץ משניות אויסווייניק, און נאָך דעם ערשטן קריג, אז מיין רבי נחמיה איז געשטאָרבן, בין איך געוואָרן דער רבי פון חברה משניות. אָט אַזוי האָט אַ איד זיך אויסגעלערנט לערנען משניות פאר זיך, און אויך נאָך לערנען מיט אנדערע, און דער דאָזיקער אכציק־יאָריקער איד איז אזוי טראגיש אומגעקומען פון די מערדער ימח שמם.

דאָס שטעטל האָט געשפּרודלט מיט אידיש לעבן, אידישע טראַ־דיציעס, אידיש וויסן. ווער קאָן דאָס שילדערן, ווי עס האָט אויסגעזען אַ שבת אין שטעטל. איך וועל אייך דערציילן פון אַן ערב שבת, וועט איר שוין וויסן ווי עס האָט אויסגעזען אַ שבת.

פרייטיק אין דערפרי פלעגן שוין קומען צופאָרן די קאַראַבעלניקעס פון די דערפער (דאָרפס סוחרים), מען האָט געדאַוונט פרי זיך געאײַלט אויפן מאַרק און קויפן פיש ביי יודל דעם פישער, ווייל שפּעטער וועט שוין ניט זיין. די באַלעבאָסטעס פאַרנומען מיט באַקן חלה אויף שבת, און נעמען חלה פון דער טייג, אַ קלייניקייט אַזאַ מצוה וואָס געהערט צו די ווייבער. פון אַלע הייזער האָט געשמעקט די שבת׳דיקע גוטע מאכלים. אידן לויפן אין באָד לכבוד שבת. אין בית המדרש נאָך האַלבן טאָג איז שוין געזעסן ר׳ סענדער פאַלק ז״ל, אַ איד אַ בעל מקובל מחבר געווען אַ ספר ווי צו לערנען קבלה, מיט אַ הסכמה פון הגאון רבי אברהם יצחק קוק זצ״ל, רב ראשי פון ישראל). אַ איד וואָס פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין בית המדרש און לערנען, און האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, געשוויגן און זיך אָפּגערוט און ווייטער געשוויגן. שטענדיק פאַרטראַכט אין מחשבות און פרייטיק פלעגט מען אים הערן ווי ער זינגט מיט אַ זיסן ניגון שיר השירים. מיר די קינדער פלעגן זיך באַהאַלטן אין דער ווייבער־שול און הנאה האָבן פון זיין מתיקות׳דיקן ניגון. און אָט גייט נח דער מולער אביסל בייזליך פון באָד און מורמלט צו זיך אַליין. ער לויפט אין שטיבל. די לופט האָט געשמעקט מיט דער הכנה פאַרן גרויסן גאַסט, די כלה, שבת מלכתא. אַ שעה פאַר ליכט בענטשן האָט געפייפט די מיל פון חנא דעם מילנער, אַז דער גרויסער גאַסט איז שוין נאָענט מען דאַרף פאַרמאַכן די געשעפטן. אַ צווייטער פייף פון דער מיל צו ליכט בענטשן. מענדע דער שול־רופער שטייט אין מיטן מאַרק און רופט אין „שול אַריין". עס פלעגט זיך אויסדאַכטן אַז דער שופר בלאָזט די זעקס תקיעות צו שבת. פון אַלעמענס פענצטער האָט ארויסגעקוקט די ליכ־טיקייט פון שבת. אַלע גייען אין בית המדרש דאַוונען. אָט אַזוי, מיט אַזוי־פיל קדושה האָט אויסגעזען אַן ערב שבת אין שטעטל.

שבת איז פול געווען דער בית המדרש מיט בעלי בתים, וואָס זיינען

געזעסן און געלערנט. בלעטער גמרא זיינען געזאָגט געוואָרן פון שטאָטישן רב. שפּעטער פון ר׳ משה זונדל לייזעראָוויץ, הי״ד. אין חסידישן מנין פון ר׳ געצל האָפּמאַן ז״ל, און דערנאָך פון חסידישן רב. אויך איז שפּעטער איינ־געפירט געוואָרן אַ לומדישער בלאט גמרא, פאר בחורים וואָס האָבן געלערנט אין ישיבות אין „תפארת בחורים״, וואָס איז געלערנט געוואָרן פון רב ר׳ זלמן פּערצאָווסקי, הי״ד.

שמחת תורה האָבן זיך אידן געפרייט מיט דער תורה, געטאַנצט אין די גאַסן, קאָן מען דען פאַרגעסן, ווי ישראל משהלעס, פלעגט איבערקערן דעם פּעלץ אויף דער אנדערער זייט און טאַנצן אין די גאַסן, און מיר קינ־דערלעך ארום אים, ער פלעגט אונז טיילן שטיקלעך קוגל און לעקעך וואָס ער פלעגט ארויסנעמען פון די ארומיקע הייזער.

מען פלעגט פירן דעם רב אונטער אַ חופּה מיט געזאנג און טענץ אין בית המדרש אריין. צוערשט אין דער קאַלטער שוהל אריין, און דאָרטן זאָגן „ברכו״, און דערנאָך פלעגט דער עולם גיין אין בית המדרש אריין. אזוי איז געווען דער מנהג.

אזוי האָט מען געפּראַוועט אַ יום־טוב אין שטעטל, ווען מיר אלע פון די ישיבות פלעגן אהיים קומען אויף יום־טוב, כדי צוזאמען אַ הנאָה צו האָבן פון שמחת החג.

די ליבשאַפט פאר תורה האָט מען געקענט זען אויף יעדן שריט און טריט, ווי גליקלעך און שטאָלץ איז אַ מאַמע געווען, אז איר זון איז געפאָרן לערנען אין אַ ישיבה, און וואָס פאַר אַ מסירת נפש, האָט מען ארויסגעוויזן פאר אַ קינד, וואָס לערנט תורה, קען איך פארגעסן די מסירת נפש פון מיין ליבער מוטער, אז איך זאָל קענען זיצן און לערנען, מיר מאכן באקוועמער, ווי צום ביישפּיל, איך זאָל באַקומען אַ „פּאַסילקעלע״ אויף שבת, פון אירע פריש געבאַקן געבעקס, פלעגט מיין מאַמע דאָס באַקן דאַנער־שטיק אין מיטן דער נאַכט, פאַרהאַרעוועט אַ גאנצן טאָג אין געשעפט (ווייל דער מארק טאָג פון שטעטל איז געווען דאָנערשטיק) און גאַנץ פרי אליין גיין צוויי מייל צום באַן צופוס אין די גרעסטע פרעסט און זיך איינבעטן ביי

די פֿאַרערס, אַז זיי זאָלן מיטנעמען אַ פּעקל פֿאַר מיר, אויך בעטן, אַז מען זאָל מיר נאָך אָפּגעבן אין זעלבן טאָג אין ישיבה אין פּאָנעוועזש. איר שמחה ווען מען האָט איר אָפּגעגעבן אַ גרוס אַז איך בין אַ מתמיד, און די ראָשי־הישיבה זיינען צופֿרידן פֿון מיר. און אַזוי זיינען געווען די אַנדערע מוטערס, איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס אין דער פּאָנעוועזשער ישיבה זיינען די קופּישקער געווען די גרעסטע קאָלאָניע. עס האָבן געלערנט אַרום 30־40 קופּישקער בחורים׳לעך אַ זמן, אויסער די גרעסערע וואָס האָבן געלערנט אין סלאָבאָדקע, טעלז, ראַדין, מיר. דעם דרך ארץ פֿון די אידן, ווען מיר פֿלעגן קומען אהיים פֿון ישיבה אויף ימים טובים. ווי יעדערער פֿלעגט צו־גיין מיר געבן שלום עליכם ווי איך וואָלט געווען אַ גרויסער מענטש, און מיר מכבד זיין און קוקן אויף מיר מיט אַזאַ דרך־ארץ. און איבערהויפּט ווען כ׳בין עלטער געוואָרן און געזאָגט דעם ערשטן טאָג פּסח מיין ערשטע דרשה אין בית המדרש איז פֿול געווען דער בית המדרש. און יעדער איד פֿון שטעטל האָט זיך געפֿילט שטאָלץ: אַט האָבן מיר אַן אייגענעם רב אַרויסגעגעבן, און זיך באַרימט: דער רב איז דאָך אַ קופּישקער אַ געבאָ־רענער...

מיט וואָס פֿאַר אַ וואַרעמקייט און אָפּרופֿן פֿאַר תורה, ווען משולחים פֿלעגן קומען אין שטעטל קלייבן געלט אויף ישיבות, מיט וואָס פֿאַר אַ ליב־שאַפֿט מען האָט זיך געטיילט מיט יעדן גראָשן און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן, זיי האָבן געהאַט, ווען זיי האָבן געהאַט געלט צוגעבן דעם משולח פֿאַר דער ישיבה. ווי מלכה׳לע פֿון אראָפּבאַרג האָט מיר אַמאָל געזאָגט: דאָס וואָס איך פֿאַרנוץ פֿאַר זיך צום עסן איז דאָך מער ניט ווי אויף אַ ווײַלע, אָבער פֿאַר תורה וואָס איך גיב איז דאָס פֿאַר מיר אַ חלק אויף אייביק. וויפֿיל מאָל מיין ליבע מוטער הי״ד, האָט אַלץ דערלייגט דעם משולח געלט, ווייל זי האָט מורא געהאַט, טאָמער האָט זי נאָך אַלץ ניט יוצא געווען פֿאַר תורה. און ווען אַ משולח, מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, האָט איר געזאָגט: „איר דאַרפֿט ניט געבן, איר האָט דאָך אַן אייגענעם תלמיד חכם", האָט מיין מוטער געענטפֿערט: „און מאַכן יענעמס קינד פֿאַר אַ תלמיד חכם איז ניט קיין מצוה?"

יראת שמים און אידישקייט האָט מען אין שטעטל געקאָנט וועגן אין אוצרות, און איצט איז אפילו קיין מצבה ניטאָ וואו אָוועקצושטעלן, נאָך אונ־זערע טייערער און הייליקע.

געווען אמאָל אַ שטעטל קופּישאָק, היינט איז מער ניטאָ. אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, אזעלכע הייליקע נשמות! אָרעם איז מיין שפּראַך צו קענען באַקלאָגן מיין היים־שטעטל און דערציילן וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן.

ווען די דייטשע מערדער האָבן זיך דערנעענטערט צו קופּישאָק, מיט־וואָך דעם 26־טן יוני, 1941, האָט זיך איינגעגעבן אַ פּערציק פאַמיליעס צו אַנטלויפן אין רוסלאַנד. אנדערע זיינען געלאָפן אין די דערפער צו די קריסטן זיך באַהאַלטן פון דער באָמבאַרדירונג, פונקט ווי אין דער ערשטער מלחמה, אָבער ליידער, ווי נאָר די דייטשן זיינען אריין, האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אויף די אידן צרות און פּיין פון זייערע אייגענע שכנים, די ליטווינער, מיט וועמען זיי האָבן געוואוינט אזוי רואיק און בשלום, ווי דער מערדער פּעזעס, סעק־רעטאר פון שטאָט פאַרוואלטונג פון שטעטל און אַנד. מען האָט אלע אידן צוזאמענגעטריבן פון די דערפער נאקעטע און באָרוועסע, ווייל די קריסטן פון די דערפער האָבן שוין געהאַט צוגענומען זייערע פאַרמעגנס און ארום שוהל־הויף געמאכט די צייטווייליקע געטאָ, ארומגעצאמט מיט שטעכל־דראָט. און דאָרטן האָט מען געמאַטערט די פרויען, די קליינע קינדערלעך, צווישן זיי אויך מיין ליבער מוטער... מיט מיינע ליבע שוועסטער... און ליבע טייערע, קליינינקע פּלימעניצקעס, שוואָגערס און אַ סך פריינט פון מיין פאַמיליע.

אויך האָט מער זיך גענומען צו די צוויי רבנים, הרב ר׳ זלמן פּער־צאָווסקי, און הרב ר׳ ישראל נח האצקעוויץ, זיי ארייגעטריבן אין חסידישן מנין, און זיי אָנגעטאָן אלע יסורי איוב; ארומגעלייגט ארום זיי פּייער עס זאָל ברענען זייערע קערפּערס און אויפן גרויליכסטן אופן האָט מען זיי ארויס־געפירט הינטער קלמן לעווינס שטוב. דאָרט האָט זיך געפונען אַ בית־עולם פון „ניט גלויביקע״ קריסטן, האָבן די רוצחים געזאָגט אז די אידישע קדושים דאַרפן אויך דאָרט ליגן. צוזאמען מיט די חשובע בעלי בתים ווי משה

זונדל לייזעראָוויץ (ר׳ משה זונדל דער מלמד), אברהם קליף דער דער שוחט, משה יצחק אבראמאָוויץ שוחט, הרב מאיר שטיינבאך דער איידעם פון חסידישן רב, מיין שוואָגער איסר מיכל, יצחק מארא, הלל זילבער, יצחק אזרח, ישראל גאפאנאָוויץ, גרשון און נפתלי מייראָוויץ, און אַנדערע און זיי אומגעבראַכט. צוויי וואָכן שפּעטער, האָט מען אומגעבראַכט די פרויען און קינדער.

עס האָט זיך געהאַט איינגעגעבן דער רביצין חיה לאה פּערצאָווסקי מיט אירע קינדערלעך און פרוי באַסע מייראָוויץ מיט אירע קינדער זיך אויסבאהאלטן ביים דר. פראנצקעוויטש. אָבער לײדער האָט מען ארויסגעגעבן און זעקס וואָכן שפּעטער האָט מען זיי אומגעבראכט.

נאָך דער באפרייאונג, ווען איך האָב באזוכט מיין געוועזענע שטעטל, האָט מיר די קריסטין טאָנקיכע, וואָס האָט געוואוינט לעבן מיין זיידנס ז״ל הויז, דערציילט און אוועקגעגעבן א רעקעלע פון דעם עלטסטן קינד פון רב פּערצאָווסקי, (אליהו מאיר האָט געהייסן דאָס קינד), זוכנדיק און קינדס רעקעלע האָב איך געפונען אַ צעטעלע בזה הלשון: „מען פירט אונז דער־הרגענען נעמט נקמה״.

נחום שמיד, דער רייכסטער איד פון שטעטל איז בטבע זייער אַ גוטער אין זיין העלפן אידן, האָט זיך אויסבאהאלטן דריי חדשים אין שמילג (אַ דאָרף לעבן קופּישאָק). דערנאָך ווען די ליטווישע מערדער האָבן געהאַט שוין צוגענומען זיין געלט האָבן זיי אים גע׳מסרט. מען האָט אים אַרעסטירט און אים געבראכט אין דער שטעטלשער טורמע, לעבן דעם טייך קופּע, און אים ביים טייך דערשאָסן.

אויך זיינען קופּישקער אידן אומגעקומען אין ראקישאָק, לויפנדיק קיין רוסלאנד און דער דייטש האָט זיי געכאפּט אויפן וועג (אין ראקישאָק זיינען די גריבער ביים גראף אויפן הויף). — אויך זיינען אומגעקומען קופּישקער אידן אין פּאָנעוועזש אין פּאַיאסט.

אזוי האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות אויף קידוש השם די אידן פון מיין שטעטל קופּישאָק.

די אַנטלאָפענע אין רוסלאַנד האָבן זיך צוריקגעקערט אין ליטע און וואוינען אין ווילנע, קאָוונע, און פּאָנעוועזש.

געוועזן אַמאָל אַ שטעטל קופּישאָק און שוין מער ניטאָ.

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן אונזערע טייערע און ליבע און אויף קידוש השם אומגעקומענע קופּישקער אידן.

קעלם

קעלם איז געווען פון די גרעסערע שטעטלעך אין ליטע, וואָס האָט פאַר־מאָגט אַ אידישע באַפעלקערונג לערך 2 טויזנט נפשות.

קעלם איז אָבער געווען בארימט איבער ליטע און באַקאַנט אין דער ברייטער אידישער וועלט אַלס „מוסר־שטאָט" מיט דער נייער שיטת המוסר פון הגאון הצדיק ר' שמחה זיסל זיוו, זצ"ל, געבאָרן אין קעלם תקפ"ט, — געשטאָרבן אין קעלם תרנ"ח. — א תלמיד מובהק פון רבי ישראל סאלאנ־טער, זצ"ל, און גרינדער פון דער גרויסער „תלמוד תורה" אין קעלם, וואו עס האָבן געלערנט טאָג און נאַכט ישיבה בחורים פון דער גאנצער וועלט. אין דער קעלמער „תלמוד תורה" האָבן ניט אלע ישיבה בחורים געקענט אָנקומען מען האָט אָנגענומען נאָר עלוים, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט מיט דעם אייגנארטיקן דרך פון לערנען און מוסר.

פאַר ימים נוראים פלעגן זיך צוזאמענפאָרן רבנים און בעלי בתים פון גאַנץ ליטע, בכדי צו מאכן אַ חשבון־הנפש און זיך צוהערן צו די מוסר־רייד און אויפנעמען דער דרך המוסר פון קעלם. דאָס שטעטל איז געווען פול מיט אורחים. דאָס האָט געהאַט זייער אַ גרויסע ווירקונג אויפן לעבן פון דעם שטעטל.

קעלם האָט אויך געהאַט אַ ישיבה קטנה, וואו א ס'האָבן געלערנט 150 בחורים'לעך פון די שטעטלעך ארום קעלם. די ראשי הישיבה זיינען געווען הרב ר' אליהו לאפּיאַן שליט"א, יעצט אין ישראל, און הרב ר' אליהו

קרעמערמאַן הי״ד, שפּעטער רב אין קראַז. און הרב שלמה פּיאַנקאַ הי״ד, און הרב סאַדאָווסקי, משגיח.

קעלם איז אויך געווען באַרימט מיט אירע גרויסע מענטשן, ווי דער קעלמער מגיד, הרב רבי משה יצחק דרשן ז״ל, באַרימט מיט זיינע פייער־דיקע דרשות און שילדערונגען פון דעם גן־עדן און פון גיהנם.

דער באַרימטער צדיק רבי לייב חסיד, דער „ליטווישער רבי״, אַ רבי אָן אַ הויף, האָט זיך געפירט זייער פשוט און אין עניוות. אַלע אידן פון ליטע, לעטלאַנד און ווייס־רוסלאַנד האָבן געוואוסט, אַז דער צדיק הדור איז רבי לייב חסיד.

זייער אַ סך מעשיות האָבן זיך געוועבט אַרום רבי לייב חסיד. עס ווערט דערציילט, אַז רבי לייב חסיד פלעגט שטענדיק פראַווען התבודדות אויסערן שטעטל. איינמאָל, זייענדיק פאַרטיפט אין מחשבות, האָט ער פאַר־בלאָנדזשעט אויפן פעלד פון אַ קריסט. דער קריסט איז אָנגעקומען רייטנ־דיק אויף אַ פערד און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז רבי לייב צוטרעט זיין פעלד, האָט דער פויער אָנגעפאַנגען צו שלאָגן רבי לייבן. האָט רבי לייב צו אים געזאָגט: „וואָס פאַרנעמסטו זיך איצט מיט אַזעלכע זאַכן, לויף בע־סער וואָס גיכער אהיים צו ראַטעווען דיין פאַמיליע. זיי זיינען אַלע אין אַ גרויס סכנה״. דער פויער האָט זיך דערשראָקן און איז שנעל געלאָפן אהיים. קומענדיק האָט ער דערזען, ווי עס ברענט זיין שטוב און ממש דורך אַ נס האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוראַטעווען פון פייער זיין פרוי און קינדער. דער פויער האָט נאָכדעם אויסגעזוכט דעם רב, און ביי אים געבעטן מחילה און אים געגעבן מתנות.

עס ווערט אויך דערציילט, אַז רבי לייב חסיד איז איינמאָל געפאָרן אין וועג און ער האָט געמוזט בלייבן נעכטיקן אין אַ קרעטשמע. ער האָט אונטערגעלייגט זיין פעקל צוקאָפּנס און איז איינגעשלאָפן. אין מיטן נאַכט זיינען אָנגעקומען סוחרים אין קרעטשמע און האָבן דערזען ווי אַן אָרעמער איד שלאָפט דאָרטן, האָבן זיי זיך גענומען פריילעך מאַכן איבער אים. איי־נער פון די צולאָזענע סוחרים האָט מיט אַ שוועבעלע גענומען סמאַלען די באָרד ביי רבי לייב חסיד. פאַרן ליכט פונם שוועבעלע האָט אַ צווייטער סוחר

דערקענט, אז דאָס איז רבי לייב חסיד, האָט ער אַזש אַ ציטער געטאָן און אויפגעשפּרונגען פון אָרט. רבי לייב האָט אָבער געזאָגט צו לייטישן סוחר: „לאָזט אים דאָס, ער האָט דאָך הנאה דערפון".

קעלם איז געווען באוואוסט מיט אירע גרויסע רבנים ווי די גאונים: ר' אליעזר גוטמאַן, ר' יחזקאל, — גערופן אין שטעטל ר' חצקעלע — ר' אליקום געצל הלוי הורוויץ און זיין איידעם ר' יצחק הורוויץ. הגאון רבי אליעזר גאָרדאָן (געווען דערנאָך רב און ראש הישיבה אין טעלז) און רבי צבי יעקב אָפּענהיים ז"ל, און דער לעצטער רב, הרב הגאון ר' קלמן בייניאשעוויץ הי"ד.

אין קעלמער בית-מדרש איז געווען אַ זייגער וואָס דער קעלמער רב ר' חאצקל האָט אים אויף זייער א קונציקן אופן געמאכט. אויפן ציפערבלאַט איז אויך געווען פאַרצייכנט דאָס יאָר, טאָג, דער חודש, דער יום און די מעמדות. ארום די אלע זאכן זיינען געווען אזעלכע ווייזערס און ווייזערלעך וואָס פלעגן פּינקטלעך אָנווייזן, ווען זייער צייט איז געקומען *).

אין קעלם איז געווען אַן אלטע הילצערנע שול מיט אַ זעלטן-שיינעם אָרון-קודש, געמאכט פון קינסטלער יעקב בן שלמה פון ראסיין. ער האָט דעם גאַנצן אָרון-קודש געשניצט מיט אַ מעסערל.

אין קעלם האָט מען געקענט זעען ווי אַ איד גייט ארום איבער די גאַסן אין טלית און תפילין. אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז רבי זעליקל תרשיש ז"ל. דאַנערשטיק ווען עס איז געווען דער מארקט-טאָג פון שטעטל און די גויים האָבן געזען רבי זעליקן אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, פלעגן זיי מאכן אַ וועג און אַ ווארע פאַר אים. די גויים פלעג זיך פרייען ווען ר' זעליקל פלעגט שפּאצירן איבער זייערע פעלדער. זיי פלעגן זאָגן, אַז דאָס וועט זיי שוין ברענגען אַ געראָטענעם יאָר.

קעלם איז רייך געווען אין פאַרשיידענע טיפּן אידן, ווי: „מענדע די פּאה". ווער האָט דאָס ניט געקענט „מענדע די פּאה"? אַ פּשוטער איד, אַ היכער און אַ דארער, פלעגט תמיד גיין צופוס פון שטעטל צו שטעטל אי-

*) מער וועגן קעלם אין בוך „זכרונות" פון א. א. פרידמאַן.

בערקוקן די מזוזות. ווען ער האָט געטראָפן אַ פסולע מזוזה, פלעגט ער אָנ־קלאַפּן אַ כשרע אַן געלט. ווען מען האָט געפרעגט „מענדען" פאַרוואָס ער האָט גענומען אַ טויב־שטומע פרוי? האָט ער געענטפערט מיט תמימות: „זי זאָל ניט ריידן און ניט הערן קיין לשון הרע".

ניט נאָר די מענטשן זיינען דאָרט געווען אַנדערע און טשיקאַווע, נאָר אויך די גאַסן אפילו. אין אַלע שטעטלעך איז דאָ אַן עירוב און מען מעג טראָגן אום שבת. אָבער ניט אין קעלם. פאַרוואָס? ווייל דורך קעלם גייט דער גרויסער שאָסיי פון טילזיט, ריגע, פעטערבורג, איז דאָך שוין אַ שאלה אין דין (אפילו מיט אַן עירוב).

מיט אַלצדינג איז קעלם געווען אייגנאַרטיק. אין ענינים פון לעבן און אפילו פון טויט.

וועט שוין דערפאַר קיין וואונדער ניט זיין ווען איך וועל דערציילן ווי קעלם איז אומגעקומען ווען די דייטשע מערדער, ימח שמם, האָבן פאַרנו־מען דאָס שטעטל און עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די רויבערייען און מאָרדן אויף אַלט און יונג, פרויען און קינדער.

מען האָט פאַרשפאַרט אין דריי שטאַלן, די מענער האָט מען פאַר־שפּאַרט ביי זונדל לונץ און די פרויען ביי משה געלמאַן און ביי קושעלעווסקין. ווען עס איז אָנגעקומען דער לעצטער טאָג פון זייער לעבן און מען האָט די אידן געטריבן אויף זייער לעצטן וועג, צו גראָסעווסקי'ס הויף, זיינען אויך געגאַנגען די ראשי הישיבה פון דער קעלמער תלמוד תורה, הרב ר' דניאל מאָוושאָוויץ און הרב ר' גרשון מיאַדניק מיט זייערע תלמידים, און דער רב פון שטאָט, הרב ר' קלמן בייניאשעוויץ, מען האָט געטאַנצט און געזונ־גען „אדון עולם", „אשרינו מה טוב חלקינו" מיט שמחה און דבקות. אונזערע חכמים זאָגן, אז צדיקים אין זייער טויט ווערן אָנגערופן „חיים", אַ חיי עולם, אַן אמתדיק אייביק לעבן. דער טויט איז נישט מער ווי אַן איבערגאַנג פון איין וועלט אין אַ צווייטער, אַ שענערער און העכערער וועלט. דער טויט איז אַ המשך און אַן אויפשטייג, די וועלט איז ניט מער ווי אַ צוגרייטונג צו עפּעס ווייטערעס, בעסערס, שענערס און העכערס. און אזוי האָט ביי זיי אויסגעזען דער קעלמער וועג צו די גריבער. אָט אזוי האָבן זיי מיט פרייד

און געזאנג צוריקגעקערט זייערע הייליקע נשמות צום כסא הכבוד על קידוש השם בקדושה ובטהרה.

האָט נאָך אויך אונזער דור געהאַט די זכיה צו זען עפּעס וואָס איז דערהויבן, ריין און הייליק אין אידנטום.

די צדיקים אונזערע איז קיין שלעכטס ניט געשען, געליטן אָבער האָט דער דור. פּאַריתומ׳ט זיינען מיר געבליבן. מי יתן לנו תמורתם.

קעלם, קעלם, ווער קען באַזינגען די שיינקייט פון דיין לעבן. ווער קען באַזינגען די ריינקייט פון דיין טויט.

ראַסיין

ראסיין איז געווען פון די קרייז שטעט פון ליטע און האָט פאַרמאָגט אַן אידישע באַפעלקערונג לערך פיר טויזנט נפשות.

ראסיין ווערט דערמאָנט אין דער ליטווישער געשיכטע נאָך פון דריי־צענטן יאָרהונדערט און איז איינע פון די עלטסטע ליטווישע שטעט, לויט דער באַפעלקערונג איז זי געווען די צווייטע שטאָט אין ליטע. ווען מען האָט אויסגעלייגט די ערשטע באַן־רעלצן פאַרביי ראסיין, איז לעבן איר אויסגע־וואַקסן אַ נייע שטאָט שאַוול, און ראסיין איז דערפאַר קלענער געוואָרן.

ראסיין איז אָבער געווען באַרימט איבער ליטע און באַקאַנט אין דער ברייטער אידישער וועלט אַלס אַן אַלטע קהילה. ווי דער בריוו וואָס דער ווילנער גאון זצ״ל, האָט געשריבן צו ראסיינער קהילה, אין דער צייט פון די מחלוקת פון הגאון ר׳ שניאור זלמן מלאַדי זצ״ל, חסידים מיט מת־נגדים. אויך האָט ראַסיין פאַרמאָגט בעלי בתים גדולי תורה ויראה און משכילים ווי אדאָלף לאנדוי, דער רעדאַקטאָר פון פעטערבורגער „וואָסכאָד״ און פישל בער און אנדערע.

ראסיינער קהילה, האָט פאַרמאָגט אַ סך אידישע אינסטיטוציעס, עזרה, מושב זקנים, ביקור חולים און אנד.

אירע רבנים זיינען געווען בארימט אין דער וועלט, ווי הגאון רבי משה אלכסנדר לפידות זצ״ל, הגאון י״מ קלאַצקין זצ״ל, הרב רבי אהרן שמואל כ״ץ, געווען מו״צ, ווייל ראסיין האָט קיין רב ניט אויפגענומען.

ראסיין האָט זייער ווארעם אויפגענומען די קאַמעניצער ישיבה „כנסת בית יצחק״. — ווען די ישיבה איז אַנטלאָפן (אין 1940) אין ווילנע, מיט זייער ראש הישיבה הגאון רבי ברוך בער לייבאָוויץ זצ״ל, (הרב לייבאָוויץ איז נפטר געוואָרן אין ווילנע), דערנאָך האָט זיך די ישיבה אריבערגעטראָגן אין ראסיין.

אין ראסיין האָט אויך געלעבט דער מחבר פון „שם הגדולים החדש השלישי״ (צוויי טיילן), ר׳ משה מארקאָוויץ. — אַ פשוטער איד, וואָס איז געווען אַ שוסטער פון פאַך, און האָט ניט געקענט אפילו שרייבן, דאָך, האָט ער ארויסגעגעבן זיין וואונדערבאַרן היסטאָרישן חיבור וועגן לעבן און שאַפן פון די ליטווישע רבנים אין משך פון הונדערטער יאָרן.

זיין זכרון איז געווען אַ פענאָמאַלער. אַ בור שאינו מאבד טפה. ער פלעגט שטענדיק ארומטראָגן מיט זיך אַ ביכל, און פון כאַלעווע פון זיין שטיוול, פלעגט ער אַרויסנעמען אַ בלייפעדער און בעטן אימעצן, מען זאָל פאַרשרייבן וואָס ער זאָגט. ער איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן וואוקס, מיט קאַלטונעוואַטער באָרד. דאָס גאַנצע פנים באוואקסן, מער ווי די נאָז און די אויגן האָבן זיך ניט ארויסגעזען פון זיין פנים. געלעבט האָט ער אין הונגער און נויט, ווייל ער איז געווען פארנומען מיט זיינע ספרים, האָט ער פאַרנאַכלעסיקט זיין שוסטעריי. פלעגט טאַקע זיין פרוי טענה׳ען, אַז „דאָס ביכל איז מיין מלאך המות״, זינט ער האָט זיך אריינגעלאָזן אין שרייבעריי, האָט זיך דער הונגער אַריינגעריסן אין שטוב. זיינע צוויי טיילן „שם הגדולים השלישי״, האָט ער אָפּגעדרוקט פאַר זיין לעבן. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 81 יאָר, אין גאָרזד. זיין זון, הרב טובי׳ מאַרקאָוויץ איז געווען אַ רב אין אַנטאַלעפּט, און איז אומגעקומען אויפן „ביינטן פאָרט״ אין קאָוונע, צוזאַמען מיט זיין זון, הרב חיים שמשון, מחבר פון ספר „דבר חיים״ (אַן אייניקל פון „שם הגדולים החדש השלישי״). ר׳ חיים איז אויך געווען אַ

פענאָמאַלער בעל־זכרון אַזוי ווי זיין זיידע ר׳ משה מאַרקאָוויץ, און איז געווען באַרימט אין דער ישיבה׳שער וועלט ווי אַ בקי.

ראַסיין האָט אויך געהאַט אַן אייגענע ישיבה, פאַר יונגע בחורימלעך, וואו עס האָבן געלערנט אירע אייגענע איינגלעך און אויך פון די שטעטלעך אַרום, ווי אייראַגאָלע, צייקישאָק, בעטעגאָלע, גירטעגאָלע און אַנדערע. אין ראַסיין האָט אויך געלעבט רבי שמואל דער חסיד, וואָס וועגן אים ווערט דערציילט הונדערטער וואונדער מעשיות, עס איז נאָך געשטאַנען אין ראַסיין דעם „חסידס קלויז״. רבי שמואל חסיד איז געווען אַ מתנגד, אָבער אַלע האָבן אים פאַרהייליקט.

ראַסיין איז געווען געבענטשט מיט מענטשן וואָס מען האָט זיי גע־רופן „חסיד״, הגם זיי זיינען געווען מתנגדים, ווי ר׳ שמואל דער חסיד, ר׳ מאָטעלע דער חסיד, נאָר אַפילו פאַר אונזער צייט איז געווען ר׳ אשר דער חסיד.

און וועגן אים וויל איך דערציילן. ר׳ אשר איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער, ווי האָט ר׳ ישראל סאַלאַנטער זצ״ל, געזאָגט „אַ למדן איז ניט דער וואָס קען נאָר דער וואָס לערנט״ און ר׳ אשר האָט געהאַט אין זיךביידע מעלות אי ער האָט טאַקע געקענט אי ער האָט געלערנט יומם ולילה, און זיין אשת־חיל האָט געהאַט אַ שניט־קראָם פון וואָס זי האָט מפרנס געווען די פאַמיליע און איר מאַן.

ר׳ אשר איז געווען אַ שם־דבר אין ראַסיין. האָט איינער געדאַרפט אַן עצה, — צו ר׳ אשר׳ן, איז ביי איינעם נעבעך, אַן אומגליק געשען, קראַנק־הייטן, אַלץ צו ר׳ אשר דעם חסיד. געטראָפן האָט מען אים תמיד אין בית־מדרש לערנען.

ר׳ אשר׳ס טיש איז תמיד געווען באַזעצט מיט אורחים, דער עיקר שבת. איז וויפיל אורחים עס זיינען געווען אין בית מדרש זיינען אַלע געגאַנגען צו ר׳ אשר׳ן. ר׳ אשר האָט זיך ניט באַגנוגנט מיט געבן עסן אורחים, ער האָט פאַר זיי אויך פאַרגעברייט נאַכטלעגער.

ר׳ אשר האָט קיינעם ניט בודק געווען, ווער און וואָס ער איז, האָט ניט אַן איד וואו צו עסן, דאַרף ער געבן עסן, ווי די גמרא זאָגט: „אין בודקין למזונות.״

איינמאָל פרייטיק־צונאַכטס הערט זיין פרוי, ווי דער אורח וואָס האָט ביי זיי געגעסן, גייט ארום איבערן שטוב און קלייבט צוזאמען זייער ביסל זילבערוואַרג. האָט זי אויפגעוועקט איר מאַן און זאָגט „אשר, דער אורח האָט צוזאמענגענומען די לייכטערס, בעכערס און אַלע זילבערנע זאַכן פון הויז און קלייבט זיך אַוועקגיין. אשר, אשר, שלאָף נישט, מ׳דאַרף זען וואָס צו טאָן". האָט זיך ר׳ אשר אָפּגערופן צו זיין פרוי, „זיי ניט אַזוי צושראָקן, עס גייט און עס נעמט ווער עס דאַרף" און זיך אפילו ניט גערירט פון בעט און אויך ניט געלאָזט זיין פרוי אַראָפּגיין פון בעט.

שבת אינדערפרי האָבן זיי געזען אַז עס פעלט זיי דאָס ביסל זילבערנע אַרעמקייט. ביי ר׳ אשר דעם חסיד זיינען אָבער תמיד ותמיד געזעסן אורחים ארום טיש און זיך משמח געווען מיטן עונג שבת.

ראסיין האָט געהאַט אַ העברעאישע גימנאַזיע מיט אַ פיינער ביב־ליאָטעק און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

דעם 28־טן יולי, 1491, האָבן די דייטשן פאַרנומען ראסיין, נאָך איידער זיי זיינען נאָך געקומען, האָבן שוין די ליטווישע מערדער גערויבט און געהרגעט אידן, האָבן געכאַפּט אידן אויפן וועג קיין קאָוונע, ווייל מען איז געלאָפן וואו די אויגן האָבן געטראָגן; מען האָט ניט געוואוסט וואו עס איז זיכערער זיך צו ראטעווען. קאָוונער זיינען געלאָפן אויף דער פּראָ־ווינץ און פון די שטעטלעך איז מען געלאָפן קיין קאָוונע. אין יעדער שטאָט און שטעטל איז געווען אַ פינפטער קאָלום, וואָס האָט מיטגעהאָלפן די דייטשע מערדער אין זייער אַרבעט.

מען האָט גלייך ארויסגעגעבן גזירות אויף אידן, געפּייניקט, גע־טריבן צו דער ארבעט, פאַרגוואלטיקט פרויען. ארויסגעטריבן די אידן פון די הייזער, גענומען דעם אלטן רב, הרב כץ, די חשובע בעלי בתים פון שטאָט, און דעם לערער כהן, און אויך דעם דאָקטאָר פון שטאָט — און זיי אלעמען מערדערליך געפּייניקט. זיי זאָלן „אויסזאָגן וואו זיינען די קאָ־מוניסטן". ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אהיים, האָט מען זיי ניט דערקענט, אזוי צושלאָגן זיינען געווען זייערע קערפּערס. אזוי האָבן זיך די אידן צו־געוואוינט צו זייער ביטערער לאגע, עס האָט אָבער ניט אָנגעהאַלטן לאנג.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָט מען ווידער צוגענומען די גאַנצע אינטעליגענץ און די לומדים פון שטאָט אינאיינעם מיטן אלטן רב; מען האָט זיי גע־בראַכט אויפן מאַרקפּלאַץ און געהייסן אויסגראָבן אַ גרוב, און דאָרטן זיינען זיי אלע פארשאָסן געוואָרן לעבעדיקערהייט. דערנאָך האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס אָפּקלייבן און צוזאַמענעמען די מענער, אָפּגעריסן זיי פון די פרויען און קינדער. און אין עטלעכע טעג צייט, האָט מען די מענער אומגעבראַכט. די ישיבה בחורים פון דער קאַמעניצער ישיבה, — צוואנציק אין צאָל — האָט זיך איינגעגעבן צו ראטעווען פון דער רוסישער פארשיקונג אויף סיביר. (ווען די רוסן האָבן אין 1941, פארשיקט ישיבה בחורים מיט זייער משגיח הרב ר' נפתלי לייבאָוויץ), האָבן זיי זיך דאָ אויך באהאַלטן אויפן בית המדרש בוידעם און געהאָפט זיך צו ראטעווען. ליידער זיינען זיי אָבער אין עטלעכע טעג ארום געכאַפּט געוואָרן און מען האָט זיי אומגעבראכט.

שפּעטער האָט מען צוזאמענגענומען די פרויען מיט די קליינע קינ־דערלעך און זיי אויפן שוידערליכסטן אופן אומגעבראַכט. אויך איז דאָן אומגעקומען די פרוי פון הגאון ר' ברוך בער לייבאָוויץ זצ"ל, דער ראש הישיבה פון דער קאַמעניצער ישיבה, הרבנית פייגל לייבאָוויץ צוזאַמען מיט אירע אייניקלעך. עטליכע אידן האָט זיך איינגעגעבן אויסצובאהאַלטן, ווי ישעיה קראָם מיט זיין פאַמיליע, די שוועסטער זיוו, דער מילנער כהן און אַנדערע. ישעיה קראָם האָט מען געכאַפּט, און אין 1943, האָט מען אים געבראַכט מיט זיין פאַמיליע אין קאָוונער געטאָ, און שפּעטער ביים ליקווידירן די קאָוונער געטאָ, האָט זיך אים ווידער איינגעגעבן זיך צו ראטעווען מיט זיין פאַמיליע און ער איז טאַקע געבליבן לעבן צוזאַמען מיט די עטלעכע עדות פון דער אַלטער אידישער קהילה פון ראסיין. ניט נאָר זיינען די אידן מער ניטאָ אין ראסיין, נאָר די גאַנצע שטאָט איז חרוב געוואָרן.

און אזוי זיינען אלטע אידישע קהילות אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל און אָפּגעווישט געוואָרן פונם פּנים פון דער ערד.

ראקישאָק

ראקישאָק איז געווען פון די קרייז־שטעט פון ליטע. זי האָט זיך געפונען 22 וויאָרסט פון לעטישן גרענעץ און האָט פארמאָגט אַן אידישע באפעלקערונג פון לערך דריי טויזנט נפשות.

אין ראקישאָק גייט ארום אַ לעגענדע וועגן שטעטל וואס געפינט זיך נישט אויפן זעלביקן אָרט ווי אמאָל. אמאָל איז דאָס שטעטל געשטאַנען אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער ווי היינט. די לעגענדע דערציילט זיך אויף דעם אופן.

דאָס וואו ראקישאָק איז געווען פריער, האָט געהערט צו אַ גרעפין מיטן נאָמען טיטושעווונא. איינעם פון אירע אויפזעערס־שקצים האָט זיך געהאַט געשפּילט מיט אַ ראקישקער שניידערס בן יחיד. די קינדער האָבן זיך צושלאָגן און דאָס אידישע אינגל האָט בייגעקומען דעם קריסטליכן. דעם קריסטליכן אינגלס פאָטער האָט די זאך איבערגעגעבן דער גרעפין, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ שונא ישראל. זי האָט באפוילן דעם שניידער קומען און מיטברייינגען מיט זיך זיין אינגל. ווען זיי זיינען געקומען פאר, איר, האָט זי אָנגעזאָגט דעם שניידער, אַז אין אַ צייט אַרום, ווען ער וועט פירן זיין זון צו דער חופה, זאָל ער זי לאָזן וויסן. דער פאָטער, נישט חושד־זייענדיק קיין זאך, האָט אין טאָג פון דער חופה געלאָזט וויסן דער גרעפין, און זי איז געקומען אינאיינעם מיט איר סוויטע און מיט זיך מיטגעפירט אַ וואָגן האָלץ. מען האָט דאָס האָלץ צולייגט ביי דער חופה און אונטער־געצונדן און אויף דעם דאָזיקן שייטער פארברענט די חתן־כלה. די אידן האָבן פון גרויס צער און ווייטיק באשלאָסן צו פארלאָזן דאָס שטעטל און לייגן עס אין חרם. דער רייכערער טייל איז גלייך ארויסגעפאָרן און די אָרע־מערע אידן האָבן זיך אוועקגעצויגן אַ היפּש ביסל ווייטער, אויף אַן אנ־דער אָרט — און די איצטיקע ראקישאָק איז דאָס דער נייער ישוב.. מען זאָגט אויך אז דאָרט וואו דער איצטיקער בית־עולם געפינט זיך, איז דאָס

אָרט וואו עס איז פאָרגעקומען די פארברענונג פון די צווי יונגע אידישע קדושים — די חתן־כלה.

יעדער שטאָט און שטעטל פון ליטע האָט געהאט איר אייגנאַרטיקייט. אויך ראקישאָק האָט געהאט איר אייגנאַרטיקייט. זי האָט פארמאָגט אַ סך חסידים און טאָקע הייסע חסידים, און צווישן זיי זיינען געווען גאַנץ אייגנ־אַרטיקע טיפּן. ליטווישע שטעט און שטעטלעך זיינען בדרך כלל ניט געווען קיין חסידישע. דאָס שטעטל וואָס האָט שוין אפילו געהאַט חסידים, איז אָבער דער רוב באַשטאַנען פון מתנגדים.

גאַנץ ראקישאָק האָט געטאָן דאָס מעגלעכסטע אַראָפּצוברענגען דעם לובאוויטשער רבי׳ן זצ״ל, ווען ער האָט זיך געראַטעוועט פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין ריגע. מען דאַרף זיין אַ גרויסער קינסטלער צו באַשרייבן ווי ראקישאָק האָט אויסגעזען ווען דער רבי ז״ל אין אהין אראָפּגעקומען, מיר איז אפילו שווער איבערצוגעבן ווי עס האָבן אויסגעזען די הכנות וואָס דאָס שטעטל האָט געמאכט אויפצונעמען דעם רבין ז״ל. דער רבי איז איינ־געשטאַנען ביי ר׳ פּסח רוך אין הויז (אַגב איז פּסח רוך פאַרשיקט געוואָרן דורך די רוסן אין סיביר אין 1941). איין זאך איז מיר געבליבן אין געדעכע־ניש: ראקישאָק האָט זיך געגרויסט איבער אלע שטעט און שטעטלעך דערמיט וואָס ביי איר, און אפילו ניט אין דער גרויסער קאָוונע, האָט זיך געפונען דער רבי ז״ל, און וואָס פון אלע שטעטלעך זיינען אידן געקומען קיין ראקישאָק געבן דעם רבין שלום און פון אים נעמען אַ ברכה.

אויסער דעם זיינען די ראקישקער אידן געווען איבערגעגעבנע בני תורה. און טאָקע בערטשיק זאלקינד, אַ איד ניט קיין גאָר גרויסער למדן, איז געווען דער גרינדער פון אַ ישיבה אין ראקישאָק, און אין דער ישיבה האָבן געלערנט ניט נאָר ראַקישקער בחורימלעך, נאָר אויך פון די שטעט־לעך ארום, ווי: קאַמיי, פּאַנעדעל, אבעל, שוואַדאַסט. (ס׳האָבן דאָרט געלערנט ארום 60 יונגע בחורימלעך). די ראשי ישיבות זיינען געווען: הרב משה סידרער און הרב ר׳ מיכל ווײנער הי״ד (דערנאָך רב אין סאוואַנישאָק). ר׳ בערטשיק זאלקינד, האָט גענומען אויף זיך דאָס אויסהאַלטן פון די ישיבה

בחורים מיט די ראשי ישיבות. אין דער מיטלסטער שול פלעגט בערטשיק זאַלקינד לערנען פאַרן עולם.

אויך אין די גרויסע ישיבות ווי סלאָבאָדקע, האָבן געלערנט אַ היפּ־שע צאָל ראַקישקער בחורים. אַ טייל פון זיי זיינען געוואָרן גרויסע אויטאָרי־טעטן, ווי דער גאון ר׳ זעליק רוך הי״ד (אומגעקומען דורך די נאַצי־מער־דער אין ווילנע). ער איז געווען דער ראש הישיבה פון לאָמזשער ישיבה, און אַנדערע.

די רבנים זיינען געווען, הרב ר׳ איסר מרגלית ז״ל, דערנאָך זיין איידעם הרב ר׳ שמואל לעוויטע, איצט אין אמעריקע. און הרב בצלאל ז״ל אָדער ווי מען האָט אים גערופן ר׳ צלאל דער רב. און דער לעצטער רב, הרב ר׳ זעליק אָרלאָוויץ הי״ד, און טאָקע אליין אַ געבאָרענער פון ראַקישאָק. און דאָך האָט אים דאָס שטעטל אויפגענומען פאַר אַ רב, און דאָס איז אַ זעל־טענע האַנדלונג פון אַן אייגן שטעטל . . . אלע קענען אים דאָך פאַר אַ אינגל. אויך דאָס געהערט צו די אייגנאַרטיקייטן פון ראַקישאָק.

איך וויל דאָ ציטירן אַ טייל פון אַברהם אָרלאָוויצעס שילדערונג וועגן ראַקישאָק, וואָס ער האָט געדרוקט אין דער אַפריקאַנער אידישער צייטונג:

„אין ראַקישאָק איז געווען אַ איד, וואָס מען האָט אים גערופן „אברהם דער רבי״. געווען איז ער אַ פּורמאַן, נאָר מען האָט אים גערופן רבי, ווייל אלע סוחרים פלעגן קומען אים געטרויען זייער געלט אויסצולייזן די סחורה פון באַן. מען פלעגט אויף אים זאָגן, אז ער פלעגט אָפט מאכן אַ טעות און אָוועקגעבן דעם סוחר מער געלט וויפיל מען האָט אים געגעבן.

„שבת פאַרנאַכט פלעגט „אברהם דער רבי״ זיצן מיט אַ תהילים אין האַנט און זאָגן תהילים מיט אַ ניגונדל און זיך אונטערשאָקלען. נעבן אים איז געשטאַנען ר׳ אליקים מאיר, אָנגעשפאַרט מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט, די הענט פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ און געשעפּשעט. קיינער האָט ניט גע־וואוסט וואָס ער האָט געזאָגט דאָרטן. האָט מען געזאָגט אויף אים, אז דאָס רעדט ער מיט די מלאָכים.

„ראקישאָק האָט סתּם זייער פּיין אויסגעזעהן שבת נאָך מנחה. אָט גייט ר׳ בצלאל דער רב מיטן שווארצן מאַנטל איבער די פּלייצעס. און אָט זעט מען ווי עס שפּאַצירט זיך מיט זיין איידעם ר׳ אברהם. הינטער זיי קומט ר׳ משה לייב דער מלמד, מיט חיים יצחק קלומער.

„פון קאָוונער גאַס זעט מען שפּאצירן ר׳ בערע לאה׳ס, דער גבאַי פון בית המדרש. שאַמע וועלווע דער שטריקן־מאַכער, מענדל דער שוסטער, איטשע דער שניידער און אנדערע. ביי יענקל דעם זאַגאָטאָווטשיק זיצן מענטשן אויפן גאניק און מען שמועסט. די גאנצע גאַס איז פול מיט מענטשן, וועלכע ציען זיך צום הויף שפּאצירן. פון מארק־פּלאַץ ביים פּומפּ קען מען זען מענטשן קומענדיק פון יורדיקע און נייע גאַס.

„דער בולוואַר איז פול מיט מענטשן. מען שפּאַצירט פון בולוואַר צום הויף און אלע פארבייגייענדיקע גיבן זיך אָפּ איינער דעם אנדערן אַ ברייטן גוט־שבת. אלע זיינען אויסגעפּוצט אין שבתדיקע בגדים און זיינען אין זייער אַ געהויבענער שטימונג.

„די לופט איז זיס און געמיטלעך, אַז עס דוכט זיך, אַז די פּעלדער און בוימער באגלייטן דעם אידישן עולם אויף זייער שבת׳דיקן שפּאציר.

„ביים גרויסן בית מדרש רודלט זיך. מענטשן קלייבן זיך אין שול און אנדערע שטייען און שמועסן. אָט זעט מען אויבן אויף די טרעפּ שרה די רביצין און אַנדערע עלטערע פרויען: זיי גייען צו דער ווייבערשער שוהל. אָט גייט דער רב. אַלע גייען אין בית מדרש אריין.

„אין בית מדרש איז שטיל, נאָר פּלוצלונג הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיש. דער רב גייט זאָגן. עס ווערט נאָך שטילער און אלע קלייבן זיך ארום טיש. יעדערער שטעלט אָן דעם אויער צו הערן. דער רב גייט זאָגן מדרש.

„ווען דער רב ענדיקט זאָגן, גייט אַרויף קאָפּל דער שוסטער אויפן בימה, גיט אַ קלאַפּ אין טיש און שרייט אויס: אשרי תמימי דרך! און דער גאנצער עולם זאָגט נאָך אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק, אנדערע זינגען אויס די פּסוקים אזוי שיין און זיס אז עס צוגייט דאָס האַרץ.

אָט אזוי האָט עס געשפּרודלט מיט אידיש לעבן אין ראַקישאָק, ביז די נאַצי־מערדער זיינען אהין אריינגעקומען.

דער באַוואוסטער רוסישער פליער, גענעראַל שמושקאָוויץ, וואָס האָט געוויזן זיינע העלדישקייטן אויפן פינלענדישן פראָנט, איז אַ ראַקישקער. ער איז גרשון שמושקאָוויטשעס אַ זון. האַרט פאַרן אויסברעכן פון דייטשן קריג, האָט ער אריבערגעפירט זיין גאנצע פאמיליע פון ראַקישאָק קיין מאָס־קעווע, אפילו זיין ברודער לאָזער, וואָס האָט געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה.

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה איז ראַקישאָק פול געוואָרן מיט פליטים פון די שטעטלעך ארום און אפילו פון קאָוונע. זיי זיינען אנט־לאָפן פון זייערע שטעטלעך כדי צו דערגרייכן דעם רוסישן גרענעץ. ראַ־קישאָק איז געווען ניט ווייט פון דעם לעטישן גרענעץ צו דווינסק. און דער־נאָך האָבן זיי געוואָלט לויפן צו שעבעזש. ליידער האָט דער דייטש זיך אונטער־געאיילט און אלע וועגן זיינען פארשפארט געוואָרן, ביי זייער פארנעמען דווינסק. געציילטע האָט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן מיטן באַן קיין רוס־לאַנד. איז דעריבער ראַקישאָק פול געווען מיט אידן פון דער ארומיקער סביבה, ווי סקאָפּישאָק, קופּישאָק, קאמיי, ווישינטע, פאנעדעל און אַנדערע.

דעם 25־טן יוני, 1941, זיינען די דייטשן אריין אין ראַקישאָק. נאָך מיט אַ טאָג פריער האָט שוין דער פינפטער קאָלום פון די ליטווישע מער־דער געראַנגלט און מערדערליך געשלאָגן אידן אויף די וועגן, ווייל אַ סך אידן זיינען אַנטלאָפן מיט פור־און־וואָגן, מיטנעמענדיק זייערע נויטיקע זאכן.

עס האָבן זיך גלייך אָנגעפאנגען די פייניקונגען און מאָרדן, איבער־הויפּט אויף די אַנטלאָפענע אידן אויף וועלכע די ליטווישע מערדער פון שטעטל האָבן אָנגעוויזן די דייטשן. מען האָט גענומען שלעפן אויף ארבעט, פון וואַנען אַ סך האָבן זיך ניט צוריקגעקערט. די ליידן און פיין איז געוואָרן וואָס אַ טאָג ערגער און ערגער. די אַנטלאָפענע אידן האָט מען געטריבן צוריק אין זייערע שטעטלעך, און אויפן וועג זיינען זיי אויפן שוידערליכסטן אופן אומגעקומען.

מען האָט די אידן ארויסגעטריבן פון זייערע הייזער און צוגענומען זייער האָב און גוטס, און זיי איינגעקוואַרטירט אין די בתי מדרשים. נאָכן מאַטערן זיי פאר עטלעכע וואָכן, האָט מען אָפּגעטיילט די מענער פון די

פרויען און די מענער געפירט צום „קאָלנאָוועלנע", לעבן דעם גראַפּס הויף, און דאָרטן האָבן זיי געגראָבן גריבער, וואו זיי זיינען אומגעקומען. דאָס אייגענע איז געשען מיט אלע אנדערע אידן פון די ארומיקע שטעטלעך.

גאָר אינגיכן, אין עטלעכע וואָכן ארום, האָט מען אויך אומגעבראַכט די פרויען און די קינדער. בלויז געציילטע האָט זיך איינגעגעבן צו ראַטעווען, ווי: רחלע זאגער, פרוי זאַקנשטיין און אנדערע, אויסער די וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד און די וואָס זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

ראַדווילישאָק

ראַדווילישאָק האָט געהאַט אַ באַן־קנופּ־סטאַנציע, דאָרטן האָבן זיך געביטן די צוג־ליניעס אויף טילזיט, בערלין, מאָסקווע, קאָוונע, דווינסק און אויף אַנדערע טראַקטן.

דאָס שטעטל האָט געציילט צווי הונדערט אידישע משפחות. גע־לעבט האָבן די אידן דערפון וואָס סאָלדאַטן זיינען איינגעשטאַנען און עס האָבן דאָרט אויך געוואוינט אלערליי באַאַמטע פון דער רעגירונג. די אידישע מאַטעריעלע לאַגע איז דערפאַר געווען אַ גינסטיקערע ווי אנדערשוואו. ראַדווילישקער אידישע איינוואוינער זיינען געווען אביסל וועלטליכער און משכיליש. פונדעסטוועגן זיינען געווען פרומע לומדישע אידן און זייער קינ־דער האָבן געלערנט אין ישיבות.

ראַדווילישקער רבנים זיינען געווען: הרב ר׳ יצחק הורוויץ און הרב ר׳ מאיר מאלץ, הרב ר׳ דניאל זאקס, מחבר פון ספר „חמדת דניאל" דערנאָך ראש הישיבה אין בית־היתומים דיסקין אין ירושלים. הרב ר׳ יוחנן זופאָוויץ (דערנאָך רב אין טבריה) און דער לעצטער רב הרב הגאון ר׳ יצחק בעגון, מחבר פון ספר „שדה יצחק".

געווען אין שטעטל אַ פאָלקשולע, א פאָלקס־באנק, אַ תפארת בחורים און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

ווען די שטעטל איז פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, האָבן די ליט־ווינער פארנומען אין טורמע דעם רב און די חשובסטע באַלעבאַטים. דאָרט האָט מען זיי פארפייניקט און דער׳ הרג׳עט. די געבליבענע אידן, מענער, פרויען און קינדער, האָט מען אוועקגעפירט אין יאנישאָק און זיי געבראכט אויפן מארק און פון דאָרטן האָט מען זיי געפירט אומצוברייננגען.

ריטעווע

ריטעווע איז אַ זאַמוטער־שטעטל וואָס ליגט זיבן מייל פון מעמל און האָט געציילט לערך 200 הונדערט אידישע פאמיליעס.

די מערסטע בעלי בתים פון שטעטל זיינען געווען תלמידי חכמים און דעריבער איז טאקע דער בית מדרש געווען פול מיט בעלי בתים וואָס זיינען געזעסן און געלערנט, און די געשעפטן האָבן געפירט זייערע פרויען.

זייערע רבנים זיינען געווען גרויסע גאונים און באקאנט אין דער אי־דישער וועלט ווי דער גאון רבי לייבציק חריף זצ״ל און זיין איידעם הגאון ר אהרן בורשטיין זצ״ל, (דערנאָך רב אין טאַווריק, געווען באקאנט אין דער וועלט אלס טאַווריקער רב. שפעטער ראש הישיבה אין ישיבה „מרכז הרב״ אין ירושלים, און דאָרטן נפטר געוואָרן). און הרב הגאון ר׳ יצחק אליהו גפן ז״ל, און דער לעצטער רב הרב הגאון הצדיק רבי שמואל פאנדילער הי״ד, איינער פון די גרויסע בעלי מוסר אין דער וועלט.

פון די חשובסטע בעלי בתים איז געווען: משה איצקאָוויץ, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל, משה יעשיעס. געווען דער גביר און אויך דער שתדלן פון שטעטל.

דאָס שטעטל ריטעווע האָט געהערט צום פריץ אגינסקי. און ווען דער פריץ האָט ארויסגעגעבן גזירות אויף אידן פלעגט משה־יעשיעס גיין צום פריץ און געפועלט ארונטערצונעמען די גזירה, און אויך ברענגען פון

פריץ זיין נדבה פאַר אָרעמע אידן אויף „מעות חיטים״. משה יעשיעס איז געווען אַ איד אַ משכיל, זיין איידעם איז געווען דער דאָקטאָר פון שטעטל, דר. לינדע.

ריטעווע האָט אויך געהאַט אַ ישיבה. די ראשי ישיבה זיינען געווען אירע חשובע בעלי בתים ווי רבי מרדכי יצחק סגל (דוד אוזשפּאַלערס איידעם) און רבי נחשן הענדלער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן נחשן־בערע שמואלס. אויך איז געווען באַקאַנט אין שטעטל רבי ברוך קריינעס. אַ איד אַ גרויסער צדיק און אַ גרויסער עניו און בעל־מידות און אַ בקי אין ש״ס.

נאָך די ערשטע וועלט מלחמה איז אין ריטעווע אויך געווען אַ ישיבה וועלכע איז געגרינדעט און געפירט געוואָרן דורך דעם ראש הישיבה הרב הגאון ר׳ משה שורין ז״ל, דער איידים פון הגאון ר׳ משה אהרן דאַווידאָוויץ זצ״ל און אנדערע ראשי ישיבות.

דעם 23־טן יוני, 1941, זיינען די דייטשן אריין אין ריטעווע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות און פּיין פאַר אידן. דעם ערשטן וואָס זיי האָבן דער־שאָסן איז געווען דער פירער פון שטעטל, ארע־בערע שמואל׳ס (בערע זאַקס) זיי האָבן אים דערהרג׳עט אינאיינעם מיט זיין פרוי.

דעם רב פון שטעטל, הרב פאַנדילער, האָבן די מערדער שטאַרק גע־פּייניקט. זיי האָבן אים געבראַכט אין בית המדרש און אים געהייסן צורייסן די ספר־תורות און אנדערע ספרים. דאָס האַרץ פון רב האָט ניט אויסגעהאַלטן און נאָך אַ מאָמענטאַלער האַרץ־אַטאַקע איז ער געפאַלן טויט אין בית המדרש, דערנאָך האָט מען דעם בית־מדרש אונטערגעצונדן און אינאיינעם מיט די אידן איז ער פאַרברענט געוואָרן.

מען האָט אַ טייל אידן פון ריטעווע אַוועקגעפירט אין טעלז און איי־דער עס איז פאַרגעקומען די עקזעקוציע איבער זיי, צוזאַמען מיט די טעלזער אידן, זיינען אין יענעם אָוונט פריער געקומען די ליטווישע מערדער, און אָפּ־געטיילט די מענער פון די פרויען און פאַרלאַנגט אַז דער וואָס וועט געבן 50000 רובל, וועט בלייבן לעבן.

האָט זיך אָפּגערופן איין פרוי, פון די געבראַכטע פון ריטעווע: דאגה׳ט ניט אידן, איך האָב געלט עס וועט קלעקן פאַר אַלעמען אונז אויס־

צוליין. און די מערדערס האָבן טאַקע צוגענומען זייערע פאַרמעגנס, און אויף מאָרגן, כ׳ תמוז, זיי אומגעבראַכט. די אידן וואָס זיינען געבליבן אין ריטעווע האָבן געמיינט אז זיי זיינען שוין זיכער מיטן לעבן. אָבער מיט עט־לעכע טעג שפּעטער, האָט מען זיי צוזאַמענגענומען, אָפּגעטיילט די מענער פון די פרויען, און פריער די מענער און דערנאָך די קליינע קינדערלעך און די פרויען — אלעמען אומגעבראַכט.

אָט דאָס איז די מגילת החורבן פונם שיינעם, אידישן, לומדישן שטעטל ריטעווע.

שאוול

שאוול איז געווען די צווייטע גרעסטע שטאָט פון ליטע. האָט פאַר־מאָגט אַ אידישע באַפעלקערונג לערך 20 טויזנט נפשות.

שאַוועל האָט פאַרמאָגט אַלע אינסטיטוציעס וואָס עס דאַרף האָבן אַזאַ גרויסע אידישע קהילה פון ליטע.

אַ תלמוד תורה, אַ ישיבה, אַ גימנאַזיע, מושב זקנים און דאָס גלייכן.

שאוול האָט אויך געהאַט בעלי־בתים לומדים און משכילים. דאָ וויל איך דערמאָנען דעם וואונדערליכן אידן ר׳ מאָטל דער ווייגמאַכער, אַ למדן און אַ צדיק. זיינע מידות טובות און זיין טיף־מענטשלעך באַגיין זיך מיט אַלע־מען, האָט אַרום אים אויסגעשפּינט אַ קראַנץ מיט פּרעכטיקע לעגענדעס וואָס שטעלן אים אַוועק אין אַ הערליך ליכט. דאָן זיין צדקה און זיין הכנסת אורחים האָט געהאַט אַ שם אין דער וועלט.

אין שאַוול האָט זיך אויך געפונען דער מפורסמ׳דיקער מקובל רבי שלמה עליאשעוו זצ״ל, מחבר פון קבלה ספר „לשם שבו ואחלמה״, אין פינף חלקים.

אירע רבנים זיינען געווען פון די גרעסטע אין דער וועלט, ווי הגאון ר׳ יצחק אייזיק חבר, מחבר ספר „בנין עולם״, „בית יצחק״ און נאָך ספרים און הגאון ר׳ יוסף זכריה שטערן זצ״ל, מחבר פון ספר „זכר יוסף״ אויף ש״ס, „זכרון יוסף״״, פינף חלקים תשובות, און דרוש אויף חמש מגילות, און

זכר יוסף א פירוש אויף די הגדה. ער איז געווען דער גרעסטער בקי אין זיין דור און זיינע בקיאות איז געווען געפלאָכטן מיט חריפות, און ער האָט גע׳שמ׳ט פאר אַ גרויסן גאון אין זיין דור. אויסער דעם, איז ער געווען אַן גרויסער צדיק, וואָס האָט געקעמפט מיט די גרעסטע מסירות־נפש פאר אידישקייט און באקעמפט די משכילים. ווי י. ל. גאָרדאָנס פּאָעמע „קוצו של יוד״ וואו ער שילדערט רבי יוסף זכריה, ווי א פאנאטיקער וואָס איז גרייט פאר א קוצו של יוד פון לעבן אויסוואָרצלען אַ יונגע עגונה. (אין זיין נאָמען געפינען זיך די זעלביקע אותיות ווי אין ר״ ופסי הכוזרי.

הגאון ר׳ מאיר אטלאַס זצ״ל, הרב ר׳ סיימע שטערן ז״ל, דער דיין פון שאַוול. אין שאַוול איז אויך געווען רב און ר״מ הרב ר׳ אשר ניסן לע־וויטאַן, (איצט רב אין נויאָרק). און הגאון ר׳ אהרן באקסט, דער לעצטער שאַוולער רב, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די מערדערס.

דער דאָזיקער רב איז געווען איינער פון די גרויסע פּער־זענליכקייטן וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרמאָגט. זיין ביאָגראַפּיע איז אין קורצן ווי פאָלגט:

געבוירן אין יאָר תרכ״ז אין איוויע, לעבן ווילנע. פון זיין פריסטער יוגנט האָט ער שוין גע׳שמ׳ט פאַרן „איוויער עלוי״. געלערנט האָט ער אין סלאָבאָדקער ישיבה, און דערנאָך אין קעלם ביים הגאון הצדיק רבי שמחה זיסל זיוו ז״ל. (א תלמיד מובהק פון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ״ל). דאָרט איז הרב באַקסט געווען פון די תלמידים מובהקים. ער איז געווען רב אין בייסאַגאָלע, סומיאַץ, צאַריצן, שאַדאווע, סאוואַלק און לאָמזשע.

דער שאַוולער רב איז געווען איינער פון די פירנדע פּערזענליכקייטן, וועלכער האָט מיט זיין תורה, פּקחות און יראת שמים באלויכטן ניט נאָר דעם קליינעם געאָגראַפישן שטח פון ליטע און די באַלטישע לענדער, נאָר וויט מחוץ די גרענעצן.

איך וויל דאָ פאַרצייכענען אז די אידישע וועלט, זאָל וויסן, ווי אזוי די נאַצישע מערדער האָבן אומגעבראַכט דעם דאָזיקן גרויסן גאון און צדיק תמים!

מיר דאַרפן ניט אויפהערן דערציילן וועגן דעם דאָזיקן גרויסן קידוש

השם, און אויך ניט אויפהערן צו דערציילן וועגן זייער גרויס לעבן, וואָס דארף בלייבן אַביישפּיל פאַר אונזערע קינדער און קינדס־קינדער.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו שאוול.

אין שאַוועל האָבן די נאַציס ניט געוואַרט מיט מאַסן מאָרדן פון אידן ווי אין געוויסע אַנדערע שטעט.

געוועזן שטעט און שטעלעך, וואו עס געגומען אַ צייט פון דער דייטשי־ער באַזעצונג ביז דער מאַסן אויסראָטונג. ניט אַזוי אין שאַוועל. דאָרט האָבן די דייטשן און זייערע ליטווישע ארויסהעלפער, די שאַוליסטן, זיך גלייך גענומען צו אידן.

וואָס שייך שאַוועל איז טאָקע וויכטיק און נויטיק צו אונטער שטרייכן, אַז די גרויסע מערדערייען פון די ליטווינער, טאָקע פון די פשוטע ליטווישע פויערים און שטאָט איינוואוינער — ספּעציעל טאָקע די „אינטעליגענטע" שטאָט איינוואוינער, די געוועזענע גוטע שכנים און אפילו חברים פון פיל אָרטיקע אידן, וועלכע האָבן אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט צוזאַמען מיט זיי — האָבן זיך גענומען צו אידן גלייך ווי די דייטשן זיינען אריין.

די „שאַוליסטן", די אָרגאַניזאַציע פון ליטווישע פאַשיסטן, וואָס איז געווען אומלעגאַל אין דער צייט פון דער רוסישער אַדמיניסטראַציע פון ליטע, די אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט צוזאַמענגעארבעט אונטערערדיש מיט די דייטשן פאַרן נאַצישן אריינמאַרש, וואָס האָט מיט זיך פאַקטיש פאַר־געשטעלט דעם דייטשן פינפטן קאָלום — האָט אין דער אמתן געהאַט הינטער זיך די שטיצע פון דער מערהייט פון דעם ליטווישן פאָלק.

מען קען ניט גענוי אונטערשטרייכן, די רציחות פון די מאַסן ליט־ווינער לגבי אידן. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די שוצלאָזע אידן, שלאָגן, הרגענען, גלייך ווי זיי וואָלטן תמיד געווען אונזערע שונאים. אין יענע טעג אין ליטע האָבן מיר געזען ווי אַזוי מיר קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף דער פריינט־שאַפט פון אונזערע שכנים!

אין שאַוועל, ווי געזאָגט, האָט מען עס געזען שטארקער און מערער ווי אין געוויסע אַנדערע שטעט. מיר האָבן עס געזען.. און געפילט.

ווער קען עס פאַרגעסן ווי די ליטווישע שאַוליסטן וואָס האָבן גע־

ראבעווער, געמאָרדעוועט, געשאָסן, געפירט דייטשע געסטאַפּאָ אין אידישע הייזער! די דייטשן וואָלטן קיינמאָל ניט געפונען די אידן ווען די ליט־ווינער האָבן אָנגעוויזן אַזוי לייכט, אָן דער אַקטיווער מיטהילף פון ליט־ווישן פאָלק.

בלויז יחידי סגולה זיינען געווען צווישן די ליטווינער, וועלכע האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער דאָזיקער מאָסן אויסראָטונג פון זייערע אידישע שכנים — שכנים מיט וועמען זיי האָבן געלעבט אין כלומרשטער פריינטשאפט אין משך פון יאָרהונדערטער.

אַלץ פון דער אַמאָליקער פריינטשאפט איז פאַרגעסן געוואָרן. אַלצ־דינג. מען האָט פארגעסן דעם אידישן חלק אין דעם קאַמף פאר אַנערקענען די ליטווישע אומאָפּהענגיקייט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, די הילף וואָס ליטע האָט באַקומען פון אַמעריקע אַ דאַנק ליטווישע אידן, דעם אידישן אַנטייל אין דער באנייאונג פון דער ליטווישער שפּראַך און אין דער אַנט־וויקלונג פון דער ליטווישער קולטור.

קיינער כמעט, האָט עס מער ניט געדענקט ווען די דייטשן זיינען אריין אין ליטע.

מאסן ליטווינער זיינען געוואָרן קינדער מערדער און רויבער.

עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן בלויז געוואַרט די אַלע יאָרן פון אידיש ליטווישער פריינטשאפט אויף דעם טאָג ווען זיי וועלן קאָנען רויבן ביי אידן און זיי הרגענען.

אַ טייל פון זיי האָבן עס געמאכט ניט ווייניקער געניט ווי די דייטשן, — אַמאָל מיט נאָך מער רציחה.

אַ איד וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון שאוולער געטאָ, האָט מיר דיק־טירט אַ באַריכט פון די ערשטע פּאָגראָם־טעג אין שאַוועל, גלייך ווי די דייטשע מערדער זיינען אריין אין שטאָט. אויפן גרויליקסטן און שוידערליכסטן אופן זיינען אומגעקומע הונדערטער אידן, יונג און אַלט, פרויען און קינדער און צווישן זיי איז אויך אומגעקומען דער שאוולער רב.

איך וועל דאָ איבערגעבן דעמדאָזיקן באַריכט אין דעם אידנס אייגענע ווערטער:

„די דייטשן האָבן פאַרנומען שאוועל דאַנערשטיק, דעם זעקס און צוואַנציקסטן יוני, 1941.

גלייך אין אָנהויב האָבן זיי גענומען רויבן. אין סאַמע ערשטן טאָג אוועקגע׳גזלט פון אידישע הייזער אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט מיטנעמען. אויסגעפּלינדערט די אידישע היימען און באַלד דערנאָך, נאָך דעם זעלבן אָוונט, האָט זיך אָנגעהויבן די הריגה פון מענער און פרויען זקנים און קינדער.

מען האָט געשאָכטן, אָבער די אַלע אָנפאַלן און מאָרדן זיינען געווען אַ קינדער שפּיל לגבי דעם געפּלאַנטן מאַסן־מאָרד וואָס די נאַציס און זייערע ליט־ווישע ארויסהעלפער האָבן אָנגעפאַנגען עטלעכע טעג שפּעטער, אין דער נאַכט פונם ערשטן יולי.

די רוצחים האָבן אָנגעהויבן דעם געפּלאַנטן מאַסן־פּאָגראָם מיט אַ „באַזוך" ביים שאוולער רב.

געווען איז עס דעם 28־טן יוני, 1941. שבת 12 אַזייגער בייטאָג האָבן ליטווישע פאַרטיזאַנער צוזאַמען מיט געסטאַפּאָ באַנדיטן ארומגערינגלט דאָס הויז פון שאַוולער רב.

ביים רב האָבן די דייטשן און ליטווינער, וואָס זיינען נאָך אים אריינ־געקומען געטראָפן הרב אייזיק ראבינאָוויטש, דעם רב׳ס איידעם און אויך הרב ר׳ אברהם נאָכומאָווסקי, דעם שאַוולער דיין און אַ רייע בעלי־בתים נכבדים, די שענסטע אידן פון שאַוול.

אַלע זיינען געזעסן און געשמועסט אין לערנען בעת די רוצחים זיינען אריינגעקומען נאָכן רב.

און די מערדער האָבן זיך טאַקע ניט באַנוגנט מיט אַרעסטירן דעם רב, נאָר מיטגענומען די אַלע אויבנדערמאָנטע נכבדים וועמען זיי האָבן געטראָפן אין רב׳ס שטוב.

עטלעכע טעג האָט מען אַזוי געלאָזן ליגן אין תפיסה. קיינער האָט זיך אויף זיי מער ניט אומגעקוקט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען אריינגעקומען אין דער תפיסה קאַמער דער עס־עס רוצח גאַטשאַלג האָט אַ קוק געטאָן אויף איינעם, פון די

חשובסטע שאָולער בעלי בתים, הער טאַדעס, און אויסגעשריען צו אים, מיט אַ געלעכטערל:

— וואָס מאַכן זי היער, הער דירעקטאָר?

דער מערדער האָט באַמערקט דעם שאָולער רב, מיט זיין שיינער באָרד, זיין פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, און אַנשטויסנדיק זיך, אַז דאָס איז אַ וויכטיקער איד, אַ אידישער פירער, האָט ער אויסגעשריען ווי אַ ווילדע חיה:

— ווער ביזטו? אונד וואָס מאַכסטו היער?

דער רב, וועלכער האָט געגלויבט, אַז די דייטשן זוכן נאָר קאָמוניסטן (אַזוי האָבן זיי, און די ליטווינער, די ערשטע צייט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג וועגן זיך אַליין), האָט ער געענטפערט תמימות׳דיק:

— איך בין דער ראַבינער.

דער רב האָט אין זיין תמימות ניט געוואוסט, ניט געקאָנט גלויבן, אַז מען וועט גראָד איבער אים זיך איזדעקעווען (די פאַשיסטן פון ליטע פלעגן תמיד פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז זיי האָבן גאָרניט קעגן די אידן, נאָר קעגן די „קאָמוניסטישע אידן), האָט דער רב געמיינט, אַז אפשר וועט ער, אַלס רב קאָנען ראַטעווען די איבעריקע אידן. אפשר וועלן זיי אים פאָרט גלויבן, אַז די אַרעסטירטע זיינען ניט קיין קאָמוניסטן.

ווען דער גזלן האָט דאָס דערהערט האָט זיך אין אים אַנגעצונדן די יוכע. דאָס גאַנצע רוצחישע חיה׳שע בלוט איז אים אריין אין פּרצוף.

„יאָ, דו ביסט דער ראַבינער!“, האָט ער אויסגעשריען, — דערביי האָט ער זיך צעלאַכט ווי אַ טייוול. זאָ, זאָ, ער האָט גלייך צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צום רב:

„ שווינען־הונד, דו ביזט עס פון דער פּוילער באַנדע! ראַבינער? כאַ, כאַ, און נאָכאַמאָל האָט ער זיך צעריקעט אין אַ ווילדן, אוממענטש־ליכן געלעכטער.

דערזעענדיק דעם דיין נאַכומאָווסקי איז איינער פון די טייוולאָנים צוגעגאַנגען צו אים און זיך אָפּגערופן:

„דו אויך? דו ביזט אויך פון דער ראַבינער באַנדע?“

און גלייך האָבן זיי אָנגעהויבן פּאַטשן דעם גרייזגרויען שאַוולער רב ווי אויך דעם דיין.

זיי האָבן ארויסגעפירט דעם רב און דעם דיין אויפן תפיסה הויף.

דאָרטן האָבן זיי אָנגעהויבן זיך איזדעקעווען איבער די רבנים. דעם דיין, הרב נאָכומאָווסקי, האָבן זיי איינגעשפּאַנט אין אַ קאַרעטע, און גענומען אים טרייבן מיט אַ בייטש — געיאָגט אים מיט געלעכטער איבערן הויף, געשלאָגן מיט דער בייטש מכות רצח, אַז ער זאָל שנעלער פאָרן.

„וויר האַבען קיינע צייט" — האָבן די נאַציס זיך געוויצלט. אָבער די רוצחים האָבן אים ניט אָפּגעלאָזן און אים נאָך שטאַרקער געשמיסן און חוזק געמאַכט פון אים.

דאַן האָט מען דעם פאַרחלשטן דיין אָפּגעמינטערט און צוזאַמען מיט דעם רב און באַלעבאַטים וועמען מען האָט געפייניקט, צוריקגעפירט אין תפיסה.

יעדן טאָג האָבן די רוצחים אויסגעקלערט נייע מינים פּורעניותן אויף זיי.

איין טאָג האָט מען געהייסן לויפן איבערן הויף פון תפיסה מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. מען האָט זיי געשמיסן מיט בייטשן און שטעקנס ביז דאָס בלוט איז גערונען, געוואָרפן אויף זיי שטיינער ווען זיי זיינען ניט געלאָפן גענוג שנעל.

ווען דער שאַוולער רב האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן לויפן און ניט געקאָנט ווייטער לויפן, האָט מען געוואָרפן אויף אים שטיינער.

ווי געזאָגט, אַ וואָך צייט האָבן אָנגעהאַלטן די פּייניקונגען פון די אידן מיט די רבנים בראש.

דעם עלפטן יולי איז געקומען דער סוף צו די יסורים פון דעם שאוולער רב און די אנדערע באַלעבאַטים, וועלכע זיינען ארעסטירט געוואָרן אין רב׳ס שטוב.

די נאַציס האָבן זיי אַלע ארויסגעפירט אין הויף פון דער טורמע און זיי אַלעמען דערשאָסן.

אַזוי האָבן אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות דער שאַוולער רב און די אנדערע רבנים מיט די באַלעבאַטים. — „השם ינקום דמם!"

דאָס איז די מעשה, ווי דער שאוולער איד האָט זי מיר דיקטירט. איך האָב זי פאַרשריבן. און איך גיב זי איבער אזוי ווי זי איז מיר דערציילט געוואָרן, אָן קאָמענטאַרן. וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס מוסיף צו זיין?

שאוועל איז, אגב, געווען די איינציקע געטאָ נאָך קאָוונע. אַ סך איז שוין וועגן דעם געשריבן געוואָרן און איך קאָן זיך דאָ באריכות נישט אָפּשטעלן.

שאדאווע

שאַדאָווע איז געווען פּאָנעוועזשער קרייז. די אידישע קהילה האָט זיך געציילט ארום דריי הונדערט פאמיליעס. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אַלטע שול און פּרעכטיקן ארון־קודש. געווען דאָרט אויך אַ געמויערטער גרויסער בית־מדרש, וואו ס'איז געווען די ישיבה, געגרינדעט פון דאָרטיקן רב הגאון ר׳ יוסף לייב בלאָך, (געווען דערנאָך רב און ראש הישיבה אין טעלז). די ישיבה איז דערנאָך געפירט געוואָרן פון הגאון ר׳ אהרן באַקסט נאָך דער ערשטער מלחמה, איז די ישיבה מער נישט געווען אין שאַדאָווע. דער בית־מדרש, האָט אָבער, עדות געזאָגט אויף דעם אז אַמאָל איז דאָ גע־ וועז אַ גרויסע ישיבה. אויסערן בית־מדרש איז אין שאַדאָווע אויך געווען אַ קלויז, זי איז אָבער אָפּגעברענט געוואָרן און מער נישט געוואָרן אויפגעבויט. פון דער ערשטער מלחמה איז דאָס שטעטל אָפּגעברענט געוואָרן אינגאנצן, עס איז אָבער, דערנאָך אויפגעבויט געוואָרן צוריק, אַ סך שענער און גרעסער ווי פריער.

אירע באַלעבאַטים זיינען געווען לומדים און גרויסע חובבי תורה. ר׳ ישראל עליע מירוויס, האָט גענומען פאַר אַן איידעם הרב הגאון ר׳ יעקב מעסקין (איצט רב אין ניו יאָרק) און אַנדערע.

דער גביר פון שטעטל ר׳ בענע מער, איז געווען דער פעטער פון דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות. ער איז געווען אַ אוהב תורה און מוקיר רבנן. (זיין זון ר׳ אביגדור איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, דער איידעם פון

לאָמזשער רב, דער מחבר פון ספר „דברי מלכיאל״. אויך זיינען געווען פשוט׳ע פאָלקס־אידן ווי ר׳ שלמה יאָסע דער שוסטער, פיר אַזייגער פאַר־טאָג, האָט שוין זיין קול פון תהילים געקלונגען אין שטעטל אריין.

שאַדאָווע האָט געהאַט בארימטע רבנים: הגאון ר׳ נח, הגאון ר׳ אהרן בורשטיין, הגאון ר׳ יוסף בלאָך, הרב ר׳ יעקב יהושע לעוויטאַן (געווען דיין אין שאַדאָווע). הגאון ר׳ אהרן באקסט, הגאון ר׳ חיים בן־ציון נאטעלעוויץ (יעצט רב אין ברוקלין). דער לעצטער רב איז דאָרט געווען הרב הגאון ר׳ מרדכי דוד הענקין.

שאַדאָווע האָט געהאַט אַ ישיבה קטנה, דער ראש הישיבה איז געווען הרב הגאון הצדיק ר׳ משה קראַוויץ (דערנאָך רב אין פאיורע).

שאַדאָווער אינסטיטוציעס זיינען געווען: חדרים, אַ העברייאישע פאָלקשולע, פאָלקס־באַנק, לינת־הצדק, תפארת בחורים מיט אַן אייגענעם לאָקאַל צום דאַוונען און לערנען. געווען דאָרט אויך אַ ביבליאָטעק און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

די אידן האָבן זיך אין שאַדאָווע פאַרנומען מיט קליין־האַנדל, האַנטווערקעריי, קרעמעריי און גערטענעריי. די לעצטע יאָרן פלעגן זיי לרוב לעבן פון די געשיקטע געלטער פון זייער קינדער און מענער פון אמעריקע און דרום אפריקע, וואו זיי האָבן מאסנווייז עמיגרירט, זוכנדיק פרנסה. אין באַלטימאר געפינט זיך טאַקע די שאַדאָווער שול וועמענס אָנפירער איז מאַנפריד ליבערמאַן, אליין א שאַדאָווער.

אין ניו יאָרק געפינט זיך א שאַדאָווער קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט שיקן הילף די שאַדאָווער געבליבענע נצרכים.

תיכף ווי שאַדאָווע איז פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן, האָבן די ליטווישע מערדער געמאָרדעט און ראבירט. דעם רב און אנדערע חשובע באַלעבאַטים האָט מען מערדערליך געפייניקט, מען האָט די מענער ארויס־געפירט הינטערן שטעטל און אומגעבראַכט. די פרויען און קינדער פאַר־שפּאַרט אין שול, געפייניקט און דערנאָך אומגעבראַכט.

שקוד

דאָס שטעטל שקוד איז געווען קרעטינגער קרייז. פון איין זייט איז עס געלעגן נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ צו מעמל, און פון דער אנדערער זייט נאָענט צו ליבאַווע. געווען אַלט־שקוד און ניי־שקוד, און אַ בריקל איבערן טייך האָט זיי פאַראייניקט. 300 אידישע משפחות האָבן זיך געפונען אין שקוד.

אינמיטן שול־הויף פון אַלט־שקוד האָט זיך געפונען אַ שטיין און דער־ביי איז געווען אַ ברעטל. וועגען דעם שטיין איז פאראַן אַ מעשה, אז אויפן דאָזיקן אָרט איז אמאָל געווען אַן אידישער בית־עולם. בעת דער מלחמה פון רוסלאַנד און דייטשלאַנד אויף פוילן און ליטע, זיינען אַ סך אידן אומגעקומען על קידוש־השם און דעם בית־עלמין האָט מען איבערגעטראָגן אויף אַן אנדער אָרט, איז דער דאָזיקער שטיין געבליבן אַן אָנדענק פון די אידישע קרבנות וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש־השם.

אין דער קאַלטער שקודער שול איז געווען אַ הייגגלייכטער מיט דריי הונדערט זעקס און זעכציק ליכט רערן. אלע שבת און יום־טוב פלעגט דער הייגגלייכטער אָנגעצונדן ווערן. דריי הונדערט פינף און זעכציק אַנטקעגן דער צאָל טעג פון יאָר און איין ליכט לזכרון פון יענע קדושים. דער ארון־קודש אין דער קאַלטער שול איז געווען אַ זעלטענער אנטיק איינער פון די דריי שענסטע אָרון קודש׳ן אין דער וועלט.

די רבנים פון שקוד זיינען געווען: הגאון ר׳ בן־ציון הכהן, הרב הגאון ר׳ יחיאל מיכל מאָווּשא און זיין איידעם — דער לעצטער רב אין שקוד — הרב ר׳ יעקב חיים טערושקין, הרב ר׳ יעקב יפה, געווען דיין אין שקוד (דערנאָך רב אין אמעריקע). און הרב ר׳ בן־ציון אריה. שקודער בעלי־בתים זיינען געווען לומדים און משכילים, פון זיי דאַרף דערמאָנט ווערן חאצקל, אַ איד אַ למדן און א גרויסער עסקן בצרכי צבור באמונה.

שקודער אָרגאַניזאציעס זיינען געווען: אַ תלמוד־תורה, חדרים, אַ פאָלקשולע, חברה פרחי־שושנים, אַ ביבליאָטעק, אַ פאָלקס־באנק, און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

שקוד איז פארניכטעט געוואָרן אויפן זעלביקן פלאַן ווי אנדערע אי־דישע שטעט און שטעטלעך פון ליטע. אינטמיטן אַ מוראדיקן פראָסט, האָט מען אלע אידן אריינגעטריבן אין וואלד און אויף דעם אכזריות׳דיקן אופן אומגעבראכט.

שקודוויל

שקודוויל, טאַווריקער קרייז, אַ שטעטל פון ארום צוויי הונדערט אידישע פאמיליעס. האָט זיך געפונען נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ. שקודווילער אייגנארטיקייט איז באשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלערנט, אַ שטעטל — אַ ישיבה. בעת איר זענט אריינגעקומען צו אַ סוחר אין געשעפט, למשל צו ר׳ משה ריבקין אָדער צו ליפשיצן אָדער צו ר׳ לייבטשיק דעם זייגערמאַכער, פלעגט איר פארוואונדערט ווערן, ווי זיי פלעגן ווארפן מיט לומדות אויף ש״ס. דריי בלעטער גמרא פלעגט יעדן טאָג געלערנט ווערן פאַרן עולם. דער רב פון שטאָט האָט געלערנט איין בלאָט מיט די עלטערע באלעבאַטים, ר׳ בנימין שטיין און ר׳ לייבטשיק דער זייגער־מאַכער האָבן געלערנט פאר די אינגערע באלעבאטים, און איין בלאט גמרא האָבן שוין געלערנט די לומדים פון שטאָט, וואו יעדער פון זיי פלעגט זאָגן דעם בלאָט גמרא, יעדן טאָג אַן אַנדערער.

דער תפארת בחורים אין שקודוויל איז געווען גאָר אַן אויסגעצייכנטער. זייער רבי איז געווען ר׳ משה ריבקין און ער האָט געהאט אַ גרויסע השפעה אויף זיינע תלמידים. אויך איז געווען אַ חברה קנין תורה, וואו אלע טאָג האָט מען געלערנט משניות און חיי־אדם.

ביי מיין באזוך אין שקודוויל 1939, האָב איך געטראָפן פרייטיק צונאכט אין בית מדרש כמעט דעם גאנצן שטעטל אידן זיצן און לערנען. עס איז דערפאר קיין וואונדער ניט וואָס אירע רבנים זיינען געווען גדולי

תורה, ווי הרב הגאון הצדיק ר׳ אליהו יששכר בער יפה, און זיין איידעם הגאון ר׳ אברהם יצחק פערלמאַן, דער מחבר פון ספר „פני אברהם".

אין 1940, ווען די סאָוועטן האָבן באַזעצט ליטע, האָבן די שקודווילער אידן זייער ווארעם אויפגענומען און דערנאָך אויסגעהאַלטן די באַראַנאָ־וויטשער ישיבה מיט זייער ראש הישיבה הרב הגאון ר׳ שמואל הירשאָוויץ.

נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען שקודוויל, האָבן די ליטווינער פאַרנומען אַלע אידן פון שטעטל אויפן מאַרק־פּלאַץ, אָפּגעטיילט מענער פון די פרויען און קינדער און דעם 18־טן יולי, 1941, האָט מען די מענער אַוועקגעפירט אין פויזיער וואלד און זיי דאָרט דערשאָסן. מיט גאָר אַ גרויל־האַפטיקן אופן איז פאַרפייניקט געוואָרן דער שקודווילער רב, הרב פערלמאַן. די באַהאַלטענע אידן האָט מען אויפגעזוכט און זיי אוועקגעפירט קיין אופּינע און זיי דאָרט אויפן בית־עלמין אומגעבראַכט צוזאַמען מיטן אופּינער רב הרב ר׳ יצחק יפה, הי״ד.

די פרויען און קינדער האָט מען אַריבערגעפירט אין גריבלויקער דאָרף, ניט ווייט פון שטעטל באַטאַק און פאַרשפּאַרט אין באַראַקן אָן דעכער און זיי געפּייניקט אויפן אוממענטשליכסטן אופן און זיי דערנאָך דער׳הרג׳עט. דאָס אַלץ האָט מיר דערציילט די פרוי פרידמאַן, וואָס האָט זיך געראַטעוועט מיט איר טאָכטער.

ווען איך האָב אין 1945, באַזוכט זייערע קברים, איז אַלץ געווען אָפּ־ווישט און אויסגעגלייכט מיט דער ערד. גלייך ווי קיינמאָל איז דאָרט די ערד נישט געהייליקט געוואָרן מיט אַזויפיל טייערע קדושים.

שוועקסנע

שוועקסנע, סילוטער קרייז, האָט פאַרמאָגט אַ אידישע באַפעלקערונג פון לערך 200 אידישע נפשות.

אַ שטעטל פון זאַמוטער שניט בעלי בתים לומדים און תמימים ווי, יוסף בער שטוצין און יעקב שיינקערס, און דעריבער איז טאַקע זייער רב, הרב הצדיק ר׳ בנציון וועלוול קרעניץ זצ״ל, אויסער וואָס ער איז געווען אַ למדן אַ גרויסער, אויך געווען אַ צדיק; געהאַלטן אַ ישיבה אין שוועקסנע פון 35 בחורים. פון די שטעטלעך אַרום זיינען די בחורים געקומען לערנען ביי ר׳ בנציון וועלוול. ער האָט יעדן בחור געהאַלטן ווי זיינס אַן אייגן קינד. ווען אַ בחור האָט זיך גענויטיקט אין געלט, פלעגט ער אים זאָגן: „גיי צו דער פושקע אויפן קאַמאָד, און נעם דאָרטן, וויפיל דו דאַרפסט״. אויך איז געווען רב אין שוועקסנע זיין איידעם, הרב ר׳ ישראל תנחום פאָרטמאַן, הי״ד. דערנאָך איז ער געווען רב אין זשעזמיר. דער לעצטער רב איז דאָרט געווען הרב רבי ישראל יצחק לעוויטאַן, הי״ד. געווען אויך רב אין אָסלאָ, נאָרוועגן. מחבר פון די ספרים „ילקוט הדרוש״ „דברי שלום״ און אנדערע.

דעם 23־טן יוני, 1941, זיינען שוין די דייטשן געווען אין שוועקסנע, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פייניקונגען. אַ סך פרויען זיינען פאַרוואַלדיקט געוואָרן און אלץ פון די אידן איז צוגענומען געוואָרן. די אַרבעטס־פּייאַקע מענטשן מיטן רב פון שטעטל, האָט מען אוועקגעפירט אין הײדעקרוג (דאָס איז ביי דער דייטשיש ליטווישער גרענעץ).

לעבן היידעקרוג, האָט מען געמאַכט אַ לאַגער וואו מען האָט געבראַכט אידן פון וואַרזשאַן, ניישטאָט — טאַווריק, לויקעווע. אין היידעקרוגער לאַגער האָט מען זייער געפייניקט און כמעט אַלעמען אומגעבראַכט. נאָר איינצלנע האָבן זיך געראַטעוועט אין דייטשלאַנד. די וואָס זיינען געבליבן אין שטעטל, זיינען דאָרט אומגעקומען.

שירווינט

שירווינט איז געווען ווילקאָמירער קרייז, און איז אויך געלעגן ניט ווייט פון ווילנע. האָט פאַרמאָגט אַ צוויי הונדערט אידישע פאַמיליעס. דאָס שטעטל איז געווען באַקאַנט אין ליטע דורך איר מגיד ר׳ דוד קרעטינגער.

שירווינט האָט געהאַט זייער חשובע בעלי־בתים, אידן לומדים און בני תורה. פלעגן נעמען איידעמס פאַר זייערע טעכטער פון די ישיבות און זייערע זין געשיקט לערנען אין ישיבות. שירווינט איז געווען באַקאַנט מיט אירע באַרימטע רבנים, ווי הרב הגאון הצדיק ר׳ מענדעלע שירווינטער און הרב הגאון ר׳ אריה לייב גראָסבאַרד און זיין איידעם, הרב הגאון ר׳ זונדל קרוק.

פרנסה האָט דאָס שטעטל געהאַט פון האַנטווערקער, מסחר און קליין־קרעמעריי. אירע אינסטיטוציעס זיינען געווען: חדרים, אַ פאָלקשולע, אַ ביבליאָטעק, לינת־הצדק, אַ פאָלקס־באַנק און ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין ניו־יאָרקער „טאָג״ האָט דער געוועזענער פאַרטיזאַן, סענדער יאַוולאָוו, וואָס איז לעבן געבליבן, באַשריבן דעם חורבן שירווינט מיט די בולטסטע דעטאַלן. ער האָט אליין געזען, געהערט און דורכגעלעבט דעם גאַנצן בראָך פון חורבן שירווינט. אויך האָט מיר דערציילט בערל גאַר־בער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אַרום מוסניק, דעם חורבן שירווינט, אָבער איך וועל לאָזן אָט־דעם לעבן־געבליבענעם עדות דערציילן מיט זיינע אייגענע ווערטער, וועגן דעם אומקום פון שירווינט:

„די נאַציס זיינען צוזאַמען מיט דער ליטווישער פּאָליציי אריין אין בית־המדרש און באַפוילן דער פרוי רישל קוניגעס מיט איר זון יונה, וועל־כע האָבן געוואוינט אין בית־המדרש זיי זאָלן ניט ארויסגיין.

„זיי האָבן דעם בית־מדרש אונטערגעצונדן און די צוויי אידישע נפשות זיינען פאַרברענט געוואָרן.

„פון דער מיטלסטער שול און פון רבינס בית־מדרש האָבן די נאַציס ארויסגעטראָגן די ספרי־תורה׳ס און די מגילות זיי צעוויקלט אין די גאַסן,

וואו מען איז געפאָרן און געגאנגען. דער אלטער רב, ר׳ אברהם אריה לייב גראָסבארד, דער זון פון גאון ר׳ ברוך ז״ל, צוזאמען מיט זיין איידעם, דעם יונגן רב, ר׳ זונדל קרוק, האָבן די נאציס צוגעשלעפט צו דעם ברענענדיקן בית־המדרש און זיי ביידן אריינגעוואָרפן אין פייער. דער אלטער רב האָט ניט באוויזן מער ווי אַרויסצורײדן „שמע ישראל״ און זיין הייליקער גוף איז ארומגעכאַפּט געוואָרן פון די פלאַמען.

„דעם 12־טן יולי, האָט דער אזוי גערופענער „אידישער קאָמיטעט״ וואָס די נאציס האָבן צוזאמענגעשטעלט, באקומען אַ באפעל, אז אלע אידן מוזן פארלאָזן דריי פערטל פון שטעטל און זיך צונויפקוועטשן בלויז אין איין פערטל. דערביי מוזן די אידן אלץ איבערלאָזן אין זייערע וואוינונגען. זיי האָבן ניט געטאָרט פון דאָרט גאָרניט ארויסנעמען. דריי טעג שפּעטער איז געקומען אַ נייער באפעל, אז אלע אידן מוזן אָפּגעבן דאָס גאָלד־און זילבער־געלט און פאַרשיידענע ווערט־פּאפּירן. די 1200 אידן פון שטעטל, וועלכע האָבן געלעבט אין טויט־שרעק האָבן אלץ אָפּגעגעבן כדי ניט צו האָבן אויף דעם געוויסן, אז צוליב זיי האָט מען אומגעבראכט אומשולדיקע אידן. אין דעם נאַצישן באפעל איז געווען געמאָלדן אז בעת די הויז־זוכונגען וואָס וועלן דערנאָך פאָרקומען, וועלן 100 אידן דערשאָסן ווערן, אויב מען וועט ביי איין אידן געפינען באהאלטן געלט אָדער ווערט־פּאפּירן.

איינמאָל אין אַ פרייטיק צו־נאַכט האָבן די נאַציס צונויפגענומען אלע חשובע אידן פון שטעטל, זיי פארשפּאַרט אין אַ באַראַק אָן אַ דאַך. עס האָט געהייסן אז מען וועט זיי פירן קיין ווילנע. די נאציס האָבן אַוועק־געשטעלט אַ וואַך ארום דעם באראק און ניט צוגעלאָזן קיין עסן צו די פארכאַפּטע אידן. די נאציס האָבן פארלאנגט אז די אידן זאָלן זיי אויסזאָגן סודות. צוויי מעת־לעת האָט מען זיי מורא׳דיק געמאַטערט. זיי זיינען אויס־געשטאַנען ענויים קשים. אויפן דריטן טאָג האָבן די אידן שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן; זיי האָבן צעריסן זייערע העמדער, געמאכט פון זיי שטריק און זיך אליין אויפגעהאנגען אויף די באלקנס.

„דעם 10־טן אויגוסט, איז געקומען אַ נאַצישער באפעל, אז אלע אידן וואָס באזיצן נאָך אַ פערד־און־וואָגן, זאָלן מאָרגן פרי זיין גרייט צו אַ נסיעה.

דער באפעל איז אויסגעפירט געוואָרן פּינקטלעך. די נאַציס האָבן געכאַפּט יוגנטליכע און עלטערע אידן פון 14 ביז 30 יאָר אַלט, און זיי אַרויפגע־זעצט אויף די וועגענער. אַ סך אידן האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן. צווישן זיי איז אויך געווען מיין ברודער הירש בערל. די נאַציס האָבן איבער די ווידערשפּעניקע געמאַכט אַ משפּט אויפן אָרט און זיי פאַראורטיילט באַגאָסן צו ווערן מיט בענזין, אונטערצינדן זיי און זיי זאָלן אונטערגעצונדענע, ברענענדיקע לויפן. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן ביי מיין מוטער אין הויף און די נאַציס האָבן איר געצוואונגען זי זאָל צוקוקן ווי איר זון לויפט אַ ברענענדיקער. אויפן צווייטן טאָג נאָך דער געשעעניש האָבן די נאַציס אויך מיין מוטער דערשאָסן.

„ביזן 18־טן סעפּטעמבער, 1941, איז געווען אַזאַ לאַגע ביי אונז אין שטעטל. געזונטע מענער און אייניקע פרויען פלעגט מען פירן יעדן טאָג צו דער ארבעט אין סעסאָלקער הויף, אַ צען קילאָמעטער פון אונ־זער שטעטל. זיי האָבן געמוזט גיין אָט דעם לאנגן וועג הין און צוריק צופוס. יעדן טאָג פלעגן זיך אומקערן אין שטעטל אריין וויניקער מענטשן פון דער ארבעט וויל פאַר יעדער קלייניקייט האָבן די נאַציס דערשאָסן.

„אין די באַגינענס פלעגט זיך אָפּט הערן אַ ווילד פאַרצווייפלט גע־שריי: „אידן ראַטעוועט״! דאָס זיינען געווען יונגע אידישע פרויען, מיט וועמען די נאַציס האָבן דורכגעפירט פאַרשיידענע ארגיעס און צומאַרגנס זיי אזוי דערמאָרדעט, אז קיין שפּור זאָל פון זיי ניט בלייבן.

„דער ברונעם וואָס געפינט זיך ביים גרענעץ פון דעם גלח׳ס נחלה און יאַצקאָוויטשעס ערד, איז געווען פול מיט קערפּערס. דאָס זיינען מער־סטענס אידישע פרויען וואָס די נאַציס פלעגן זיי כאַפּן אין די אָוונטן און ביינאַכט מיטן אויסרייד אז מען נעמט זיי צו דער ארבעט.

„דעם 18־טן סעפּטעמבער, צווישן אַזייגער ביינאַכט, איז ארומגערינגלט געוואָרן דער אידישער קוואַרטאַל דורך די ליטווישע פּאָליציי. די געסטאַפּאָ און ווערמאַכט־מיליטער, וועלכע האָבן געזוכט, געבישטערט, געראַבירט, מער־דערלעך געשלאָגן און געוואָרפן אין די מאשינעס די קראַנקע, אלטע, קליינע קינדערלעך און זויג־קינדער צוזאַמען מיט זייערע מוטערס און פאַמיליעס —

און אלעמען אָפּגעפירט אין דער ריכטונג צו ווילקאָמיר. דריי קילאמעטער פון ווילקאָמיר איז פאראן דער קוראַרט־וואלד „פּיוואלניע" (פּאוואָנע). אין דעם וואַלד האָבן די נאציס באשטימט צו מאַכן אַ ברודער־קבר פאר אלע אידן פון ווילקאָמירער קרייז.

„מאשינעס נאָך מאשינעס זיינען כסדר אָנגעקומען אונטער אַ שטאַר־קער מיליטערישער באגלייטונג אין וואלד אריין. מען האָט די אידן באפוילן זיך אויסצוטאָן לעבן די לאנגע און טיפע גריבער און גרופּנווייז אריינגעטריבן אין די גריבער אריין. אידן האָבן זיך אין די לעצטע רגע׳ס געזעגנט מיט זייערע ברידער און שוועסטער. מען איז זיך געפאַלן אויף די העלדזער, מען האָט געוויינט און געקלאָגט. ווער עס האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט דעם באפעל, דעם האָט מען מורא׳דיק געפּייניקט און באַגראָבן לעבעדיקערהייט. די וואָס האָבן זייערע עופה׳לעך ניט אָפּגעגעבן, האָט מען די עופה׳לעך ארויסגעריסן מיט געוואלד, געוואָרפן אין דער לופטן און מיט רעוואָלווערן געשאָסן אין זיי.

„צען אזייגער אינדערפרי, דעם 18־טן סעפּטעמבער, איז שוין ניט געווען קיין שפּור פון דעם שירווינטער אידישן קיבוץ.

„דעם זעלבן טאָג האָבן די נאציס ארויסגעהאנגען אַ טאָוול ביי דעם אריינפאָר אין שירווינט מיט דער אויפשריפט „יודען־ריין". ה׳ ינקום דמם!

ווי אַזוי איך בין געראַטעוועט געוואָרן

איין טאָג, איין שעה לעבן

מענטשן האָבן זיך געקלאַמערט אין, זייער גאָרניט צוזאָגנדיקן לעבן, מיט אַן אומפֿירשטעלנדליכער קראַפֿט און עקשנות. זיי האָבן געוואוסט זייער גורל. די צוקונפֿט איז געווען פֿאַר אַלעמען אַזוי קלאָר ווי פֿאַר די וועלכע זיינען שוין געלעגן צעוואָרפֿענע איבער גאַנץ ליטע צופֿרעסענע פֿון הינט, געהאַנגענע, זיך וויגנדיק אויפֿן ווינט, אָדער אויף אַלע פֿעלדער, אַריינגעוואָרפֿענע אין דער גראָזיקער ערד, נאָך ניט פֿאַרשאָטענע.

מענטשן האָבן זיך געוואָלט באַהאַלטן וואו ס'האָט זיך נאָר געלאָזן. זיי האָבן געוואוסט אַז פֿאַר 99 פּראָצענט פֿון זיי וועט עס ניט העלפֿן. די שפּיר־הינט ס.ס.־לייט, נאָך ערגערע ווי די ערגסטע שפּיר־הינט און סתם דייטשע אונטערלעקערס — וואָס האָבן געוואָלט מיט יענעמס טויט אויסקויפֿן זייער אייגן לעבן — וועלן אַלץ טאָן כּדי זיי אויסצוגעפֿינען און אויסראָטן. נאָר די עטליכע טעג, עטליכע שעה, ניין, עטליכע מינוט אַפֿילו, האָבן ניט געלאָזט צורו די פֿאַנטאַזיע: און אפֿשר וועסטו דאָך זיין פֿון די גליקלעכע וועלכע מען וועט ניט געפֿינען.

וואו האָט מען זיך ניט באַהאַלטן? אין די ווענט, און אונטער די הייזער, און קוימענס און אין די טיפֿענישן פֿון דער קאַנאַליזאַציע, וואו נאָר די פֿאַנטאַזיע האָט נאָר געקענט דערגרייכן, וואו דער קערפּער זאָל זיך ניט אַרויסזען — האָט מען זיך באַהאַלטן.

און קיינער האָט אַליין ניט פֿאַרשטאַנען צוליב וואָס עס גלוסט זיך אים אַזוי לעבן, וואָס וויל ער נאָך פֿון אים און וואָס קען עס אים געבן? יעדערער האָט שוין ביי זיך באַשטימט אַז ער איז טויט ניט נאָר פֿאַר די דייטשן, נאָר פֿאַר זיך אַליין. ער האָט זיך שוין געהאַט געזעגנט מיט אַלע נאָענטע, געקוקט אויף יעדער שעה פֿון זיין לעבן ווי אויף עפּעס אומגעריכטס, וואָס איז אים געקומען פֿון הימל אַראָפּ.

שפּעטער אַביסל האָט מען געפֿונען אַנדערע וועגן. עס זיינען אָנגעקו־

מען ידיעות וועגן פּאַרטיזאַנער. מען איז געלאָפן אין די וועלדער, אָבער דאַן, אין די ערשטע צייטן, האָט מען ניט געהאַט וואו אהינצוטאָן דעם קערפּער נאָך וועלכן מיליאָנען דייטשן האָבן זיך געיאָגט בייטאָג און ביינאַכט מיט כלערליי מיטלען. יעדערער האָט געטראַכט אַז ער איז פיזיש צו גרויס: „ווען איך וואָלט געווען קלענער וואָלט איך דאָך געקאָנט אריינקריכן אָט אין דעם לאָך". מענטשן זיינען ארומגעגאנגען איינגעשרומפּענע. האָבן מורא געהאַט פאַרן אייגענעם שאָטן. די הענט זיינען געווען צו לאַנג און די פיס צו דיק. מען האָט זיך געלערנט פּאַכן. ווער? אלע די וואָס האָבן געקענט און די וואָס האָבן ניט געקענט. אלע זיינען געוואָרן פּאַכמענער, אבי צו ראַטע־ווען דאָס שטיק לעבן וואָס האָט זיך געבאַמבלט ווי אַ שמאַטע אונטער די מידע פיס.

ווי געזאָגט, איז זייער ווייניק מענטשן געלונגען זיך צו ראַטעווען. אָבער טראָץ דעם, וואָס יעדן טאָג פלעגט מען אַזוינע מענטשן כאַפּן, ארויס־שלעפּן פון די לעכער און גלייך צושיסן, האָט עס אויף אַ האָר ניט געווירקט אויף אַנדערע און נישט אָפּגעשוואַכט דעם דראַנג צו באַהאַלטן זיך וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

דאַן האָט מען אָנגעהויבן בויען די אַ. ג. „מאַלינעס" (בונקערס).

„ווי מיר האָבן געבויט אונזער „מאַלינע"

ווי אַזוי איז געבויט געוואָרן אַ מאַלינע? — אין אַלגעמיין ווייס איך ניט. יעדערער האָט געמאַכט זיין מאַלינע אַזוי געהיים אַז נאָר די סאַמע נאָענטסטע האָבן געוואוסט פון דעם. דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך, ווייל מען האָט זייער מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט זיך דערוויסן, וועלן אַ סך מענטשן אַנלויפן און אַזוי ארום וועלן אלע ארויסגעגעבן ווערן.

מען האָט אויסגעזוכט דעריבער, די סאַמע באַהאַלטנסטע ערטער, אַ־זוינע וואו קיין אַנדערן האָט ניט געקענט איינפאַלן אַז דאָרט געפינט זיך אַי־מיצער. געוויינטלעך, זיינען געווען פאַמיליען מאַלינעס פאַר ניט קיין גרויסע צאָל מענטשן.

איך ווייס אָבער ווי אַזוי אונזער מאַלינע האָט זיך געבויט.

דאָס איז געווען באמת אַן אויסגעצייכנטע מאַלינע אין אַלע פּרטים.

נאָך אָנפאַנג 1941, האָבן די רוסן געהאַט אויסגעבויט אַ רייע בלאָקן — הייזער פאַר אַרבעטער. זיי זיינען געשטאַנען אין אַ סימעטרישער רייע הינ־טער קאַזאַרמע. פיר שטאָקיקע בנינים, ענלעך איינער צום צווייטן. אָבער דעם לעצטן בנין האָבן זיי שוין ניט געקענט פאַרענדיקן. דער דייטש־רוסישער קריג האָט געפונען דעם בנין נאָר מיט ליידיקע פיר ווענט, מיט אַ דאַך און אַן אינוויינקסטער איינריכטונג. די ווענט זיינען געשטאַנען הויכע, נאַ־קעטע מיט פיל אָפּצאַמונגען פאַר די הונדערטער וואוינונגען, וואָס דאָרט האָט געדאַרפט זיין. דאָס הויז האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ סך מענטשן. דאָרט פלעגט מען זיך באַהאַלטן פון די אַבלאַוועס אין איינעם פון די הונדערטער ווינקעלעך. שפּעטער האָט זיך דאָרט קאָנצענטרירט אַ שטיק פון אידישן געטאָ־לעבן. קליינע האַנטווערקער האָבן דאָרט איינגעאָרדנט זייערע וואַרשטאַטן.

די דייטשע מאַכט האָט דאָרט דערלויבט צו מאַכן די דאָזיקע וואַר־שטאַטן פאַר סטאָליערס. אין קעלער האָט מען געבויט דעם „ענטלויזונגס־אַנשטאַלט", ד. ה. אַ באָד מיט אַ דיזענפעקציע קאַמער פאַר קליידער און חפצים.

די דייטשע מאַכט וועלכע האָט זיך געניטיקט אין די אידישע פאַכ־מענער האָט דאָרט אַריינגעצויגן עלעקטריש ליכט. די אַרבעטער גופא האָבן שוין ווי עס איז איינגעאָרדנט אַזוי אַז דאָס האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ וואַרשטאַט. שפּעטער איז דאָרט אויך געשאַפן געוואָרן אַן „אָרט"־־ שולע, וואו אידישע יוגנטליכע האָבן זיך געלערנט אַ מלאכה. אַ „תפארת בחורים", אַ בית המדרש. דאָרט פלעגן זיך צוזאַמענקומען די פּאַרטיזאַנער און די ציו־ניסטן פלעגן דאָרטן מאַכן זייערע געהיימע פאַרזאַמלונגען — אַן אמת'ע קהל'שע שטוב.

און ס'איז געווען אַזוי:

אויבן זיינען געווען די וואַרשטאַטן, אונטן, אויפן פּאַרטער, ווידער וואַרשטאַטן, אין קעלער — די באָד און אונטער דער באָד האָט מען באַ־שלאָסן צו בויען אונזער מאַלינע.

פאַרוואָס גראָד דאָרטן?

ערשטנס, איז קיינעם ניט איינגעפאַלן אַז מען קען אַזוי טיף בויען, צווייטנס, האָבן מיר דאָרטן געהאַט וואו צו וואַרפן די גרויסע מענגעס ערד, מיר האָבן געהאַט פון וואַרשטאַטן אַ סך מאַטעריאַל וואָס איז אונז נויטיק געווען פאַרן בויען און דער עיקר — האָלץ, וואָס מען האָט אויסער אין די סטאָלערייען אין ערגעץ ניט געקענט באַקומען.

מען האָט געדאַרפט האָבן צו דעם, ערשטנס, גוטע אַרבעטער, וואָס זאָלן קענען „האַלטן דאָס מויל", כדי מיר זאָלן ניט פאַרשאַטן ווערן דורך אַ מסור, פון די וואַרשטאַטן האָבן מיר קיין האָלץ ניט געקאָנט באַקומען אָן זייער הסכמה. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ פאַכמאַן, אויב ניט קיין אינזשיניר, איז לפּחות אַ מענטשן וואָס אָריענטירט זיך גוט אין בוי־ענינים. מען האָט זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון, אַז יעדער קלענסטער באַגאַנגענער פעלער איצט, קען שפּעטער פאַראורזאַכן אונזער אַלעמענס טויט.

מיר האָבן עס אַלץ באַקומען

דער פאַרוואַלטער פון די בוי־מאַטעריאַל אין די קליינע וואַרשטאַטן איז געווען דער אינזשינער פייוול גאָלדשמיט (איצט אין ישראל). ער איז, הייסט עס, געווען דער מענטש, אַליין געקענט בויען און געהאַט מיט וואָס צו בויען. מיר האָבן אים דערציילט וועגן אונזער פּלאַן און ער האָט גלייך מסכים געווען, סיי אויפן פּלאַן און סיי אויפן פּלאַץ וואו די מאַלינע דאַרף געבויט ווערן.

וועגן די ערשטע פּלענער פון דער מאַלינע האָב איך ניט געוואוסט. די מענטשן וואָס האָבן דאָס געפּלאַנט, האָבן מורא געהאַט מיר אַריינצוגעמען צווישן די בויער, ווייל טאָמער וואָלטן די דייטשן געכאַפּט, וואָלט מען מיך דעם ערשטן — אַלס רב, דערהרגעט, נאָר אויסזאָגן האָבן זיי געמוזט, ווייל איך בין דאָך געווען דער אויפזעער פון דעם אַנשטאַלט, און אַלץ וואָס האָט זיך געטאָן אין באָד האָט דאָך געמוזט דורכגיין דורך מיר; מען האָט קיין זאַך ניט געקענט באַהאַלטן פון מיר.

די פאַמיליע ליפּמאַן, וואָס האָבן געאַרבעט אין באָד, זיינען געווען די אייגנטליכע פּלאַן־געבער פאַרן בויען. זיי האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן

פּייוול גאָלדשמיט און אינזשינער אינדורסקי און צוזאמען, ד. ה. אלע ארבעטער פון באַד, מיט די שותפים האָבן מיר געציילט 34 נפשות. מענער, פרויען און קינדער. די מאלינע האָט, הייסט עס, געדאַרפט זיין אַ גאַנץ גרויסע.

מען האָט זיך גענומען צו דער ארבעט אין דער שטרענגסטער גע־היימעניש, בסוד סודות.

די ערשטע פראגע איז ביי אונז געווען, וואו שיט מען ארויס די ערד? די מאַלינע איז געווען אַ פינף מעטער די טיף און אַ צען מעטער די לײנג און די ברייט. די ריזיקע קוואנטומס ערד האָבן געדארפט ערגעץ אויסגעשאָטן ווערן אין אזא אָרט, וואָס זאָל ניט ציען אויף זיך קיינעמס אויפמערקזאמ־קייט אפילו פאַר אידן האָט מען זיך געהיט. מען האָט אויך געדאַרפט האָבן אַ פלאַץ דורך וואנען די ערד ארויסצופירן אומבאמערקטערהייט; מען האָט דאָך אויף קיין איין מינוט ניט געטאָרט פארגעסן, אז דייטשע פּאַטרולן און ס. ס.־לייט האָבן זיך טאָג און נאַכט דאָרטן ארומגעדרייט, געהיט יעדן טריט און פאר דער מינדעסטער, אויפפאלנדיקער באוועגונג, האָט מען גע־שאָסן אָדער אויסגעזידלט אַהין פונוואנען מען קומט שוין ניט צוריק.

אזא אָרט האָבן מיר סוף כל סוף געפונען.

איך און אלע רעליגיעזע און גלויביקע האָבן אין דעם געזען ג־טס האַנט. מיר האָבן איר געזען אין אונזער יעדער באוועגונג. דעם אויבערשטנס רצון איז געווען מיר זאָלן געראַטעוועט ווערן. פאר וועלכע זכותים? ווער קען וויסן די פארבאָרגענע דרכים פון ג־ט? נאָר מיר איז באַשערט געווען — צוליב פאר מיר אליין אומפארשטענדליכע סיבות — צו בלייבן לעבן. אלץ איז געקומען אין צייט און אויפן אָרט.

מיר בויען . . .

די רוסישע ארמיי איז געגאַנגען מיט ריזיקע שריט פאָראויס, מיט יעדן טאָג האָט זי זיך דערנענטערט צו דער ליטווישער הויפט שטאָט. מיר האָבן באקומען די ידיעה אז די רוסן האָבן פארנומען באראַנאָוויטש.

און וואָס נענטער די רוסן זיינען געקומען אלץ געשווינדער האָבן זיי

דייטשן אָנגעהויבן ליקווידירן די קאָוונער געטאָ. זיי האָבן געוואָלט, אַז נאָך זייער אוועקגיין, זאָל ניט בלייבן קיין איין איד.

מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיינען אונזערע לעצטע וואָכן און אויב מיר וועלן זיי ניט אויסנוצן, וועלן מיר געוויס פאַרברענט ווערן צוזאַמען מיטן רעשטל אידן וואָס איז נאָך געבליבן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז די מאַ־לינע דאַרף געבויט ווערן גלייך, מיט אַלע כוחות, אויסנוצן יעדער פרייע מינוט, אוועקגעבן די לעצטע כוחות וואָס איז נאָך געווען אין אונז, נאָך אַזויפיל פיין און טויט שרעק, כדי וואָס שנעלער און וואָס בעסער זי אויפ־צובויען.

לעבן דעם „ענטלויזונג־אַנשטאַלט" איז געווען אַ האָלץ־קעלער. מען האָט דאָס האָלץ פון דאָרט אַרויסגענומען און גענומען „פאַרטיפן" דעם קעלער. מען האָט אויסגעגראָבן לויט דער זעלבער ברייט פונם קעלער, אַ פיר־קאַנטיקע גרוב, פינף מעטער די טיף.

— וואו האָבן מיר אַהינגעטאָן די ערד ?

דער דאָזיקער קעלער האָט זיך געענדערט מיט די קליינע וואַר־שטאַטן נאָר מיט איין וואַנט. אָט די וואַנט האָט מען דורכגעבראָכן און די ערד איבערגעגעבן צו זיי. זיי האָבן די ערד אַריינגעשאָטן אין דער גרויסער קאַלך ־ גרוב וועלכע די אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן האָבן ספּעציעל אויס־געגראָבן נאָענט פון דער וואַנט. דאָרט פלעגן זיי בייטאָג לעשן דעם קאַלך און ביינאַכט פלעגט מען אַהין וואַרפן די ערד. אויף מאָרגן, ווען דער מייס־טער, אָדער אַנדערע דייטשן פלעגן דאָרט זען ערד, האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס איז אַיינגעפאַלן די ערד אַרום גרוב.

אונזער אויסגעגראָבענע גרוב האָבן מיר אַרומגעבויט מיט ברעטער, וועלכע עס האָבן אונז צוגעשטעלט פּייוול גאָלדשמיט, מיט זיינע אַרבעטער פון די קליינע וואַרשטאַטן. מיר האָבן געמאַכט אַ סופיט פון שטאַרקע ברעטער און אויף אים אַרויפגעשטאָן צוויי מעטער די הויך ערד, דאָס האָבן מיר געטאָן אַז אין פאַל אויב עס וועט טרעפן אַ באָמבע, זאָל זי ניט קענען צושטערן אונזער מאַלינע. מען האָט אויסגעלייגט די פּאָדלאָגע

מיט ברעטער און אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַן אמתער קאַסטן, אַזאַ „תיבה" אַרומגעצאַמט פון אַלע פיר זייטן.

אונזער מאַלינע האָט געהאַט צוויי אַריינגאַנגס: דורך איינעם איז מען אַריינגעגאַנגען. אין דער צווייטער איז געווען אַ רעזערוו־אַרויסגאַנג, אין פאַל אויב מען וועט אונז אויפדעקן, זאָלן מיר האָבן דורך וואַנען צו אַנטלויפן.

די אַריינגאַנגען זיינען געמאַכט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: האַרט ביי דער וואַנט פון באָד איז געווען דער קלאָזעט. ער איז געווען זייער טיף און האָט פאַרמאָגט, געוויינלעך, אַלצדינג וואָס אַזאַ „חדר" דאַרף פאַרמאָגן. מיר האָבן אויסגענוצט דעם קלאָזעט און געמאַכט דאָרט אַן אַריינגאַנג. מען האָט זיך פריער געמוזט אַראָפּלאָזן אין קלאָזעט ביזן סוף. דאָרט איז געווען אַ קליין טירל פון ברעטלעך וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזן. מיר האָבן געמאַכט אַ צוויי מעטערדיקן טונעל. דורך דעם טונעל האָט מען זיך עס געדאַרפט דורכרוקן אויף אַלע פיר ביז מען איז געקומען אין מאַ־לינע. בעתן אַריינרוקנדיק זיך אין טונעל, האָט מען ניט געטאָרט פאַרגעסן צו פאַרשיטן צוריק די ברעטלעך מיט ערד, כדי אַז אויב מען וועט געפינען די ברעטלעך און אַ קלאַפּ טאָן זאָל עס ניט אָפּהילכן פוסט. פון דער צוויי־טער זייט איז געווען אַן אַרויסגאַנג צו אַנטלויפן. דאָן איז צו די וואַרשטאָטן אַרויס, ווידער פאַראַן אַ מעטערדיקר קאַנאַל דורך וועלכן מען האָט זיך גע־דאַרפט רוקן אויף אַלע פיר. נאָכדעם איז מען געקומען צו אַ מין רעשאָט־קע פון ברעטלעך און דאָס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי, אַז עס האָט אויסגע־זען ווי אַ וואַסער אָפּלויפער און קיינעם האָט באמת ניט געקענט איינפאַלן אַז דאָס איז אַ טירל צו אַ מאַלינע.

מען האָט אַריינגעצויגן אַהין עלעקטריש ליכט, אינסטאַלירט אַ ראַדיאָ און עס האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ צימער, ביינאַכט נאָר אָן לופט. וואו נעמט מען לופט? דאָס איז געווען איינע פון די שווערסטע פראַגן צו לייזן. די פריערדיקע דורכפאַלן פון די מאַלינעס האָבן שוין אונז געלערנט, אַז עס טאָר זיך ניט אַרויסזען — ווי מען פלעגט אַלעמאָל מאַכן, קיין רערן אָדער קוימענס וועמענס מיילער עס האָבן אַרויסגעשטעקט ניט הויך פון

דער ערד. די דייטשן פלעגן עס גלייך אַנטדעקן. מען האָט זיך פון אַזאַ פּע־לער געדאַרפט היטן. קיין שפּור, קיין מינדעסטער צייכן אויפן אויבערפלאַך פון דער ערד.

דאָס ערשטע וואָס מיר האָבן געמאַכט זיינען געווען די עלעקטרישע ווענטילאַטאָר, זיי האָבן אריינגעבראַכט און ארויסגעטריבן די לופט דורך אַ קוימען וואָס האָט געשטעקט ווי אַ גראַבער שטעקן איבער דעם האַלבן בנין. דער קוימען איז געגאַנגען ביזן קעלער, ווייל ער האָט דאָך געדינט פאַר דער באָד. מען האָט געמאַכט אַ לאָך, צוגעשטעלט די ווענטילאַטאָרס, זיי האָבן ארויסגעטריבן די שלעכטע לופט פון אונז און אריינגעבראַכט פרי־שע. מען האָט געוואוסט אז מיר זיינען יעדן טאָג אויסגעשטעלט דערשטיקט צו ווערן. עס איז געווען געַנוג אַז איין באָמבע זאָל אויף עטליכע שעה נאָר פאַרלעשן דאָס ליכט און מיר וועלן מער קיין לופט ניט באַקומען. נאָר קיין אַנדער ברירה האָבן מיר ניט געהאַט. אַגב, האָט זיך נאָך אונזער אינזשיניר אינדורסקי איינגעגעבן צו באַזאָרגן נאָך אַ קליינעם רעזערוואַר פון לופט; צו די קאָלאָניזאַציע רערן וואָס זיינען געלעגן אין דרויסן, האָט מען צו־געלייגט אַ רער אויף אַזאַ אופן, אז דאָס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט זיך געצויגן נאָך אַ רער פון דער קאַנאַליזאַציע. דאָס האָט אויך געגעבן אַ קליין ביסל לופט. אונזער מאַלינע איז געשטאַנען בלויז אַ מעטער איבערן וואַסער, אזוי טיף איז זי געווען. מען האָט די דאָזיקע געלעגנהייט אויסגענוצט און גע־מאַכט אַן אייגענעם ברונעם, וועלכער איז טאַקע געווען אין דער מאַלינע גופא.

די מאַלינע איז אַלזאַ געווען פאַרטיק, נאָר מיר האָבן ניט געוואָלט אין איר אריינגיין דערווייל, ביז מיר וועלן ניט זען אז מען גייט שוין אָפּי־ציעל ליקווידירן די געטאָ. דערווייל אָבער האָט מען דאָרט צוגעגרייט אַל־דאָס מעגליכע עסנווארג, געוויסע חפצים, כדי מען זאָל ניט ליגן אויף דער הוילער ערד. אַנדערע פאַמיליעס זיינען טאַקע אַראָפּ פריער אהינצו וואוי־נען, אָדער געשיקט די עלטערע מענטשן, פרויען און קינדער, אַנדערע זיי־נען נאָך ניט געגאַנגען. נעמענדיק אין אַכט אַז דאָס בויען די מאַלינע האָט געדויערט נאָר צוויי וואָכן, קען מען זיך פאָרשטעלן ס׳אָרע ריזיקע ארבעט עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין אַזאַ קורצער צייט און ווי אוממענטשלעך שווער

די מענטשן האָבן געאַרבעט, ניט האָבנדיק קיין רו בייטאָג און ביינאַכט. די אַרבעט האָט געדאַרפט געטאָן ווערן שווייגנדיק און אַזוי שטיל, אַז מען זאָל אַליין ניט הערן ווי דער רידל גראָבט זיך אַריין אין דער ערד. קיין שטיינדל האָט ניט געטאָרט פאַלן. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ פלינקע אָ־ריענטאַציע, ניט דאַרפן איבערפרעגן עטלעכע מאָל און אין דעם שרעק־ליכן געהייל, שטענדיקער טויט שרעק, הונגער און גרענעצלאָזן יאוש, האָט מען דאָך געמוזט געפינען אין זיך אַזויפיל ווילן אַז די אַרבעט זאָל אַרויס־קומען פּינקטלעך און גענוי לויטן פּלאַן.

וואָס עס וואָלט געמיינט פאַר אונז דער קלענסטער טעות האָבן מיר אַלע געזען יעדער מינוט.

ווי אַזוי איך האָב זיך געראַטעוועט אין דער מאַלינע (בונקער)

די רוסן דערנעענטערן זיך צו ווילנע. לויט דער שנעלקייט פון רו־סישן פאַראויסמאַרש האָבן די דייטשן געוואוסט אַז זיי מוזן פאַרלאָזן ניט נאָר קאָוונע, נאָר די גאַנצע ליטווישע ערד. זייער מפּלה איז שוין געווען אַזוי קלאָר אַז אַ מינדעסט קינד האָט עס געזען. נאָר זיי האָבן נאָך געהאַט אַ שטיקל אַרבעט אָפּצוטאָן, זייערע בלוטיקע טעג זיינען נאָך ניט געווען פאַרענדיקט.

די אידישע געטאָ אין קאָוונע, ריכטיקער געזאָגט, דאָס רעשטל פון קאָוונע געטאָ, האָט נאָך געדאַרפט ליקווידירט ווערן. און אַזוי ווי די צייט איז געווען קורץ, האָט מען זיך גענומען ענערגיש צו דער שרעקליכער אַרבעט .

14,000 אידן זיינען געבליבן אין קאָוונער קאָנצענטראַציע לאַגער און אין די אַנדערע לאַגערן אַרום קאָוונע. דעם 8־טן יולי, 1944, (שבעה עשר בתמוז, תש״ד), האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטגילטיקע ליקווידאַציע פון די געבליבענע אידן פון ליטע.

אידן זיינען געלאָפן אין אַ וואנזיניקער בהלה פון טויט וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט. ווען אידן האָבן זיך געוואָלט ארויסראטעווען דורך דעם גוי׳שן בית־עולם וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער געטאָ, זיינען אַ סך פון זיי דערשאָסן געוואָרן. מען האָט זיך באהאַלטן וואו איינער האָט געקענט. נישט אָט דאָ וויל איך שילדערן ווי עס האָט אויסגעזען די ליקווידאציע פון קאָוונער געטאָ, דאָס פאָדערט אַ באזונדערע ארבעט. דאָ וויל איך נאָר דער־ציילן ווי אזוי איך האָב זיך געראטעוועט פון טויט.

מיר האָבן געוואוסט, אז דאָס איז אַ פראגע פון טעג, די באפרייאונג וועט באלד קומען. דער דראנג צום לעבן איז דעריבער געווען נאָך שטאַר־קער ווי תמיד. די רוסן האָבן זיך שוין געלאָזט הערן פון די רוסישע אַעראָ־פלאַנען און די באָמבעס וואָס זיי האָבן געוואָרפן אויף קאָוונע, איז פשוט געווען שרעקלעך דער געדאַנק אז גראָד אין די לעצטע מינוטן פון אונזער פיין זאָלן מיר אומקומען.

מיר זיינען געווען אין דער מאַלינע 34 מענטשן, מענער פרויען און קינדער.

34 מענטשלעכע לעבנס וואָס האָבן יעדע סעקונדע אויפגעצאַפּלט אין טויט שרעק. מיר זיינען געווען איינגעשלאָסן אין „נחס תיבה״, נאָר עס איז געווען איינער אויף דער וועלט. ער איז געווען אויף דער פריי און מיר זיינען געווען אין דער ערד. נאָך אים האָט זיך קיינער נישט געיאָגט און אויף אונז האָבן געלויערט אלע מיתות משונות יעדע ווײַלע. 34 מענטשן האָבן געוואָלט לעבן, דער קלענסטער וואָרעם קריכט איצט רואיק פאַר אונזערע אויגן איבער דער פייכטער ערד. זיי האָבן קיינעם גאָר נישט גע־טאָן, ג־ט׳ס לופט געשעפּט, זיי האָבן ביי קיינעם גאָרנישט געוואָלט און די וואָס האָבן געלויערט אויף זיי כדי זיי צו טויטן, האָבן אויך נישט געוואוסט פאַר־וואָס.

34 מענטשן וואָס זיינען אלע ווילע געשטאָרבן. דאָס ערגסטע וואָס מיר האָבן דערפילט אריינגייענדיק אין מאַלינע (בונקער) איז געווען: מאַנגל אין לופט. מיר האָבן גלייך געזען אז גענוג לופט וועלן מיר קיינמאָל נישט האָבן, ווען אפילו די ווענטילאציע זאָל ארבעטן גוט. און ווי וועט שוין זיין

אָן לופט? נאָר וועגן דעם האָבן מיר נישט געטראַכט. רבש״ע! וואו נעמט מען אַזוי פיל כוח און מוח צו טראַכטן? אין דעם מאָמענט האָבן מיר גע־לעבט? אָ! אַ מינוט שפּעטער איז שוין אַ ניי לעבן און ווער דאגה׳ט עס וואָס עס וועט זיין שפּעטער, אין אַ צווייטן לעבן?

מיר זיינען געלעגן עטלעכע טעג אינגאַנצן ווי שטומע. מורא געהאַט אויסצורײדן אַ וואָרט, טאָמער וועט מען אין דער הויך דערהערן. מיר האָבן נאָר געהערט די נאָכאַנאַנדיקע שיסערייען און געשרייען פון דייטשן: — יודע הערויס! דו ווירסט ערשאָסן! און אַ קנאַלערייי!

די ארבעט פון די וועלט־מערדער איז געגאַנגען מיט אַ שטאַרקן טעמפּאָ.

די דאָזיקע געשרייען און שיסערייען האָבן נישט אויפגעהערט אויף קיין איין מינוט. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט דעם גהינם וואָס עס טוט זיך אין דער הויך, אָבער העלפן האָבן מיר נישט געקאָנט.

און פּלוצלונג — דאָס שרעקליכסטע! אַ מוראדיקער אויפרייס האָט אויפגעציטערט אונזער מאַלינע (בונקער) און דאָס עלעקטרישע ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן. די ראַדיאָ איז געבליבן שטיל. מיר זיינען געבליבן אין דער פינצטער און וואָס נאָך ערגער, אָן די ווענטילאַטאָרס. לופט איז אונז געבליבן פון דעם קוימען. אָבער דאָס איז געווען אַזוי קנאַפּ, אפילו נישט גענוג פאר אַ העלפט פון אונזערע מענטשן.

דאָס איז אָבער נאָך אַלץ גאָרנישט. דער געדאַנק איז געקומען ווי אַ ליכטיקער שיין אין דער שרעקליכער פינצטערניש — די רוסן זיינען נאָענט, ניין נישט די רוסן, נאָר אונזער לעבן קומט אונז אַנטקעגן. דער פראָנט איז שוין, הייסט עס, נאָענט פון אונז און אפשר איז ער שוין אין שטאָט גופא. אפשר אַ טאָג אָדער צוויי און אפשר עטליכע שעה.

מיין ג־ט, עס וועט קיינמאָל נישט געבוירן ווערן אזא מענטש וואָס זאָל קאָנען אין ווערטער איבערגעבן אפילו איין מינוט פון אונזער דאַמאָלס־דיקן לעבן. איין ציטערדיקע מינוט פון פריידיקער דערוואַרטונג און אַ צווייטע פול מיט יאוש און טויט שרעק; א מינוט ווען מען האָט געהערט טריט איבער אונזערע קעפּ, געשרייען, קלאַפּן פון ביקסן אויף דער ערד

פון אונזער מאַלינע (בונקער) — און אַ בליק אין קאָפּ: זיי זיינען דאָ! זיי האָבן אונז דערטאַפּט!

און אַ צווייטע מינוט:

אַ הילכיקער קלאַפּ, די ערד גיט זיך אַ וואקל, ציטערט אַ ווײַלע און בלייבט ווי צעטומלט שטום.

לעבן!!!

אזוי האָט זיך געביטן יעדע רגע, אָבער מערסטנסטייל זיינען עס געווען די שרעקליכסטע מינוטן פון טויט. די דייטשן האָבן נישט געוואָלט איבער לאָזן קיין איין לעבעדיקן אידן. זיי האָב גענישטערט אין יעדן ווינקל, אין יעדן קלענסטן גריבל, ארויסגעשלעפּט און אויפן אָרט דערשאָסן.

נאָר די האָפענונג איז דערוויל אַוועק, מיר האָבן אַלץ געהערט די שטימען פון די דייטשן, די רוסן זיינען נאָך אין שטאָט ניט געווען.

צען טויזנט אידן האָבן די דייטשן ארויסגעפירט, ווי עס האָט געזאָגט דער תליון פון קאָוונער געטאָ דר. געקע ימח שמו — כדי זיי זאָלן ניט ארײַנפאלן צום שונא אין די הענט.

עס האָט זיי געפעלט צום חשבון דוקא נאָר פיר טויזנט אידן. זיי האָבן עס די דייטשן, אזוי געזוכט, און טאַקע געפונען. אומגליקליכע ברידער און שוועסטער אונזערע!

די אויפרייסן קומען אלץ איינער נאָכן צווייטן. זיי זיינען מוראדיק שטאַרק. דאָס רייסן די דייטשן אויף אַלע מויערן און הייזער פון געטאָ. זיי רייסן אויך אויף אונזערע פיר ווענט. מאשינען דערנעענטערן זיך צו אונז און צוזאמען מיט זיי אויך די שרעקליכסטע אויפרייסן וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהערט. אפילו די ערד פון אונטער דער מאלינע (בונקער) טרייסלט זיך. מיר פילן אז אלץ אַרום וואַקלט זיך, קראכט און פאַלט. די ברעטער פון דער מאַלינע קרעכצן. מיר פילן ווי עפּעס אַ שווערע משאַ האָט זיך ארויפגעלייגט אויפן דאַך פון דער מאַלינע און קרעכצט — מען זוכט באַהעלטענישן, מען נישטערט מיט אַלע מיטלען, עס ווערט ענגער די לופט. דער דאַך בויגט זיך. נאָך אַ ווײַלע און מיר וועלן אַלע פאַרשאָטן ווערן. עס איז נישטאָ וואו צו לויפן. מיר ווייסן אז ארום און אַרום ברענט אַ העלישער

פּייער. די היץ איז אומדערטרעגליך. אונזערע מענטשן האָבן זיך געגרייט צום טויט. צום וויפילסטן מאָל?

— קום אהער, משה, קום אהער מיין קינד, נח׳קע. זאָגט אידא שאַ־לאַנסקי, „לאָמיר זיין צוזאַמען, און צוזאַמען פאַרשאָטן ווערן. לאָמיר צו־זאַמען שטאַרבן מיט דער שרעקליכער מיתת חנק״.

— רבי, — רוקט צו מיר זיין צוהיצטן, פאַרקרימטן פון ווייטיק און מאַנגל אין לופט, פּנים, יאָשע דער קצב — זאָגט מיט מיר וידוי, רבי, איך האָב מיט אים געזאָגט וידוי, מיט יאָשע דעם קצב. ער האָט נאָכ־געזאָגט און האָט געקוקט פאַר זיך. ער האָט געזען געוויס דאַמאָלסט וואָס איז ביי אים געבליבן פון הינטן און פון וואָס ער און אנדערע האָבן זיך שוין מיאש געווען — זייער לעבן! ער איז געווען שרעקליך, אָבער דאָך אַן אייגן לעבן און עס האָט זיך אַזוי ניט געוואָלט פון אים אוועקגיין, סתם אַזוי.

פאַרוואָס זאָגט איר ניט קיין וידוי אַליין, האָט דער זעלבער יאָשע מיך געפרעגט?

איך האָב געענטפערט דעם אידן אַ וואָרט, וועלכן איך האָב אַליין ניט פאַרשטאַנען, אָבער אַזוי איז עס געווען: איך האַלט נאָך ביים לעבן, אַזוי האָב איך געזאָגט!

איך האָב גראָד דאַן ניט געפילט דעם טויט אין זיך, דאָס לעבן פון וועלכן איך בין געווען די גאַנצע צייט אַזוי ווייט, האָט זיך צו מיר דערנעענ־טער און איך האָב אים דערפילט אין מיר אַזוי פולסירנדיק אַז אַנדערש האָב איך ניט געקענט ענטפערן.

מיר האָבן זיך אַלע אויסגעלייגט אויף דער ערד און געוואַרט, אַז מיר זאָלן פאַרשאָטן ווערן. יעדערער האָט עפּעס געבעטן. וואָס פאַר אַ תפי־לות זיי האָבן נאָך געזאָגט, האָב איך ניט געהערט, נאָר די תפלה פון דער 6־יאָריקער איטעלע גאַרבער, האָב איך יאָ פאַרצייכנט אין מיין זכרון.

ג־טעניו״ — האָט די קליינינקע געבעטן מיט צוזונדענע אייגעלעך און אַיינגעפאַלענע בעקעלעך — „שטאַרבן מיט אַ לייכטן טויט, לאָז אונז זיך ניט מאַטערן. פאַר מיר און פאַר מיין טאַטע־מאַמע, — אַזוי האָט זי געבעטן.

די מאַלינע ווערט אַ גהינום

דאָס, וואָס עס האָט אונז געשטיקט, ווייל מיר האָבן ניט געהאַט קיין גענוג לופט, האָט באוויזן, אז מיר לעבן. די מאַלינע האָט אין יענע לעצטע טעג אויסגעזען ווי די בקעת יחזקאל פול מיט די עצמות היבשות. סקעלעטן האָבן זיך געוואלגערט אויף דער ערד. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס עס געשעט ארום אונז. דאָס קליינע נאָכטלעמפל האָט זיך אויך פארלאָשן צוליבן דוחק אין לופט. אין דער פינצטערנעש פלעגן מיר נאָר יעדע ווילע דערהערן פארשטיקטע געשרייען: — אוי, מענטשן, ראטעוועט. גיט לופט, איך שטאַרב און באלד געשרייען פון קינדער אז זייער מאַמע אָדער שוועסטער האָט גע־חלשט. דאָס איז געווען יעדער ווילע, מען האָט געגאָסן וואַסער אויף די געחלשטע און זיי געלאָזט אזוי ליגן. וואָס נאָך האָבן מיר געקענט טאָן? פון דעם וואסער האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקליכע פאַרע און פון דעם איז נאָך די היץ געוואָרן פיל גרעסער. די פאַרע האָט ניט געהאַט פונוואנען ארויסצוגיין. די לאָך פון קוימען איז געווען צו קליין. די היץ איז דערגאַנ־גען ביז 50 גראַד.

דאָס איז געווען אַ גיהנם. מיר האָבן זיך אַזוי געשטיקט שוין גאַנצע צען טעג.

איר ווייסט וואָס דאָס מיינט צען טעג אין אזא היץ? יעדער טאָג האָט פיר־און־צוואנציק שעה, יעדע שעה זעכציק מינוט און יעדע מינוט זעכציק סעקונדן.

יעדע סעקונדע דאַרף מען אָטעמען און עס איז נישטאָ מיט וואָס. מען אָטעמט מיט שטיקער פייער און מען שפייט צוריק אויס פייער.

גיהנום!!

ג־ט ברענגט אויף אונז אַ מבול פון פייער! — האָט געזאָגט די קליינע איטעלע.

אויפן עלפטן טאָג האָט איינער פון די אויפרייסן איבערגעבראָכן אויף די ברעטער פון אונזער סופיט. די צווי מעטער ערד פון אויבן האָט אַ דריק געטאָן און דער גאנצער סופיט האָט זיך אַ בויג געטאָן. אָט־אָט

און ער וועט איינפאַלן אויף אונז. די מענטשן האָבן זיך שוין אפילו ניט געריהרט פון די ערטער. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אָטעם און אין די לעצטע טעג האָט זיך ביי אונז באַוויזן אַ שרעקליכע קראַנקייט: אַלע מענטשן האָבן באַקומען אומצייליקע וואונדן אויף די קערפּערס. זיי האָבן זיך ניט געהיילט און שרעקליך געאייטערט און ווי געטאָן. מענטשן האָבן זיך ניט געקענט באַוועגן צוליב דעם. די שטענדיקע היץ האָט נאָך מער צוברענט דעם איי־טער און זיי האָבן געליטן שרעקליכע יסורים. איך בין געווען דער איינ־ציקער וואָס האָב ניט געליטן אויף דעם. פאַרוואָס, פאַרשטיי איך נאָך עד היום ניט.

איך האָב זיך אויפגעהויבן און דערזעענדיק דעם מצב פון אונזער סופיט, האָב איך געפרעגט דעם אינזשיניר צו ווייס ער פאַרוואָס האַלט זיך דער סופיט, ווען ער איז אינגאַנצן איבערגעבראָכן.

— דאָס דאַרף מען פרעגן דעם הימלשן אינזשיניער — האָט ער מיר געענטפערט. דאָס איז באמת ניט פאַרשטענדליך, אַ נס. נאָר דערווייל דאַרף מען פאַרכאַפּן און אונטערשטעלן ברעטער, ווייל יעדע ווילע קענען מיר פאַרשאָטן ווערן.

מיר האָבן אַזוי געטאָן, און ווען מיר האָבן אונטערגעשטעלט די ברעטער, האָבן מיר דערפילט אַז אַלע ברעטער פון מאַלינע זיינען אַזוי הייס, אַז מען קען זיך צו זיי ניט צורירן. דורך דער לאָך פון קוימען האָט גע־שפּאַרט אַ מוראדיקע היץ פון די ברענענדיקע הייזער אַרום און אַרום. די היץ איז געקומען צוזאַמען מיטן פאַרדעמפטן ריח פון געבראָטענעם מענטשן־פלייש, וואָס גרעסער די היץ איז געוואָרן, אַלץ שאַרפער האָט זי געגעסן די וואונדן. בערל פּענקינסקי בעט זיך מיט אַ טעמפּן קול, ווי פון אַ גרוב אַרויס: אידן האָט רחמנות, דערשיסט מיך אָדער הרגעט מיך. די קרעץ פרעסן אויף מיין קאָפּ, דער מאַרך רייסט מיר אויף, אידן!

דניאל, דער באַקס־מייסטער פון די באַלטישע לענדער, ליגט ווי אַ ריזיקער קלאָץ אויפן שמוציקן באָדן און קען זיך שוין ניט באַוועגן און אונז אַלעמען כאַפּט אַרום אַ שרעק. אויב ער, אונזער גבור און שטענדיקער באַשיצער, איז שוין אין אַזאַ מצב, טאָ וואָס זשע וועט שוין זיין מיט די אי־

בעריקע? וויפיל נאָך וועלן קענען אויסהאַלטן אין גיהנום? די פרוי פון אינזשיניר אינדורסקי, רעדט נאָכאַנאַנד פון היץ שרעקליכע ווערטער. עס ווערט אומהיימלעך, הערנדיק אירע רייד. די קרעכצן פון אַלע, דאָס געוויין פון די קינדער — האָט זיך צוזאַמענגעמישט אין איין שרעקליכן יאָמער, וואָס האָט געשווידערט. די מוראדיקע ממש אומדערטרעגליכע היץ, וואָס איז געקומען פון אויבן און פון אונטן, דער געשטאַנק פון פאַרברענטע צוגעפוילטע מענטשן־פלייש, דער אָנגעזאַמלטער שמוץ אויף די קערפּערס פון די קרעץ און לסוף דאָס וואָס פיל פון אונזערע מענטשן, איבערהויפּט פרויען האָבן אין די לעצטע טעג — צוליב זייער שוואַכקייט — געטאָן זייערע באַדערפענישן, אונטער זיך, — האָט פאַרוואַנדלט אונזער מאַלינע אין אַ בוכשטעבליכן גיהנום, וואָס איז געוואָרן ערגער פון מינוט צו מינוט.

איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט: וואו וועלן מיר באַגראָבן אַ טויטן? דאָס קען זיך מאַכן יעדע ווײַלע. וואו וועלן מיר אים אַהינטאָן? דער געדאַנק האָט מיך געשווידערט. ארום און אַרום זײַנען געלעגן מענטשן, וואָס וואָלטן אין נאָרמאַלע צײַטן ניט געקענט אַזוי פיל אויסהאַלטן, די אַלטע באַסיע ליפּמאַן, וואָס לײַדט שוין העכער צען יאָר אויפן האַרץ און פּאַכעט מיט דער נשמה יעדע ווײַלע, די פרוי חדש, די אַלע אַנדערע ביי וועמען דאָס לײַב האָט זיך אינגאַנצן געשפּאָלטן פון דער היץ און ליגנדיק אויפן פּאָדלאָגע, קריכט אַרײַן דער שמוץ אין די וואונדן און ברענט דאָרט און אײַטערט אַרויס מיט ווייטיק און טויט־יסורים — זיי האָבן שוין געדאַרפט שטאַרבן פון לאַנג. זיי האָבן געוואָלט שטאַרבן. זיי וואָלטן געדאַנקט דעם, וואָס וואָלט זיי דעם פאַרשטונקענעם שרעקליכן גיהנום־לעבן, צוגענומען. נו, וואו וועלן מיר זיי אַהינטאָן? נאָר די מענטשן האָבן געלעבט, געלעבט טראָץ אַלע געזעצן פון דער נאַטור, געאָטעמט און פייער אויסגעשפּיגן — און געלעבט.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז דער אייניצער, וואָס האָט ניט געליטן פון די קרעץ בין איך דאָס געווען. די מענטשן האָבן זיך טרויעריק געוויצלט, אַז דאָס פאַרהיט מיך דער טלית, אין וועלכן איך וויקל זיך אַרום. אָבער איך

האָב אויסגענוצט מיין צושטאַנד און געהאָלפן וויפיל איך האָב געקענט, די קראַנקע.

עס איז געקומען דער קולמינאַציע־פּונקט. מער אויסהאַלטן האָט שוין קיינער ניט געקאָנט — ניטאָ קיין לופט!

שטאַרבן האָבן מיר געקענט לייכט, עס איז געווען גענוג, מיר זאָלן ארויסגיין פון מאַלינע אויף דער ליכטיקער שיין, און אויב די דייטשן זיי־נען נאָך דאָ, (מיר האָבן שוין צען טעג ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט דער אויסערליכער וועלט), וועלן זיי אונז אַלעמען צושיסן אויפן אָרט: דאָ וועלן מיר שטאַרבן מיט שרעקליכע יסורים. האָבן מיר באַשלאָסן, זאָל זיי וואָס עס איז, מיר וועלן פּרואוון עפענען איין ארייננגאַנג און זען וואָס הערט זיך און דורך אַגב אַריינלאָזן אַביסל פרישע לופט.

דער אינזשיניר אינדורסקי, האָט געזאָגט, אז מער לופט וועלן מיר באַקומען אויב מיר וועלן עפענען דעם צווייטן ארייננגאַנג, ד. ה. דעם, וואָס האָט זיך געצויגן פון די קליינע וואַרשטאַטן און עס איז דאָ מער שאַנסן ניט אַנדעקט צו ווערן.

מיר האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט.

מיר האָבן געמוזט אַפּשאַרן אַ סך ערד, ווייל דער ארייננגאַנג איז גע־ווען פאַרשאָטן מיט ערד, פון אינעווייניק האָט מען דאָס אַלץ צוגעגרייט. ווען מיר האָבן אַפּגעגראָבן די ערד, האָבן מיר באַקומען אַ פרייען וועג נאָר צו דער רעשאָטקע פון קעלער, וואָס איז געגאַנגען פון די וואַרשטאַטן. מיר האָבן געוואָלט האָבן לופט, אָבער מיר האָבן ווידער באַקומען פייער און דעם ריח פון געבראָטענעם מענטשן־פלייש. מיר האָבן ניט געוואוסט פון־וואַנען דאָס נעמט זיך, אָבער פאַרפאַלן. ווייטער גיין האָט מען שוין ניט גע־קענט. פונדעסטוועגן איז דאָך די לופט וואָס מיר האָבן באַקומען געווען אַביסל פרישער ווי אין אונזער מאַלינע. מיר האָבן באַשטימט אַ וואָך ביים אַרייננגאַנג, טאָמער אַנדעקט מען אונז, זאָל מען נאָך קענען אין דער לעצטער מינוט פאַרמאַכן דעם ארייננגאַנג. די וואָך האָבן געהאַלטן די מענער, יעדע־רער איז מיט חשק געגאַנגען צו זיין ארבעט, ווייל ער האָט דאָרט געקענט עטוואָס פרייער אָפּאָטעמען.

דאָס עפענען דעם אריינגאנג, האָט אונז אַ חוץ דאָס ביסל לופט, אויך געבראכט אַ טרויעריקע נייעס:

— די דייטשן זיינען נאָך דאָ.

און מיר האָבן געמיינט, אז דאָס זיינען שוין זייערע לעצטע טעג.

דערציילט האָט דאָס אונז, הירשל גארבער, וועלכער איז געשטאַנען דאָס מאָל אויף דער וואַך. ער איז פלוצלונג געקומען צולויפן, צוגערופן עטליכע מענטשן און זיך אָנגעהויבן מיט זיי שושקען. מיר האָבן ניט גע־וואוסט וואָס, און האָבן זיך זייער דערשראָקן, זעענדיק, אז זיי אַלע זיינען אַוועק און גענומען פארשיטן צוריק די ערד ביים אריינגאנג. מען האָט ארויסגעגעבן אַ באפעל צו ליגן רואיק, ניט קרעכצן, אפילו אין דער שטיל. זיך ניט באַוועגן. אזוי זיינען מיר געלעגן אין אומפארשטענדליכן טויט־שרעק אַן ערך 4 שעה און ווען עס איז גאָרניט געשען, האָב איך געפרעגט הירשלען וואָס עס האָט דאָרט געטראָפן. ער האָט מיר דערציילט, אז ווען ער איז געווען אויף דער וואַך, האָט ער דערהערט פלוצלונג אַ געשריי פון אַ דייטש: „יודע, דו ווירדסט ערשאָסען!" דאַן האָבן אָפּגעהילכט עטליכע שאָסן. ער האָט געהערט אַ געשריי פון „שמע ישראל" און אַ איד איז גע־פאַלן אויף דער רעשאָטקע, וואָס פירט צו אונזער מאַלינע. איך בין זיכער, האָט ער פארענדיקט, אז מען וועט איצט קומען זוכן ביי אונז און מען דארף זיי שטיל, זייער שטיל.

דער גאנצער טאָג איז אריבער שטיל און ביינאַכט האָבן מיר ווידער באַשלאָסן זיך אויפצוגראָבן און זען, אפשר, וועלן מיר נאָך קאָנען ראַטע־ווען דעם אידן, אָבער דער איד איז שוין געווען טויט. מען האָט ווייטער פאַרלייגט דאָס טירל און געבליבן אויף דער וואַך צו היטן די לופט.

און פלוצלונג!

מיין ג־ט! וויפיל פלוצלונגען זיינען עס געווען, ווען דאָס האַרץ האָט זיך מיטאמאָל אָפּגעשטעלט אין טויט־שרעק. עס זיינען נישטאָ אין מענטשלעכן לעבן אזויפיל מינוטן.

עטליכע פון אונזער מאַלינע שושקען זיך. איך האָב געהערט ווי חיים

רופט דניאל׳ן, הירשלען, נעמט די געוווער און לאָמיר זיך פאַרטיידיקן. מיר וועלן אונזער לעבן אזוי לייכט ניט אָפּגעבן, וואָס איז דאָס?

וואָס איז דער אונטערשייד? ווידער טויט ביי אונזער טיר. די מענטשן האָבן זיך אפילו קיין באַוועגונג נישט געמאַכט. דער טויט? נו, זאָל ער שוין קומען. דער עיקר, עס זאָל שוין זיין אַ מינוט נאָך דעם. קיין ציטער, קיין ווייטיק, קיין פּאַרדרוס אויף דעם, וואָס דאַרף קומען. נאָר שטילע אַ־פּאַטיע, און אַ לייכטער ציטער פון דערוואַרטונג. אָבער דער טויט איז אַלץ ניט געקומען.

מיר האָבן דערהערט זייער שטאַרקע קלעפּ, האַרט איבער אונזערע קעפּ, און מיר האָבן אויך געהערט אז עס שיט זיך עפּעס אויף אונז. מיר זיינען ווידער זיכער געווען אז מען האָט אונז געפונען און דאָס גראָבן זיי אונז אויף. אין שרעק זיינען מיר אזוי איבערגעלעגן ביז מאָרגן, זאָגנדיק יעדער ווילע וידוי. ערשט אינדערפרי, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אז אין דרויסן איז אַ שטאַרקער ווינט און דאָס קלאַפּן אזוי איבער אונז, די אָפּגע־ריסענע בלעכן, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעוואַלגערט נאָכן אויפרייסן דעם בנין און אַז דער ווינט שלעפּט עס שטיקלעך ערד און שיט זיי אין דער לופט, פאַלן זיי אַראָפּ אויף אונז. מיר האָבן עס אזוי פאַרשטאַנען, ווייל דורך דער רער פון קומען וואָס גיט אונז לופט, האָט אָנגעהויבן אריינ־קומען אביסל פרישערע לופט, אַ סימן, אז אין דרויסן איז די באַוועגונג פון ווינט אַ שטאַרקערער און במילא טרייבט ער אריין צו אונז אויך מער לופט.

און ווי די טויט־שרעק איז אריבער, האָט מען ווייטער אָנגעהויבן חלשן פון היץ. דאָס איז געווען אַ מאָדנע דערשיינונג. ווי דער טויט פלעגט אַ קלאַפּ טאָן אין אונזער טיר, פלעגן אלע קראַנקייטן זיך דערשרעקן און אַנטלויפן. קיינער האָט ניט געחלשט, ניט געקרעכצט. מען האָט געאָטעמט און געפונען ערגעץ וואו, לופט, אָבער ווי נאָר די שרעק איז אַוועק, האָט מען גלייך גענומען חלשן, די וואונדן האָבן אָנגעהויבן ברענען און אַי־טער און מענטשן האָב ווידער אויף זיך געבעטן דעם טויט.

— אפשר קענען עס מעדיצינער פּסיכיאַטאָרן געבן צו פאַרשטיין?

מען האָט באַשלאָסן צו עפענען דעם אריינגאַנג צו אונזער בונקער

פון צווייטן ארויסגאנג, און ארויסגיין זאָל איינער פון אונז. דער געוואַגס־טער און שטאַרקסטער פון אונז און זאָל אַ קוק טאָן וואָס הערט זיך. מען האָט געמוזט זיך אָפּגראָבן די ערד, וואָס האָט פאַרשטעטל און „פאַרמאַס־קירט" דעם אריינגאנג. מיר האָבן געוואוסט אַז דאָס איז זייער אַ ריזיקאַ־לישע ארבעט. ווייל דאָ מוז מען שוין באנוצן רידלען אָפּצוגראָבן די ערד; אין איבעריקער קלאַפּ און מיר ווערן אפשר אַנדעקט. סוף כל סוף, האָבן מיר דאָך געוואוסט וואָס מיט אונז איז, אפשר שטייען האַרט איבער אונ־זערע קעפּ דייטשן? נאָר מיר האָבן ריזיקירט. פּאַרטיק געוואָרן מיט דער ערד און ארויסגענומען דאָס טירל, איז דניאל אריין אין דעם פאַרמאַס־קירטן קלאָזעט און פון דאָרטן ארויסגעקראָכן אויף דער פריי, פּאַמעלעך, אויף אַלע פיר (דאָס איז געווען צוויי אזייגער ביינאַכט). מיר אונטן זיינען געלעגן אין ציטערנעש פון דערוואַרטונג אויף זיין צוריקקומען.

ער האָט זיך לאנג ניט געזאמט, ער איז אַריינגעקראָכן צוריק אַ דער־שראָקענער און האָט אונז דערציילט, אז ווי נאָר ער איז ארויס, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ מענטשן, צו וועלכן ער איז אַריינגעפאלן גלייך אין די אָרעמס, ער איז שוין געווען גרייט צו קעמפן נאָר אין צווייטן אויגנ־בליק, האָט ער דערפילט אז דער מענטש איז טויט און דאָס ליגט ער אזוי מיט אויסגעשטרעקטע הענט טויטערהייט. ער האָט אויך געזען, אז דאָס גאנצע הויז פון בלאָק „צע", פּונקט ווי אַלע הייזער, ווי ווייט ער האָט גע־קאָנט זען מיט זיין לעמפּל אין דער פינצטערניש, זיינען אויפגעריסן, און חוץ בערג מיט ציגל האָט ער גאָרניט געזען.

אז עס האָט אנגעהויבן טאָגן, זיינען ארויף דניאל, חיים און הירשל — אַ קוק טאָן געגויער וואָס ער הערט זיך.

אָבער אונזער מאלינע איז געווען אַ מאלינע. מען האָט עס געמאַכט נאָך פריער פאַר דער איצטיקער מאַלינע. (די ערשטע מאלינע האָט מען געבויט ווען מען האָט געבויט דעם „ענטלויזונגס־אנשטאַלט" אין קעלער פון בלאָק „צע"). דאָרט פלעגט מען זיך באַהאַלטן פון די דייטשן ווען זיי פלעגן כאַפּן גרופּעס אידן און ארויספירן פון געטאָ ביים איבערזידלונג פון די 2500 אידן קיין עסטלאנד. ביי דער קינדער־אקציע, ווען מען האָט

נאָך אַזוי גרינטליך ניט געזוכט. אידן זיינען נאָך געבליבן אין געטאָ. שפּע־טער, ווען מען האָט געזען אַז מען וועט אונז אַלעמען פאַרניכטן, איבער־הויפּט נאָך דער קינדער־אַקציע, (26 מערץ, 1944), און די דייטשן האָבן זייער גרינטליך גענומען זוכן, האָט מען געזען, אַז דער בונקער איז ניט בעסער ווי די אַלע, וועלכע די דייטשן געפינען אויס זייער לייכט. דאַן האָט ליפּמאַנס פאַמיליע, בסוד אַפילו פון מיר, גענומען בויען די מאַלינע. עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז אין אויבערשטן בונקער האָבן זיך באַהאַלטן מענטשן, (אַגב איז דאָרט געווען צוגעגרייט אַלץ וואָס עס דאַרף זיין אין אַ בונקער, דאָס האָט מען אַלץ געמאַכט, כדי אָפּצונאַרן די דייטשן, ווען זיי וועלן זוכן און מיינען אַז דאָ זיינען שוין די מענטשן געפונען גע־וואָרן), און זיי האָט מען געכאַפּט, זייערע זאַכן האָבן מיר געפונען אויך זייערע אַרבעטס־קאַרטן, ווי אויך דעם טויטן קערפּער פון מאיר לעווי פון טאַווריק, כאָטש זיין פּנים איז געווען פאַרברענט, האָט מען אים דערקענט נאָך זיינע קליידער און זיין אַרבעטס־קאַרטע וואָס מען האָט ביי אים געפונען. מיר האָבן אים מקבר געווען אויפן אָרט, טראַכטנדיק, אַז אויב מיר וועלן זיך ראַטעווען, וועלן מיר אים ברענגען צו קבר ישראל.

אַ שרעקליך בילד איז געווען דאָס שטיקל פאַרברענטע געטאָ, וואָס מען האָט געזען. אייגנטליך האָבן מיר נאָר געזען אונזער פאַרברענטן בלאָק, ווייטער האָבן מיר מורא געהאַט צו קוקן, ווייל מען האָט זיך געדאַרפט אויפּשטעלן, און דאָס האָבן מיר זיך געשראָקן צו טאָן. נאָר בלויז פון דעם בלאָק האָבן מיר געזען, ווי צווישן די ציגל וואַלגערן זיך הונדערטער אי־דישע קערפּערס, פאַרברענטע, צעריסענע, דער געשטאַנק פון צופוילטע מענטשן־פלייש, איז געווען שרעקליך, אַרום און אַרום איז געווען שוואַרץ פון רויך, וואָס האָט נאָך געשלאָגן פון אַלע אויפגעריסענע און פאַרברענטע הייזער.

מיר האָבן געוואוסט קלאָר, אַז קיין אידן אין דעם לאַגער זיינען שוין ניטאָ. (סיידן ווער עס ליגט אין אַ מאַלינע, וואָס מען האָט ניט אַנדעקט), אָבער וואו זיינען די דייטשן? זיינען זיי נאָך דאָ — צי ניט?

נאָר גלייך האָבן מיר באַקומען אַן ענטפער אויף אונזער פראַגע.

מיר האָבן דערהערט דייטשע שטימען פון ווייטנס. אין שרעק און געאייל האָבן מיר זיך גלייך אריינגערוקט אין דעם טונעל און פון דאָרט אין מאַ־לינע, פארשיטנדיק גלייך הינטער זיך מיט ערד.

נאָכן פארשיטן זיך צוריק, האָבן מיר נאָך דערפילט די היץ פון מאַלינע, און ווידער חלשט מען, און ווידער שרייט מען און מען קרעכצט פון ווייטיק און מען בעט אויף זיך דעם טויט. נאָכן אָפּעטעמען אַ ווײַלע אויף דער פריי, האָבן מיר ערשט געקענט זען, ווי שרעקליך עס זעט אויס אונזער מאַלינע. אַלץ איז פול מיט זאמד און שימל, אַ ריזיקע שיכט שימל האָט צוגעדעקט ניט נאָר אַלע שפּייז, נאָר אפילו דעם ברונעם (וואָס דאָס איז דער איינציקער מקור חיונה), דאָס וואַסער אין ברונעם, איז געווען פול מיט שימל. אויך מיינע תפילין זיינען באדעקט געוואָרן מיט שימל. היינט האָט מען ארונטערגענומען דעם שימל און אויף מאָרגן פרי איז ער ווידער אָנגעוואָקסן. מיר האָבן ווייטער באשלאָסן צו עפענען און ארויסקוקן.

ביי דער טיר איז דאָס מאָל געשטאַנען אויף דער וואַך הלל. מיר האָבן זיך ערשט דערוואוסט שפּעטער, ווי אזוי ער האָט אונז אלעמען פאר־היט פון טויט. און דאָס איז געווען אזוי:

ער איז געלעגן ביי דער טיר, האָט ער פלוצלונג (ווידער פלוצלונג!) דערהערט שטימען פון ליטווישע גויים, זיי זיינען ניט געווען אויף אַ האָר בעסער פון די דייטשע רוצחים און אָפּטמאָל פיל ערגער, ווייל אייגענטליך, האָבן זיי עס דורכגעפירט אלע שחיטות און אָבלאָוועס אויף אידן, און די דייטשן האָבן זיך נאָר צוגעקוקט אָדער געגעבן הילף. די אכזריות פון די ליטווישע גויים צו די אידן איז געווען אומבאַשרייבלעך און אפילו איצט ווען זיי האָבן שוין געוואוסט אויף זיכער, אז די רוסן גייען אריין, זיינען זיי אלץ געגאַנגען פון חורבה צו חורבה און געזוכט באהאַלטענע אידן, זיי האָבן זיך ניט געקענט שענקען, אז עס קען חלילה, בלייבן לעבן איין איד. הלל האָט געהערט זייערע שטימען, זיי זיינען צוגעגאנגען צו אונזער מאַ־לינע און געפונען די רעשאָטקע, זיי האָבן איר געעפנט און געזוכט אַן אריינגאַנג ווייטער, איינער פון זיי האָט געקלאַפּט אין די ברעטלעך כדי געוואויר צו ווערן אפשר איז הינטער זיי פוסט, נאָר הלל האָט זיך ניט

פאַרלאָרן און וואו זיי האָבן אַ קלאַפּ געגעבן האָט ער אונטערגעשטעלט די האַנט, אַזוי, אַז דער אָפּקלאַנג איז נישט געווען קיין הילכיקער נאָר טעמפּ און זיי האָבן געמיינט, אַז אונטן איז ערד, און זיינען אַוועק.

אונזער באַפרייאונג

מיר פאַרשטייען, אַז די רוסן שטייען שוין ביי די טויערן פון קאָוו־נע און צוזאַמען מיט זיי אויך אונזער באַפרייאונג, אָבער יעדע מינוט פאַלט אונז שוין שווער.

מיר האָבן געהאַט באַשלאָסן, ־שוין מער ניט עפענען קיין שום אַ־ריינגאַנג, מיר האָבן ניט געוואָלט אין די לעצטע מינוטן ריזיקירן, אָבער דאָס וואָס מיר האָבן שוין געהאַט דערפילט אביסל פרישע לופט, האָט אונז נאָך מער שווערער געמאַכט דאָס זיין אין מאַלינע, וואו די היץ האָט דער־גרייכט העכער 40 גראַד, און מיר האָבן ווידעראַמאָל געעפנט דעם צווייטן אַריינגאַנג.

איידער מיר זיינען אַרויף, האָבן מיר זיך צוגעהערט שטיל: ווער וויס — זיינען שוין די רוסן דאָ, אָדער האָט מען זיי חלילה אָפּגעשטויסן?

מען האָט באַשלאָסן, אַז די מענער וועלן אַרויפגיין אין אויבערשטן בונקער; ערשטנס, האָבן די פרויען קיין כח ניט, זיך אַרויפצודראַפּען און קריכן ווי אַ וואָרעם אין טונעל, און צווייטנס, וועט פאַר זיי בלייבן מער לופט.

צוריק מיט די הענט אויפגעגראָבן דעם אַריינגאַנג, זיינען די מענער אַרויפגעקראָכן אויבן. איך בין ניט בכוח צו שילדערן דאָס בילד. גרויסע דיכטער מיט דער הערליכסטער פאַנטאַזיע, וואָלטן דאָס ניט געקענט טאָן. נאָר מיר האָבן באַמערקט אַ זאַך וואָס האָט אונז געצוואונגען זיך אָפּצושטעלן:

גרין גראָז!

קליינע פרישע, גרינע גרעזעלעך האָבן זיך שוין אַרויסגעשטופּט פון צווישן די חורבות. ווי גיך די נאַטור „פאַרגעסט”! זי איז זייער שנעל פאַרטיק געוואָרן מיט קאָוונער אידן, זי אַרבעט ווייטער איר אייביקע אַרבעט.

אלץ איז אזוי קבר׳דיק שטיל, אז קיינער וואָלט ניט געזאָגט, אז מיט אַ יאָר צוריק האָט דאָ געשפּרודלט אַ אידיש לעבן, אַ גאנצער מוראש־ניק מענטשן, האָבן דאָ געלעבט, געארבעט, געהאָפט און געחלומט. מענטשן מיט פארשיידענע פּנימער און פארשיידענע כאַראַקטערן, זיי האָבן ליב געהאַט און פיינט געהאַט, געוויינט, געלאכט, געשריען, געלערנט, געשוויגן אָדער געטראכט. יעדערער פון זיי האָט געהאַט זיין היים, זיין עבר און זיין צוקונפט און איצט — אַ ריזיקער בית־הקברות. די שטאָט איז געשטאָרבן צוזאמען מיט די מענטשן, נאָר דער הימל איז געבליבן. דער זעלבער, וואָס פריער, — אַ ריינער, אַ בלויער און אַ שווייגנדיקער.

דער הימל האָט זיי געהייסן שטאַרבן, און אונז — לעבן. און פּונקט ווי עס איז ניט געווען פארשטענדלעך זייער טויט, אזוי איז ניט געווען צו פארשטיין אונזער לעבן.

די גראָזן וואַקסן, עס וועלן אויפוואקסן אַלדאָס געשטאָרבענע, נאָר דאָס אידישע קאָוונע, וועט שוין מער קיינמאָל ניט זיין; אונזער היים איז צושטערט אויף אייביק. מיר, די איינציקע געבליבענע פון צענדליקער טויזנטער, זיינען געשטאָנען אין אַ קליין קרייזל און געקוקט אויף אונזער חרוב געוואָרענער פארגאנגענהייט — און געשוויגן.

מיר זיינען געלעגן אין אויבערשטן בונקער אַ טאָג מיט אַ נאַכט און אויפגענומען די ערשטע געסט פון דער לעבעדיקער וועלט — פליגן!

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אזויפיל און אַזוינע גרויסע פליגן, ווי בינען זיינען זיי געווען אין די מיליאָנען ממש, און זשומערדיקע זיינען זיי זיך אָנגעלאָפן, אָנגעפרעסנע און אָנגעזויפענע מיט מענטשליך בלוט, האָבן זיי אונז געביסן אומברחמנות׳דיק, מיר האָבן זיי פון זיך ניט געקענט אָפּטרייבן. אָבער טיף ביי יעדן אין האַרצן איז דאָך געווען אַ פריידיקער געפיל, מיר זיינען דאָך דאָ! די פליגן האָבן דערפילט אין אונז מענטשן, הייסט עס, מיר זיינען דאָך מענטשן, זיי כאַטש, אנערקענען אונז פאַר גלייכבארעכטיקטע.

פארנאַכט האָבן מיר ליגנדיק אין בונקער ווידער געהערט שטימען פון ליטווינער, זיי האָבן גערעט צווישן זיך אַז די רוסן קומען אָן. מיר זיי־

נען זעלבסטפאַרשטענדליך, גלייך אַרונטערגעקראָכן אין דער מאַלינע און זיך פאַרשטאָפּט. מיר האָבן עס טאַקע געטאָן אין דער ריכטיקער צייט, ווייל ווי מיר האָבן געהערט, ווי די ליטווינער זיינען אַריין אין אויבערשטן בונ־קער און האָבן געזוכט קליידער און סתם אידיש האָב און גוטס, זיי איז געווען ווייניק נאָך אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעראַבעוועט אידיש פאַרמעגן, גענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט און געהרגעט צענדליקער טויזנטער אידן, — נאָך אַלץ ווייניק, זייער גייציקייט איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אפילו אין די לעצטע מינוטן האָבן זיי נאָך געזוכט צו רויבן.

געקומען צוריק אין דער מאַלינע, האָט ווייטער אָנגעהויבן פעלן לופט, דאָסמאָל איז עס אָבער דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו די, וואָס האָבן ביז איצט ניט שטאַרק געליטן, זיינען געלעגן ווי געחלש׳ט און ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. מיר זיינען אַזוי געלעגן נאָך פינף טעג און ווידער באַשלאָסן צו עפענען דעם אַריינגאַנג, דאָסמאָל פון יענער זייט, וואו עס זיינען געקומען די ליטווינער און אויפגעדעקט די רעשאָטקע.

געעפנט דעם אַריינגאַנג, האָבן מיר דערהערט האַרט נעבן אונז אַ שטאַרקע שיסעריי. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די רוסן מוזן שוין פירן גאַסן־קאַמפן. די שיסעריי האָט זיך געצויגן די גאַנצע נאַכט, און אינדערפרי איז געוואָרן שטיל.

אַרויסגיין, ניט אַרויסגיין? — ווער האָט עס געקענט זאָגן אויף זיכער. קיינעם האָט זיך דאָך אין די לעצט־לעצטע מינוטן ניט געוואָלט שטאַרבן.

און מען איז ווידער געבליבן ליגן צוויי מעת־לעת (רעכנט עס אויס אויף מינוטן ?).

מיטוואָך, אַזייגער פיר פאַרטאָג, האָבן מיר ווידער באַשלאָסן, אַז יהיה מה שיהיה, מוז איינער פון אונז אַרויסגיין.

דער ערשטער איז אַרויס דניאל, און ווי ער איז אַרויס אויף דער פרייער לופט, האָט ער געהערט ווי אימיצער קאָמאַנדעוועט אויף רוסיש און ציילט : ראַז, דוואַ, טרי ! דאָס איז אָבער נאָך ניט קיין פאַקט אַז דאָס זיינען די רוסן, עס קענען זיין גראַד רוסישע געפאַנגענע, וועלכע

בויען דעם בריק. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך, צוגעקראָכן נענג־טער. דאָס איז געווען אַ שווער שטיקל וועג, און דער עיקר — אַ שרעקליכס. דער גאנצער וועג איז געווען פאַרזייט מיט טויטע קערפּערס, האָט ער געמוזט אָפּרוקן אָדער אריבערקריכן איבער זיי, אנדערע זיינען שוין צופאלן גע־וואָרן און האָבן אָנגעפילט די לופט מיט עקלדיקן ריח פון צופוילטע גופים.

דאָס איז אָבער אַלץ ווערט געווען. נאָך אַ טראָט, נאָך אַ טראָט, ער איז געבליבן ליגן און אויפגעהויבן נאָר דעם קאָפּ, כדי זיך ארומצוקוקן.

— יאָ, רוסן!

זיי האָבן גערעדט, ניין! דאָס זיינען ניט געווען קיין מענטשן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין מענטשליכע שטימען. אין דעם מאָמענט האָט זיך דניאל׳ן אויסגעוויזן אַז ער זעט עפּעס העכערע, ניט קיין מענטשליכע געשטאַלטן. זיי האָבן עס געבראַכט די פרייהייט, אַט די, וואָס שטייען דאָ און שרייען אָן אָן אויפהער: ראַז, דוואַ, טרי!

ער האָט זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט, איז צוגעלאָפן צו זיי און ארויפ־פאַלנדיק זיי אויפן האַלדז, זיי געקושט, ניט וויסנדיק, וועמען און ניט פּי־לנדיק זיך אַליין. ער האָט געוויינט און געשריען אין וואנזין פון אומבאַ־שרייבליכער שמחה: — יאַ יע—וו—רע—י!!!

דאָס ערשטע מאָל נאָך אזויפיל יאָרן, האָט אַ איד ארויסגערעדט, אַז ער איז אַ איד, ניט מיט קיין שרעק, נישט שושקענדיק, נאָר הויך און מיט פריידיקע אויגן. ער האָט אין אימפּעט אָפּגעלאָזן די רוסישע זעלנער, וואָס זיינען געשטאַנען צוטומלטע, און געלאָפן צו אונז. ער איז צוגעלאָפן מיט זיין גאנצן האַסט צום לאָך פון ארייגאנג און געשריגן מיט אלע זיינע איבער־געבליבענע כוחות:

— ברידער, מיר זיינען פר—יי!!!

וואָס מיט אונז איז געווען? — מען האָט געחלשט, געשריגן, גע־לאַכט, געוויינט, זיך געהאַלדזט און געקושט, ארויסגעקראָכן פון דער מאַ־לינע און ווי פיש אויף דער יבשה, געלעגן מיט אויפגעריסענע מיילער און געשעפּט לופט, לופט, וואָס איז אזוי פול און אזוי געשמאַק און אזוי מחיה־

דיק, און „וואַלגערט זיך" אַרום און אַרום, און וואָס מיר האָבן עס ביז איצט ניט געהאַט.

אָ, ניין! מיר האָבן נאָך אין די ערשטע מינוטן מורא געהאַט הויך צו ריידן, זיך ניט געוואָלט אַוועקשטעלן אין דער גאַנצער הויך. יעדער שטיין, האָט אונז געשראָקן. אַ שאָרך, אַ קול פון אַ מענטש, אַ ציטערדי־קער פאַרביילויפנדיקער זון־שטראַל, האָט אונז אויפגעציטערט. די הענט האָבן ניט געגלויבט אַז זיי טאַפּן דעם אייגענעם קערפּער, די אויגן האָבן ניט געגלויבט אַז זיי קוקן פריי און אָן מורא, אין דער בלויער ווייטקייט, די פיס האָבן געציטערט ביים אַרויפשטעלן זיך אויפן פאַרשרפה׳טן באָדן.

צוויי רוסישע אָפיצערן זיינען צוגעקומען גלייך צו אונז, זיי האָבן ניט געהאַט קיין ווערטער, ווען זיי האָבן געזען אונזער מאַלינע, דאָרט וואו מיר האָבן געלעבט 38 טעג, אָן לופט, אָן לעבן און דאָך געלעבט. זיי האָבן שטום געקוקט אויף אונז ווי אויף אָן איבערנאַטירליכער דערשיינונג, ניט געוואָלט בשום אופן גלויבן דעם פאַקט, וואָס איז געשטאַנען פאַר זייערע אויגן. זיי, וואָס האָבן זיך אַזויפיל אָנגעזען אין זייער לאַנגן וועג פון קאַמף, האָבן אַזאַ אויסדויער געזען צום ערשט מאָל או זיי האָב געקוקט אויף אונז און שטום געשאָקלט מיט די קעפּ.

38 טעג זיינען מיר געווען אין מאַלינע. פריער האָבן מיר זיי ניט גע־ציילט, עס איז שווער געווען צו ציילן די מינוטן פון טויט, נאָר איצט, אין יענעם וואונדערליכן טאָג פון י״ג מנחם אב, תש״ד, (דעם 3־טן אוי־גוסט, 1944), האָבן מיר איבערגעציילט די טעג.

יאָ, יאָ, גאַנצע 38 טעג געווען אין גהינום!

פון די רוסישע אָפיצערן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די רויטע אַרמיי איז אַריין אין קאָוונע אין דער נאַכט פון ערשטן אויגוסט, מיר זיינע — הייסט עס — געווען אין „מאַלינע" מיט צוויי טעג מער.

די געטאָ איז שוין ניט געווען. סלאָבאָדקע, די באַקאַנטע שטאָט אין דער וועלט, דורך אירע ישיבות, איז אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער וועלט, איין שרעקלעכע חורבה, פול מיט מענטשליכע טויטע קערפּערס, איין ווייִ־געשריי פאַר דער גרויזאַמער וועלט.

נאָר די זון איז געבליבן די זעלבע. זי האָט געשיינט אויף דער אי־דישער סלאָבאָדקע, קאָוונע און שיינט איצט אויפן חורבן.

זכור את אשר עשה לך עמלק!

געדענק וואָס עמלק האָט מיט אונז געטאָן, קיינמאָל זאָלסטו דאָס ניט פאַרגעסן. די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט דאָס ניט צו פארגעסן, ווייל די נאַטור פון דעם מענטשן איז יאָ צו פאַרגעסן, און אנטלויפן אפילו פון דעם שלעכטס וואָס ער אליין האָט געשוואָרן מיט זיבן שבועות צו געדענקן, וואָס דאָס דייטשישע רוצחים־פאָלק האָט געטאָן מיט דיינע ברידער און שוועסטער מיט דיינע אלטע, קראנקע און קליינע קינדערלעך.

די תורה האָט נאָך אָבער מער אָנגעזאָגט: וכתוב זאת בספר. און פאַר־שרייב דאָס אין אָ בוך דאָס וואָס עמלק האָט מיט דיר געטאָן. ווייל אין דעם בוך, וועט זיך דאָס מער געדענקען און ניט פאַרגעסן ווערן. דאָס וואָס דער מענטש קען און וויל פאַרגעסן, און ער מיינט אז דאָס וועט אים זיסער און גרינגער מאַכן זיין לעבן. איז זייער א גרויסער טעות וואָס ער מאכט און ער דאַרף דעם טעות אויסמיידן.

געדענקען איז ניט נאָר דאָס וואָס עמלק־נאַצי האָט געטאָן מיט די זעקס מיליאָן אידן, דאָס גייט אויך אויף דעם וואָס עמלק־נאצי וויל טאָן צו די לעבן־געבליבענע אידן. זיין רוגזה און כעס האָט זיך נאָך ניט געשטילט. ער האָט זיך נאָך נישט גענוג אָנגעזעטיגט מיטן בלוט פון די צוויי מיליאָן קינדערלעך. אָט דאָס אומשולדיקע בלוט איז פאַר אים נאָך אַלץ ווינציק.

אידן זיינען געוויינלעך, מוחל זייערן אָ שונא, זיי לעכצן ניט נאָך קיין נקמה. אָבער אין דעם פאַל היטלער ימ״ש, איז דאָס אינגאַנצן אנדערש. דעם עמלק־נאַצי טאָרסטו ניט מוחל זיין. דיין גאנץ לעבן דאַרפסטו געדענקען וואָס ער האָט דיך געטאָן. ווער ניט באַווירקט דערפון וואָס ער טראָגט אָ ציוויליזירט פעל, און רעדט שוין ווייטער פיינע און שיין־געפלירטערטע רייד.

געדענק און פארגעס ניט!!!

פארגעס ניט די אויסגעשטרעקטע הענטעלעך פון דיינע קינדערלעך אין זייער טויטליכער נויט, דיין טאַטן און דיין מאַמען, דיין ברודער און דיין שוועסטער.

געדענק און פארגעס ניט!!!

זכור את אשר עשה לך עמלק!

געדענק אויך אונזערע העלדן און מארטירער, זייער קידוש השם!

געדענק אַלץ, אַלץ וואָס דיינע ברידער האָבן מיט זייער בלוט און יסורים געשריבן לדורות.

פארגעס נישט וואָס דאָס היטלער־פאָלק האָט מיט אונז געטאָן!

מיר דארפן דערפאר פאַראייביקן אָט די הייליקע צוואות.

מחה אמחה את זכר עמלק!

אפמעקן זאָלסטו דאָס געדעכעניש פון עמלק. פארוואָס אָט די טאָפּעלע ווערטער: „מחה אמחה״? — דערפאר, ווייל אָפּט פאַרבלייבט עפּעס נאָכן אָפּמעקן אַ צייכן, וועגן עמלק׳ן האָט אָבער ג־ט געזאָגט: „אפילו דער צייכן וואָס וועט פארבלייבן זאָל אויך אויסגעמעקט ווערן״.

אונטערן שטעכיקן דראָט פון געטאָ האָט מען געשריבן אָט די געשיכטע, „מיר וועלן עס אָבער זיכער ניט דערלעבן, אָבער די לעבעדיקע, די נאָך־געבליבענע נאָך אונז, זאָלן געדענקן און אויסרופן איבער דער וועלט: „געדענק וואָס עמלק־נאצי האָט געטאָן מיט מיליאָנען פון אונזער פאָלק״!

אָבער געדענקען זאָלן מיר אויך די קדושים, די הייליקע נשמות, די קרבנות, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייער נשמות מיט מוט און בטחון פאַרן אויפבוי פון אונזער פאלק און אונזער לאנד.

* * *

איך דערצייל דאָס אלץ אין שריפט, למען ידעו ,בכדי אונזערע קינדער און קינדס־קינדער זאָלן דאָס לייענען, איינזאַפּן און געדענקען לדורי דורות, וואָס די מאָדערנע עמלקים — די נאַציס ימ״ש — האָבן געטאָן צו זייערע אבות אין די פארגאנגענע דורות ווי אין פסוק שטייט:

ז כ ו ר א ת א ש ר ע ש ה ל ך ע מ ל ק !

זוכצעטל פון פערזאָנען:

א.

אבלי, הרב ר׳ (פאָסוואַלער), 282, 296.
אברך, הרב׳ ר׳ זאב וואָלף, 262
אבא יעקב, הרב ר׳ 302
אבראמאָוויץ, דר., 173
אבעלאָוו, מאיר, 140
אבראמאָוויץ, דר. (אליטע), 197
אבראַמאָוויץ, (לערערין אין קאָוונע), 167.
אברהם (דער רבי, ראקישאָק), 322.
אגולניק, הרב ר׳ יצחק, 283
אגינסקי, פריץ, (ריטעווע), 326.
אדאמאַוויציאוס, (בישאָף), 172
אָזינסקי, הרב ר׳ בנימין, 157
אטלאס, הרב ר׳ מאיר, 46, 273, 329.
אטלאס, אליעזר, 234.
אייזענשטאַט, הרב ר׳ אברהם צבי הירש, 187.
אייזנשטאַט, הרב ר׳ בנימין, 187.
אייזנשטאַט, הרב ר׳ אברהם צבי, 187.
אייזנבוד, דר. (פאָנעוועזש), 282.
איזראלאָוויץ, ישראל עליע, 284.
אייזנשטאַט, 246.
אייזיקאָוויץ, אליהו, 257.
איזראעל, שמואל יעקב, 196.
איזראעלסקי, יעקב יהודה, 196.
איטשע משה, (דער שוסטער), סלאָבאָדקע, 45.
איגנאַטעוו, 185
איישישקע, 264.
איוואקאָווסקי, 270.
אליהו, לידער, הרב ר׳ 234.
אלכסנדר, הרב ר׳ 209.
אָלשוואנג, הרב ר׳ משה, 238.
אָלשוואנג, ראובן, 246, 247.
אלפעראָוויץ, 246.
אלקעניצקי, בנימין, 264.
אליהו מאיר, (קופישאָק), 310.
אלופאָוויץ, זאלע מענדע, 302.
אלעקסאנדער, (רוסישער קיסר), 184.
אלעקסאנדראָוויץ, מישא, 179.
אלחנן, הרב (ר׳ אלחנן דער פרוש), וויל־קאָווישק, 225.
אינטעליגאטער, לייב, 144, 151.
אינדורסקי, 360.
אסאָווסקי, הרב ר׳ זלמן, 23, 50.
אסאָווסקי, הרב ר׳ יודל, 24.
אָפּענהיים, הרב ר׳ צבי יעקב, 313.
איצקאָוויץ, משה, 326.
ארלאָוויץ, אברהם, 322,
ארלאָוויץ, הרב ר׳ זעליג, 322.
ארציק, (וואַרנע), 233.
אָקלאנסקי, הרב ר׳ אבנר, 238.
ארלינסקי, לייב, 107.
ארע (דער פורמאַן), סלאָבאָדקע, 185.
אָשר ניסן, הרב ר׳ (בירז), 205.
אָשרי, (בירז), 206.
אָשר, הרב ר׳ (ראַסיין), 317, 318.

ב.

באריט, הרב ר׳ זבולן, 285.
באַראַכאָוו, הרב ר׳ אבא יעקב, 300.
באַקסט, הרב ר׳ אהרן, 229, 335, 336.
באראן, הרב ר׳ אשר קלמן, 221, 279, 280.
באראן, ר׳ אברהם, 72, 110.
באַרדאָווסקי, מרדכי, 270.
באָקאָוו, נח, 176.
באטניצקי, הרב ר׳ שלמה, 258.
בורשטיין, הרב ר׳ אהרן, 199, 243, 273, 326, 336.
בוים, (סלאָבאָדקע), 61.
בונים, אפרים, 157.
בורשטיין, ר׳ חנן, 212.

בודניק, הרב ר׳ דוד, 217.
ביליצקי, הרב ר׳ דוב צבי, 50.
ביאלאָסטאָצקי, ר׳ חיים יעקב, 283.
בירגער, מענדע, 302.
ביעלאסטאָצקי, יהודה לייב, 270.
ביינאשעוויץ, הרב ר׳ קלמן, 313, 314.
בייקאָוויץ, אריה לייב, 242, 243.
בלאָזער, הרב ר׳ יצחק, (ר׳ איצל פעטערבורגער), 34, 273.
בלאָך, הרב ר׳ יוסף לייב, 233, 238, 335, 336.
בלאָך, הרב ר׳ אברהם יצחק, 238.
בלאָך, הרב ר׳ חיים יצחק, 285.
בלאָך, הרב ר׳ זלמן, 238.
בלאָך, יצחק, 241.
בלאָך, פרץ, 257.
בלאָך, יצחק, (קאָוונע), 99.
בלאָך, דר. (דווינסק), 218.
בליימאן, הרב ר׳ צבי, 188.
בליימאן, צדוק, 117, 188, 194.
בלומבערג, נחום, 257.
בלוזמאן, (דווינסק), 218.
בן־ציון הכהן, הרב ר׳ (שקוד) 337.
בן־ציון אריה, הרב ר׳ (שקוד) 337.
בנימין, הרב ר׳ (ווארנע), 233.
בענגיס, הרב ר׳ זעליג ראובן,, 297.
בעליצקי, הרב ר׳ יצחק אריה, 267.
בערנשטיין, הרב ר׳ יחזקאל, 105.
בעליצקי, הרב ר׳ נטע, 267.
בערנשטיין, הרב ר׳ לייב, 206, 207.
בעגון, הרב ר׳ יצחק, 325.
בערמאַן, מאָטע, 242.
בעליאצקין, שמעון 112.
בערקאָוויץ, ר׳ נתן, 273.
בערשטיק (דער גלעזער), סלאָבאָדקע, 106.
בער, פישל, 315.
בערקמאַן, בת־שבע, 176.
בערע, לאה׳ס (ראקישאָק), 323.
בענקערס, דר. 91.
בצלאל, דער רב, (ראקישאָק), 322, 323.
ברוידע, הרב ר׳ צבי הירש, 273.
ברוידע, הרב ר׳ (קופּישאָק), 300.
ברוידע, הרב ר׳ אלתר, 222, 223.
ברוידע, הרב ר׳ אהרן, 51.
ברוידע, ר׳ וועלוול, 223.
ברענער, הרב ר׳ משה, 279.
ברוך, קריינעס, (ריטעווע), 327.
ברוך, ניסנ׳ס, (ווילקאָמיר), 221.

ג.

גאָרדאָן, הרב ר׳ אליעזר, 238, 313.
גאָלדין, הרב ר׳ ישראל, 271.
גאלין, הרב ר׳ אהרן, 290.
גאָרדאָן, הרב ר׳ (ווילקאָמיר), 222.
גאָלדמאַן, יעקב זלמן, 223.
גאָרדאָן, לייב, 20.
גאלין, (לערער), דווינסק, 217.
גאָלדשטיין, שמעון, 275.
גאדער, הרב ר׳ דוד, 47.
גאָלה, הרב ר׳ יעקב מאיר, 258.
גאָלאָמבע ישראל, 233.
גארבער, בערל, 341.
גארמאיזע, מרדכי, 224.
גארבער, איטעלע, 357.
גאָלדשמידט, פייוול, 348.
גאפּאנאָוויטש, (דער שניידער) סלאָבאָדקע, 108.
גאָרדאָן, י. ל. 329.
גארבארסקי, יאָסל, 270, 271.
גארבארסקי. ירוחם, 270.
גאטשאַלג, 332.
גוטמאַן, הרב ר׳ אליעזר, 313.
גורעוויץ, חנן, 79.
גוטמאַן, אפרים, 109.
גודעל, אלתר, 243.
גורוויץ, דר. (קאָוונע), 173.
גורוויץ מאנעס, 200, 201.
גינזבורג, הרב ר׳ נחום ברוך, 141, 254, 255, 256.

גיטעלעוויץ, הרב ר׳ שמחה, 50.
גילמאַן, הרב ר׳ חיים, 42.
גימפל, בערל, 138.
גיטקין, (דווינסק), 217.
גיטקין, צבי הירש, 243.
גיטליץ, 138.
גלאַטקאָוויץ, פייגע, 203.
גערצאָוויץ, לייב, 239.
געלבטרונק, מיכאל, 138.
געלמאַן, משה, 314.
געקע, ווילהעלם, 120.
גפן, הרב ר׳ יצחק אליהו, 326.
גפן הרב ר׳ יצחק, 47.
גראָדזענסקי, הרב ר׳ אברהם, 25, 34, 37, 44, 104, 105, 153, 158, 160, 161, 170.
גראָדזענסקי, זאב, 42.
גראָדזענסקי, הרב ר׳ מ. 224.
גראָדזענסקי, (ווילקאָווישק), 227.
גראָסבארד, הרב ר׳ אריה לייב, 341, 342.
גראָץ, הרב ר׳ משה, 222, 223.
גרין, הרב ר׳ אליהו, 225.
גרינבערג, זלמן, 151.
גרינבער, איקע, 109.
גרשון, (דער שמש פון ישיבה), סלאָבאָדקע, 24.
גרשון, ר׳ (בוטרימאנץ), 202, 204.
גרוסעווסקי, 314.

ד.

דאווידאָוויטש, דר. (סלאָבאָדקע), 66.
דאנעמאַן, דר. (דווינסק), 217.
דאנציגער, יצחק, 107.
דאמעסעק, (דווינסק), 217.
דאבראוויסקאס, (פאָנעוועזש), 282.
דוב בער, הרב ר׳ (זאגער), 235.
דון יחיא, הרב ר׳ אליעזר, 228.
דון יחיא, הרב ר׳ חיים, 228.
דוביאנסקי, הרב ר ׳שמעון, 257, 289.
דובצאנסקי, זלמן, 243.
דון יחיא, (פון ישראל), 228.
דזשוגאסטעל, (טעלז), 238.
דזימיטראָווסקי, הרב ר׳ בצלאל, 251, 252.
דינאבורג, הרב ר׳ ראובן, (ר׳ ראובה׳לע דווינסקער רב), 211.
דימענט, הרב ר׳ אברהם, 247.
דינענזאָן, יעקב, 234.
דינער, אדוואָקאַט, (קאָוונע), 162.
דייטש, ראשל, 176.
דעמבא, דר. (פעטערבורג), 184.
דרשן, הרב ר׳ משה יצחק, 312.
דרושקאָוויטש, הרב ר׳ אברהם, 25.

ה.

האמלער, הרב ר׳ אריה לייב, 210.
האָפמאַן, חיים, 227.
האָפמאַן, געצל, 307.
הורוויץ, הרב ר׳ יוזל, (נאָווארדאָק), 105.
הורוויץ, הרב ר׳ ברוך, 36, 276.
הורוויץ, הרב ר׳ אליקים געצל, 313.
הורוויץ, הרב ר׳ יצחק, (ראדווילישאָק) 325.
הורוויץ, הרב ר׳ יצחק 313.
הורוויץ, הרב ר׳ שרגא פייוול, 36, 37, 221.
הורוויץ, א. (מערעטש), 264.
הורוויץ, שאַצע, (דווינסק), 210.
הירש, הרב ר׳ שמשון רפאל, 184.
הילדעסהיימער, הרב ר׳ עזריאל, 292.
הירשאָוויץ, הרב ר׳ נחמן, 188, 192.
הירשאָוויץ, הרב ר׳ שמואל, 339.
הילמאַן, סידני, 234, 235.
בירגער, הלל, 162.
הערצאָג, הרב ר״ יצחק אייזיק, (רב ראשי ישראל), 42.
העלער, הרב ר׳ דוב צבי, 161.
העלער, הרב ר׳ אברהם זאב, 258, 259, 260.
הערצל, הרב ר׳ (פאָנעוועזש), 276.
הענקין, הרב ר׳ מרדכי דוד, 336.
העלפאנד, הרב ר׳ חיים, 239.
העלפאנד, הרב ר׳ אפרים פנחס, 238.

העשעלע, (דער שניידער, קופּישאָק), 305.

ו.

וואָלאָזשינער, הרב ר׳ שלמה, 220, 296.
וואָלאָזשינער, הרב ר׳ חיים, 17, 220.
וואַסערמאַן, הרב ר׳ אלחנן, 25, 43, 46, 47, 48, 49, 104.
וואַסערמאַן, הרב ר׳ שמחה, 47.
וואלט, הרב ר׳ שניאור דוד, 251.
וואסערמאַן, הרב ר׳ נפתלי, 49.
וואָלף, (ישיבה־בחור פון דייטשלאנד), 37.
וואַסערמאן, דוד, 47.
גאפּאנאָוויץ, ישראל, 310.
וואלפערט, יאָסל, 290.
ווילנער גאון, הרב ר׳ אליהו, 17, 208, 270, 288, 296, 315.
וויינער הרב ר׳ מאיר אליהו, 200, 228.
ווייסבארד, הרב ר׳ איסר, 209.
וויטקין, הרב ר׳ אברהם משה, 203, 204.
ווין, אליהו און זונדל, 206.
וויטנבערג, (דווינסק), 210.
וויינטרויב, נפתלי, 144.
וויסטענעצקי, עליע, 297.
ווינדזבערג, 225.
ווישקין, (דווינסק), 217.
וולאדיסלאַוו, 268.
וועסלער, הרב ר׳ אברהם מרדכי, 199, 285.
ווערבאָווסקי, הרב ר׳ נחום מרדכי, 199, 285.
ווערערבין, הרב ר׳ חיים, 42.
ווּעלוועלע, שמחה׳ס, (בוטרימאַנץ) 202.
ווּעלווקע, (יורבורג) 247.
ווּעראווקין, (רוסישער גובערנאַטאָר), 232.

ז.

זאַקס, הרב ר׳ דניאל, 235, 325.
זאקס, הרב ר׳ יוסף חיים, 47, 48.
זאקס, אברהם יצחק, 42.
זאקס, ח. 234.
זאלקינד, בערטשיק, 321, 322.
זאַקס, בערע, 327.
זאקנשטיין, (ראקישאָק), 325.
זאגער, רחל, 325.
זאקס, יעקב דוד, 285.
זאלמאַנאָוויץ, משה, 290.
זאכארין, דר. 98, 111.
זוסמאַנאָוויץ, הרב ר׳ יוסף, 221, 222, 223.
זוביצקי, ישראל משה, 264.
זונדל, (שוחט) פלונגיאן, 284.
זופּאָוויץ, הרב ר׳ יוחנן, 325.
זיוו, הרב ר׳ שמחה זיסל, 311, 329.
זילבער, הרב ר׳ ליפּע, 42, 300.
זיסמאַן, פּיוול, 153.
זימאַנסקי, מאָטל, 227.
זיסל, (דער קצב), בוטרימאַנץ, 202.
זינגערעוויץ, הרב ר׳ 251.
זינגערעוויץ, הרב ר׳ משה, 251.
זינגערעוויץ, שלמה, 251.
זיוו, אברהם, 249.
זילבער, אליעזר, 229.
זינגער, (סלאָבאָדקע), 108.
זיוו, (ראַסיין), 319.
זלמן, (דער בלינדער), קופּישאָק, 300.
זעליג, הרב ר׳ (פלונגיאַן), 285.

ח.

חבר, הרב ר׳ יצחק אייזיק, 328.
חריף, הרב ר׳ יעקב יוסף, 235, 247.
חרל״פ, הרב ר׳ יהודה לייב, 257.
חאצקעוויץ, הרב ר׳ ישראל נח, 300, 309.
חאזאנאָוויץ, יצחק, 196.
חדש, (בירז), 206.
חצקל, (דווינסק), 214.
חאצקל, (שקוד), 337.
חוואָס, הרב ר׳ אליעזר יעקב, 250.
חיימ׳ל, הרב ר׳ חיים סערײ (דעם גאונ׳ס מחותן), 270.

חיים, (דער שוחט), אניקסט, 200.
חייקל, (דער שוחט), סלאָבאָדקע, 37.
חייט, משה לייב, 206.
חענקין, וועלוול, 206.
חנא יודע, (וויזשון), 229.
חנניא, הרב ר׳ נחום ליפע, 233.
חפץ חיים, הרב ר׳ ישראל מאיר הכהן, (ראדין), 17, 46, 255.

ט.

טאדעס, (שאַוול), 333.
טאַנקיכע, (קופּישאָק), 310.
טאָלסטאָי, 185.
טולבאָוויץ, 217.
טייץ, הרב ר׳ מענדל, 254.
טיטושעווגא, 320.
טערושקין, הרב ר׳ חיים יעקב, 337.
טרויב, הרב ר׳ אברהם שמעון, 288.
טראָפּ, הרב ר׳ נפתלי, 251, 276.
טראַפּידא, טריינע, 300.
טשארני, יצחק, 200, 201.
יחזקאל, הרב ר׳ (רב אין קעלם), 313.

י.

יאבלאָנסקי, הרב ר׳ יהודה, 196.
יאקאָ, הרב ר׳ יעקב מאיר, 267.
יאוונאַלאָוויץ, לייב, 42.
יאקאָבסאָן, דר. 216.
יאפע, יחזקאל, 224.
יאפו, ליפע, 224.
יאטקונסקי, מרדכי, 23.
יאָסל (דער שוחט), אַניקסט, 201.
יאָסע (דער קצב), סלאָבאָדקע, 357.
יאָסע (דער שוסטער), וואַרנע, 233.
יאוולאָוו, סענדער, 341,
יאנוסייטיס, (פּאָנעוועזש), 280.
יאַרדאַן, (קאָמענדאַנט פון קאָוונער געטאָ), 61, 91.
יחיאל מיכל, הרב ר׳ (יאנישאָק), 251.
יודעלעוויץ, אפרים, 190.
יוסף חיים, (בערלין), 250.
יעלין חיים, 137.
יפה, הרב ר׳ אליהו ישכר בער, 339.
יפה, מרדכי, 144, 151.
יפה, הרב ר׳ מרדכי, 250.
יפה, הרב ר׳ יצחק, 339.
יפה, הרב ר׳ יעקב, 337.
יפה, יעקב, 300.
ישראל, איצעס, (פלונגיאַן), 285.

כ.

כהן, הרב ר׳ שבתי, (ש״ך), 17.
כהן, הרב ר׳ רפאל (האַמבורגער), 220.
כהן, הרב ר׳ מאיר שמחה, 17, 211, 216, 300.
כהן, הרב ר׳ אלחנן, 216, 300.
כהנמאן, הרב ר׳ יוסף, 221, 278.
כהן, אפרים, 277.
כהן, הירש, 243.
כהן, משה, 221.
כהן, הרב ר׳ יונה, 300.
כהן, צבי, 72.
כהן, (דרוקעריי), קיידאַן, 289.
כהן, (לערער), ראסיין, 318.
כהן, (מילנער), ראַסיין, 319.
כ״ץ, נפתלי, 277.
כ״ץ, הרב ר׳ אהרן שמואל, 316, 318.
כץ, קלמן, 193.
כאציאנץ, דר. (דווינסק), 218.
כתריאל משה, הרב ר׳ (דיין פּאָנעוועזש), 278.
כמילעווסקי, יעקב, 225.
כמילעווסקי, צבי, 225.

ל.

לאנדא, הרב ר״ אליעזר, 225.

לאפיאן, הרב ר׳ אליהו, 311.
לאדאן, שמואל, 244.
לאכמאַן, עובדיה, 35, 250.
לאַנדאַן, מאיר, 257.
לאַנדאַן אדאָלף, 315.
לאפיאנסקי, הירשל, 94.
לובאוויטשער רבי, הרב ר׳ יוסף, 321.
לוואָוויץ, הרב ר׳ ירוחם, 279.
לובטשאנסקי, הרב ר׳ ישראל יעקב, 47, 105.
לוצקי, הרב ר׳ אליהו, 300, 301.
לופט, חיים, 40, 41.
לוואָוויץ, אברהם, 285.
לוביאטקין, הירשל, 290.
לוריע, אסתר, 90.
לוריע, (קאָוונע), 163.
לוריע, (יאָהאַנעסבורג), 279.
לונץ, זונדל, 314.
לייב, הרב ר׳ (ר׳ לייבעלע חסיד, קעלם), 312, 313.
לייבאָוויץ, הרב ר׳ ברוך בער, 17, 316, 319.
ליפשיץ, הרב ר׳ יחזקאל, 247.
ליפשיץ, הרב ר׳ יהודה הלוי, 264.
לייבציק, חריף הרב ר׳ (ריטעווע),236.
לייבאָוויץ, פייגל, (הרבנית), 319.
לייבאָוויץ, הרב ר׳ נפתלי, 319.
ליסען, (פאָנעוועזש), 278.
לייבטשיק, (דער זייגערמאכער), שקודוויל, 338.
לייבעלע ישראל ברוד׳ס (יורבורג) 247.
לייזעראָוויץ, משה זודל, 307, 310.
לינדע, דר. (ריטעווע), 326.
לייבע, מילנער, (פאָסוואַל), 284.
לייבציק, לאה׳ס, (וויזשון), 229.
לילענבלום, משה לייב, 221, 289.
ליבמאַן, דר. (דווינסק), 18.
ליפשיץ, ר׳ יעקב, 186.
לעווינסאָן, הרב ר׳ אליהו, (קרעטינגע), 292, 239.
לעווענברוק, הרב ר׳ 186.
לעווין, הרב ר׳ ישראל איסר, 209.
לעוויטאַן, הרב ר׳ יעקב יהושוע, 336.
לעוויטאַן, הרב ר׳ אָשר ניסן, 329.
לעוויטאַן, הרב ר׳ ישראל יצחק, 340.
לעווינסאָן, הרב ר׳ יהושוע, 157, 255.
לעווין, הרב ר׳ מאיר, 208.
לעווין, הרב ר׳ בצלאל, 196, 197.
לעוויטע, הרב ר׳ שמואל, 322.
לעבעדאָווער, הרב ר׳ לייב, 42.
לעווענבערג, ישראל, 246, 247.
לעוויטאַן, מאיר זושע, 246.
לעווי, מאיר, 365.
לעוו, (פאָנעוועזש), 278.
לעוויטאַן, נחום, 165.
לעווין, רפאל, 167.
לעווין, שלמה משה, 209.
לעווין, הרב ר׳ יוסף, 210.
לפידות, הרב ר׳ אלכסנדער משה,, 250, 316.
לפידות, אליעזר, 227.

מ.

מאָוושא, הרב ר׳ יחיאל מיכל, 337.
מאָוושאָוויץ, הרב ר׳ דניאל, 314.
מאָוושא, הרב ר׳ בנימין, 206.
מאיר נתן, הרב ר׳ (דיין אין פאָנעוועזש), 278.
מאלץ, הרב ר׳ מאיר, 225.
מאן, שמואל, 242.
מאס, יצחק, 206.
מאַנדלשטאַם, מרדכי, 234.
מאַנדלשטאַם, אריה לייב, 234.
מאמיאפע, הרב ר׳ יוסף זאב, 262.
מאָסט, הרב ר׳ חיים, 51, 145, 151.
מאָסט, שכנא, 243.
מאָוושאָוויץ, (קיידאַן), 289.
מאָטל, (דער וויינמאַכער), שאַוול, 328.
מאנצער, הרב ר׳ שלמה, 51.
מה־יפה, הרב ר׳ 50.
מאראק, הרב ר׳ שמואל, 109, 110.
מאַרקאָוויץ, משה, 316, 317.

מארקאָוויץ, הרב טוביה, 316.
מאַרקאָוויץ, הרב חיים שמשון, 316.
מארא, יצחק, 310.
מאַרק, י. 294.
מארשאַק, יוסף, 196.
מאַקאָווסקי, אברהם, 224.
מגיד, הרב ר' קלמן, 261, 263.
מה־יפית, הרב ר' הירש, 225.
מילעווסקי, הרב ר' אהרן, 196.
מיאדניק, הרב ר' גרשון, 314.
מיכל איסר, 310.
מייראָוויץ, נפתלי, 310.
מייראָוויץ, גרשון, 310.
מינדעלעוויץ, יצחק, 206.
מיל, (קאָווגע), 61.
מירוויס, ישראל עליע, 335.
מיקולסקאס, דר. (טעלז), 241.
מנחם נחום נתן, הרב ר' (בירזער עלוי), 205.
מלמד, הרב ר' יהושע העשל, 233.
מעהר, הרב ר' שלמה עזרא, 278.
מענדעלע, הרב ר' (שירווינטער), 341.
מעסקין, הרב ר' יעקב, 335.
מעלצער, הרב ר' זלמן, 229.
מער, שכנא, דר. 278, 283.
מער, בענע, 335.
מער, אביגדור, 335.
מענדע, (די פאה), קעלם, 313.
מענדל, (דער שוסטער), ראקישאָק, 323.
מעק, (קאָוונע), 102.
מענקין, דר. 300.
מרגלית, הרב ר' משה, 288.
מרגלית, הרב ר' איסר, 322.
משה יואל, הרב ר' (רב אין אניקסט), 199.
מרגלית, הירש, 302.
מרדכי, הרב ר' (רב אין פאקארי), 207.
משה, הרב ר' (רב אין טעלז), 207.
משה איצל, (דיין אין פאָנעוועזש), 278.
משה אָשרי,, 302.
משה מרדכי, (קופישאָק), 325.
משה"ל דעם רב"ס, (וואָרנע), 233.
משה זלמן, (דער בלינדער), 106.
מרגלית, פייוול, 125, 154.

נ.

נאַטאַלעוויץ, הרב ר' חיים בן־ציון, 336.
נאָכומאָווסקי, הרב ר' אברהם, 332, 334.
נאָפּאָליאָן, 205, 224, 269.
נחום לייב, (קופער), 304.
נוימאַן, (נאַצי), 60, 61.
נח, הרב ר' (רב אין שאַדאָווע), 336.
נטע, הרב ר', שד"ר, (בירז), 266.
נטע, מאן, 230, 231.
ניצעוויץ, (ווילקאָווישק), 227.
ניקאָליי, (רוסישער קיסר), 277.
נצי"ב, הרב ר' נפתלי צבי בערלין, 17.

ס.

סאַלאנטער, הרב ר' זונדל, 273.
ספעקטאָר, הרב ר' יצחק אלחנן, 17, 27, 56, 57, 89, 183, 184, 185, 186, 250.
סאלאנטער הרב ר' ישראל, 17, 34, 205, 234, 230, 273, 292, 311, 317.
סאָלאָווייטשיק, הרב ר' יוסף בער, 17, 275.
סאָלאָווייטשיק, הרב ר' חיים, 17, 64.
סאַלאַנטער, הרב ר' אליעזר מענדעלאָוויץ, 61.
סאָלאָווייטיק, (הרבנית), 174.
סאבאלעוויץ, אבא, 225, 226.
סלאווין, הירשל, 242.
סטאַלין, (מאָסקווע), 247.
סאָבעסקי, יאַן, 253.
סאָדאָווסקי, הרב ר' (קעלם), 312.
סקארוטע, הרב ר' משה, 51, 72, 106, 108.
סאָקאָלסקי, עטל, 244.
סגל, הרב ר' מרדכי יצחק, 326.
סגל, הרב ר' שמעון, 63, 107, 159.
סגל, הרב ר' פייוול, (דיין אין בירז), 206.
סובאצקי, (מאריאמפאָל), 260.

סטעפּאַנאָוויץ, 290.
סימאַנאָוו, אלתר, 246.
סילווער, שמואל, 231.
סמעטאָנאַס, אנטאנאס, (ליטווישער פּרעזי־דענט), 233.
סנעג, הרב 110.
סעגאל, ישראל, 41.

ע.

עזרת יצחק, 164.
עטער, הרב ר׳ משה, 300.
עליאשעוו, הרב ר׳ יצחק, 328.
עליאסבערג, הרב ר׳ מרדכי, 257, 300.
עליאסבערג, הרב ר׳ יהונתן, 257.
עלקעס, אלחנן דר., 78, 79.
עליע, (דער אַפּשייקער), פּלוגיאַן, 285.
עקיבא, (רבי), 158.
עמינדב, אליהו, 272.
עפּשטיין, הרב ר׳ משה מרדכי, 17, 221.
עפּשטיין, הרב ר׳ אפרים, 284.
ערליך, לייב, 41.

פ.

פּאנדילער, הרב ר׳ שמואל, 326, 327.
פאלק, סענדער, 306.
פּאָרטמאַן, הרב ר׳ ישראל תנחום, 340.
פּאָרטמאַן, הרב ר׳ נחמיה, 269.
פּאפּעל, הרב ר׳ (מאריאמפּאָל), 258.
פּארבער, זלמן, 264.
פּראנק, זלמן, 290.
פּאסוואלעצקי, לייב, 206.
פּאסאל, זלמן, 242.
פּאטאטאָווסקי, שמואל, 196.
פּאלען, (גראַף), 184.
פּאָרטנאָי, דר. (קאָוונע), 133.
פּראנצקעוויץ, דר., (קופּישאָק), 310.
פוקס, הרב אלתר, (דווינסק), 216.
פּוהן, העשל, 41.
פּרוסאַק, חיענע, 271.
פּולקין, דינה, 217.
פּינקעל, הרב ר׳ נטע צבי, 34, 161.
פּייוולזאָן, הרב ר׳ שמואל אביגדור, 199, 285.
פּייוולזאָן, הרב ר׳ אליהו מאיר, 174, 300.
פּילטינאָוו, הרב ר׳ אברהם, 225, 227.
פּיאַנקאָ, הרב ר׳ שלמה, 312.
פיין, הרב ר׳ לייב, 300.
פּיינזילבער, הרב ר׳ שלמה, 288, 289, 290.
פינקלשטיין, הרב אליהו, 229.
פּין, הירשל, 246.
פינקאָווסקי, לוי, 270.
פיינבערג, שמעיהו, 246.
פריידבערג, 257.
פיינבערג, 294.
פּיליפּאָווסקי, א. 225.
פּלאצינסקי, הרב ר׳ יהודה לייב, 217.
פּלעווקע, 217.
פּנחס, הרב ר׳ (רב אין בירז), 206.
פּענטינסקי, קאָפּל, 41.
פעלדמאַן, הרב ר׳ בן-ציון, 235, 285.
פליישמאַן, (דייטש), 191.
פּערלמאַן, הרב ר׳ ירוחם לייב, 27, 139.
פּערלמאַן, הרב ר׳ אברהם יצחק, 339.
פּערמוט, הרב ר׳ זלמן, 106, 156.
פּערסקי, הרב ר׳ בנימין, 294, 295.
פּערצאָווסקי, הרב ר׳ זלמן, 300, 306, 309, 310.
פּערלמאַן, הרב ר׳ דוד, 51.
פלודערמאַכער, שלום, 271.
פּעטרייטעס, (קאָוונע), 163.
פּעקער, חיים לייב, דר. 196.
פּערצאָווסקי, חייה לאה, 310.
פרידמאַן, הרב ר׳ יצחק אייזיק, 242, 243.
פרידמאַן, בערל, 107.
פרידמאַן, יקותיאל, 41.
פּרצ׳קע, (טרעגער פון סלאָבאָדקע), 73.
פריינקל, שלמה, 110.
פרידמאַן, שולמית, 175.

פרידלענדער, קלמן, 246.
פרידמאַן, (יורבורג), 248.

צ.

צבי הירש, הרב ר׳ (ראבינאָוויץ), 27, 185, 186.
צווילינג, (סעריי), 270.
צווילינג הענע, 271.
צוקערמאַן, הרב מרדכי, 109, 164.
ציכער, יאָסל, 226.
צפנת, הרב ר׳ משה בער, 279, 280.
צפנת, יעקב, 203.

ק.

קאצענעלנבויגן, הרב ר׳ יחזקאל, 288.
קאַצענעלנבויגן, הרב ר׳ דוד, 288.
קאַצענעלנבויגן, הרב ר׳ ישראל, 296.
קאַמאַי, הרב ר׳ אליהו ברוך, 17, 288.
קאַמאַי, הרב ר׳ אברהם צבי, 288.
קאַפּלאַן, הרב ר׳ אלכסנדר, סנדר, 299.
קאַדישעוויץ, הרב ר׳ קלמן קלונימוס, 199.
קאַלאַדיצקי, הרב ר׳ (רב אין אַליטע), 196.
קאַגאַן, הרב ר׳ שמואל בער, 279.
קאַטלער, הרב ר׳ אהרן, 254.
קאווישער, ר׳ חיים, וועלוול, 258.
קאַמאיקע, הרב ר׳ בערל, 225.
קאַמאַיקע, לעאָן, 225.
קאַפּלאַן, אבא, 246.
קאַרלינסקי, דר. 246.
קאַרלינסקי, דר. (ווילקאָמיר), 222, 223.
קאַגאַן, הרב ר׳ נחום, 279.
קאדאסניק, אליהו, 264.
קלאַצקין, הרב ר׳ י. מ. 316.
קאַפּלאַן, הרב ברוך, 251.
קאַגאַן, (דער אַפּטייקער), יאנאָווע, 256, 257.
קאלעקאַ, שמואל, 270.
קאַוואַלסקי, 272.
קאַפּלאַן, דר. 300.
קדש, שלמה, 300.
קאַרב, הרב ר׳ שלמה, 51.
קאַסאָווסקי, (גרעפּין), 253.
קאפּשטיין, הרב, (טאַווריק) 243.
קאַפּילאָוו, 217.
קאַפּצעווסקי, שלמה, 224.
קאפּנגויז - ניישלאָס, 217.
קאַהאַנסקי, לייזער, 150.
קאַצענעלנבויגן, דר. 221.
קאַוואלסקי, (קאָוונע), 63.
קארצמאר, חיים, 196.
קאַטלער, יצחק, 41.
קאַסאָווסקי, יוזל קאַרווין, 253.
קראַקענאָווסקי, פּינקע, 131, 133.
קאַלמאַנאָוויץ, 196.
קוק, הרב ר׳ אברהם יצחק, 277, 306.
קויפּמאַן, שלמה, 221.
קוסעלעווסקי, 314.
קיסיניסקי, דאָבע, 79.
קיילע, חיים מענדע, 270.
קיטעל, (נאַצי), 156, 157.
קלוגמאן, בנימין, 61.
קליבאנסקי, לייבוש, 264.
קליינשטיין, 227.
קלאָף, מרדכי, 273.
קלומער, חיים יצחק, 323.
קערבעל, יעקב, 86.
קראַוועץ, הרב ר׳ משה, 336.
קרעמער, אהרן יודע, 206.
קלאַצקין, הרב ר׳ אליהו, 258.
קלאָף, הרב ר׳ בער הירש, 273.
קרימער, הרב ר׳ מרדכי, 51.
קריפּסט, שלום, 206.
קרעניץ, אברהם, 239.
קרעצמאַר, הרב ר׳ יעקב, 283.
קליף, אברהם, 310.
קרעטשמער, הרב ר׳ יעקב, 283.
קרעמערמאַן, הרב ר׳ אליהו, 312.
קרוק, הרב ר׳ זונדל, 341, 342.
קרעניץ, הרב ר׳ בן־ציון וועלוול, 340.

קראַם, ישעיה, 319.
קוניגעס, רישל, 341.

ר.

ראַבינאָוויץ, הרב ר׳ בנימין, 220.
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ אליהו דוד, 278.
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ יצחק יעקב, 275, 276, 277.
ראָזין, הרב ר׳ יוסף, 211, 302.
ראבינאָוויטש, הרב ר׳ אליעזר שמחה, 296, 297.
ראצקער, הרב ר׳ חיים, 254.
רידב״ז, הרב ר׳ יעקב, 225.
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ חיים, 238.
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ עזריאל, 238.
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ יעקב, 233.
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ א. 283 .
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ ישכר בער, 278, 280.
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ מרדכי, 273.
ראבינאָוויץ, הרב ר׳ אייזיק, 332.
ראבינאָוויץ, בענדעט, 225, 227.
ראבינאָוויץ, יאָסל, 225.
ראבינאָוויץ, געסע, 290.
ראָטשילד, (באראָן), 168.
ראכעליזאָן, רחל, 61.
ראכמאַן, יודל, 264.
ראלבע, שמואל, 41.
ראנדער, חיים, 290.
ראנדער, בעני, 290.
ראנין, הרב ר׳ אליעזר, 261.
רבק״ש, הרב ר׳ משה, (באר הגולה), 17.
רובין, הרב ר׳ לייב, 220.
רובינשטיין, הרב ר׳ ראובן, 247, 248.
ראָזענטאַל, יצחק, 257.
ראדאָווסקי, 264.
ראַדזוויל, (גראַף), 269.
ראטנער, שמעון, 200, 201.
ראָזענהאָלץ, יעקב, 224, 722.
רובינשטיין, בער, 278.
ראַדזוויל, קריסטאָפיער, 288.
ראָזענבערג, אלפרעד, (נאצי), 91.
ראויקע, (נאַצי), 78, 79.
ראגאלקי, (סלאָבאָדקע), 41.
ראָזין, (ווילקאָווישק), 225.
ריף, הרב ר׳ יהודה לייב, 235, 236, 294.
ריף, הרב ר׳ ישראל, 235, 236, 237.
ריף, הרב ר׳ יצחק, 235, 237.
רייז, הרב ר׳ משה, 47.
רייכמאַן, אהרן, 41.
ריבלין, 273.
ריקלעס, הרב ר׳ בערציק, 277, 279.
ריוחקין, משה, 338.
רוך, הרב ר׳ זעליג, 332.
רוך פסח, 321.
רעזניק, הרב ר׳ אליהו, 274.
רעזניק, הרב ר׳ חיים יעקב, 221, 223.
רעבעלסקי, (פּראָפעסאָר), 178.
רענעטא, סעציליע, 268.

ש.

שאגת אריה, 220.
שאַפּירא, הרב ר׳ לייב, 296.
שאַפּירא, הרב ר׳ זלמן סענדער, 139, 146.
שאַפּירא, הרב ר׳ משה, (ריגער רב), 208.
שאַפּירא, הרב ר׳ אברהם דובער, 50, 77, 89, 139, 141, 142, 143, 145, 146.
שאַפּירא, הרב ר׳ רפאל, 236, 274.
שאַפּירא, נחמן, דר. 110, 146.
שאַפּירא, הרב ר׳ שבתי, 208.
שאַפּירא, רחל (הרבנית), 146.
שאַפּירא, לייב, 144.
שאַפּירא, אברהם, 162.
שאפער, חיים, 108.
שאַפּירא, דוד, 210.
שאַפּירא, שרה, 210.
שאַרפשטיין, יודל, 292.
שאַכנאָוויץ, פּנחס, 246.
שלאַפּאָבערסקי, צדוק, 290.

שלאַפּאָבערסקי, ברכה, 174.
שואל, הרב ר' (ר' שואל'קע רב אין וויל־קאָמיר), 220.
שור, הרב ר' א. (רב אין קרעטינגע), 294.
שור, הרב ר' אליהו בער, 206.
שור, הרב ר' אבא, 233.
שולמאַן, ח. מ. (הרבנית), 165, 175, 176.
שוסטער, הרב ר' גבריאל, 122, 123, 124, 125, 126.
שטערענפעלד, הרב ר' בן־ציון, 250, 275, 296.
שטערן, הרב ר' יוסף זכריה, 328, 329.
שטערן, הרב ר' סיימע, 329.
שטופעל, הרב ר' מיכל דוד, 264.
שטוצין, בנימין, 338.
שטיינפעלד, הרב ר' זיסל, 99.
שטיינבערג, נחמיה, 305.
שטראויס, יאָהאַן, 91.
שטיינבאַך, הרב מאיר, 310.
שטיין - יאטקונסקי, 24.
שטיין, בנימין, 338.
שילמאן, הרב ר' חיים יצחק, 253.
שיינקער, יעקב, 340.
שיצקוס, חיים, 41.
שיינזאַן, ישראל, 200.
שטראַשון, הרב ר' שמואל, 203, 231.
שטראַשון, הרב ר' אליעזר, 203.
שלמה איצל, הרב ר' (דיין אין פּאָנעוועזש), 285.
שמואל הרב ר', (ר' שמואל דער חסיד, ראסיין), 207, 208, 317.
שמוקלער, הרב ר' יעקב משה, 50, 145.
שמיד, בערע מענדע, 229.
שמעון, הרב ר', (רב אין בירז), 205.
שמיד, נחום, 310.
שמולאָוויץ, 246.
שמושקאָוויץ, (ראקישאָק), 324.
שמושקאָוויץ, גרשון, 324.
שמושקאָוויץ, לאזאר, 324.
שניאור זלמן, הרב ר', (ר' שניאור זלמן מלאדי), 315.
שער, הרב ר' יצחק אייזיק, 34, 175.
שערשאָווער, הרב ר' חיים, 257.
שעפנער, דר. 213.
שערשעווסקי, זיידל, 147.
שערשעווסקי, מנחם, 147.
שפּיץ, הרב ר' לוי, 233, 243, 245, 285.
שפּילער, (קאָוונע), 60.
שצופּאַק, הרב ר', (סעריי), 271.
שקאָפּ, הרב ר' שמעון יהודה, 236.
פרידמאַן, שרה, 241.

ת.

תרשיש, הרב ר' זעליג, 313.

צוזעצטל פון שטעט און שטעטלעך

א.

אבאלניק, 206, 283.
אבעל, 321.
אוטיאַן, 41, 184, 187, 188, 190, 192, 228, 232, 268, 302.
אופינע, 339.
איירעגאָלע, 37.
איוויע,329.
אַלעקסאַט, 51, 58, 119.
אליטע, 194, 195, 263, 264, 269.
אַלעקסאַנדראַווסק, 274.
אַמטשיסלאַוו, 46.
אַניקסט, 198, 199, 200, 206.
אנטאלעפּט, 316.
אנעליסקי, 208, 209 .
אָסלאָ, (נאָרוועגן), 340.
אקמיאן, 262.
אַראַן, 117, 188.

ב.

באַראַנאָוויטש, 47.
באלניק, 223.
באלטימאָר, 244.
בארמיאַנסק, 261.
בויסק, 46, 257, 285, 300.
בוטרימאַנץ, 202.
בריסק, 46, 139, 275.
בירז, 46, 204, 205, 206.
ביאַליטאָק, 276.
בייסיגאָלע, 329.
ביאַלאָווקע, 289.
ביעלסק, 275.
בערלין, 36, 83, 250, 335.
בייסעגאָלע, 317.
ברוקלין, 336.

ג.

גאָרזד, 207, 208, 316.
גומבינען, 225.
גירטעגאָלע, 317.
גראָדנע, 245, 275.

ד.

דאָטשעסטער, 271.
דאכאו, 255, 289.
דובנע, 283.
דווינסק, 210, 211, 213, 216, 302, 324, 235.
דזוירזי־סיטי, 285.
דינאבורג, 211, 212.
דעטראָיט, 47.
דראָביאַן, 209.
דרוסקעניק, 263.

ה.

האַמבורג, 84, 176, 220.
האַריסבורג, 300.
היידעקרוג, 245, 340.

ו.

וואַרשע, 116, 117, 161.
וואָלאָזשין, 17, 221, 236, 300.
וואוסטער, 147.
וואַרנע, 233, 261.
וואסקי, 283.
ווארזשאן, 340.
ווילנע, 17, 50, 97, 116, 176, 203, 220, 230, 231, 153, 254, 269, 270, 274, 276, 283, 289, 297, 311, 316.

322, 329, 341, 342.
ווילקאָמיר, 219, 220, 221, 222, 223, 267, 341, 344.
ווילקאָווישק, 163, 224, 225, 226.
וויסטינעץ, 225.
וויען, 86.
ווישון, 228, 229, 230, 131, 232.
ווידישאָק, 223.
ווישינטי, 324.
וולאָדיסלאָוו, 268.
וועקסנע, 261, 262, 263, 289.

ז.

זאגער, 234, 235, 249.
זיימעל, 236.
זידיק, 300, 301.
זאָסלע, 164.
זשעזמער, 50.

ח.

חברון, 160, 122.

ט.

טאַווריק, 143, 144, 145, 199, 273, 285, 326, 338.
טבריה, 325.
טילזיט, 242, 314, 325.
טירקשלי, 262.
טעלז, 17, 46, 207, 233, 238, 241, 308, 313, 355.
טראָק, 202, 325.
טשיקאַגאָ, 284.

י.

יאנאָווע, 107, 253, 254, 255, 256, 257.
יאנישקעל, 206, 283.
יאסוועץ, 289, 290.
יאָהאַנעסבורג, 301.
יעדוואַבנע, 228.
ירושלים, 17, 278, 279, 325, 326.

ל.

לאָמזשע, 47, 296, 322, 329, 336.
לאטעווע, 199.
לוצען, 228.
לויקעווע, 340.
ליבוי, 209, 337.
לייקוואוד, 254.
לינקאָווע, 206, 283.

מ.

מאָנטרעאָל, 135, 137, 227.
מאָסקווע, 270, 324, 325.
מאַריאַמפּאָל, 257, 258, 25, 259, 260, 296.
מאַלטש, 139, 190.
מאָנטאָוועדייע, 196.
מאַלאַט, 267.
מאזשייק, 260, 262.
מושניק, 271, 341.
מינסק, 139.
מיר, 17, 279, 289, 290.
מעמעל, 207, 242, 245, 246, 273, 284, 326, 337.
מערעטש, 263, 264.

נ.

נאוואַרדאָק, 105, 160, 225.
נויאָרק, 47, 235, 247, 254, 300, 301, 329, 341.
נחלת יצחק, ישראל, 243.
נייטשאָט-קודירקא, 268, 298.
ניישטאָט-טאַווריק, 340.
נימענייץ, 290.

ס.

סלאוויאנסק, 299.
סאלאנט, 17, 46, 273.
סלאווענישקי, 299.
סאלאט, 283.
סואוואַלק, 195, 257, 296, 329.
סומי, 216.
סטאראָפּאָליע, (מאריאמפּאָלע) 257.
סואווינישאָק, 321.
סטאַלינגראַד, 112, 113.
סלאָנים, 47.
סלאָבאָדקע, 17, 41, 42, 45, 47, 50, 51, 54, 55, 58, 67, 69, 72, 73, 74 82, 158, 161, 168, 170, 206, 222, 235, 250, 276, 308, 329.
סמילאָוויטש, 46, 139.
סומיאץ, 329.
ספּרינגוואַלי, 275.
סקאָפּישאָק, 324.

ע.

עזשערעניי, 119, 274.

פּ.

פּאָנעוועזש, 17, 198, 221, 275, 276, 277, 278, 279, 281, 282, 310, 335.
פראנקפורט, 83, 184.
פּאסוואַל, 206, 282, 283.
פּאנעמון, 50.
פּאָזלעווע, 42, 223.
פּאקראָי, 207.
פּאלאַנגע, 290.
פּאנעדל, 321, 324.
פּאיורע, 336.
פּאָראַזאָווע, 289.
פּלונגיאַן, 199, 284, 285, 286.
פּומפּיאַן, 206, 283.
פּילווישאָק, 42, 163.
פּעטערבורג, (לענינגראַד), 185, 134, 315.
פּרען, 236.

צ.

צאַריצן, 329.
צייקישאָק, 317.

ק.

קאָוונע, 17, 50 , 51, 54, 55, 57, 58, 66, 69, 74, 81, 84, 97, 102, 115, 116, 120, 128, 139, 140, 145, 157, 174, 189, 195, 296, 297, 311, 324, 325.
קאמעניץ, 17, 319.
קאשעדאר, 123.
קאָברין, 139.
קאָוואַרסק, 223.
קאלוואַריע, 250, 257, 296, 297, 298.
קאָליש, 247.
קראז, 261, 312.
קאמאי, 321, 324.
קופּישאָק, 174, 298 299, 300, 301, 308, 309, 310, 311.
קורשאן, 236.
קרוק, 236.
קיידאַן, 174, 255, 288, 289, 290, 324.
קייפּטאן, (אפריקע), 301.
קרעטינגע, 174, 291, 292, 293, 337.
קראקאנאָווע, 206.
קעלם, 17, 283, 311, 312, 313, 314, 315.

ר.

ראַדין, 17, 46, 156, 251, 255, 276, 308.
ראַסיין, 165, 245, 250, 315, 316, 317, 381, 319.
ראָגאָטשאָווע, 211, 215.
ראַדווילישאָק, 235, 252, 325.

ריטעווע, 278, 326, 327.
ראגאָווע, 282.
רעמיגאָלע, 282.
ראקישאָק, 310, 320, 321, 323, 324.
ריגע, 116, 208, 249, 314, 321.

ש.

שאַוול, 46, 236, 262, 273, 328, 332, 335.
שאַנץ, 50, 74, 120, 145.
שאַט, (קיידאנער קרייז), 289, 290.
שאַקי, 268.
שאַדאָווע, 282, 329, 335, 336.
שוואַדאָסט, 321.
שוועקסנע, 340.
שטאלופין, 225.
שטראַסבורג, 184.
שטויפץ, 176.
שירווינט, 223, 283, 341.
שעמעלישאָק, 164.
שקודוויל, 338, 339.
שקוד, 337.
שערשאָוו, 275.

ת.

תל־אביב, 246.

ואלה יעמדו על הברכה:

די נעמען פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן געהאָלפן צום אַרויסגעבן דאָס בוך „חורבן ליטע" — דער מחבר דריקט אויס אַ האַרציקן יישר כח.

פּרעזידיום פון בוך קאָמיטעט:

הרב הגאון ר' אברהם יצחק פּייוועלזאָן, ניו יאָרק
רבי זאב שוחט, מאָנטרעאַל
דוד מעקלער, ניו יאָרק
חיים ליבערמאַן, ניו יאָרק
יעקב לעווית, מאָנטרעאַל

קאָמיטעט מיטגלידער:

ה. קלאַרק, מאָנטרעאַל
מ. מענדעלסאָן, מאָנטרעאַל
י. גלעדי, מאָנטרעאַל
ש. סילווער, מאָנטרעאַל
ח. זאַלקינד, מאָנטרעאַל
צ. ווײַנטרויב, מאָנטרעאַל
י. ראַבינאָוויטש, מאָנטרעאַל
י. י. סיגאַל, מאָנטרעאַל
דר. ה. ראָזענפעלד, מאָנטרעאַל
י. זינגמאַן, מאָנטרעאַל

מר. און מרס. ח. זאלקינד, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ש. סילווער, מאָנטרעאל
מר. און מרס. מ. מענדעלסאָן, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ה. קלארק, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ה. וויינטרויב, מאָנטרעאל
מר. יהודא לייב דיימאָנד, מאָנטרעאל
מר. און מרס. מ. סייבעל, מאָנטרעאל
מר. און מרס. י. באדנאף, מאָנטרעאל
מר. און מרס. מ. מעלניק, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ל. לעווין, מאָנטרעאל
מר. און מרס. דוסקעס, מאָנטרעאל
מר. נפתלי יהודה זאלצמאן, פילאדעלפיא
מר. און מרס. אברהם שמיט, יאָהאנעסבורג (אפריקע)
מר. און מר. ל. קווינט, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ד. קושאנסקי, מאָנטרעאל
מר. און מרס. מ. קאָהן, מאָנטרעאל
מר. א. קאָהן, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ש. דרייזין, מאָנטרעאל
מר. און מרס. א. ד. פלטיאל, מאָנטרעאל
מר. און מרס. י. זינגמאן, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ל. גלאזער, מאָנטרעאל
מר. און מרס. י. לעוויט, מאָנטרעאל
מר. און מרס. א. מ. ליבין, מאָנטרעאל
מר. און מרס. א. שטאר, מאָנטרעאל
מר. און מרס. י. א. גאלקין, מאָנטרעאל
מר. און מרס. נ. גאָלד, מאָנטרעאל
מר. און מרס. י. שטערענטאל, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ל. גאָלדפיין
מר. ב. לעוויט, מאָנטרעאל

ואלה יעמדו על הברכה

מר. און מרס. א. זינגער, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ס. לעוויט, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ג. סילווערמאן, מאָנטרעאל
מר. און מרס. מ. פאל, מאָנטרעאל
מר. מ. לאס, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ראָז טראפידא, מאָנטרעאל
מר. און מרס. י. כהן, מאָנטרעאל
מר. און מרס. י. שילער, מאָנטרעאל
מר. און מרס. מ. שוסטער, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ק. נוימאן, מאָנטרעאל
מר. און מרס. ב. מאכלאוויטש, מאָנטרעאל
מר. און מרס. מ. שוחט, מאָנטרעאל
מר. און מרס. א. י. זעליג
מר. און מרס. ה. ראָזענפעלד
מר. מ. מאָגיל, פילאדעלפיא
מר. און מרס. א. סענדל

מצבת זכרון

דער מחבר דריקט אוים א הארציקן דאנק צו

ר׳ צבי קראמער, נ״י

פאַר זיין דערמעגליכן אַרויסצוגעבן דאָס בוך

צום אָנדיינקן פון זיין פרוי

מרים בת ר׳ אברהם שמואל, ז״ל

וועלכע איז נפטר געוואָרן כ׳ אדר, תשי״א

תנצב״ה.

מצבת זכרון

דער מחבר דריקט אוים אַ האַרציקן דאַנק צו

מר. און מרס. וו. וועקסלער

פאַר זייער דערמעגליכן אַרויסצוגעבן דאָס בוך

צום אָנדיינק פון אירע עלטערן

ר׳ ישראל און מוטער גאָלדע מלכה

וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם

א׳ אלול און ח׳ אלול, תשי״א

מצבת זכרון

דער מחבר דריקט אוים אַ האַרציקן דאַנק צו

מרס. גיטע מערע סילווערמאַן

און אירע קינדער

פאַר זייער דערמעגליכן אַרויסצוגעבן דאָס בוך

צום אָנדענק פון איר מאַן און זייער פאָטער

ר׳ שמואל ב״ר יוסף אהרן, ז״ל

וועלכער איז נפטר געוואָרן, כ״ד מנחם-אב, תשי״א

תנצב״ה.

מצבת זכרון

מר. און מרס. יעקב איטקין, נ"י

האבן בייגעשטייערט צום ארויסגעבן פון דעמדאזיקן בוך
אין אנדענק פון זייער היים געליבטן זון

הבחור אברהם, ע"ה

אפיצער פון קאנאדער לופט פלאט
וועלכער איז געפאלן אין קאמף
פאר פרייהייט און דעמאקראטיע
אין עלטער פון 22 יאר
דעם 7טן אפריל, 1943, (ב' ניסן, תש"ג), אין טונים
זאל זיין נאמען געהייליקט ווערן צווישן די קדושים

תנצב"ה.

מצבת זכרון

דער מחבר דריקט אויס אַ הארציקן דאנק צו

מר. און מרס. יוסף בערמאן

פון פילאדעלפיא

צום אָנדיינק פון זייערע עלטערן

ר׳ בן-ציון און חסיה לאה בערמאַן, ע״ה

און ר׳ יהודה לייב

און דבורה בת ר׳ מרדכי הכהן חצקל, ע״ה

תנצב״ה.

מצבת זכרון

דער מחבר דריקט אויס א הארציקן דאנק צו

מ ר. ב. ג פ ן

פאַר זיין דערמעגליכן אַרויסצוגעבן דאָס בוך

צום אָנדיינק פון זיינע עלטערן

ר׳ אהרן און זיין מוטער איטע

און צום אָנדיינק פון

הרב ר׳ אברהם לעווין

רב אין פאָפעלאַן

אַלע אומגעקומען על קידוש השם

תנצב״ה.

חורבן ליטע

אלון בכות

אין בילדער

אַ האַרציקן דאַנק וויל איך אויסדריקן צו הרב לעווי־טאן, רבצין פּייוועלזאָן, קדיש, יוסף גלאָזראַד, מרס. י. י. סיגאל, בארענשטיין און אַנדערע.

פֿאַר מיר דערמעגליכן צוגעבן אַצאָל בילדער פֿאַרן בוך.

די צונויפגעכאַפּטע אידן וואו זיי זיינען אומ־
קומען אויפן זיבעטן פאָרט

דער זיבעטער פאָרט.

דער אריינפאָר אין קאָוונער געטאָ.

אַ גאַס אין קאָוונער געטאָ.

מ׳טראָגט אַ קראַנקען אין שפּיטאָל.

דער גירוש פון איין געפּאַ גאס אין אַ צווייטע.

די קינדערהיים אין געטאָ.



די בריק צווישען קליין געטאָ און די גרויסע

נאָך אַן אקציע.



דער צאַם אין געטאָ.



אַן אויפשריפט אויף די ווענט פון געטאָ.

אבא־יחזקאל׳ס קלויז פארוואנדעלט אין אַ
טורמע פאַר די אידן פון געטאָ.



דער טויער פון קאָוונער געטאָ.

אידישע פאָליציי פון קאָוונער געטאָ.

עמבלעמען און סימבאָלן פאַר די אידן אין געטאָ.

מען טרייט אידן צום טויט אויפן ניינטן פאָרט.



דער ניינטער פאָרט.

ביים צונויפנעמען די ספרים וואו די קינדער־
לעך שלעפן אַוועק אַ פּאָר ספרים.

קינדער גייען לערנען אין „תפארת בחורים" פון
געטאָ.

דער בית־עולם איז קאָוונער געטאָ.

לעבן קבר פון קאָוונער רב

דאָס צונויפגעקליבענע אַלטוואַרג אין קאָוונער
געטאָ.

דעם געהאנגענעם מעק׳ס קבר.

די אַרויסשיקונג פון געטאָ.

נאָך אַן אַקציע אין עסטלאַנד

ווי מען פאַרברענט די אידן אויפן נייַנטן פאָרט

די געטאָ ברענט

עלסטן־ראַט שטייענדיק: אברהם גאָלאָמב, הירשל
לעווין, זיצענדיק, יעקב גאָלדבערג, ד״ר אלחנן
עלקעס, לייב גאַרפינקעל.



דאָס הויז פון עלסטן־ראַט.



EINWOHNER NACHWEISEAMT

Eingemeldet am III 194

Wohnhaft jesiboto Str. Nr. 21

Meldebeamter

GEKR. Nr. 1183

Jüdische Ghetto-Polizei III Revier

Eingemeldet am 2/XI 1943

Wohnhaft Margio Str. Nr. 25

Meldebeamter

JÜDISCHE POLIZEI II REVIER

Eingemeldet am 22/II 1944

Wohnhaft Block „C" Str. Nr. 24/1

Meldebeamter

JÜDISCHE GHETTO-GEMEINDE VILIJAMPOLĖ

אידישע געטא־געמיינדע ווילִיאמפאלע

V—ST. 4 Nr.

Ausweis Nr. 8367

Familienname Osri

Vorname Afroimas

Name des Vaters Berelis

Geburtsdatum bez. Alter

Chef der Jüdischen Ghetto-Polizei

JÜDISCHE GHETTO-POLIZEI VILIJAMPOLĖ JGP

Vilijampolė, den 1942 VI. 25

געטא פאספארט

נאָך דער באפרייאונג שטייען פון רעכטס צו לינקס: אַ רוסישער מאַיאָר בוגולאוו, הרב אפרים אָשרי, אינזשינער אינדורסקי און אַנדערע פון די געראַטעוועטע פון בונקער. זיי שטייען אַלע לעבען מויער, וואו אונטען איז געווען דער בונקער. אינדורסקי דערקלערט דעם מאַיאָר ווי מען האָט געמאַכט דעם בונקער.

אונזער גאַנצע גרופּע ביים ארויסגיין פון „מלינה" אין בלאָק צע.

באַפרייטע אידן ביים ניינטן פאָרט.

הרב אפרים אָשרי מאַכט די הזכרה אויפן קבר
פון די 90 טויזנט אידן אויפן ניינטן פאָרט.

לעבען כאַר שוהל אין קאָוונע שטייען פון רעכט
צו לינקס: מאיר יעלין, פרוי גליק, פּראָפעסאָר
רעבעלסקי, הרב אפרים אָשרי, בנימין פרידמאַן.



הרב אפרים אָשרי רייסט קריעה מיט חיים
ווײַנטרויב. ביים אויפגראָבען די פּאַרפּייניגטע
וואו ווײַנטרויב דערקענט זיינע עלטערן, ביים
ברענגען זיי צו קבר ישראל.

די אומגעקומענע אידן ביים ליקווידירן די געטאָ.

די אידן זיינען מקבר די קדושים, וואו די
געפאַנגענע דייטשן גראָבן אויס די הרוגים.
דאָ מען ברענגט זיי צו קבר ישראל אויפן
געטאָ בית־עולם.

די באַפרייטע קינדער

הרב אפרים אָשרי און דער גלח שמילגעוויטש
וואָס האָט געהאָלפען ראַטעווען קינדער.



הרב אָשרי האַלט די ערשטע דרשה נאָכן באַ־
פרייאונג אין הויסמאַנס קלויז אין קאָוונע.

הרב אָשרי מיט זיין איינציקע געראַטעוועטע
ספר תורה.



די אַלטשטאָט פון קאָוונע.

קאָוונער הויפּטגאַס לייסוועס אַלייע.



די צענטראַל־באַנק אין קאָווגע.

אין כאָר־שוהל לעבן ארון־קודש. פון רעכטס
צו לינקס: הרב אָשרי, פּראָפעסאָר רעבעלסקי,
בנימין פרידמאַן.

קאָוונער אַלטער בית מדרש וואו עס האָט גע־
דאַוונט רבי יצחק אלחנן זצ"ל.

קאָוונער נייער בית מדרש.

הגאון ר׳ יצחק אלחנן (ספעקטאָר) זצ״ל. (קאָוונער רב)

הגאון ר׳ יצחק בלאזער זצ״ל.

הגאון ר׳ צבי הירש ראַבינאָוויץ זצ״ל. (קאָוונער רב)



הגאון ר׳ אברהם דובער כהנא שפירא זצ״ל. (קאָוונער רב)



הגאון ר׳ מאיר שמחה הכהן זצ״ל — דווינסקער
רב.



הגאון ר׳ יוסף ראָזין וצ״ל — דווינסקער רב.

דער פרעזידיוס פון אגודת הרבנים פון ליטע.
פון רעכטס צו לינקס: הרב וועסלער (פלונגיאנער
רב) הרב פיזוועלזאָהן (שוקיאנער רב) דוד איצ־
קאָוויץ (סעקרעטאר פון אגודת הרבנים) הרב
רובין (ווילקאָמירער רב) הרב ריף (זאגערער
רב) הרב שפירא (קאָוונער רב) הרב בענגיס
(קאָלוואריער רב) הרב ראבינאָוויץ (יעלאקער
רב) הרב פײנזילבער (קיידאנער רב) הרב בלאָך
(טעלזער רב) הרב שילמאן (יאנאווער רב) הרב
העלער (מאָריאמפאלער רב).

דער אסיפת הרבנים פון ליטע.



הגאון ר׳ אהרן באקסט הי״ד, שאוולער רב



תמונת הגאון ר' יוסף זכריה שטערן
אב"ד דשאוויל מח' שו"ת זכר יהוסף
נפטר בשנת תרס"ד בשבלי

הגאון ר׳ יהונתן עליאסבערג זצ״ל — מארימ־
פאָלער רב. דערנאָך וואלקאוויסקער רב

הגאון ר׳ אליהו קלאצקין זצ״ל — מאריאמ־
פאָלער רב. דערנאָך לובלינער רב



סלאָבאָדקער ישיבה.

הגאון ר׳ אליהו דוד תאומים־ראבינאָוויץ — פאָ־
נעוועזשער רב.



הגאון ר׳ יצחק ראבינאָוויץ זצ״ל — פאָנעוועז־
זשער רב און ראש־הישיבה.



פאַנעװעזשער ישיבה.



עסקנים און פאַרשטייער פון גאַנץ ליטע פאַר
פאָנעוועזשער ישיבה.



הגאון ר׳ נפתלי צבי יהודא בערלין זצ״ל, וואלאזשינער רב און ראש הישיבה.



הגאון ר׳ יוסף דובער סאלאווייטשיק זצ״ל, וואָלאָזשינער ראש הישיבה, דערנאָך בריסקער רב.



הגאון ר׳ רפאל שפירא זצ״ל,
רב און ראש־הישיבה פון וואָלאָזשין.



הגאון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק זצ״ל וואָלאָזשינער ראש הישיבה דערנאָך בריסקער רב.

וואָלאָזשינער ראשי הישיבות.



הגאון הצדיק ר׳ ישראל מאיר הכהן זצ״ל
(חפץ חיים)



הגאון ר׳ חיים עוזר גראדזענסקי זצ״ל.

ראדינער ישיבה.



הגאון ר׳ חיים ליב טיקטינסקי זצ״ל,
מירער ראש הישיבה.

הגאון הצדיק ר׳ ירוחם לוואוויץ זצ״ל,
מנהל רוחני פון מירער ישיבה.



מירער ישיבה.

הגאון ר׳ ברוך דוב לייבאוויץ זצ״ל, ראש הישיבה
„כנסת בית יצחק״ סלאָבאָדקע, דערנאָך קאמענעץ.



קאמענעצער ישיבה.



טעלזער ישיבה.

די הויפּטגאַס פון טעלז.

די קברים פון די טעלזער אידן אין גירולער וואַלד.

הגאון ר׳ רפאל הכהן זצ״ל — ווילקאָמירער
רב, (דערנאָך רב אין האמבורג).

די הויפּטגאַס אין ווילקאָמיר (קאָוונער גאַס).

הגאון ר׳ יוסף רויזען זצ״ל, סעלזער רב, דערנאָך סלאָ־
נימער רב.

הגאון ר׳ אלכסנדר משה לפידות זצ״ל, ראסיינער רב.



הגאון ר׳ יוסף שליפער זצ״ל, וועקשנער רב, דערנאָך
סלאנימער רב.

הגאון ר׳ יעקב דוד ווילאווסקי זצ״ל, ווילקאָווישקער רב,
דערנאָך סלוצקער רב.

הגאון ר׳ יעקב יוסף זצ״ל — זאגערער רב (דער־
נאָך רב הכולל פון ניו־יאָרק).

הגאון ר׳ הלל הכהן טריוש זצ״ל, ווילקיער ר



הגאון ר׳ יחזקאל ליבשיץ זצ״ל,
יורבורגער רב, דערנאָך קאַלישער רב.

הגאון ר׳ יעקב גרשון ראבינאוויץ זצ״ל
שורווילישקער רב.



הגאון ר׳ צבי יעקב אָפּענהיים זצ״ל, קעלמער רב.

דאָס שטעטל קעלם.

די תלמידים און לערערס פון די פאָלקשולע אין
קעלם.

בית המדרש הגדול אין קעלם.



די קאַלטע שול אין קעלם.



דער אָרון קודש אין די קאלטע־שוהל אין קעלם.

הרב הצדיק ר׳ נחום זאב זיו זצ״ל, דער זוהן
פון הגאון ר׳ שמחה זיסל זצ״ל פון קעלם.



הגאון הצדיק ר' אלחנן וואסערמאן הי"ד, ראש הישיבה אין באראנאָוויטש.



הגאון הצדיק ר' אברהם גראדזענסקי הי"ד, מנהל פון סלאבאדקער ישיבה.

הגאון ר' יהושוע לעווינסאן הי"ד, מנהל פון ראדינער ישיבה.

הגאון ר' זלמן פערמוט הי"ד, מנהל פון קאָוונער כולל.

ראשי ישיבות און רבנים אין קאָוונער געטאָ.



הגאון ר׳ שמואל אביגדור פיזועלזאָן זצ״ל, פלונ־
גיאנער רב.



הגאון ר׳ לוי שפיץ הי״ד, פלונגיאנער רב, דערנאָך
טאווריקער רב.



דער בית מדרש אין פלונגיאן.

הגאון ר׳ אבא יעקב באַרוכאָוו זצ״ל, רב אין
קופישאָק דערנאָך רב אין וואָלקאָוויסק.



הגאון ר׳ אליהו מאיר פיוועלזאָן זצ״ל, קו־
פישקער רב.



הגאון ר׳ בן־ציון שטערענפעלד זצ״ל,
קאלוואריער רב, דערנאָך ביעלסקער רב.



הגאון ר׳ אליעזר שמחה ראבינאָוויטש זצ״ל,
לאָמזשער רב דערנאָך קאלוואריער רב.

הגאון ר׳יהודה הלוי ליפשיץ זצ״ל, מערעטשער
רב.



הגאון ר׳ גבריאל פיינבערג זצ״ל, סאלאנטער רב, דערנאָך מעמלער רב.



הגאון ר׳ יעקב דוב ראפופאָרט זצ״ל, זימלער רב (דערנאָך רב אין כפר סבא, ישראל).



דער „תפארת בחורים" מיט איהרע רביים אין סאַלאַנט.



סאַלאַנטער שול.

אַ גרופּע תלמידות מיט זייערע לערערס. (אין צענטער
פון בילד ר׳ אורי׳ בערמאַן.)

אַ גאַס אין ריטעווע.



הגאון ר׳ יעקב צבי ווילענציק זצ״ל, פיקעלער
רב.



הגאון ר׳ אברהם אלעזרסאן זצ״ל, בוטרימאַנצער
רב.



הגאון ר׳ שלמה נת״ל קאטלער זצ״ל,
לוקניקער רב.

דער בית מדרש פון מאלאם.



אַ גאַס אין מאלאַט.



הרב הגאון ר׳ יצחק אריה בעליצקי, זצ״ל מאלאטער רב.

אַ גרופּע געראַטעוועטע ביים מאסן־קבר אין מאַלאַט.



הגאון ר׳ חיים יצחק שילמאן זצ״ל, יאנאָווער רב.



הגאון ר׳ ישראל בנימין בענדט פיוועלזאן זצ״ל,
שוקיאַנער רב.

הגאון ר׳ יחיאל מיכל האושא זצ״ל, שקודער רב.

הרב הגאון ר׳ יעקב טערוסקין הי״ד, שקודער רב.

הגאון ר׳ זלמן אָסאָווסקי הי״ד, סלאָבאָדקער רב.

הגאון ר׳ יחזקאל בערשטיין הי״ד, ראש הישיבה „אור ישראל״ סלאבאדקע.

ן ר׳ שבתי ווערניקאווסקי הי״ד, משגיח פון ושער ישיבה.

הרב ר׳ חיים מאסט, קאָוונער מגיד.

ראשי ישיבות און רבנים אין קאָוונער געטאָ.

דער רב און די בעלי בתים פון קאוואַרסק.

די תלמידים פון די פאָלקשולע אין קאוואַרסק.

בירזער בית מדרש



יורבורגער בית מדרש



הגאון ר' אברהם אבא הכהן זק הי"ד, אלסיאדער רב.

הגאון ר' יצחק אגולניק הי"ד, פאסוואלער רב.

הרב הגאון ר׳ צבי לייב פערסקי הי״ד, ווילאנער

הגאון ר׳ יצחק בעגון הי״ד, ראדווילישקער רב. (ווערט אויפגענומען פון בישאָף).

הענאָך קריוואי (קאָוונער בדחן).

הרב הגאון ר׳ יעקב וואָלפע, אוזשווענטער רב.



הרב הגאון ר׳ ברוך פּיזוועלזאָן, בייסיגאָלער רב.

די תלמידים מיט די לערערין פון חווידאָנער
פאָלקשולע.



דאָס שטעטעל עזערענע.



דער קבר פון די אַכט טויזנט אידן פון עזערענע
און איר קרייז.

flames. What he thus learned had to be transferred on paper and recorded as eternal testimony. The result is the flaming book, this volume "The Ruins of Lithuania."

He knew Lithuania in its entirety and in its fragmentation, in its greatness and in its fall. It is as if Providence itself had preserved him and brought him out of the fire to be the chronicler of the Great Destruction. For him it can indeed be said without reserve, "For this have you been saved."

You read this record page by page and chapter by chapter and you feel that the author does not relate even a tithe of a tithe of what he knows. He goes from place to place, from city to city and from village to village and of each place he gives us only a few selected facts, for otherwise the work would run to a score of volumes. He deliberately avoids literary values. He uses no dress of artistry to clothe his tragic tale, for art can add nothing. All our concepts of style and of tragedy fade into nothingness before the naked reality of the true facts.

The volume gains much from the author being a rabbi. As a first consequence he was intimately acquainted with the world of learning in Lithuania. Most writers have their origin in more worldly spheres and therefore most works written on the Great Destruction tend to give less than due attention to this lost World of Torah simply because the writers knew less of it. This great locuna is filled by Rabbi Oshry's book.

Above the gloom of the tragedy shines the glory of learning and Torah with which Lithuania has been so lavishly dowered. But simultaneously the life and the death which mingle so in this work reflect the presence of so many other levels of Jewish society as well, for Rabbi Oshry was equally at home in all ranks of Jewish life and the field of his acquaintance ran wide indeed. In this work he has rendered to each his sacred due.

The pictures which form part of this book are scarcely to be overrated. They are an essential element of the record, for wickedness personified in the Germans had sought to render the Jew ugly in the eyes of the world. Let the noble Jewish features of these men and women look on generation upon generation and speak for vengeance which is their just due.

The author has written least about himself. There is almost nothing here of his own several deaths. We pray that this story, too, may be told. He had at first run forward to observe the commandment of dying for the sake of the Commandments. His reward is great. He has foiled the evil design of the hideous wicked man. The Nazi had sought to kill and to obliterate, to destroy and to wipe out all sign and track. But Rabbi Oshry has come to raise an eternal monument. His work will enter the eternal treasury of Jewish martyrdom and will win a place of honour in the history of Jewish Sanctification of the Holy Name at the side of our Lamentations and our Petitions for Forgiveness, indeed at no very great remove, in the Holy Ark, from the sheltering Scrolls of the Law.

As the Hebrew idiom has it, "his reward is indeed great, in accordance with its merit."

FOREWORD

By CHAIM LIEBERMAN

The book now in the hands of the reader is all sublime — elevated in content, sacred by the flame which inspired it, sanctified through the sacrifices and efforts which attended its appearance.

The author, *Rabbi Ephraim Oshry,* was himself in the very midst of the flame which consumed the sacred and pure Jewish communities in Lithuania but, like the Burning Bush which burned and burned and was not devoured, he was himself saved from the holocaust. More than once he had been forced to dig a grave intended for him, but each time he was saved.

Afterwards the survivors of the Nazi Gehenna reacted to their experiences in differing ways. Many of them strove to drive away and to forget the frightful memories. Remembering was too horrible. But Rabbi Oshry is not of those. He has remained the Burning Bush which burns and flames and is not consumed. The present volume has arisen out of those sacred flames.

He neither wishes to escape those memories, nor could he if he so desired, for he is endowed with so prodigious a memory that it never loses a drop. Another divine gift is his: his openness of mind which absorbs and analyzes all the significant truths of his environment, and as well ever quick senses, an untiring curiosity and a constant alertness.

Rabbi Oshry was therefore as thoroughly at home in all Lithuania as, to quote the common Yiddish figure of speech, a Jew in the Ashrai Psalm. He had visited all parts of the tiny country, wherever Jews resided in its cities, towns and villages before the tragic war. There was scarcely a Jew in the country whom Rabbi Oshry did not know with his family relationships and the annals of his life. Most certainly he knew well the Great Men of Lithuanian Jewry. And as with persons so with places. He was familiar with them all, the tiny hamlets and the streets of the cities with all their history and chronicles. He had all of Lithuania at his fingertips when the country was still great in the eyes of world Jewry.

When the storm passed over the country and left all who remained desolated, and Rabbi Oshry rose from the rubble and the ashes his first thought was not of escape to the world which had been spared the great horror but to go over the ruins of Lithuania, to assess what had been done to the dear towns and cities and communities which he knew so well and loved so ardently and to ascertain what had happened to the Jewish men and women, to the sacred kehiloth which but yesterday had flowered so nobly under the eye of the Almighty. So did he, himself no more than a plucked brand, burrow through the charred rubble all over Lithuania, his senses keener than ever, his memory more absorptive as the vast saga which unrolled before him cut deeper into his very bone and marrow and burned as six million

We are indebted to Mr. B. Malchi for designing the title page.

Photographs lithographed by Saphrograph Co., 194 Elizabeth Street, New York City.

THE RUINS OF LITHUANIA

A CHRONICLE OF THE DESTRUCTION OF THE SACRED JEWISH COMMUNITIES OF LITHUANIA

1941 – 1945

BY

RABBI EPHRAIM OSHRY

NEW YORK – MONTREAL

1951